STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06408

HABIMAH

R. Ben-Ari

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צו מײַן ליבן

אין קאַמף [illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

March. 7. 1937

[illegible signature]

פֿאַרלאַג ל. מ. שטיין שיקאַגאָ

הבימה

ר. בן־ארי

הבימה

איינלייטונג פון
דר. א. מוקדוני

פארלאג ל. מ. שטיין שיקאגא

The Moscow Theatre **Habima** by **R. Ben-Ari**

Preface by **Dr. A. Mukdoni**

Copyright, 1937, by R. Ben-Ari, New York, N. Y.

L. M. Stein Publisher

913 West Van Buren Street

Chicago, Illinois

Printed in U. S. A. by
POSY-SHOULSON PRESS, 19 W. 21st St., New York
234

אינהאַלט

פאָרוואָרט 9
בן־אַריס בוך „הבימה״ פון דר. א. מוקדוני 11
א בריוו צו דער „הבימה״, פון ק. סטאַניסלאַווסקי 14
אַ בריוו צו דער „הבימה״ פון פ. שאַליאַפּין 15
„הבימה״, פון מאקסים גאָרקי 16
אַ בריוו פון פּראָפ. א. איינשטיין 23
די אנטשטייאונג פון דער „הבימה״ 25
די ערשטע טריט 39
די ערשטע פאָרשטעלונג 44
נייע קאַנדידאַטן 61
מיט וואַכטאַנגאָוון 47
די „הבימה״ צווישן אַנסקין און וואַכטאַנגאָוון 90
אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען 110
מיר פאַרלירן וואַכטאַנגאָוון 120
סטאַניסלאַווסקי אין דער „הבימה״ 132
די „הבימה״ סטודיאָ ווערט א מלוכה־טעאַטער 145
אַן אָוונט מיט ביאַליקן 156
מטשעדעלאָוו באַנייט פינסקיס „היהודי הנזחי״ 169
מיר גאַסטראָלירן אין לענינגראַד 183
מיר רעפּערטירן לייוויקס „גולם״ 196
דער „גולם״ א גרויסער דערפאָלג 215
„יעקבס חלום״ אונטער סטאַניסלאַווסקיס רעזשי 228
די „הבימה״ אין א פילם פון שלום־עליכמס „מבול״ 240
מייערכאָלד און אייזנשטיין 251
מיר פאַרלאָזן סאָוועטן־פאַרבאַנד 258
ריגע — אונדזערע ערשטע גאַסטשפּילן אין אייראָפּע 269
דערפאָלג און צווייפל 278
די קריטיק און איר ווירקונג אויף דער „הבימה״ 228
די „הבימה״ אין אַמעריקע 301
די צעשיידונג 316
אונדזערע פרואוון אין אמעריקע 324
די „הבימה״ און אנדערע טעאטער טעאַריעס — א סך־הכל 336
„הבימה״ דער סינטעז פון דריי סצענישע קונסטן, פון א. וואָלינסקי 353
דער טעאַטער פון באַפרייטן גייסט, פון א. קוגעל 354

בילדער אינהאַלט

1. דער אָנפאַנג 17
2. נחום צמח 19
3. אַן ערנסטע באַראַטונג 31
4. ק. ס. סטאַניסלאַווסקי 33
5. מאַקסים גאָרקי 35
6. פּראָפ. אַלבערט איינשטיין 37
7. יעווגעני באַגראַטיאָנאָוויטש וואַכטאַנגאָוו 47
8. דער עולם ביים ערשטן ארויסטריט אין מאָסקווע 49
9. דער „הבימה״ קאָלעקטיוו 51
10. לערער פון דער „הבימה״ 53
11. ש. אַנסקי — סקולפּטור 63
12. חיים־נחמן ביאַליק 65
13. „דיבוק״, בטלנים סצענע 67
14. „דיבוק״, חנן — מרים עליאַס 69
15. „דיבוק״, לאה — חנה ראווינה 79
16. „דיבוק״, ערשטער אַקט 81
17. „דיבוק״, ערשטער בטלן — בן־אַרי 83
18. „דיבוק״, בעטלער טאַנץ 85
19. „דיבוק״, די באָבע — תמימה יודעלעוויטש 95
20. „דיבוק״, צווייטער אַקט 97
21. „דיבוק״, א בעטלער — ש. ברוק 99
22. „דיבוק״, א בעטלערין — נ. גאָווינסקאַיאַ 101
23. „דיבוק״, דער צדיק — נ. צמח 111
24. „דיבוק״, דריטער אַקט 113
25. „דיבוק״, משולח — א. פּרודקין 123
26. „דיבוק״, דער צדיק — ב. צעמערינסקי 125
27. „דיבוק״, דריטער אַקט, לעצטע סצענע 127
28. י. ב. וואַכטאַנגאָוו — אַלס פּראַזער אין בערגערס „מבול״ 129
29. וואַכטאַנגאָווס אַרמענישער ניגון 131
30. דוד פּינסקי 139
31. „היהודי הנצחי״, קאָנסטרוקטיווע דעקאָראַציע 141
32. „היהודי הנצחי״, די מוטער — חנה ראווינה 151
33. „היהודי הנצחי״, דער נביא — נחום צמח 153
34. ה. ליוויק 163

35. ב. א. ווערשילאָוו 165
36. „גולם", דער גולם — א. מסקין 175
37. „גולם", פּראָלאָג 177
38. „גולם", מה"רל — א. פּרודקין 187
39. „גולם", ערשטער אַקט 189
40. „גולם", דבורלע אין רבצין 199
41. „גולם" תנחום — בן־אַרי 201
42. „גולם", א בעטלער — א. באַראַץ 211
43. „גולם", ערשטער אַקט 213
44. „גולם", צווייטער אַקט 223
45. „הנצחי", אבישי — בן־אַרי 225
46. שלום־עליכם 235
47. אַ גרופּע „הבימה" שוישפּילער 237
48. א גרופּע מיטן מאָלער ר. פאַלק 247
49. א סצענע פון שלום־עליכמס „מבול" 249
50. אלעקסאנדראַ מאַיסי 259
51. „הבימה" קאָלעקטיוו מיט א. מאַיסי 261
52. מ. א. טשעכאָוו 271
53. מאָסקווער אידישער מלוכה־טעאַטער, „די קישעפמאַכערן" 273
54. ב. מ. סושקעוויטש 283
55. „יעקבס חלום", דער שטן — בנימין צמח 285
56. „דער גולם", ליזי — תיהלע גרובער 295
57. „דער מבול", דער טאַנץ 297
58. „דער מבול", דערפינדער — בן־אַרי 307
59. „דער מבול", דריטער אַקט 309
60. „הבימה"־קאָלעקטיוו ביים אָנקומען קיין אמעריקע 319
61. אַן עולם בא א „הבימה" פאָרשטעלונג אין ארץ־ישראל 321
62. „שיילאָק", „הבימה"־פאָרשטעלונג אין א"י, 1936 331
63. בן־אַרי דראַמאַטישע גרופּע אין ניו־יאָרק 333
64. „קריאייטיוו טעאַטער" אין פילאדעלפיע 333
65. „טאָי"־טעאַטער אין אַטלאַנטיק סיטי 343
66. „ארטעף" טעאטער — „רעקרוטן" 343

פאָרוואָרט

דאָס וואָס דער לייענער וועט געפינען אין דעם דאָזיקן בוך איז ניט קיין געשיכטע פון דער „הבימה“, און אויך ניט קיין זכרונות; קיין געשיכטע קען מען נאָך ניט שרייבן, ווייל די „הבימה“ גייט נאָך אָן מיט איר ארבעט, שאַפט אויף א נייעם באָדן און אין א נייער סביבה. עס איז אויך נאָך צו פרי צו שרייבן זכרונות. וואָס איך וויל איז איבערגעבן דעם לעבן און צוזאמענלעבן פון דעם ערשטן אידישן טעאטער קאָלעקטיוו, זיינע דערפאָרונגען, זיינע צוויפלען און פרייד, און איבערהויפט צו איבערגעבן די ווירקונג פון די טעאטער־גאונים וואָס האָבן געווירקט מיט זייער שאַפן אין דער „הבימה“.

דורך אַן אומגליקליך צופאַל אויף דער בינע, בין איך אָפּגעריסן געוואָרן פון דער „הבימה“ און פון איר אַקטיווער ארבעט, אָבער דוקא שטייענדיק אָן זייט, קען מען זען בעסער און אָפּשאַצן אַלץ וואָס דיר ווילט זיך זאָגן וועגן דעם ענין וואָס איז דיר אזוי טייער.

איך האָב ארומגענומען דעם פעריאָד פון דער „הבימה“ אין מאָסקווע, איר ארבעט מיט וואַכטאַנגאָוו, סטאַניסלאַווסקין, איר טורנע איבער אייראָפּע און אמעריקע, און אונזערע פּרוּוון אין אַמעריקע. אויב עס איז מיר געלונגען קלאָר ארויסברייגען פאַרן לעזער בכלל און פאַרן טעאַטער־לעזער בפרט, דאָס וואָס איך האָב געוואָלט ארויסברייגען, און אויב עס וועט עמיצן נוצן ברענגען און אפשר פרייד פאַרשאַפן, וועט מיינע זיין א דאָפּלטע.

ר. בן־אַרי.

בן־אַריס בוך „הבימה"

עס האָט אייגנטלעך פּאַסירט דאָס געווייִנלעכסטע:

אַ גרופּע רוסיש־יידישע יונגע מענטשן האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער אידייע צו שאַפן אַ מאָדערנעם יידישן טעאַטער אין העברייאיש, איז די דאָזיקע גרופּע אַוועק קודם־כל זיך לערנען די טעאַטער־קונסט בײַ דעם קאָמפּעטענטסטן און אויטאָריטעטסטן לערער — באַם רוסישן טעאַטער.

אָבער אין דער אייגנאַרטיקער געשיכטע פון יידישן טעאַטער איז די דאָזיקע געווייִנלעכע פּאַסירונג אַן אָנהויב פון אַ נייער תקופה.

לערך פערציק יאָר האָט עקזיסטירט דער יידישער טעאַטער אין דעם אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד און ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַגעגנט מיט זײַן גרויסן שכן — מיטן רוסישן טעאַטער.

עס זײַנען דאָ אַ היבש ביסל אורזאַכן, פאַרוואָס די דאָזיקע באַגעגעניש איז נישט פאָרגעקומען, די הויפּט־אורזאַך איז פאָלגנדיקע: עס האָט געפעלט די מינימאַלסטע קולטורעלע קרובהשאַפט צווישן די צוויי שכנהשע טעאַטערס; דעם יידישן טעאַטער־מענטש איז אינגאַנצן געווען פרעמד די רוסישע קול־טור, דער יידישער טעאַטער־מענטש איז געקומען פון די סאַמע געטאָ־טיפענישן און האָט פאַרמאָגט בלויז ברעקלעך פון דער חדר־קולטור.

ערשט נאָך וועלכע פערציק יאָר איז מעגלעך געוואָרן אַ באַגעגעניש צווישן די צוויי שכנים.

עס איז אויפגעקומען אַ נייער דור, וואָס האָט זיך פון איין זייט טיילוויז, אָדער אינגאַנצן, דערצויגן אויף דער רוסישער קולטור און פון דער אַנדער זייט איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון די מאָדערנע נאַציאָנאַל־ און ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, מיט זייערע מאָדערנע קולטור־אַספּיראַציעס, אויף דער יידישער גאַס.

באַוואונדערונג פאַר דער רוסישער קולטור און הייסע שטרעבונג צו שאַפן אייגענע קולטור האָבן זיך צונויפגעגאָסן, און צונויפגעפירט דעם יידישן טעאַטער מיטן רוסישן.

אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה האָבן אַ גרופּע יידישע יונגע מענטשן מיט נחום צמח בראש באַשטימט צו שאַפן אין מאָסקווע אַ מין טעאַטער־ישיבה, וואָס וועט לערנען די טעאַטער־תורה בײַ אַזעלכע טעאַטער־גאונים און מופלגים ווי סטאַניסלאַווסקי, וואַכטאַנגאָוו און אַנדערע.

די טעאַטער־ישיבה איז געשאַפן געוואָרן און מיט דער אַמאָליקער התמדה פון ישיבה־בחורים האָבן זיך יידישע בחורים און מיידלעך אַוועק־געזעצט לערנען יום ולילה די נייע תורה.

די רוסישע טעאַטער־קינסטלער האָבן מיט אמתער רוסישער גאַסט־פריינטלעכקייט צוגעטוליעט די דאָזיקע יונגע מענטשן צו זיך, זיי האָבן געפונען וואונדערלעכע תלמידים און די תלמידים — די וואונדערלעכסטע לערער.

און אַזוי איז פון דער באַגעגעניש געבוירן געוואָרן דער ערשטער קינסטלערישער יידישער טעאַטער, דער טעאַטער מיט אַ טיפן קינסטלערישן און יידישן איינפלוס, די „הבימה״.

שם ויפת האָבן דאָ געמאַכט שותפות און די דאָזיקע שותפות האָט געשאַפן דעם טעאַטער, וואָס האָט אויפגערודערט ממש די קינסטלערישע וועלט.

די דאָזיקע ערשטע באַגעגעניש מיטן רוסישן טעאַטער, איז, ווי געזאָגט, דער אָנהויב פון אַ נייער תקופה אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער; דער יידישער טעאַטער רייסט זיך אַרויס פון דער גייסטיקער געטאָ, ער מאַכט אַ סוף צו זיין אויטאָדידאַקטישקייט, צו זיין קינסטלערישער איזאָלירט־קייט און צו דער זויגעניש פון די אייגענע פינגער.

דער יידישער טעאַטער קייטלט זיך אַריין אין דעם וועלט־טעאַטער.

די „הבימה״ האָט געמאַכט דעם אָנהויב, נאָך איר איז געשאַפן געוואָרן דער „מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער״. אין אַמעריקע האָט זיך באַוויזן מאָריס שוואַרץ מיט זיין קונסט־טעאַטער, אין ווילנע באַווייזן זיך די „וויל־נער״ א. אַז. וו.

בן־אַרי דערציילט אין זיין בוך וואָס די הבימהניקעס, די ערשטע אַרויסוואַנדערער, האָבן דערזען אין דער פרעמד, אין דער גרויסער רוסישער טעאַטער־וועלט.

בן־אַרי, אַ גוטער און פליייסיקער הבימהניק, האָט זיך מיט קאָפּ צוגע־הערט צו די רייד פון זיינע גרויסע לערער, ער האָט זיך גוט צוגעקוקט צו אַלץ, וואָס זיי האָבן געטאָן, ער האָט אַלץ אַריינגעזאַפּט אין זיך מיט אַ גוואַלדיקער נייגירקייט, און אין זיין בוך גיט ער איבער אַלץ, וואָס די הבימהניקעס האָבן געלערנט, סיי טעאָרעטיש און סיי פּראַקטיש, באַ זייערע לערער קלאָר און שאַרף.

דאָ ליגט, לויט מיין מיינונג, דער הויפּט־ווערט פון בן־אַריס בוך.

ער עפנט דאָ פאַר די לייענער די וואונדערלעכסטע טעאַטער־לאַבאָ־ראַטאָריע. דער לייענער זעט ממש ווי אַ גרויסער ספּעקטאַקל, ווי „דער דיבוק״, למשל, ווערט געשאַפן. ער עפנט פאַרן לעזער אַ לאַבאָראַטאָריע, וואָס קיין זייטיק אויג קוקט נישט אַריין אין איר.

די „הבימה“ האָט געהאַט דאָס גרויסע גליק צו האָבן ווי אַ געטרייען לערער און פירער איינעם פון די טעאַטער־גאונים, וואָס די נאַטור גיט אַרויס איינמאָל אין אַ יאָרהונדערט — וואַכטאַנגאָוו.

וואַכטאַנגאָוו האָט זיך דורכגעטראָגן ווי אַ מעטעאָר אין דער רוסישער טעאַטער־וועלט. ער איז יונג פאַרשניטן געוואָרן, אָבער אַ גרויסן טייל פון זיין קורצן קינסטלערישן לעבן האָט ער אָפּגעגעבן דער „הבימה“.

די „הבימה“ האָט פון דעם דאָזיקן גרויסן טעאַטער־קינסטלער באַקומען אייגנטלעך איר קינסטלערישן פּרצוף.

וואַכטאַנגאָווס „דיבוק“ איז נישט בלויז אַ גרעאַטענע אויפפירונג, עס איז אַ גאַנצע טעאַטער־שיטה דורכגעפירט פּראַקטיש אין איין גרויסן און מעכטיקן ספּעקטאַקל.

אין בן־אַריס בוך וועט דער לייענער געפינען די אויטענטישסטע ידיעות און די אויספירלעכסטע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם דאָזיקן גרויסן טעאַטער־גאון.

איר האָט דאָ סתּם צום ערשטן מאָל אין יידיש אויסגעלייגט קלאָר אין אמתער קאָמפּעטענץ די טעאַטער־טעאָריעס פון סטאַניסלאַווסקין, וואַכטאַנגאָוון א. אַ.

אין בן־אַריס בוך האָט איר אַ פול בילד פון דער „הבימה“ ווי אַן אָרגאַניזאַציע, איר האָט דאָ דאָס טאָג־טעגלעך לעבן פון דער „הבימה“, איר האָט דאָ אירע קינסטלערישע שטרעבונגען און דערגרייכונגען, אירע אינערלעכע רייבונגען, אירע יאוש־מאָמענטן און אירע מאָמענטן פון גרויסן טריאומף.

אָבער קיין געשיכטע פון דער „הבימה“ איז עס בשום אופן נישט, דאָס וויל בן־אַרי גאַנץ באַזונדערס אונטערשטרייכן, די געשיכטע פון דער „הבימה“ דאַרף שרייבן אַ באַרופענער היסטאָריקער, דאָ האָבן מיר פאַר זיך בלויז זכרונות, אויב מען מוז האָבן אַ נאָמען דוקא, אָדער פּשוט איינדרוקן פון אַן אייגענעם, פון אַ נאָענטן, וואָס האָט אַלץ אַליין שאַרף און טיף דורכגעלעבט און האָט אַ פּערזענלעכע באַציאונג צו אַלץ, ער קאָן נישט זיין קאַלט־אָביעקטיוו און זייטיק־אומפּאַרטייאיש.

און דוקא דאָס מאַכט זיין בוך זייער לעבעדיק און זייער פּאַרקאַפּנדיק.

בן־אַריס בוך איז אַ ניי בוך אין אונדזער טעאַטער־ליטעראַטור, עס איז דאָס ערשטע בוך געשריבן פון אַ שוישפּילער, אין וועלכן עס ווערן באַהאַנדלט ערנסט און מיט ברען די עצמדיקע פּראָבלעמען פון טעאַטער.

דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די יידישע לייענער אויף דעם דאָזיקן בוך, ווען ער האָט עס געלייענט אין מאַנוסקריפּט און ער האַלט עס פאַר אַ פּריווילעגיע צו זאָגן דעם בוך אַ וואַרימען „ברוך־הבא“ באַ זיין דערשיינונג.

דר. א. מוקדוני

28טן אַפּריל, 1936, ניו יאָרק.

אָפּשײדס־בריװ דער הבימה צום טורנע

אין דער שאָפונג פון אַ ײדישן טעאַטער איז מיר אויך אויסגעקומען צו שפּילן אַ קלײנע ראָל. און איך בין מיט דעם זײער צופרידן, װײל איך האָב דערמיט דערפילט אײנע פון די גרעסטע מיסיעס פון אַן אַרטיסט. קונסט — דאָס איז אַזאַ געביט פון גײסט, װאו מענטשן גײען זיך צונויף מיט רײנ־סטע און בעסטע פּלענער, אָן פּאָליטיק, אָן אומװירדיקע פּערזענלעכע צװעקן, און נאָר צוליב שײנקײט און עסטעטישער פרײד. אין קונסט איז נישטאָ קײן אונטערשײד אין דער סאָציאַלער לאַגע, אין דער רעליגיע, אין דער נאַציאָנאַליטעט. קונסט — דאָס איז דער געביט, װאו עס קאָן הערשן ברי־דערלעכקײט פון פעלקער. אָט אין די דערהױבענע און רײנע ספערן פון קונסט האָב איך זיך באַגעגנט מיט די מיטגלידער פון טעאַטער „הבימה" און מיט איר טאַלאַנטפולן לײטער, — מײן פרײנט — נ. ל. צמח.

איצט, באַ אַ צײטװײליקן אָפּשײדן זיך, שיק איך זײ האַרציקע און פרײנטלעכע װאונטשן צו באַװײזן און פרײדיקן איבער די גרעניצן פון אונדזער הײמלאַנד דאָס, װאָס מיר האָבן מיט זײ און מיט מײן תלמיד י. ב. װאַכטאַנגאָװ ליב געהאַט, געזוכט און געשאַפן.

ק. סטאַניסלאַװסקי

מאָסקװע, 24טן יאַנואַר, 1926.

אַ בריוו צו „הבימה״

אַזאַ אומרואיקער אַרטיסט, ווי איך, האָט זעלטן־ווען אין טעאַטער אַ גייסטיקע באַפרידיקונג. דאַכט זיך, עס איז גוט, אָבער עפּעס פעלט... דו שפּילסט און זינגסט אי דאָ, אי דאָרטן, און ביסט זעלטן־זעלטן מיט זיך צופרידן. אַלץ פעלט עפּעס...

און אָט בין איך אַמאָל געקומען אין אַ טעאַטער. אַ קליינינקער טעאַטער אויף דער „ניזשניע קיסלאָווקע״. זיין נאָמען איז — „הבימה״. איך האָב דערהערט צום ערשטן מאָל די אומבאַקאַנטע פאַר מיר העברייאישע שפּראַך, דערזען אומבאַקאַנטע אַרטיסטן, וועלכע שפּילן אויף דער שפּראַך די פּיעסע „הדבוק״, און איך האָב דערפילט אַ באַמתדיקע גאָטעס־דינסט, און אומדער־קלערלעך אָנגענעם איז געוואָרן דער אומרואיקער נשמה מיינער . . .

איך בין אַרויס פון טעאַטער אַ דערשיטערטער. און אויפן גאַנצן לעבן איז מיר געבליבן אין זכרון, אז אין יענעם אָוונט האָב איך געהאַט די אמתע קינסטלערישע באַפרידיקונג.

זאָל לעבן „הבימה״!

פון גאַנצן האַרצן ווינטש איך אַ דערפאָלג דעם גלענצנדיקן טעאַטער.

פ. שאַליאַפּין

פאַריז, 1925.

„הבימה"

דער טעאַטער „הבימה" איז דער בולטסטער באַוויז, אַז דער כח פון אַ טאַלאַנט קאָן אַלץ מנצח זיין.

„הבימה" איז געשאַפן געוואָרן באַ הונגער און קעלט, אין אַן אומדערמידלעכן קאַמף פאַר דעם רעכט צו ריידן אויף דער שפראַך פון דער תורה, אויף דער שפראַך פון גאָניאַלן ביאַליק. אַלע אַרטיסטן פון „הבימה" זיינען יונגעלייט און מיידלעך, וועמען עס איז בזעת אפם אויסגעקומען צו פאַרדינען זייער שטיקל ברויט.

איך וויים מיט וועלכע שוועריקייטן עס האָבן געמוזט קעמפן די דאָזיקע מענטשן, וויפיל ענערגיע עס איז פאַרוועגדעט געוואָרן אויפן קאַמף מיט נאַרישקייט, קנאה, שנאה וכדומה. איך וועל אָבער נישט דערמאָנען די ליידן דאָרטן, וואו מען קאָן ריידן וועגן גרויסן נצחון פון גייסט. מיר ריידן שוין בכלל צופיל וועגן דעם שלעכטן, און דאָס פאַרפעסטיקט אים אין אונדזער לעבן, צי איז דען נאָך נישט געקומען די צייט צו פאַראַכטן אונדזערע ליידן?

דריי מאָל האָב איך געזען פינסקים פיעסע „היהודי הנצחי" און איך האָב אויך בייגעוואוינט די גענעראַל-פּראָבע פון אַנ-סקים „הדבוק". די הויפּט-ראָל אין פינסקים פיעסע האָט געשפּילט דער טאַלאַנטפולער אַרטיסט צמח. ער האָט פאַר אונדז געשאַפן אַ דערשיטערנדיקע געשטאַלט פון אַ נביא פון דער עפּאָכע פון חורבן בית שני. ער האָט געשפילט מיט אַן איבערמענטשלעכן כח און איבערצייגונג. נישט פאַרשטייענדיק די שפּראַך, נאָר זייענדיק באַגייסטערט פון איר כח און שיינקייט, האָב איך געפילט אַלע ליידן פון נביא, וועמעס ווערטער עס דערגייען נישט צום האַרצן פון פאָלק, וועלכן ער ליבט ליידנשאַפטלעך. איך האָב איבערגעלעבט דעם גאַנצן גרויסן יאוש פון אַ פיין-פילנדיקן האַרץ.

עס פאַרשווינדט דער גרויער פאָרהאַנג, וועלכער טיילט אָפּ די קעגנוואַרט פון וויטן עבר. און פאַר די אויגן אַנטפּלעקט זיך דאָס בילד פון אַ בונטן מאַרק-לעבן באַ די מויערן פון אַ שטעטל אין יהודה; דורכן טויער פון שטעטל זעט מען אַ הייסע וויסטעניש און אויפן האָריזאָנט אַ פאַריתומטע פאַלמע.

דער אָנפאַנג

שטייען: א. וויניאַר, ח. ראָווינאַ, נ. פערסיץ, ל. סטאָראָבינעץ, מ. עליאס, נ. קאָהן.
זיצן: מ. הלוי, ש. אביבית, ד. ורדי, נ. צמח, מ. גנסין, ח. גרובר.

THE FIRST HABIMA GROUP



נחום צמח
דער גרינדער פון דער „הבימה״.

NOCHUM ZEMACH
Founder of the Habima

און פונס דאָזיקן מאָמענט איז פאַרכאַפּט אייער נשמה מיטן כח פון שיינקייט, און עס טראָגט אייך אַריבער אין לעבן פון דער יידישער שטאָט אין דעם צוויי־טויזנט־יאָריקן עבר — און אָט לעבט זי, די נשמה אייערע, אין גרויזאַמען טאָג פון חורבן ירושלים. וואָס פאַר אַ שייכות האָסט דו, רוסישער אַטעאיסט, מיט ירושלים און ציון? וואָס אַרט דיך דער חורבן פון בית המקדש? — פרעגט דער שכל.

אָבער דאָס האַרץ ציטערט, פילנדיק דעם צער פון נביא, וואָס זעט פאָראויס דעם אומגליק פון פאָלק, וואָס שפּאָט איבער די נביאות פון זיין נביא, איבער די ענויים פון זיין פאַרמאַטערטער נשמה.

אָט דערפאַר פילט מען טאַקע דאָס פרעמדע אַזוי טיף, ווי דאָס איי־גענע, ווייל יונגע טאַלאַנטפולע מענטשן לעבן אויף דער סצענע אויפריכ־טיקער ווי אין יענעם אמת חיהשן לעבן, וואו, כדי צו פאַרטיידיקן זיך און אַלץ וואָס מען האָט האָלט, קומט אויס דעם מענטשן אַזוי אָפט צו זאָגן ליגנס און צביעות. איך רייד דאָ וועגן דעם יידן, וועלכער ווערט ווי אַ ראַץ פאַרפאָלגט פון פרעמדע און אייגענע כלבים, וועגן אַ מענטש, וועלכער איז פון דער נאַטור, אין דעם אָדער יענעם פרט טאַלאַנטפול און וואָס וויל אַרבעטן לטובת זיין פאָלק, און וואָס קאָן ליידנשאַפטלעך און עקשנותדיק ליב האָבן אפילו דאָס לאַנד, וואו ער ווערט געפייניקט, דאָס לאַנד פון פאָגראָמען.

דער דאָזיקער וואונדער־שיינער און האַרמאָנישער ספּעקטאַקל האָט מיר דערמאָנט די שענסטע טעג פון באַרימטן מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער; די צייט, ווען זיינע גלענצנדיקע אַרטיסטן זיינען געווען יונג און באַגייסטערט פון גלויבן אין דער הייליקייט פון זייער אַרבעט.

ווי מיר שיינט אָבער, האָבן די אַרטיסטן פון „הבימה" אַ גרויסע מעלה אין פאַרגלייך מיטן רוסישן קינסטלערישן טעאַטער בעת זיינע בעסטע צייטן; זייער קונסט איז נישט קיין קלענערע, זיי באַזיצן אָבער מער ליידנשאַפט, מער עקסטאַז. דער טעאַטער איז פאַר זיי אַ הייליקטום, מען פילט עס פון ערשטן אויגנבליק אָן. אַלע ווערטער, זשעסטן, מימיק, — אַלץ איז טיף, האַרמאָניש און אין אַלץ ברענט דער גרויסער אמת, וואָס קאָן נאָר שאַפן די קונסט, דער טאַלאַנט. אומגעהויער פיל מי און אַרבעט איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין אָט דעם קליינעם טעאַטער — און עס האָט זיך געשאַפן נאָך אַ גלענצנדיקער באַוויז פון מאַגישן כח פון דער קונסט, פון דער געניאַ־ליטעט פון יידישן פאָלק.

„הבימה" איז אַ טעאַטער, מיט וועלכן עס קאָן שטאָלצירן דאָס יידישע פאָלק; דאָס באַזונדער שיין און געזונט קינד איז מסוגל אויסצוואַקסן אין אַן אמתן „מכבי".

מאַקסים גאָרקי

אַ בריוו פון אַלבערט איינשטיין

den 21 Dezember 1935.

A. Einstein
112 Mercer Street
Princeton, New Jersey
U. S. A.

Herrn R. Ben-Ari
111 Fifth Avenue
New York City

Sehr geehrter Herr Ben-Ari:

Von den Darstellungen des Habimah Theaters ging eine starke und geheimnisvolle Wirkung aus, die man sonst in dem modernen Theater kaum empfängt. Es ist wohl die durch eine stilisierte Darstellung des Leben erzeugte Wirkung von der Uebermacht des Fatums, die in anderer Weise der griechischen und der klassischen japanischen Tragädie eigentuümlich ist.

Mit ausgezeichneter Hochachtung,

A. EINSTEIN.

א. איינשטיין,
112 מוירסער גאַס,
פּרינסטאָן, ניו דזשוירזי
יו. ס. אַ.

דעצעמבער 21, 1935

מר. ר. בן-אַרי
111 פינפטע עוועניו,
ניו יארק, נ. י.

זייער געשעצטער ה׳ בן-אַרי:

די פאָרשטעלונגען פון דעם הבימה טעאַטער האָבן ארויסגעבראַכט א געהיימע און שטאַרקע ווירקונג וואָס מען קען זען זעלטן אפילו אין די מאָדערנע טעאטערן. איבערהויפּט מערקט זיך אין זיי א סטיליזירטע פאָרשטעלונג פון לעבן. זיי זיינען גייסטיק טיף און זייער ווירקונג קען פאַרגלייכט ווערן מיט די גריכישע און קלאַסיש-יאפאנעזישע טראַגעדיעס.

מיט גרויס דרך ארץ

א. איינשטיין

די אַנטשטייאונג פון דער „הבימה"

עס איז שווער פעסטצושטעלן גענוי ווען די „הבימה" איז געגרינדעט געוואָרן. און פונקט אַזוי איז שווער צו זאָגן, צי די „הבימה", וואָס נחום צמח האָט געגרינדעט אין ביאַלאָסטאָק, אין אָנהויב פון דער וועלט־מלחמה, האָט אַ שייכות צו דער „הבימה", וואָס איז שפּעטער געגרינדעט געוואָרן טאַקע פון דעם אייגענעם צמחן. מ׳קאָן אפשר געפינען אַ פאָדים, וואָס ציט זיך נאָך פון דער ביאַלאָסטאָקער גרופּע, וואָס איז געפאָרן קיין ווין אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס, און דאָרט געשפּילט פאַר די דעלעגאַטן אָסיפּ דימאָווס פּיעסע „דער אייביקער וואַנדערער". און אפשר וועט זיך אַמאָל אַרויסווייזן, אַז די ערשטע פּרואוון פון דער גרופּע האָבן אַ סך אַרויסגעהאָלפן אין איר וויטערדיקער אַנטוויקלונג, וואָס איז מיט דער צייט דערגאַנגען צו דער איצטיקער אידייע. אָבער ווי דער פאַל זאָל נישט זיין, איינס איז זיכער: דער אָנפירער פון דער „הבימה" איז פאַרבליבן דער זעלביקער נחום צמח. ער האָט אָן ספק געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אידייע צו שאַפן אַ נייע גרופּע, נאָך דעם ערשטן נישט־זייער איינגעגעבענעם עקספּערימענט פון ביאַלאָסטאָק.

פונדעסטוועגן קאָן מען די גאַנצע אַנטשטייאונג פון דער „הבימה" נישט צורעכענען בלויז צו איין מענטשן. די סיבות און אומשטענדן, וואָס האָבן אַרויסגערופן די דאָזיקע טעאַטער־געזעלשאַפט אין די מלחמה־יאָרן, האָבן אויך געוויס אַ גרויסע שייכות מיט די הונדערטער קולטורעלע און טעאַטראַלע גרופּעס, וואָס זיינען געווען צעוואָרפן איבער די שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד און, באַזונדערס, אוקראַינע.

ס׳איז דעמאָלט געווען אַ צייט, ווען אין די ייִדישע שטעט און שטעטלעך האָט געבליט די נאַציאָנאַלע באַוועגונג, און געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. איבערהויפּט איז דאָס אַזוי געווען אין דער ערשטער צייט פון דער רעוואָלוציע, בעת דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין האָט מיט אימפּעט געוועקט צו מעשים. ס׳האָט זיך אַנטדעקט אַ קוואַל פון פאַרשלאָפענע כחות, און מ׳האָט אָנגעהויבן צו גרינדן קלובן, געזעלשאַפטן, לייענקרייזן און אויך דראַמאַטישע קרייזן. ס׳איז באמת אַ שאָד, וואָס מיר ווייסן ביז איצט כמעט גאָרנישט פון די ספּאָנטאַנע טעאַטער־געזעלשאַפטן און זייער ווירקונג. נאָר אַזאַ

באַקאַנטשאַפט וואָלט אונדז קלאָר געוויזן, אַז די „הבימה“, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין ביאַלאָסטאָק, איז נישט געווען קיין צופאַל און נישט די איינציקע, וואָס האָט געגעבן דעם שטויס דער שפּעטערדיקער מאָסקווער „הבימה“. דער מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס האָט צונויפגעשטעלט די מאָסקווער „הבימה“ איז באַשטאַנען פון אָט די בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן פריער געשאַפן די קליינע „הבימהלעך“ איבער דער ברייט און לענג פון דער באַפרייטער רוסלאַנד.

צמח איז געווען דער, וואָס האָט געגרינדעט די קליינע גרופּע, וואָס איז על־פּי נס זיך צונויפגעקומען אין מאָסקווע. אַ טייל זיינען געקומען דורך בריוו, וואָס האָבן מודיע געווען, אַז אַ פּרואוו ווערט געמאַכט צו שאַפן אַזאַ סטודיאָ.

אָבער מ׳דאַרף דאָ וויסן די אומשטענדן, אונטער וועלכע אַזאַ גרופּע איז זיך צונויפגעקומען און געאַרבעט. דאָס איז געווען אין 1917, ווען אין רוסלאַנד האָט געהערשט אַ גרויסער כאַאָס, און מענטשן פון פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד האָבן נישט געוואוסט איינער פונם אַנדערן. און שפּעטער, ווען אוקראַינע איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה, זיינען די שטעט, וואָס האָבן געהערט צו פּוילן, אָפּגעזונדערט געוואָרן, און דאָס האָט געשאַפן נייע טויזנטער מחיצות צווישן די מענטשן. מאַסן שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע און רוסלאַנד זיינען געווען באַלאַגערט פון באַנדיטן, פון מחנות פּעטליורעווצעס און אַנדערע באַנדעס. ס׳איז אויסגעקומען אַזוי, אַז דאָ זיינען געשטאַנען די באָלשעוויקעס און אַ טראָט ווייטער האָבן זיך געפונען די ווייס־גוואַרדייער. פאָרן מיט די באַנען איז צו יענער צייט אויך געווען שווער, ווייל די מערסטע פּאַסאַזשירן זיינען באַשטאַנען פון שפּעקולאַנטן און סאָלדאַטן.

אַלזאָ, אונטער אַזוינע אומשטענדן האָט אַ גרופּע פון פיר שוישפּילער, מיט צמחן בראש, זיך אַוועקגעזעצט אין מאָסקווע און געחלומט וועגן אַ טעאַטער. מ׳האָט געדונגען אַ צימער אויף דעם „קאַמעני מאָסט“, אַנטקעגן קרעמל, אַרויסגעהאַנגען אַ שילדל מיט דער אויפשריפט „הבימה“ אויף העברייאיש און רוסיש, און אָנגעהויבן צונויפקומען זיך אויף לעקציעס.

טייל זיינען געזעסן אין די מאַנטלען, טייל אין וואָלינקעס. אין צימער איז געווען אַזוי ביטער קאַלט, אַז מ׳האָט פּשוט מורא געהאַט זיך אויסצוטאָן די אויבערשטע קליידער. דער פראָסט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ווען איינער האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט, האָט זיך געזען אַ פּאַרע אין דער קאַלטער לופט פון צימער. די פענצטער זיינען געווען אַזוי פאַרפרוירן, אַז ס׳איז פּשוט געווען אוממעגלעך צו זען וואָס אין דרויסן טוט זיך. אָבער מען האָט געוואוסט, אַז אַנטקעגן דעם צימער שטייען די קרעמל־קלויסטערס מיט די רויטע פאָנען אויף זייערע שפּיצן, וואָס פלאַטערן אַזוי שטאַרק, און

באַשיצן אויך דאָס העברייאישע וואָרט, וואָס מען האָט אָנגעצייכנט אויפן דרויסנדיקן ברעטל.

אַמאָליקע צייטן, אַז עמיצער איז דורכגעגאַנגען יענע קלויסטערס, פלעגט ער מוזן אַראָפּנעמען דאָס היטל; און אויב אַ ייד איז דורכגעגאַנגען, האָט ער געוואוסט, אַז ס'איז פיל גלייכער, ער זאָל זיך אינגאַנצן פאַרנעמען אויף אַן אַנדער גאַס. נאָר טאָמער האָט אַ ייד פאָרט געוואָלט פאַרבייגיין דעם קרעמל, האָט ער אָנגעבויגן דעם קאָפּ, באַהאַלטן זיין פּנים, כדי דער שאַרפער בליק פון די פּאָליציי־לייט זאָל אים נישט באַמערקן.

דער זייגער אויפן קרעמל קלאַפּט אויס דעם אינטערנאַציאָנאַל. און די קלאַנגען צעטראָגן זיך איבער גאַנץ מאָסקווע. אין דעם קליינעם צי־מערל זיצן פיר יונגע מענטשן און קלערן, ווי אַזוי אָנצוהויבן זייער אַרבעט. זיי מאַכן פּלענער ווי אַזוי צו דערנענטערן צו זיך מענטשן, וואָס סימפּאַ־טיזירן מיט זייער אידייע. דערהויפּט קלערן זיי, ווי אַזוי צו איבערצייגן די באַקאַנטע קינסטלער, אַז די צייט איז שוין רייף פאַר אַזאַ טעאַטער־אי־דייע. די באַגייסטערטע יונגע מענטשן האָבן געפילט, אַז ס'איז שוין צייט צו שאַפן אַן אייגן ווינקל, אַז מ'דאַרף שוין אויפהערן צו זיין אונטערפירער אויף פרעמדע חתונות.

עס ווערן אָנגערופן די נעמען פון גרויסע שוישפּילער — יידישע קינסטלער, וואָס שפּילן פאַר פרעמדע, וואו זיי פילן זיך פרעמד. מ'רעדט וועגן מאָלער, דעקאָראַטאָרס און שרייבער, וואָס „פלאַנצן פרעמדע גערט־נער". מען קומט צום באַשלוס, אַז ווען די אַלע כחות וואָלטן זיך דערנענ־טערט און פאַרבונדן, וואָלט מען געקאָנט אויפטאָן אַ וועלט מיט אַרבעט.

זיצט מען אַזוי און מען חלומט ביז שפּעט אין דער נאַכט. אויף מאָרגן קומט מען זיך ווידער צונויף, און דער חלום וועגן אַן אייגן טעאַטער־ווינקל ווערט ווייטער געשפּונען. און אַזוי טאָג נאָך טאָג, ביז מען באַשליסט, מ'זאָל זיך ווענדן צו עמיצן נאָך הילף און אָנהויבן לערנען.

אָבער ווי גייט מען זוכן אַ לערער, אַז מער ווי פיר מענטשן זיינען אין דער גרופּע נישט פאַראַן? באַשליסט מען צוציען נאָך מענטשן. עס שליסן זיך אָן נאָך דריי חברים, וועלכע די פיר האָבן פאָרגעשלאָגן, און איצט באַשטייט שוין די גרופּע ברוך־השם פון גאַנצע זיבן. מיט זיבן מענטשן, טראַכט מען, קאָן מען שוין עפּעס אויפטאָן. הויבט מען אָן לייענען אַ פּיעסע, דאָס לייענען פאַרגייט אין אַ דיסקוסיע און לסוף ווערט באַשלאָסן, אַז מ'זאָל זיך נעמען צו פּראַקטישער אַרבעט, צו אַן אויפפירונג.

אָבער כדי אויפצופירן אַ פּיעסע, מוז מען קודם־כל אָנקומען צו אַ פאַכמאַן, און אַחוץ דעם דאַרף מען זיך לערנען ווי צו שפּילן. מען דאַרף שטודירן די טעאַטער־קולטור, מען דאַרף פון זיך אַראָפּוואַרפן דעם טעאַט־ראַלן שאַבלאָן, דעם שטויב מיטן זשאַווער פון די ימים קדמונים, און זעצן זיך על התורה ועל העבודה.

הכלל, מען דאַרף זיך נעמען שטודירן. אָבער וואו געפינט מען אַ לערער, אַז קיין געלט איז נישטאָ און קיין לייטישע סטודיאָ אויך נישט? יאָ, און וואָס הערט זיך מכּח דער ביטערער קעלט אין דעם צימערל? דאַרף מען דאָך קויפן אַן אייוועלע, און דערנאָך האָלץ — און קיין גראָשן איז בא קיינעם נישט בנמצא.

אָבער דער שטאַרקער ווילן איז גובר די אַלע שוועריקייטן. איינער ברענגט צוטראָגן אַן אייזערן אייוועלע, אַ צווייטער ברענגט אַ פּאָר בלע־כענע רערן, אַ דריטער — ברעטער, אַ פערטער — פּאַפּיר, — און אָט שטייט שוין דאָס אייוועלע רויט און צעהיצט אין מיטן צימערל. די ברעטער קנאַקן, די רערן ציטערן פון די צעיושעטע פלאַמען און דער רויך פון דער „הבימה"־סטודיאָ צעטראָגט זיך ווייט איבערן גאַס.

די שטימונג ווערט אַ געהויבענע, די אויגן ווערן אויפגעלויכטן און עס ווערט וואַרעמער, נישט נאָר אין גוף, נאָר אויך אויף דער נשמה. יעדער פון דער גרופּע ווערט דורכגעדרונגען מיט אַ נייעם גלויבן, מיט פרישער ענער־גיע. איינער ווערט נעענטער דעם אַנדערן, מען פילט זיך חבריש, געבונדן — איינס! מען זיצט אַרום דעם וואַרעמען אייוועלע און איטלעכער טראָגט אַריין אַ טייל אין דעם חלום, וואָס האָלט באַם מקוים ווערן. מען זיצט און מען רעדט וועגן טעאַטער, וועגן נייע דראַמען, וועגן די פאָרשטעלונגען, וואָס דאַרפן באַלד קומען און וועגן דער פרייד, וואָס מען וועט ברענגען די ברייטע יידישע מאַסן. עס דאַרף געשאַפן ווערן אַ נייער, אַ מאָדערנער טעאַטער!

מען ווילט זיך וועגן די „שווארצע חופּות", וועגן די וואולגאַרע אָפּע־רעטעס מיט די חזנים און די „פאַרבלאַנדזשעטע שעפעלעך", און מען באַ־שליסט, אַז דאָס אַלץ מוז אויסגעוואָרצלט ווערן. די טרערן־צאַפּעניש באַם יידישן טעאַטער־עולם מוז פאַרדאַמט ווערן! מען דאַרף שאַפן אַ בכבודיקן יידישן טעאַטער, אַ טעאַטער, וואָס זאָל טראָגן אַ ווירדיקן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, אין הסכם מיט די שענסטע יידישע שטרעבונגען. עס דאַרפן אויפגעלעבט ווערן די וואונדערלעכע יידישע פאָלקס־לעגענדעס און די גאַנצע יידישע געשיכטע, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט. עס דאַרף, דערהויפּט, געפונען ווערן אַן אייגן געשטאַלט, אַן אייגענע פאָרמע פאַר דעם נייעם יידישן טעאַטער.

מען זיצט אַזוי אין צימערל ביז דאָס פייער אין אייוועלע ווערט אויס־געברענט און פאַרלאָשן. עס הויבט אָן ווערן קאַלט. אָבער די דיסקוסיעס ווערן פאַרגעזעצט מיט אַסך ברען, און אַזוי אַרום ווערן אָנגעוואָרפן די ערש־טע פּלענער פאַר דער סטרוקטור, פאַר דער עטיק און דער אַלגעמיינער אידייע פון דעם נייעם יידישן טעאַטער.

שפּעט אין דער נאַכט צעגייט מען זיך, און אויף מאָרגן טרעפט מען

זיך ווידער. עס ווערט איינגעשטעלט אַ זעלבסט־דיסציפּלין און אַ זעלבסט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט. איטלעכער קומט אין צייט, ווי ווייט ער זאָל נישט וואוינען. אמת, קיין טראַמווייען זיינען נישטאָ, קיין געלט אויף איזוואָז־טשיקעס אודאי נישט, און קומען דאַרף מען גלייך נאָך דער אַרבעט, וואָס יעדער טוט בײַ דער רעגירונג — אָבער מען קומט צו דער מינוט.

דערווייל הויבט מען אָן זוכן אַ נייעם מקום־מנוחה, וואָס זאָל זיין צוגע־פּאַסט פּאַר אַ סטודיאָ, וואו מען זאָל קאָנען לערנען, און טאָקע מיט אַ קליינער בינע פּאַר באַלדיקע פּראַקטישע רעזולטאַטן. מען געפינט אַ ליידיק הויז ערגעץ אין אַ „זאַקאַאולאָק״, אַ פּריצישער מאָסקווער „אָסאָבניאַק״, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו אַן אַנטלאָפענעם רוסישן קופּיעץ. די חברה ווערט אַזש אַנגעצונדן פון באַגייסטערונג. איטלעכער לויפט אָנקוקן דעם „פּאַלאַץ״ און אַלע זיינען מסכים, אַז דאָס איז פּונקט די סטודיאָ, וואָס די „הבימה״ דאַרף.

די הויז איז באַשטאַנען פון צוויי שטאָק. אונטן האָבן זיך געפונען עטלעכע קליינע חדרים, און דער אויבערשטער שטאָק איז באַשטאַנען פון צוויי גרויסע צימערן. מען האָט אויסגערעכנט, אַז דער גרעסערער צימער קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טעאַטערל פּאַר אַן ערך 120 מענטשן. און דער צווייטער צימער וועט זיין פּאַר פּראָבעס.

אָבער ווי אַזוי קריגט מען אָט די הויז? האָט מען אָנגעהויבן אַרומ־לויפן פון איין רעגירונג־אָפּטייל אין צווייטן, פון איין באַאַמטן צום אַנדערן, און געפּרואווט אויסווירקן די הויז פּאַר זיך. יענעם אָוונט האָט שוין קיינער פון דער גרופּע קיין קעלט נישט געפילט אין דעם קליינעם צימערל אויף „קאָמעני מאָסט״, כאָטש עס האָט קיין פייער אין אייוועלע נישט געברענט. איטלעכער איז געווען דערוואָרעמט פון די נייע דערוואַרטונגען. קיינעם האָט זיך נישט געגליבט, אַז עס וועט געלינגען צו קריגן אַזאַ פיינע געביידע מיט אַזוינע ליכטיקע צימערן. אָבער נאָך איידער וואָס־ווען האָט מען באַ־שטימט דעם צוועק פון יעדן צימער באַזונדער: דאָ וועט זיין די קאַנטאָר פון דער „הבימה״, דאָ די גאַרדעראָבע, דאָ וועט מען מאַכן פּראָבעס, און דערהויפּט איז געווען דאָס גרויסע צימער, וואו די „הבימה״ וועט האָבן איר ערשטן מיניאַטור־טעאַטער.

בײַ יעדן האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס טעאַטער אויף אַן אַנדער אופן. איינער דעם אַנדערן האָט דערציילט גוזמאות וועגן דעם „גרויסן צימער״. מען האָט אַזוי פיל גערעדט, אַז יעדער האָט שוין געפילט, אַז ער האָט דאָס טעאַטער, הגם עס זיינען נאָך אפילו נישט געווען קיין ברעטער צו מאַכן די בינע און די בענק. מען איז אַרומגעגאַנגען פאַרטראַכט אין פאַנטאַזיעס, ווי קליינע גליקלעכע קינדער, און געשילדערט די שיינקייט, די גרויסקייט און די וואונדערלעכע אויפטואונגען פון דעם נייעם יידישן טעאַטער.

און אָט איז געקומען אַ פרימאָרגן סוף ווינטער. דער שניי האָט זיך שוין אָנגעהויבן שמעלצן און די זון האָט אַרויסגעשמייכלט פון ערגעץ זייער ווייט. איבער די גאַסן האָט זיך געשלעפּט אַ שליטן, אָנגעלאָדן מיט אַ פּאָר בענקלעך, אַ טיש און אַן אייוועלע. צוויי יונגעלייט זיינען געשטאַנען אויפן שליטן און געהיט דאָס ביסל אָרעמקייט, מען זאָל עס חלילה נישט צוגנבענען. פון דער זייט האָבן אַרויסגעקוקט די צוויי שמאָלע ברעטלעך, אויף וועלכע עס איז געווען אויפגעשריבן דאָס וואָרט „הבימה" אויף העב־רייאיש און רוסיש. און אַזוי האָט דאָס דאַרע פערדל געשלעפּט דעם שליטן מיט דער האַלבער טרופּע צו דער נייער „הבימה"־היים, אויף „ניזשני קיס־לאָווסקי פּערעאולאָק" נומער 6.



אַן ערנסטע באַראַטונג
מנחם גנסין, נחום צמח און חנה ראָווינא.

AN IMPORTANT CONFERENCE
Chanah Rovina, Nochum Zemach, Menachem Gnessin



ק. ס. סטאַניסלאווסקי
דירעקטאָר פון מאָסקווער קונסט טעאַטער

K. S. STANISLAVSKY
Founder and Director of the Moscow Art Theatre



מאַקסים גאָרקי
MAXIM GORKY



פראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין

PROFESSOR ALBERT EINSTEIN

די ערשטע טריט

דער נייער פּלאַץ אויף „ניזשני קיסלאָווקאַ“ איז געווען זייער אָפּגעלאָזן. די פריערדיקע באַלעבאַטים האָבן זיך, ווייזט אויס, ווייניק געקימערט אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד זיי לאָזן איבער זייער וואוינונג. מען קאָן זען, אַז זיי האָבן געכאַפּט, געריסן און אַרויסגעשלעפּט אַלץ וואָס האָט זיך נאָר געלאָזן. געבליבן זיינען בלויז די שווערע ליוסטרעס, און אַ קאַרפּעט, וואָס מען האָט על־פּי טעות איבערגעלאָזט.

לעכער פון אָפּגעפאַלענע שטיקער קאַלך האָבן אַרויסגעשטעקט פון די סטעליעס און פון די ווענט. האָט מען קודם־כל באַשלאָסן צו ברענגען אין אָרדענונג די הויז און אויסקאַלכן די ווענט. אָבער מען האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז אויסקאַלכן דאַרף קאָסטן אַ סך געלט, און עס וועט נישט אויסקוקן גענוג שיין. וואָס־זשע טוט מען פאָרט? ווי מאַכט מען אַז די צימערן זאָלן אויסזען לייטיש? איז איינגעפאַלן, אַז אויב מען קאָן זאָל מען קויפן גרויען לייוונט און באַדעקן די ווענט, וועט עס זיין פּשוטער, עס וועט קאָסטן ביליקער און עס וועט אויך שטימען מיט דעם עסטעטישן אויסזען, וואָס עס דאַרף האָבן דער נייער טעאַטער.

פּשטות, דאָס איז געווען אַלעמענס מאָטאָ. מען האָט געוואָלט באַפרייען זיך פון אַלץ וואָס איז וואולגאַר־שרייענדיק, אַלץ וואָס איז געקינצלט און שאַבלאָן. אַזוי האָט עס באַדאַרפט זיין אין לעבן און אַזוי אויף דער בינע. אין דער אויפפירונג באַ די פּראָבן, אין באַנעמונג מיט חברים — אין אַלץ האָט באַדאַרפט הערשן פּשטות און באַשיידנקייט. די מיידלעך, למשל, האָבן נישט געריכערט, הגם דאָס איז געווען אין דער מאָדע. די אַלע פירונגען זיינען געשטעלט געוואָרן אונטער אַ שטרענגער זעלבסט־דיסציפּלין, און קיינער איז די דיסציפּלין נישט עובר געווען.

אין דער גרופּע האָבן געהערשט נישט־געשריבענע געזעצן, וואָס זיינען פאַר יעדן געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך. ממילא האָט זיך שוין געשאַפן אַן אַטמאָספערע פון אַ שולע, אַן אינטימע אָבער אַן ערנסטע. איטלעכער איז געקומען זיך לערנען דאָס, נאָך וועלכן ער האָט געגאַרט. די ווענט באַדעקט מיט גרויען לייוונט, האָבן צוגעגעבן די ספּעציפישע ערנסטקייט פון אַ מקום־קדוש. אויף די ווענט זיינען קיין שום בילדער נישט געהאַנגען.

דאָס צימער, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַרן טעאַטער, איז אויפגע־בויט געוואָרן מיט גרויסער אָנשטרענגונג. די פּלעצער זיינען געבויט גע־וואָרן אַזוי, אַז די בינע איז אויסגעקומען אונטן, בײַ דער פּאָדלאָגע, נאָר אָפּגעטיילט פון דער ערשטער ריי מיט אַ גרויען פּאַרהאַנג. די רייען פּלעצער זיינען געשטאַנען איינע העכער פון דער אַנדערער, אַזוי אַז עס האָט זיך באַקומען דער אויסזען פון אַן אַמפּיטעאַטער מיט אַ שטיקל באַלקאָן און — ווי עס פּאַסט — מיט צוויי לאָזשעס אינמיטן. אַלץ אין טעאַטער איז געווען באַדעקט מיט גרוי, אַזוי אַז ווען מען איז אַריינגעקומען אינעווייניק, האָט עס אויסגעקוקט ווי אַ פאַרכשופט קעסטעלע, און דער, וואָס פלעגט קומען צום ערשטן מאָל אין אָט דעם קעסטעלע, פלעגט אָפּזוכן זיין נומערירטן פּלאַץ און זיך אַוועקזעצן באַשיידן, מיט אַ באַזונדערן דרך־ארץ. מיט איין קוק האָט ער אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע טעאַטער, צוזאַמען מיטן באַלקאָן, און ער האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן דעם כשוף, וואָס האָט באַדאַרפט אַרויסקומען פון ערגעץ הינטער די קוליסן. און כאָטש עס איז געווען קלאָר, אַז די בינע איז דער הויפּט־פּונקט, זיינען פאַרט אַ סך מענטשן געזעסן און נישט געקאָנט פאַרשטיין, פון וואָס פאַר אַ זייט די בינע וועט זיך עפענען. זיי האָבן געקוקט פון אַלע זייטן, געזוכט די פּירעקעכדיקע שטיקער ווענט מיט דעם זעלביקן גרויען קאָליר און נישט געוואוסט, וועלכער טייל עס וועט זיך עפענען. נישט איינער פון די באַזוכער האָט מסתמא געטראַכט: „נו, מילא, אַריינגעפאַלן... מיר'ן שוין וואַרטן, וועלן מיר זען".

די בינע האָט פאַרנומען אַ פערטל פון דעם זאַל, און די ליכט איז געקומען פון דער סטעליע. אָבער כדי די ליכט זאָל פאַלן אויף דער בינע, האָט מען געקויפט ווייסן לייוונט, צעשניטן אין פאַלדן, און די פאַלדן האָט מען אַזוי צעהאַנגען איבער דער סטעליע, אַז זיי האָבן אויסגעקוקט ווי אַ האַרמאָשקע. די ווענט אַרום דער בינע זיינען באַדעקט געוואָרן מיט שוואַרצן סאַמעט. די בינע, ווי געזאָגט, איז געווען אויף איין הויך מיט דער פּאָדלאָגע פון טעאַטער, אַזוי אַז ווען דער פאַרהאַנג האָט זיך געעפנט און איינער פון דער ערשטער ריי האָט געהאַט לאַנגע פיס, האָט ער דערגרייכט די בינע; און ווען די אַקטיאָרן פלעגן דאַרפן גיין אָדער טאַנצן, פלעגן זיי מוזן אויס־מיידן די פיס פון די צושויער.

דערפאַר אָבער זיינען שוין די צימערן פאַרן לערנען געווען אויסגע־צייכנט — הויכע און ליכטיקע. אויך דער ערשטער שטאָק איז געווען שיין איינגעאָרדנט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ לייטישער טעאַטער־סטודיאָ. עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אמתער קאַנטאָר מיט אַ שרייב־מאַשין, מיט ביכער, מיט בילעטן, אַ סעקרעטאַרשע, אַן אָפּיציעלן פאַרוואַלטער, און עס האָט אויך נישט געפעלט דאָס ספּעציעלע פענצטערל מיט דעם אויפשריפט: „הקופה". אויך זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן צימערן פאַר גרימירן זיך. יאָ,

אַלץ איז געווען, אָבער אַ לערער האָט נאָך אַלץ געפעלט. וואָס האָבן גע־טויגט די אַלע גוטע זאַכן, אַז דער, וואָס זאָל אַריינבלאָזן די קינסטלערישע נשמה, איז נאָך נישט געווען? עס האָט באַדאַרפט קומען דער מענטש, וואָס זאָל נעמען דעם גאַנצן גלויבן, די באַגייסטערונג און די גוטע כוונות און געבן דער קליינער גרופּע אַ קינסטלערישן תּיקון.

די גרופּע איז שוין באַשטאַנען פון צוועלף מענטשן. צמח האָט זיך געזען מיט סטאַניסלאַווסקין און אים געפרעגט אַן עצה. סטאַניסלאַווסקי האָט אים אָנגעוויזן אויף איינעם פון זיינע שילער און געזאָגט, אַז ער וועט זיין דער פּאַסיקער לערער און רעזשיסאָר. דאָס איז געווען וואַכטאַנגאָוו — דער זעלביקער וואַכטאַנגאָוו, וואָס האָט אַריינגעשריבן אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע פון רוסישן טעאַטער, אַ דאַנק זיין געניאַליטעט אַלס רעזשיסאָר און שוישפּילער. דעם זעלביקן וואַכטאַנגאָוו איז באַשערט געווען צו שפּילן אַ דאָמינירנדיקע ראָל אין די קינסטלערישע דערגרייכונגען פון דער „הבימה".

יעדער פון דער גרופּע, ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, האָט געהאַט זייער ווייניק טעאַטער־דערפאַרונג. אָבער צמח, ווי מיר ווייסן, האָט געהאַט מער דערפאַרונג. ער האָט שוין געהאַט געשפּילט מיט אַ גרופּע — אמת, אַן אַמאַטאָרישע, אָבער פאָרט געזען אַ וועלט, און שוין פאַרזוכט דעם טעם פון אַ דירעקטאָר. ורדי איז געווען באַקאַנט אין די קלענערע שטעט, אַ דאַנק זיינע קאָנצערטן. מנחם גנסין, איינער פון די פּיאָ־נערן פון דעם העברייאישן טעאַטער, האָט געהאַט טעאַטער־דערפאַרונג. די איבעריקע האָבן געשפּילט אין אַמאַטאָרישע גרופּעס און זייער „פּאָפּולאַרי־טעט" איז ווייטער פון זייערע אייגענע שטעטלעך נישט דערגאַנגען.

מען האָט אַלזאָ באַדאַרפט אויסזוכן אַזאַ פּיעסע, וואָס זאָל קודם־כּל זיין צוגעפּאַסט פאַר אַן אָנהויב, דערהויפּט אַ פּיעסע, אויף וועלכער מען זאָל זיך קאָנען לערנען. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויפצופירן עטלעכע איין־אַקטערס, ווי פּרצעס „ס'ברענט", יצחק קאַצענעלסאָנס „החמה" און י. ד. בערקאָוויטשעס „פּגע־רע".

פּרץ מיט זיין „ס'ברענט" האָט פאַרקערפּערט אַן אַלטן תּבֿואה־הענדלער, אַן אויסוואורף, וואָס בענקט נאָך ליבע און רעדט פון גיהנום צו זיין דריי־טער יונגער ווייבל. די ווייבל, חנה, אַ יונגע צנועה, וואָס איר נשמה ציט זיך צו אמתער ליבע, צו געפילן וואָס קומען פון טיפעניש פון איר האַרץ. אָבער די תּורה זאָגט: „הרג, חנק, גיהנום יש"... דער גיהנום שטייט איר פאַר די אויגן און איר מאַן, שמריהו, האַלט זי געפאַנגען און לאָזט זי נישט אַרויס פון זיין נעץ.

אין „פּגע־רע" האָט בערקאָוויטש געוויזן דעם סטודענט מיט די באַלע־באַטים פון זיין קוואַרטיר — פּראָווינציעלע, פאַרוואָגלטע נשמות, וואָס קוים דערזעען זיי אַ מענטשן, דערצו נאָך אַ סטודענט, ווערן זיי אַזוי צוגע־

לאָזט צו אים, אַז זיי ווילן אים אַלץ אויספרעגן. אין דעם סטודענט זעט דער באַלעבאָס זיך אַליין, מיט זיינע אַמאָליקע יונגע חלומות. ער וויל רעדן מיטן סטודענט וועגן אַלץ, וועגן פּאָליטיק, הויכע ענינים, פילאָזאָפיע, און אַלץ דוקא אין איין אָוונט, ביז ער ווערט ענדלעך אַנשלאָפן צוזאַמען מיט דעם סטודענט אין איין בעט.

אָט די טיפן פון דעם קליינעם שטעטל זיינען געווען אמת פאָלקס־טימלעכע, עכט־יידישע, און זיי האָבן פאַרגעשטעלט פונקט די טיפן, וואָס קאָנען געבן דעם יידישן טעאַטער יענעם אויסדרוק און יענע יידישע פאָר־מע, וואָס מיר האָבן געוואונטשן.

מען האָט איבערגעלייענט די איינאַקטערס פאַר וואַכטאַנגאָוון און זיי זיינען אים געפעלן. אים איז באַזונדערס געפעלן זייער פרישקייט און אויפריכטיקייט. ער האָט אויסגעטיילט די ראָלן און מען האָט אָנגעהויבן די פּראָבן. אַלע זיינען געווען באַגייסטערט. איטלעכער האָט געפילט, אַז מען לערנט לשמה, נישט צוליב דעם שפּילן, נאָר צוליב דעם לערנען גופא.

עס ווייזט זיך באַלד אַרויס, אַז די, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר אַקטיאָרן, און אפילו געהאַט דערפאַלג, קאָנען אין דער אמתן נאָך נישט שטיין אויף אַ בינע. זיי קאָנען נישט רעדן, זיי קאָנען אַ טראָט נישט מאַכן. און מערקווירדיק — גראַד די, וואָס זיינען קיינמאָל אויף קיין בינע נישט געווען, האָבן אַ סך גרינגער אויפגענומען די תורה. וואָס מער פּראָבן מען האָט געמאַכט, אַלץ מער פאַרוויקלט איז געוואָרן דער ענין טעאַטער און די געזעצן פון טעאַטער־שפּיל. וואַכטאַנגאָווס תלמידים זיינען נעבעך געווען אומבאַהאָלפן... ערשט דאָ האָט מען איינגעזען דעם קאָלאָסאַלן אונטער־שייד צווישן וועלן זיין אַן אַקטיאָר און די פּאָק־טישע רעאַלע פאָדערונגען פון דער בינע.

אָבער לערנען מיט וואַכטאַנגאָוון איז פאַר זיך אַליין געווען אַ גרויסער געווינס. ער פלעגט פאַרענטפערן פראַגעס, אויסטייטשן אַלערליי קאָמפּלי־צירטע סיטואַציעס, און אַזוי אַרום איז מען דערנעענטערט געוואָרן צום אמתן קוואַל פון טעאַטער־קונסט, וואָס זיין שורש ליגט באַהאַלטן אין דעם לעבן גופא. מען האָט זיך געלערנט נישט בלויז פאַרשטיין די אַלע טעאַטראַ־לע פּראָבלעמען, נאָר אויך ווי אַזוי זיך אָפּצוטרייסלען פון די שלעכטע גע־וואוינהייטן, וואָס מען האָט געירשנט פון די אַזוי־גערופענע פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן. איך מיין יענעם סאָרט אַקטיאָרן, וואָס פלעגן אויסזינגען זייערע ווערטער, וואָס באַם ווינען פלעגן זיי זיך אויסדרייען מיט דער פּלייצע צום עולם און טרייסלען מיט די אַקסלען, און וואָס פלעגן שרייען און גע־וואַלדעווען גלאַט אין דער וועלט אַריין.

די ערשטע זאַך, וואָס וואַכטאַנגאָוו האָט געלערנט, איז געווען: לייע־נען די ראָל פון טעקסט. דעם ערשטן מאָל אָן קיין שום אינטאָנאַציעס,

דעם צווייטן מאָל מיט אינטאָנאַציעס, און דעם דריטן מאָל האָט מען שוין באַדאַרפט שפּירן אַ געפיל אין דעם לייענען, אָבער נישט מאַכן מיט די הענט, נישט וואַרפן מיט די פיס, נאָר גאַנץ פּשוט זיצן אויפן בענקל און שפּילן די ראָל. די תלמידים האָבן בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס מען דאַרף זיצן אויף אַן אָרט. פלעגט מען אָנהויבן אַביסל מאַכן מיט די אויגן, מיטן קאָפּ און מאָדנע העוויות מיט די ברעמען. ווען וואַכ־טאַנגאָוו פלעגט דאָס דערזען, פלעגט ער באַלד אַ פרעג טאָן, צו וואָס די „שטיק״? האָט מען זיך געהיט מער די אַלע העוויות נישט צו מאַכן. אָבער פאַרוואָס נישט טאָן עפּעס מיט דער שטימע? קאָן מען דען ניט אונטער־כריפּען אַביסל, כדי עס זאָל מאַכן אַ בעסערן עפעקט?...

— ניין! גאָרנישט! — האָט וואַכטאַנגאָוו שטרענג אַ זאָג געטאָן.

— לייענט, זייט מוחל, אַזוי ווי איר אַליין וואָלט געווען דער, וועגן וועמען דער מחבר שרייבט.

די תלמידים קאָנען נישט פאַרשטיין, וואָס הייסט „איך אַליין״? ווי אַזוי קאָן אַן אַקטיאָר זיין „איך אַליין״? ווער וועט דעמאָלט שפּילן די ראָל? אַז איך וועל זיין „איך אַליין״, טאָ ווער־זשע וועט זיין דער צווייטער?

אָבער דער גוטמוטיקער קוק פון וואַכטאַנגאָווס שטרענגען פּנים איז געהאַנגען איבער דיר, און טראָט בײַ טראָט האָט יעדער אָנגעהויבן צו פילן, אַז אַ נייער מענטש וואַקסט אויס בײַ אים. די ראָלן זיינען געלייענט געוואָרן צענדליקער מאָל, און ביסלעכווייז האָבן זיך באַוויזן מענטשלעכע באַוועגונגען און נאַטירלעכע העוויות. קומענדיק אויף דער בינע, האָט יעדער געפילט, אַז זיינע אייגענע עמאָציעס גיסן זיך אַריין אין דעם צווייטן; אַז זיין פלייש און בלוט באַקליידט דעם דאָזיקן צווייטן; אַז ער רעדט זיינע געדאַנקען, טוט זיין אַרבעט און פירט זיין לעבן. און טאָמער האָט זיך איינעם איינגע־געבן צו דערגרייכן די טיפענישן פון אמתן שאַפן, פלעגט אים וואַרעם ווערן אין אַלע גלידער. ער האָט זיך געפילט דערהויבן פון זיין אייגענער נאַטיר־לעכקייט און פּשטות, און אין דער אייגענער צייט פון דער גרויסקייט פון אמתן שאַפן. אַלץ איז מיטאַמאָל געוואָרן קלאָר, פאַרשטענדלעך און גרינג.

אָט אַזוי האָט מען געאַרבעט לאַנגע וואָכן, ביז דער רבי האָט באַפרייט פון טיש. ער האָט די תלמידים אָנגעזאָגט די גליקלעכע בשורה, אַז מען קאָן שוין אַרויסטרעטן אויף דער בינע. עס איז געווען אומגלויבלעך. טאַקע אויף אַן אמת אַרויסטרעטן? מיט ליכט? קאָסטיומען? מיט אַ פאָרהאַנג? יאָ, מיט אַלץ! מען קאָן שוין שפּילן די איינאַקטערס!

און ווי זאָל מען אָנרופן דעם ערשטן אָוונט? אָנרופן „נשף בראשית״? אויסגעצייכנט! ביז איצט — פינצטערניש, תהו ובהו — און איצט — בראשית! צום ערשטן מאָל!

אַ נייע געביידע, אַ געבענטשטער רעזשיסאָר און ליכטיקע האָפענונגען! צום ערשטן מאָל: ב־ר־א־ש־י־ת.

די ערשטע פאָרשטעלונג

די ערשטע פאָרשטעלונג איז קודם גע־וויזן געוואָרן פאַר אַן אינטימען קרייז פון פריינט און באַקאַנטע, און דערנאָך פאַר אַ פרעמדן עולם, וואָס האָט זייער פיין אויפגענומען די איינאַקטערס. אין די אַנטראַקטן זיינען די צושויער אַריינגעקומען אין פויע שמועסן, קריטיקירן, און נאָך דער פאָרשטעלונג האָבן די שוישפּילער זיך פאַרזאַמלט צו קריטיקירן זיך זעלבסט.

יעדע פאָרשטעלונג איז געווען אַן עקספּערימענט פאַר זיך אַליין. מען פלעגט זיך טיילן מיט די ניי־געפונענע מאָמענטן, נייע איבערלעבענישן אויף דער בינע, און אויב עס זיינען געווען באַ אימיצן שוועריקייטן אָדער פראַגן, איז דאָס געווען אַ טעמע אויף מאָרגן פאַר אַלגעמיינעם שטודיום. מען פלעגט זיך פאַרזאַמלען באַם לאַנגן טיש, אויפנעמען די פּראָבלעמען, וואָס זיינען נישט געווען פאַרשטענדלעך פאַר דעם אַקטיאָר און דעם צושויער, און זיך געפּרוּווט פאַנאַנדערקלייבן אין יעדן ברעקל. מען האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל, אַזוי ווי כירורגן באַ אַן ערנסטער אָפּעראַציע, און אָנגעהויבן דיסקוטירן, פרעגן און פאַרענטפערן. אַזוי פלעגט מען שטודירן ביז שפּעט אין דער נאַכט, און אַז מען פלעגט נישט קאָנען קומען צו אַ באַשטימטער מיינונג, איז די פראַגע איבערגעגעבען געוואָרן צום העכסטן ריכטער, צום גרעסטן אויטאָריטעט — צו וואַכטאַנגאָוון. ער פלעגט נעמען די אַלע פראַגן ווי אַ געניטער פּראָפעסאָר, זיי צעגלידערן און ווי דורך אַ כישוף איז אַלץ קלאָר געוואָרן.

די ערשטע פאָרשטעלונג האָט זייער גוט געווירקט אויף אַלע אָנטייל־נעמער. איטליכער האָט געפילט, אַז עפּעס איז שוין אויפגעטאָן געוואָרן. אָבער מיט יעדער ווייטערדיקער פאָרשטעלונג איז דער וועג אַלץ שווערער און שווערער געוואָרן. מען האָט געקלערט: וועט מען אַמאָל דערגרייכן די טיפענישן פון אמתער קונסט? וועט מען אַמאָל האָבן די זכיה צו ווערן אַ קינסטלער? און אויב יאָ, ווען וועט דאָס זיין, כל זמן מען פילט זיך אַזוי אומבאַהאָלפן.

דער ערשטער אויפפירונג פון די דריי איינאַקטערס האָט מען אַ נאָמען געגעבן „נשף בראשית״. וואַכטאַנגאָוו האָט געשטעלט די פאָרשטעלונג

אין רעאַליסטישן טאָן. האָט מען באַדאַרפט האָבן אין „השרפה“ אַ שאַפע מיט ספרים, האָט מען פון ערגעץ געבראַכט אַן אמתען שווערן שראַנק, וואָס פיר מענטשן האָבן אים באַדאַרפט אַוועקשטעלן אויף דער בינע. אויך די ספרים זיינען געווען אמתע, מאַסיווע. עס איז אויך אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַן אמתער לאָמפּ, אמתע לייכטער און אַנדערע אַטריבוטן. די דעקאָראַציעס האָט מען אַליין צונויפגעשטעלט. די פּרויען האָבן געניים פּאָרהאַנגען, געמאַכט לעמפּלעך, און די מענער האָבן געשלעפּט זעק, בענק, טישטיכער, לייכטער און וואָס נאָר מען האָט באַדאַרפט. אפילו דאָס פענדל, פון וועלכן שמריהו האָט זיך באַדאַרפט וואַשן צום עסן, איז אויך געווען פון אמתן קופּער. מיט איין וואָרט, עס איז געווען הונדערט פּראָצענט נאַטוראַליזם, לויט סטאַניסלאַווסקיס הייליקע געבאָטן.

דאָס שפּילן איז אודאי און אודאי געווען רעאַליסטיש. טאָמער האָט איינער נישט אויסגעדריקט דעם אמתן געפיל מיט זיינע אויגן, פלעגט ער כאַפּן אַ חברשע פּאָרציע נאָך דער פאָרשטעלונג. וואַכטאַנגאָוו איז געווען אַ געטרייער שילער פון סטאַניסלאַווסקין און זיין לערע. ער האָט דעריבער געוואָלט, אַז די אָנפאַנגער זאָלן דערגיין צום קינסטלערישן אמת דורך רעאַלע מיטלען. ער האָט געגלויבט באמונה שלמה, אַז סטאַניסלאַווסקיס מעטאָד איז דער בעסטער פאַר קינסטלערישער דערציאונג. דורך סטאַניסלאַווסקיס מעטאָד ווערט אָפּגערייניקט פאַרן צוקונפטיקן קינסטלער דער שטויב, וואָס ליגט אויפן וועג. וואַכטאַנגאָוו פלעגט זאָגן, אַז סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם מאַכט מעגלעך צו באַפרייען די אינדיווידואַליטעט פון שילער, אָדער, ווי סטאַניסלאַווסקי אַליין האָט געזאָגט אין זיין בוך „מיין לעבן אין קונסט“: פון די איבערלעבענישן אַליין קאָן מען זיך נישט אויסלערנען. מען דאַרף געפינען די אַטמאָספערע און די מעטאָדן, וואָס העלפן דעם אַקטיאָר דערגיין צו אַ שאַפנדיקער שטימונג“.

דאָס האָט זיך איינגעגעבן וואַכטאַנגאָוון פולע הונדערט פּראָצענט. יעדן איינעמס אינדיווידואַליטעט האָט אַרויסגעשיינט פון די איינאַקטערס. דאָ האָט מען געקאָנט זען, ווער פון די אָנפאַנגער עס וועט זיין ראוי צו דערגיין צו אמת־קינסטלערישע אויסדרוקן.

אין די איינאַקטערס האָבן געמאַכט דעם ערשטן פּרואָוו און שוין אַרויסגעוויזן אינדיוויאַליטעט חנה ראווינה — אין „החמה“ און „אחות הבכורה“. דאָס זיינען געווען די ערשטע טריט, אָבער מען האָט געקאָנט זען און פילן, אַז עס וואַקסט די צוקונפטיקע ערשט־קלאַסיקע קינסטלערן וואָס וועט אַזוי מייסטערהאַפט פאַרקערפּערן די מוטער, אין פינסקיס „הנצחי“, לאהן אין „דיבוק“ און משיחן „אין גולם“. מיט איר דערשיינען אויף דער בינע פלעגט זי ברענגען מיט זיך אַזאַ וואַרעמקייט, אַזאַ אינטימקייט, וואָס האָט אייך ממש פאַרכאַפּט. צמח אַלס שמריהו אין „השרפה“, האָט געשאַפן אַן ערשט־

קלאַסיקן טיפּ. אין „השרפה“ האָט זיך אויסגעצייכנט אַן אַקטריסע, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער „הבימה“, און דאָס איז שושנה אביבית. איר שפּילן אַלס חנה, אין „השרפה“ און „אייביקן איד“ אלס די טענצערן, פלעגט אַרויסרופן באַוואונדערונג. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער טעמ־פּעראַמענט וואָס פלעגט אייך פאַרכאַפּן פון דעם ערשטן מאָמענט. איר סאָרט שפּילן איז געווען דער קעגנזאַץ פון ראווינה: ראווינה פלעגט קו־מען אויף דער בינע, און מיט איר גלאַסנקייט, אויפריכטיקייט און שטילן טאָן, פלעגט דער צושויער זאָגן זיך: „מיט דער פרוי וועט עפּעס פּאַרקו־מען“. ווען שושנה אביבית פלעגט אַריינקומען מיט אירע אויפגערעגטע באַוועגונגען, אָפּגעהאַקטע זאַצן און געהיימע בליקן, פלעגט מען זאָגן: „מיט דער פרוי האָט זיך עפּעס געטראָפן“. זי האָט אַלע מאָל געטראָגן מיט זיך אַ געהיימעניש, איר טעמפּעראַמענט איז געווען אַן אויפריכטיקער, אַ שאַרפער. אין אַלע ראָלן, וואָס זי האָט געשפּילט, פלעגט זי זיין פאַרכאַפּנ־דיק. און איך בין זיכער, ווען שושנה אביבית פאַרלאָזט ניט די „הבימה“, וואָלט זי אויסגעוואַקסן צו אַן אויסערגעוויינלעכן כח און וואָלט געוויס פאַר־נומען איר פּלאַץ אין דעם קאָלעקטיוו. מנחם גנעסין—אַלס יודל דער שדכן, ורדי אין „פגע־רע“, מרים עליאַס, מ. וויניאַר, חיהלע גרובער, משה הלוי. אָט די אַלע און נאָך אייניקע יונגע האָבן זייערע ערשטע טריט געמאַכט אין אָט די איינאַקטערס.

נשף בראשית“ איז געווען דערפאָלגרייך אין אַ סך הינזיכטן. עס איז געווען אַ דערגרייכונג אין קינסטלערישן זין, און עס האָט אויך געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּרעסע. אָבער איין זאַך האָט געפעלט — אַן עולם. די מערסטע באַזוכער זיינען געווען באַקאַנטע און קרובים, אָבער אפילו זייער צאָל איז וואָס אַמאָל קלענער געוואָרן. די קאַסירשע פלעגט פאַרפרוירן ווערן זיצנדיק אין איר בודקעלע, וואַרטנדיק אויף אַ קונה. טאָמער פלעגט אַ פרעמדער זיך באַווייזן אין קאָרידאָר און זוכן דאָס פענצטערל, פלעגט זי אָנהויבן שמייכלען. דער קונה פלעגט צוקומען פרעגן, צי דאָס איז טאַקע דער טעאַטער, וואו מען שפּילט לשון קודש און, צי די אַקטיאָרן רעדן געגנוג לאַנגזאַם, כדי מען זאָל זיי קאָנען פאַרשטיין. ער האָט אויך געוואָלט וויסן, וואו מען קאָן געפינען דאָס בוך פון דער פּיעסע, און נאָך אַזוינע פראַגן. די קאַסירשע האָט אויף אַלץ געענטפערט, ווייל אַ קלייניקייט — אַן אמתער קונה! אויפן אויבערשטן עטאַזש דערוויסט מען זיך דערווייל, אַז אונטן באַ דער קאַסע שטייט אַ קונה, און אַלע לויפן איינציקווייז כאַפּן אַ קוק אויף דעם פאַרשוין. ווער ווייסט, אפשר איז שוין געקומען די ישועה, אפשר וועט מען אָנהויבן קומען ווי אין אַלע רוסישע טעאַטערס, און מיר וועלן האָבן אַן עולם.

קיין ישועות זיינען אָבער נישט געקומען. דער קונה פלעגט אַוועקגיין

יעווגעני באַגראַטיאָנאָוויטש וואַכטאַנגאָוו

EVGENY BAGRATEONOWITCH VACHTANGOFF



דער עולם ביי דעם ערשטן עפנטלעכן ארויסטריט פון „הבימה״ — מאָסקווע, 1918.
דער „טעאטער״ אויף ניזשני־קיסלאָווסקי פּערעאולאָק, נומ. 6.

THE HABIMA COLLECTIVE
Moscow, 1926

דער „הבימה“ קאָלעקטיוו
מאָסקווע — 1926

די לערער:
ערשטע רייע — רעזשיסאָרן: י. ב. וואכטאנגאָוו, ק. ס סטאַניסלאַווסקי.
צווייטע רייע — מאלער: ר. פאַלק, נ. אַלטמאַן.
דריטע רייע — קאָמפּאָזיטאָרן: א. קריין, י. ענגעל.

THE GUIDING SPIRITS
First Row—*K. S. Stanislavsky, Y. B. Vachtangoff*
Second Row—*N. Altman, R. Falk*
Third Row—*J. Engel, A. Krein*

און די קאַסירשע פלעגט ווידער פרירן. צו דער פאַרשטעלונג פלעגן זיך אויפקלייבן אַ מנין מענטשן, און דאָס איז שוין געווען אַ סימן, אַז דאָס טעאַ־טער וואַקסט. אמת, אַ לאַנגזאַמער וואַקסן, אָבער דאָך עפּעס.

„נשף בראשית" איז אויפגעפירט געוואָרן אָן קיין שום פּראָבלעמען, חוץ קינסטלערישע. קיין ספּעציעלע מאָטיוון אָדער טענדענצן זיינען נישט אַריינגעטייטשט געוואָרן. אָבער נאָך דעם ערשטן אָוונט איז קלאָר געוואָרן, אַז אַ טעאַטער, וואָס שטעלט זיך די אויפגאַבע צו ווערן דער נאַציאָנאַלער יידישער טעאַטער, קאָן נישט עקזיסטירן נאָר לשם קונסט. אמת טאַקע, דער קינסטלערישער עלעמענט איז זייער אַ וויכטיקער, אָבער דער פאַקט, וואָס מען שפּילט דוקא אין העברייאיש מוז אויך עפּעס מיינען... פאַרוואָס דוקא העברייאיש? פאַרוואָס נישט רוסיש, אָדער יידיש? אַ סך פון דער גרופּע האָבן געקאָנט די רוסישע שפּראַך און יידיש פולקאָם. און דאָך שפּילט מען בלויז אין העברייאיש. הייסט עס דאָך, אַז די גרופּע פאַרבינדט איין גייסט, איין נאַציאָנאַלע אידייע. און וואָס אַלזאָ באַשטייט די דאָזיקע אי־דייע? ווער זיינען מיר?

די דאָזיקע דיסקוסיעס פלעגן זיך פאַרציען ביזן ווייטן פרימאָרגן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס זיינען פאַראַן אַזויפיל פאַרשיידענע מיינונגען און פאַרפלאָנטערטע פּראָבלעמען. עס איז שווער געווען צו קומען צו אַ קלאָרן פונקט אין דער פראַגע — ווער זיינען מיר?

איינער פון דער גרופּע, דער וויכטיקסטער צו יענער צייט, האָט אָבער יאָ געוואוסט. דאָס איז געווען דער אָנפירער, צמח. ער האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף אַלע איבעריקע, און אַלע האָבן געגלויבט אין זיינע אויסגעצייכנטע פייאיקייטן אַלס אָנפירער פון דער גרופּע; און דערפאַר אַליין פלעגן שוין די דיסקוסיעס זיך פאַרענדיקן מיט אַ באַנייטן גלויבן אין זיך זעלבסט. צמח האָט גערעדט פּאַטעטיש וועגן נאַציאָנאַלע פליכטן, וועגן אַ טעאַטער, וואָס זאָל באַלויכטן דעם יידישן וועג, אַ טעאַטער, וואָס זאָל ווערן אַ קאַטעדרע און אַ מקום־מנוחה פאַר יידישע קינסטלער. די „הבימה" דאַרף ווערן די היים פון דעם יידישן קינסטלער, וואָס וואַלגערט זיך אַרום אין דער פרעמד. זיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט, און ער האָט געמאָלן בילדער, ווי די „הבימה" וועט מיט דער צייט אַרויסברענגען אירע אייגענע קינסטלער, אייגענע מאָלער און אייגענע רעזשיסאָרן. יעדער פון זיי וועט האָבן אַ באַשטימט פּנים, אַ באַשטימטן סטיל — אַ „הבימה"־סטיל. און עס וועט נישט זיין בלויז איין טרופּע, נאָר אַ סך טרופּעס, וואָס וועלן וואַנ־דערן פון לאַנד צו לאַנד, איבער דער גאָרער וועלט.

צמחס רייד פלעגן באַגייסטערן די יונגע חברים, און אַלע ווי איינער האָבן באַשלאָסן, אַז אַזוי דאַרף עס בלייבן, און אַנדערש נישט. מען דאַרף מער נישט פרעגן, ווער מיר זיינען. מיר זיינען קינסטלער מיט אַ מיסיע

צו אונדזער פאָלק. און איצט, ווען יידיש בלוט ווערט פאַרגאָסן אין פאַ־גראָמען, ווען וועלטן ווערן חרוב — איצט דאַרפן מיר טראָגן אונדזער מיסיע מיט דער פולסטער אחריות.

אין אוקראַינע ווערן חרוב דורות; שטעט און שטעטלעך ווערן אָפּגע־ווישט; יידישע נעסטן פון הונדערטער דורות ווערן פאַרניכטעט — און דאָס אַלץ מאַכט גרעסער דעם חוב פון יידישן קינסטלער. דער יידישער קינסטלער דאַרף פון דער בינע פאַנאַנדערטראָגן דעם יידישן צער און טרויער איבער דער גאַנצער וועלט. מיר וועלן זוכן אַ משיח. מיר וועלן אים פאָדערן!

נאָך אַ נאַכט פון גייסטיקע ראַנגלענישן, ווערט באַשלאָסן, אַז די קומענדיקע פאָרשטעלונג דאַרף טראָגן אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, נאָך מער: אַ נאַציאָנאַלע פּראָבלעמע. און די פּראָבלעמע דאַרף זיין: „מיר זוכן משיחן!"

מען זוכט אַ פּיעסע, וואָס זאָל אויסדריקן אָט די פּראָבלעמע, און מען שטעלט זיך ענדלעך אָפּ אויף דוד פּינסקיס „דער אייביקער ייד". די פּיעסע איז געבויט אויף אַ לעגענדע פון מדרש, אַז אין דעם טאָג ווען ירושלים איז חרוב געוואָרן, איז געבוירן געוואָרן משיח. דוד פּינסקי האָט אויפגע־בויט אַ טראַגעדיע אין איין אַקט, וואָס דערציילט, אַז איינעם אַ פּויער אין פעלד ווערט אָנגעזאָגט דורך נביאות, אַז אין דעם שטעטל בירת־ערבא, נישט ווייט פון ירושלים, איז געבוירן געוואָרן משיח. גייט דער נביא אַהין, אָבער פּלוצים ברעכט אויס אַ גרויסער שטורעם, דער משיח ווערט פאַרטראָגן און פאַרשוואונדן, און דעם נביא בלייבט נישט קיין אַנדער ברירה, ווי צו נעמען זיין שטעקן און וואַנדערן איבער דער וועלט, אויפזוכן דעם פאַר־שוואונדענעם משיח.

די טעמע איז געווען זייער צוגעפּאַסט פאַר יענע שרעקלעכע צייטן. אין פּינסקיס פּיעסע האָט זיך געלאָזט אַריינטייטשן אַלע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע געפילן פון יענער צייט. אַז מען וויל, האָט די דאָזיקע פּיעסע אָנגעזאָגט די באַפרייאונג פון רוסלאַנד, אַז די רעוואָלוציע האָט באַדאַרפט ברענגען פריי־הייט און גלייכהייט דעם יידן, פּונקט ווי אַלע אַנדערע מענטשן, וואָס זיינען שטענדיק געווען דערנידעריקט אין דעם צאַרישן רוסלאַנד. און פּונקט אַזוי האָט די פּיעסע סימבאָליזירט די נייע יידישע בהלה, ווען עס האָבן זיך פּלוצים באַוויזן פּעטליורעס באַנדעס, און דער ייד האָט ווידער באַדאַרפט נעמען דעם שטעקן אין האַנט אַריין און גיין — זוכן משיחן...

יאָ, די טעמע איז געווען פּונקט צוגעטראָפן. דאָ האָט מען געקאָנט, ערשטנס, אויסנוצן היסטאָרישן מאַטעריאַל, ווייזן דעם מזרח און די קאָליר־פולע מאַסע פון יענער צייט. די גרופּע איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אויפגעפּאַסטן ספּעקטאַקל. דאָס וועט זיין אי יידיש, אי מאָדערן.

מען האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט, דאָס הייסט, צום לייענען און טייטשן. מיר האָבן פאַר זיך געזען אַ טאָפּלטע אויפגאַבע: נישט בלויז די קינסטלערישע דערהויבונג, נאָר אויך, און טאָקע, הויפּטזעכלעך, די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן פון יענער צייט.

די אַרבעט איז אָנגעקומען גאַנץ שווער. וואַכטאַנגאָוו איז פּלוצים קראַנק געוואָרן און געמוזט אָוועקפאָרן אין אַ סאַניטאָריום. האָט מען אײַנ־געלאַדן אַ רעזשיסאָר פון דעם מאָסקווער קונסט־טעאַטער — מטשעדעלאָוו, אויך אַן אַרמענער, ווי וואַכטאַנגאָוו. ער פאַראינטערעסירט זיך שטאַרק מיט דער פּיעסע און מיטן קאָלעקטיוו פון דער „הבימה", און מען טרעט צו צו דער אַרבעט.

מטשעדעלאָוו איז געווען אַ געטרייער שילער פון סטאַניסלאַווסקין. ער האָט אויסגעצייכנט געקאָנט די סטאַניסלאַווסקי־טעאָריע און געוואוסט ווי זי דורכצופירן אין דער פּראַקטיק. אָבער בלויז אויף אַזוי פיל איז ער געווען ענלעך צו וואַכטאַנגאָוו.ביידע האָבן, דאַכט זיך, געשטאַמט פון דער זעל־ביקער זוניקער און טעמפּעראַמענטפולער אַרמעניע, פונדעסטוועגן זיינען זיי געווען פאַרשיידענע מענטשן. וואַכטאַנגאָוו — אַ שנעלער, אַ בליציקער, מיט אַ פייערדיקן טעמפּעראַמענט; און מטשעדעלאָוו — אַ קאַלטבלוטי־קער, אַן אויסגערעכנטער, אַ שטילער, מיט אַ קאָנטראָלירטן טעמפּעראַמענט, אָבער דערפאַר אַ גלענצנדיקער פּעדאַגאָג.

מטשעדעלאָוו האָט געהאַט אַ שווערע אויפגאַבע מיט דער גרופּע. אין פּינסקיס פּיעסע איז נישט געווען אַ פראַגע פון זוכן בלויז דאָס אינערלעכע, נאָר אויך דאָס אויסערלעכע. מען האָט באַדאַרפט איבערגעבן דעם ספּע־ציפיש־לאָקאַלן קאָלאָריט, די באַוועגונגען און דעם שטייגער־לעבן פון יענער צייט און פון יענעם יידן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. מען האָט געזוכט דורך מוזיקאַלישע מיטלען דעם ספּעציעלן מזרח־ריטם. מען האָט באַדאַרפט געפינען די רואיקייט אין שפּראַך, דעם ספּעציפיש־אָריענטאַלישן טאָן פון רעדן, די ברייטע, רונדע באַוועגונגען פון די הענט, וואָס זאָלן זיין אין קאָנטראַסט צו אונדזערע שמאָלע, אָפּגעהאַקטע באַוועגונגען, וואָס זיינען געוויס אַ ירושה פון אונדזער גלות־לעבן...

דאָס אַלץ האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט ריטמיק און באַוועגונגען אויף דער בינע. מען האָט זיך צום ערשטן מאָל אָנגעע־שטויסן אויף דער גרויסער פּראָבלעם פון דעם גוף אויף דער בינע. ווי וויכ־טיק דער גוף איז אויף דער בינע!

דעם גאַנצן ווינטער האָט מען אָפּגעאַרבעט אויף פּינסקיס פּיעסע. מטשעדעלאָוו האָט טיפער פאַרפלאַנצט סטאַניסלאַווסקיס שיטה און האָט דערגרייכט געוואָלדיקע רעזולטאַטן. ער האָט אַזוי ליב באַקומען די פּיעסע, אַז ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן

און דאָס פאָלק הויבט אָן וויינען מיט אַ יאָמער, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן אָן איבערראַשטער, ווי עס וואָלט טאַקע דאָן פאָרגעקומען אויף אָן אמת. דער געוויין איז געווען אַזוי רעאַליסטיש, אַז מענטשן אין גאַס פלעגן מיי־נען, אַז מען שלאָגט אימיצן. איינמאָל האָט מען אפילו צוגעשיקט אַ מיליצי־אָנער אויסגעפינען וועמען מען שלאָגט, און מען האָט אים געדאַרפט געבן צו פאַרשטיין, אַז מען שלאָגט קיינעם נישט, אַז מען מאַכט פשוט רעפּעטיציע.

— צו וואָס־זשע דאַרף מען וויינען? — פרעגט דער מיליציאָנער, און טרעפט דוקא אויף אונדזער קאָמיקער, דעם קליינעם ורדי.

— דו פאַרשטייסט — האָט ורדי אים דערקלערט — דאָס קלאָגט מען ווייל דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן . . .

דער מיליציאָנער הויבט נישט אָן פאַרשטיין וואָס ורדי מיינט, און עס פאַרציט זיך אַ קאָמישע סצענע אויף אַ צען מינוט. מיר אַלע ווערן צעפּלאַצט פון געלעכטער, ביז דער מיליציאָנער ווערט שוין אינגאַנצן צע־טומלט און זאָגט אָן, אַז וואָס עס זאָל נישט חרוב ווערן, דאַרפן מענטשן אַזוי נישט שרייען. מען זאָגט אים צו, און ער גייט זיך אַוועק.

די דעקאָראַציעס פאַר דעם „אייביקן איד" זיינען זייער איינפאַך געבויט. עס האָט באַדאַרפט פאַרשטעלן אַ יאַריד אינמיטן מאַרק, מיט אַ ברונעם, מיט שטיינער, אָבער דאָס מאָל האָט מען שוין נישט געשלעפּט קיין אמתע שטיינער, נאָר זיי געמאַכט פון האָלץ און דערנאָך זיי אָפּגעפאַרבט. דאָס זעלביקע האָט מען געטאָן מיט די ביידלעך, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון פאַרביקן לייוונט. די פאַרשטעלונג האָט געדויערט נישט מער ווי פערציק מינוט, אָבער דער איינדרוק אויפן עולם איז געווען אָן אומ־פאַרגעסלעכער. איבערהויפּט האָט זיך אויסגעצייכנט ורדי אין דער ראָל פון דעם הענדלער אבישי, וועלכער האָט געבראַכט די ידיעה, אַז דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן. זיין געוויין, און דאָס מיטוויינען פון די איבע־ריקע שפּילער, האָט גערירט ביז דער טיפעניש פון הארצן. נ. צמח האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס דער נביא און אָן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק האָט געמאַכט מיט איר שפּילן ראווינה אַלס מוטער.

די פאַרשטעלונג איז קודם געוויזן געוואָרן פאַר אַ געקליבענעם עולם. מיר האָבן געהאַט צוויי געהויבענע געסט: סטאַניסלאַווסקי און מאַקסים גאָרקי. גאָרקי האָט געוויינט באַ דער פאַרשטעלונג, און שפּעטער האָט ער געדריקט די הענט פון די אַקטיאָרן און שטאַרק געלויבט די פאַרשטע־לונג און דאָס שפּילן. סטאַניסלאַווסקי האָט אויך געמאַכט קאָמפּלימענטן און דערביי אַ פּאָר וויכטיקע באַמערקונגען. די גרופּע איז זיך צעגאַנגען ווי צופרידענע קינדער, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. די אייניקע, וואָס סטאַנסילאַווסקי האָט זיי עפּעס אָנגעוויזן, אָדער אויסגעבעסערט, זיינען געווען די גליקלעכסטע. פונדעסטוועגן האָט זיך קיינער נישט איבערגע־

נומען און נישט אַרויסגעוויזן קיין גאוה. אַלע האָבן זיך געפילט ווי ברידער מיט דער זעלביקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, מיט דעם זעלביקן ציל.

די פאָרשטעלונג האָט געמאַכט אַזאַ איינדרוק אויף די צושויער, און ספּעציעל אויף די אויסדערוויילטע, אַז די טעאַטראַלע מאָסקווע האָט זיך אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן מיט דער גרופּע. גרויסע רוסישע קינסט־לער זיינען געוואָרן ניט נאָר סימפּאַטיקער, נאָר הייסע פאַרטיידיקער פון דער „הבימה". זיי האָבן דערזען אַן אַנדער יידישן טעאַטער, ווי זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט, דער פּאַטאָס, די אויפריכטיקייט און דער גרויסער ווילן פון דער גרופּע האָט זיי געוואונען אַלס פריינט. מאַקסים גאָרקי, צום ביישפּיל, איז געוואָרן א גרויסער פריינט פון דעם טעאַטער, ער האָט געהאַט גאָר אַ גרויסן חלק אין דעם וואָס די „הבימה" איז געבליבן אין מאָסקווע, ווען עס איז אויפגעקומען די פראַגע, צי עס דאַרף אַזאַ טעאַטער ווי די „הבימה" עקזיסטירן אין סאָוועט־רוסלאַנד, ד. ה. אַ טעאַטער אין העברע־איש. אַ דאַנק אים און אויך דעם בילדונגס־קאָמיסאַר אַנאַטאָלי וואַסיל־יעוויטש לונאַטשאַרסקי, פלעגט די „הבימה" שטענדיק אַרויס די זיגערן.

גאָרקיס ראָל אַלס פאַרטיידיקער פון דער „הבימה" וועט געוויס פאַר־נעמען גאָר אַ געהעריקן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער „הבימה". דער קומענדיקער היסטאָריקער וואָס וועט וועלן זיך דערגרונטעווען צו דעם נס, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט די עקזיסטענץ פון דער גרופּע „הבימה" אין מאָסקווע צו יענער צייט, וועט דאַרפן אָפּגעבן אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ ניט נאָר גאָרקין אַליין, נאָר אַ סך, אַ סך גרויסע רוסישע קינסטלער, סאָ־וועטישע קולטור־טוער וואָס האָבן ליב געקראָגן די „הבימה" און זי פאַר־טיידיקט מיט אַלע כחות.

גאָרקיס איינדרוק פון דעם „אייביקן איד" וואָס דער לעזער וועט גע־פינען דאָ אין בוך גיט איבער אַמבולטסטן דעם אומגעהויערן איינדרוק וואָס די „הבימה" האָט געמאַכט, און די גינסטיקע שטימונג וואָס האָט זיך גע־שאַפן אַרום דעם טעאַטער.

הכלל, נאָך אַ ציגל איז צוגעקומען אין דער גרויסער געביידע — נאָך אַן אויפפירונג.

אמת, דער גרופּע האָט זיך נישט איינגעגעבן צו ענטפערן, וואו מען קאָן געפינען משיחן, אָבער מען האָט אים געזוכט... דערווייל האָט מען שוין געהאַט צוויי פּיעסן אין רעפּערטואַר, און מען האָט געקאָנט געבן כאָטש אַ שטיקל וואַריאירטן פּראָגראַם. די פּרעסע האָט זיך וואַרעם אָפּגע־רופן, און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן צו מערן, כאָטש ער איז נאָך אַלץ געווען קליין. דער פּרעסטיזש איז געוואַקסן, און די פּאָפּולאַריטעט אויך, אָבער די קאַסירשע אין איר בודקע האָט נאָך אַלץ געהאַט צייט צו פרירן...

עס איז רעכט געווען, אַז באַ אַ שבת־באַנאַכטיקער פאָרשטעלונג, זאָלן זיך נישט צונויפקלייבן מער ווי אַ פינף, זעקס מענטשן. מען האָט געפילט, אַז די הכנסה דעקט נישט די הוצאה. חוץ דעם האָט עס פשוט אויסגעזען פריקרע ווי די עטלעכע מענטשן אין טעאַטער טוליען זיך צו די ווענט, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט, מען זאָל זיי נישט אַרויסזען. פונדעסטוועגן האָט מען די פאָרשטעלונג נישט אָפגעלייגט. מען האָט אַרויסגעשיקט די פאָר סטודענטן, וואָס זיינען נישט געווען פאַרנומען מיט דער פאָרשטעלונג, און זיי געהייסן זיך אויסזעצן אין טעאַטער, צוזאַמען מיט דעם האַלבן מנין צו־שויער. ערשטנס, וועלן די צושויער זיך פילן אַביסל היימלעכער; צווייטנס, וועלן זיי מיינען, אַז חוץ זיי זיינען געקומען נאָך אַ פאָר משוגעים...

די אַלע זאַכן שטערן אָבער נישט, און מען שפילט מיט ענטוזיאַזם. מען שטעלט זיך פאָר, אַז דאָס טעאַטער איז געפאַקט, אַז מען שטייט קעפּ אויף קעפּ — און מען וויינט אויף דעם חורבן בית־המקדש.

פונדעסטוועגן פילט מען זיך דאָך אַביסל געפאַלן. מען הויבט אָן צווייפלען צי אימיצער דאַרף אַזאַ טעאַטער, צי אימיצער הערט זיך צו... און מיט די־אַ טרויעריקע געדאַנקען לאָזט מען זיך גיין אַהיים צופוס, מיילן ווייט. מאָסקווע איז פוסט באַנאַכט, אָבער דער ווייסער שניי סקריפּעט פריילעך אונטער די פיס. מען גיט אַ קלער, אַז מען האָט נאָך היינט נישט געגעסן, אָבער דער געדאַנק פון דער מאָרגנדיקער פאַרזאַמלונג אין טעאַ־טער, לאָזט נישט זיין אומעטיק. צמח האָט שוין ווידער אַ פּלאַן, וואָס ער וועט פאָרלייגן באַ דער מאָרגנדיקער פאַרזאַמלונג. דערוואַרט מען, אַז די פאַרזאַמלונג זאָל זיין אַ שטורעמדיקע, אַן ערנסטע. און זי מוז עס זיין, ווייל... ווייל מען מוז לייזן די אייגענע פּראָבלעמע אויך, און נישט נאָר די פּראָבלעמע פון יידישן פאָלק...

וואָס טוט מען ווייטער? וואָס וועט ווייטער זיין?...

נייע קאַנדידאַטן

אויף דער שטורעמדיקער פּאַרזאַמ־לונג ווייזט זיך קלאָר אַרויס, אַז די פּראָבלעמע, וואָס מען האָט זיך פאַר־גענומען צו געפינען דורך פּינסקיס פּיעסע „דער אייביקער ייד״, איז נישט פאַרענטפערט געוואָרן. מען האָט בלויז געפונען פאַר זיך אַ קינסטלערישע באַפרידיקונג. טייל האָבן זיך, אַ דאַנק דער פּיעסע, אַנטוויקלט און געמאַכט אַ שטיקל רושם אַלס שוישפּילער מיט גרויסע מעגלעכקייטן. אָבער דעם צו־שויער, וועלכער האָט אין מיניאַטור פאַרטראַכטן דאָס יידישע פאָלק, פאַר אים האָט מען קיין זאַך נישט פאַרענטפערט.

פאַרשטייט זיך, וואָלט דאָס פאַרגעקומען אין אַ צייט פון פרידן, וואָלטן אַזוינע קשיות נישט אויפגעקומען. אָבער אין אַזאַ צייט, ווען פון יעדן ווינקל שרייט מיט קאַמף, ווען מענטשן שטעלן איין זייערע לעבנס, ווען וועלטן ראַנגלען זיך און ווילן איינע די אַנדערע פאַרניכטן — אין אַזאַ צייט קאָ־נען קינסטלער נישט בלייבן גלייכגילטיק. די צייטונגען מעלדן יעדן טאָג וועגן נייע שלאַכטן און נייע קרבנות. עס איז דאָ אַ שונא וואָס לויערט אויף דיר. עס זיינען דאָ זיגער און באַזיגטע. פון יעדער וואַנט שרייען אַראָפּ פּלאַקאַטן, וואָס מאָנען און פאָדערן, וואָס בעטן, אַז דו זאָלסט נישט שטיין אָן אַ זייט. דיין האַרץ ווערט פאַרציטערט פון דעם פּלאַקאַט, וואָס ווייזט דיר ווי אַ שלאַנג גנבעט זיך צו דיין האַלדז און וויל דיך אָנהייבן שטיקן. אַ צווייטער פּלאַקאַט ווייזט דיר דעם אויסוועג: זאָלסט אָנכאַפּן די שלאַנג מיט דיין האַנט און זי דערוואַרגן, איידער עס איז צו שפּעט. פּלאַקאַטן מיט אויפרופן און באַפעלן: קעמף! קעמף! פּלאַקאַטן, וואָס טייטלען אויף דיר מיט די פינגער און פרעגן: בירגער! וואָס האָסטו אויפגעטאָן? בירגער, זיי נישט גלייכגילטיק! אָט דער טייטלען מיט די פינגער פאַרפאָלגט דיך אומעטום.

אין אַזאַ הערגאַישן מאָמענט איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי — אָדער פאָלגן דעם רוף און גיין מיט אַ ביקס פאַרטיידיקן די אידעאַלן פאַר וועלכע די מענטשהייט קעמפט, אָדער קעמפן מיט דער זעלביקער הערגאַיש־קייט אויף זיין אייגענעם קינסטלערישן געביט. אָבער זוכן סימבאָלישע פּראָבלעמען פון אַ משיח — ווי מאָדערן די אויסטייטשונג זאָל נישט זיין — איז נישט די אויפגאַבע פון קינסטלער אין אַזאַ צייט.

די דאָזיקע פראַגע איז, אייגנטלעך, אויפגעהויבן געוואָרן פון דער פרעסע פון גאַנצן לאַנד, איבערהויפּט אין מאָסקווע. עס זיינען אָנגעגאַנגען לאַנגע דיסקוסיעס, הייסע דעבאַטעס און שאַרפע ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרן וועגן דער ראָל, וואָס די טעאַטערס שפּילן איצט, אין אַזאַ אָנגעשטרענגטן מאָמענט. די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן איינפאַך, אָבער שאַרף: צי דאַרף דער מאָסקווער קונסט־טעאַטער אין אַזאַ מאָמענט ווייטער שפּילן דעם אַלטן רעפּערטואַר, ווי טשעכאָווס „דיאַדיאַ וואַניאַ", אָסטראָווסקין און גאָגאָלן בכלל און בפרט לויט דער אַלטער רעזשי? צי דאַרף דער מאָסקווער קאַמער־טעאַטער אויפפירן זאַכן, וואָס זיינען אפשר גוט פאַר אַ ספּעקטאַקל, אָבער אַלט אין אינהאַלט און זאָגן גאָרנישט דעם נייעם צושויער — דעם אַרבעטער, דעם טוער און דעם מיטל־קלאַס מענטשן, וואָס האָבן געזוכט לייזן זייערע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען לויט די פאָדערונגען פון דער נייער צייט.

פאַר אונדז איז געשטאַנען אַ גוואַלדיקע פּראָבלעמע, ווי אַזוי צו געפינען אַ פּאַסיקע, צייטלעכע פּיעסע, וואָס זאָל זיין ייִדיש אין אינהאַלט און נאַציאָנאַל אין אויסדרוק. מיר האָבן געזוכט, גענישטערט, און קיין שום זאַך נישט געפונען אָריגינעל אין העברייאיש,אפילו נישט אין ייִדיש.

פונקט אין יענער צייט איז דערשינען אַנסקיס „דיבוק" אין ביאַליקס גלענצנדיקער העברייאישער איבערזעצונג. וואַכטאַנגאָוו האָט שוין געהאַט אַ רוסישע קאָפּיע פון „דיבוק". ער איז געווען אַנטציקט פון דער פּיעסע, און מען האָט שוין אפילו אָנגעהויבן לייענען סצענעס פון דער פּיעסע. אָבער באַלד האָט מען זיך געכאַפּט, אַז מיט אַ פּערזאָנאַל פון 12 מענטשן קאָן מען זיך נישט אונטערנעמען אויפצופירן אַזאַ ווערק, וואָס האָט מאַסן־סצענעס, חוץ עטלעכע און צוואַנציק זעלבסטשטענדיקע ראָלן. האָט מען דאָס געמוזט אָפּלייגן און זוכן עפּעס אַנדערש. דערווייל איז וואַכטאַנגאָוו אַוועקגעפאָרן אין סאַניטאָריום. ער איז שפּעטער צוריקגעקומען אַ דערפרישטער, מיט נייע אידייעס, מיט פרישע קינסטלערישע אַמביציעס — און דער „דיבוק" איז פאַרט באַשטימט געוואָרן אַלס די קומענדיקע אויפפירונג.

ס'איז כדאי צו דערציילן, ווי אַזוי דער „דיבוק" איז געקומען צו דער „הבימה". ווי באַקאַנט, האָט אַנ־סקי אָנגעשריבן דעם „דיבוק" אָריגינעל אין רוסיש. זייענדיק אין מאָסקווע, האָט ער באַשלאָסן פאַרצולייגן די פּיעסע פאַר דעם מאָסקווער קונסט־טעאַטער. סטאַניסלאַווסקי און די גאַנצע טרופּע האָבן די פּיעסע פיין אויפגענומען. אָבער סטאַניסלאַווסקי האָט דערביי געזאָגט אַנ־סקין, אַז פיל בעסער וואָלט געווען, ווען אַ ייִדישע טרופּע פירט אויף אַזאַ פּיעסע. ייִדישע אַקטיאָרן וואָלטן די אידייע און די טיפן פיל בעסער אַרויסגעבראַכט. אַנ־סקי האָט איינגעשטימט מיט סטאַניסלאַווסקין.

דעם זעלביקן יאָר איז אַנ־סקי אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע, וואו ער האָט



S. ANSKY, *the Author of the "Dybbuk"* ש. אַנסקי—דער מחבר פון „דיבוק״

Sculpture by A. GUDELMAN סקולפטור פון א. גודלמאַן

חיים-נחמן ביאַליק

CHAIM-NACHMON BIALIK

„דיבוק“ ערשטער אַקט — בטלנים סצענע

FIRST ACT OF "DUBBUK", Batlonim Scene—*Professional Worshippers*



"DYBBUK"
Channan — Miriam Elias

„דיבוק"
חנן — מרים עליאס.

איבערזעצט זיין פּיעסע אין יידיש און זי געלאָזט אויפפירן פון דער ווילנער טרופּע.

סטאַניסלאַווסקי האָט דערוויל אויפמערקזאַם געמאַכט צמחן אויף דער פּיעסע, וואָס אַנ־סקי האָט פאַר אים געלייענט, און ווען צמח האָט שפּעטער איבערגעלייענט דעם „דיבוק", קודם אין יידיש און דערנאָך אין ביאַליקס העברייאישער איבערזעצונג, זיינען די אַקטיאָרן פשוט פאַרליבט געוואָרן אין דער פּיעסע. אמת, דער „דיבוק" איז נישט געווען אַ פּיעסע מיט סאָציאַלן אינהאַלט, מיט קאַמף, אָבער דערפאַר איז אין איר געווען אַזויפיל וואונדערלעכער פאָלקלאָר. אַ וואונדערלעכע לעגענדע מיט גרויסע מעגלעכקייטן פאַר שפּיל און רעזשי.

עס איז, נאַטירלעך, פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז די לעגענדע פון „דיבוק" קאָן נישט אויפגעפירט ווערן גלאַט אַזוי. עס פאָדערט זיך אַ מייסטער־רעזשיסאָר מיט אַ סך פאַנטאַזיע, וואָס זאָל די פּיעסע פאַרוואַנדלען אין אַ מאָנומענט פאַר דער טראַדיציע פון יידישן בית־המדרש; וואָס זאָל פאַרקערפּערן די יידישע נגידים און קבצנים, דעם שיר־השירים און די צדיקים מיט די חסידים. מען האָט געפילט, אַז די פאָרשטעלונג מוז האָבן אַ לבוש, אַ ספּעציעלע פאָרמע — אַ קינסטלעריש־יידישע געשטאַלטונג. אָבער ווי אַזוי דאָס אַלץ זאָל אַרויסגעבראַכט ווערן, דאָס האָט מען איבערגעלאָזט צום מייסטער, צו וואַכטאַנגאָוון, וועלכער איז נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון סאַניטאָריום.

עס איז געבליבן, אַז קודם־כל זאָל מען צוציען נאָך מענטשן. עס זיינען באַלד געדרוקט געוואָרן מודעות אין רוסיש און העברייאיש, און פאַרלאַנגט נייע מענטשן אין דער „הבימה"־סטודיאָ, וואָס זאָלן זיך גלייך מעלדן פאַר עקזאַמענס. די מודעות זיינען צעקלעפּט געוואָרן אין די גאַסן, אויף ווענט, אויף פּלויטן, אויף טויערן און פענצטער. זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די גרויסע קאַמף־פּלאַקאַטן פון יענער שטורעמדיקער צייט, און אויף זייער אייגענעם שטייגער, אויך גערופן נאָך הילף...

דערוויל איז אָנגעגאַנגען אַ פיבערדיקע צוגרייטונגס־אַרבעט אין דער פויע פון טעאַטער. עס שטייט אַ סטאָליאַר און אַרום אים מאַסן ברעטער, און באַ דער זייט שטייען פאַרפרוירענע הבימהניקעס און קלייבן אויף די סטרוזשקעס פון דער ערד. זיי קלייבן שפּענדלעך פאַר דעם אייוועלע . . .

אויבן, אין קאַנטאָר, זיצט אַ מיידל און פאַרשרייבט די נעמען פון די נייע קאַנדידאַטן, וואָס קומען זיך רעגיסטרירן פאַר די עקזאַמענס. די „אַלטע גוואַרדיע", מיט צמחן בראש, זיצן אויסגעזעצט באַ אַ לאַנגן גרינעם טיש, און מען רופט אַריין דעם ערשטן קאַנדידאַט. ער שטעלט פאַר אַ סצענע, וואָס איינער פון די „ריכטער" האָט צוגעטראַכט אויפן אָרט, און אויף מאָרגן לאָזט מען אים וויסן דעם רעזולטאַט.

צווישן די, וואָס האַלטן אָפּ עקזאַמענס, זיינען פאַראַן ווינציקע, וואָס קאָנען העברייאיש, דערלויבט מען זיי צו לייענען אָדער שפּילן די סצענע אין דער שפּראַך, וואָס איז זיי באַקאַנט. דערביי קומען געוויינלעך פאַר קאָמישע מאָמענטן. יעדער קאַנדידאַט וויל פאָרט ווייזן, אַז ער איז נישט אינגאַנצן קיין עם־הארץ, אַז ער קאָן העברייאיש. און אַז מען פרעגט אים, וואָס ער קאָן דעקלאַמירן, רופט ער גלייך אָן דעם נאָמען ביאַליק. אָבער עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ניין פון צען קאָנען די איינע זאַך ביאַליקס — „על השחיטה". זיי האָבן דעקלאַמירט און דערביי געוואָרפן מיט די הענט און פיס, געשריען, געביילט די פויסטן און ביז הייזעריקייט געפּאָדערט: „אם יש בכם אל!" איינער איז אַריין אין אַזאַ עקסטאַז, אַז ער האָט זיך אַזש צעבראָכן די ברילן און געמוזט בלייבן שטיין אין מיטן דער דעקלאַמאַציע. פון אים האָט זיך געעגאַסן אַ שוויס און ער בעט, אַז מען זאָל אים דאָס מאָל אָפּלאָזן, ווייל ער האָט שוין מער קיין כוחות נישט.

פרעגט אים איינער:

— יונגערמאַן, פאַרוואָס קלייבט איר אויס אַזאַ שווערע זאַך?

און דער בחור ענטפערט גאַנץ נאַאיוו:

איך— האָב ליב אַ שווערע האַרעוואַניע.

טייל פון די קאַנדידאַטן זיינען שוין פריער געווען אין אַנדערע דראַמאַטישע געזעלשאַפטן, אָבער די מערסטע האָבן נישט געהאַט קיין דערפאַרונג.

די עקזאַמענס ענדיקן זיך, און די רעזולטאַטן זיינען, פונדעסטוועגן, גלענצנדיקע. מען קלייבט אויס אַ גרופּע פון 15 נייע סטודענטן, מען אַנגאַזשירט אַ לערער, וואָס זאָל זיי באַקענען מיט די גרונט־אידייען פון סטאַניסלאַווסקיס שיטה, מיט פּלאַסטיק, ריטם, גרים, א. אַז. וו. די צימערן פון דער „הבימה"־סטודיאָ ווערן פאַרהילכט פון דער ניי־צוגעקומענער יוגנט־ענערגיע. יענע, וואָס קאָנען נישט קיין העברייאיש, שטודירן די שפּראַך מיט דעם בעסטן פּעדאַגאָג, וואָס די „הבימה" האָט נאָר געקאָנט קריגן, אַ גרויסער פריינט פון טעאַטער. ער לערנט זיי נישט בלויז די עלעמענטן פון דער העברייאישער שפּראַך, נאָר אויך תנ"ך און די מאָדערנע העברייאישע ליטעראַטור.

די לערערין (די באַוואוסטע שוישפּילערין און רעזשיסאָר פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער) ס. בירמאַן האָט געהאַט די אויפגאַבע פון צוגרייטן די נייע סטודענטן פאַר זייער ערשטער באַגעגעניש מיט וואַכטאַנגאָוון. די נייע גרופּע פירט איין איר אייגענע דיסציפּלין, לויט די מוסטערן פון דער אַלטער גרופּע. די אַרבעט ווערט געטאָן פלייסיק און סיסטעמאַטיש. איינער ווערט באַשטימט אויפצונעמען די נייע מענטשן און זיי מאַכן פילן באַקוועם. זיין אויפגאַבע איז אויך געווען צו אינפאָרמירן די נייע קאַנדידאַטן מיט אַלע דע־

טאַלן פון דער פאַרשטעלונג. אַנדערע זיינען געשטאַנען בײַ דער טיר, אַלס „אַשערס", און נאָך אַנדערע האָבן באַדאַרפט זיין די „שומרים" אויף דער בינע, זען אַז אַלץ זאָל זיין אין פלאַץ און אין צייט.

די נייע קאַנדידאַטן האָבן געוויינלעך בעסער געוואָלט זיין הינטער די קוליסן. דאָרט האָבן זיי זיך געקאָנט צוקוקן ווי מען מאַכט דעם גרים, און אַזוי ווייטער. עס איז דעריבער קיין וואונדער, וואָס די „הינטער קוליסן קאַנדידאַטן" האָבן זיך באַטראַכט פאַר די גליקלעכסטע. זיי האָבן זיך געפילט, אַז זיי שטייען שוין מיט אַ פוס אין סאַמע קדשי־קדשים...

וואַכטאַנגאָוו האָט גערעדט וועגן דער בינע מיט גרויס יראת־הכבוד. ער פלעגט זאָגן: — געדענקט, אייער אויפגאַבע אויף דער בינע איז: צו באַגייסטערן, לערנען, זאָגן מוסר, און דערפאַר מוז די בינע זיין הייליק פאַר אייך.

און טאָמער האָט ער באַמערקט אימיצן דורכשפּאַצירן די בינע אין אַ היטל, אין קאַלאָשן, אָדער אָנגעטאָן אין מאַנטל, איז דאָס געווען די גרעסטע באַליידיקונג פאַר אים. ער פלעגט מיט צאָרן זיך אַרויפכאַפּן אויף דעם סטודענט, און נישט מיט זידל־ווערטער, נאָר מיט טיפער ערגערניש פלעגט ער אים זאָגן, אַז דערמיט באַליידיקט ער זיך אַליין, אַז ער דאַרף האָבן מער אָפּשיי פאַר דער בינע און זיך נישט באַציען צו איר ווי צו אַ שטאַל.

וואַכטאַנגאָוו האָט דערהויבן די גאַנצע אַרומיקע סביבה, און עס איז דערפאַר קיין וואונדער נישט, וואָס יעדער סטודענט איז ממש געווען גליקלעך ווען מען האָט אים געלאָזט שטיין אויף דער בינע, דערלאַנגען אימיצן אַ גלאָז וואַסער, עפּעס צוגרייטן אָדער צונעמען.

מיטאַמאָל — אַ גרויסער יום־טוב צווישן די „יונגע". היינט דאַרפן זיי זיך באַגעגענען צום ערשטן מאָל מיט וואַכטאַנגאָוון! ער וועט אויסקלייבן די, וואָס וועלן אָנטיילנעמען אינם „דיבוק".

וואַכטאַנגאָוו, אַ הויכער, מיט אַ כאַראַקטעריסטישער אַרמענישער נאָז, מיט אָדלער־אויגן, אַ דאַרן פּנים, אַ שלאַנקער, נעט אָנגעטאָן, באַקענט זיך מיט די יונגע, פרעגט זיי אויס, שמייכלט גוטמוטיק און טיילט יעדן אויס אַן אַנדער אויפגאַבע. די יונגע זיצן און קאָנען זיך נאָך אַלץ נישט גלויבן, אַז דאָס קומט טאַקע פאַר אויף אַן אמת. עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז וואַכטאַנגאָוו אַליין זאָל זיך פאַרנעמען מיט זיי... אָבער וואַכטאַנגאָוו הויבט זיך אויף און זאָגט צו די נייע קאַנדידאַטן, אַז פון היינט אָן און ווייטער גייען זיי אַריין אָפיציעל אין דער „הבימה"־גרופּע.

די פרייד פון די יונגע מענטשן איז גאָר נישט איבערצוגעבן. מען האָט זיך געדריקט די הענט און געטאַנצט פון שמחה. דער אָוונט האָט זיך שוין פאַרענדיקט גאַנץ שפּעט, אָבער ווער האָט געקלערט פון שלאָפן? מען האָט בלויז געקלערט פון דער גרויסער געשעעניש, פון דעם נס צו אַרבעטן צוזאַמען מיט וואַכטאַנגאָוון!

מיט וואַכטאַנגאָוון

צום ערשטן מאָל האָט זיך די גרופּע דערפילט ווי אַ קאָלעקטיוו, ווען עס איז אָפיציעל געוואָרן אויס „יונגע און אַלטע“ (איך זאָג אָפיציעל, ווייל אומאָפיציעל, איז נאָך געבליבן דער אונטער־שייד). די אויפגאַבן פון דער גרופּע זיינען געוואָרן אַלגעמיינע, די פּאַר־אַנטוואָרטלעכקייטן — קאָלעקטיווע, און ווייל עס האָט זיך דאָ ניט געהאַנדלט אין פּאַרדינסטן, פון „מאַכן אַ לעבן“, און ווייל יעדער האָט געאַרבעט אויף אַ רעגירונגס־שטעלע, און אין אָוונט גלייך אין סטודיאָ, אַרבעטנדיק אַמאָל ביזן פרימאָרגן, און ווייל מען פלעגט צוהונגערן אַלע צוזאַמען, — האָט יעדער געפילט נאָך מער די פּאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס ליגט אויף אים. צו דער אַפּערווילקייט פון דעם יחיד צום קאָלעקטיוו איז גאָר קיין גרע־נעץ נישט געווען. עס איז פּאַר קיינעם נישט געווען קיין צו שווערע אַר־בעט, אין וואָס די אַרבעט זאָל נישט באַשטיין, סיי טעכניש, סיי קינסטלעריש. אָט אין אַזאַ גייסט איז דערצויגן געוואָרן דער ערשט־באַשאַפענער קאָלעק־טיוו, און מיט דעם מאַטעריאַל האָט וואַכטאַנגאָוו אָנגעהויבן זיין אַרבעט אויפן „דיבוק“.

ווי איך האָב פריער באַמערקט, איז דער „דיבוק“ אויפגענומען געוואָרן אין רעפּערטואַר נישט ווייל עס איז געווען אַ פּיעסע, וואָס האָט געקאָנט באַפרידיקן דעם גאַנצן קאָלעקטיוו, נאָר גיכער ווי אַ מיטל צום ציל, וואָס האָט געדאַרפט זיין די ערשטע גרויסע פּיעסע, וואָס זאָל אונדז געבן די געלעגנהייט צו לערנען זיך אויף איר, ניט נאָר ווי אַזוי צו אַרבעטן אויף אַ ראָל, נאָר אויך ווי אַזוי צוצוטרעטן צו דער פּיעסע אַליין. און די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן.

קודם־כל לייענט מען איבער די פּיעסע פאַרן קאָלעקטיוו. דאָס איז דער ערשטער עטאַפּ, אין וועלכן דער קאָלעקטיוו באַקענט זיך מיט אַלע טיפּן, מיט די סיטואַציעס, אומשטענדן, און צום שלוס, ווען די פּיעסע ווערט איבער־געלייענט, דאַרפן מיר אויסגעפינען די הויפּט־אידייע וואָס דער מחבר וויל אַרויסברענגען אין דער פּיעסע. הויבט זיך אָן אַ דיסקוסיע וואָס מאַכט מעגלעך פאַרן קאָלעקטיוו צו באַקענען זיך מיט די געדאַנקען פון דעם מחבר. אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן, אַז זוכנדיק די אידייע פון דער

פיעסע, אָדער ווי מען רופט עס אָן אויף טעאַטער־לשון: „חוט השני״, דער רויטער פאָדעם, האָבן מיר באַשלאָסן אָנצורופן די פּיעסע מיט איר צווייטן נאָמען וואָס אַנ־סקי האָט געגעבן: „צווישן צוויי וועלטן״. נאָך אַ סך לאַנגע דיסקוסיעס האָבן מיר אויסגעפונען, אַז אַנ־סקי האָט געוואָלט ווייזן די וועלט פון די בטלנים, קבצנים, די וועלט פון די סענדער־גבירים, אַ וועלט פון צדיקים, רבנים, גבאים, חסידים, ווי אויך די וועלט פון חנן, וואָס האָט דורך קבלה געוואָלט געפינען דעם וועג צו ליבע.

בלייבנדיק באַ די צוויי וועלטן זיינען שוין געצויגן געוואָרן פּאַראַלעלן צווישן סצענע און סצענע, צווישן בילד און בילד, און דערפאַר זיינען גע־ווינלעך אויך די בעטלער אין צווייטן אַקט געווען אין דער וועלט פון באַ־ליידיקטן חנן.

די צווייטע פאַזע איז געווען צו לייענען דעם טעקסט און געפינען דעם געדאַנק, וואָס איז באַהאַלטן אונטערן טעקסט; דאָס האָט געהייסן אַז אויב אימיצער לייענט איבער אַ פראַזע, דאַרף ער אויסגעפינען וואָס דער שרייבער מיינט. „צום ביישפּיל״, פלעגט זאָגן וואַכטאַנגאָוו, „אויב אימיצער פרעגט באַ אייך האַלט דער זייגער, קאָן מען דאָך די פראַגע פרעגן מיט צענדליקער אינטאָנאַציעס: דער וואָס פרעגט וויל נישט וויסן באמת וויפיל דער זייגער האַלט, נאָר ער וויל אייך, למשל, געבן אָנצוהערענישן, אַז איר האָט זיך פאַרזעסן, אַז עס איז שוין שפעט; אָדער איר וואַרט אויפן דאָקטאָר און יעדע מינוט איז וויכטיק פאַר אייך. עס קאָן אויסגערעכנט ווערן אַ לאַנגער צעטל מיט ענלעכע אומשטענדן און יעדעס מאָל וועט די אינטאָנאַציע דאַרפן קלינגען אַנדערש. דערפאַר זוכט מען דעם אונטער־טעקסט״.

ווען די אַרבעט פון אונטער־טעקסט ווערט פאַרענדיקט, זוכט מען דעם אינערלעכן פאָדעם פון יעדן אַקט באַזונדער, פון יעדער סצענע, ביז מען קומט צו צום אַקטיאָר, וואָס דאַרף פערזאָניפיצירן דעם געדאַנק. פלעגט זיך אָנהויבן די אַרבעט אויף עטיודן. די עטיודן זיינען אייגנטלעך געווען וואַכטאַנגאָווס אַן עקספערימענט אויף אימפּראָוויזאַציע. האָט דער אַקטיאָר באַדאַרפט אַרויפגיין אויף דער בינע און צוזאַמען מיט זיין שותף אימפּראָ־ווייזירן אַ געוויסע סצענע פון דער פּיעסע, אָדער, בעסער געזאָגט, אַרום דער פּיעסע. עס פלעגן גענומען ווערן סיטואַציעס, זייער נאָענטע צו די פון דער פּיעסע, וואָס פלעגן פאַרפאַסט ווערן פון איינעם פון דער גרופּע. עס ווערט געגעבן אַ טעמע, און די וואָס דאַרפן שפּילן די טעמע, דאַרפן אַנט־וויקלען זי מיט ווערטער, מימיק, פאַנטאַזיע, פאַנטאָמימע. דעם גאַנצן עטיוד פלעגן די שפּילער דאַרפן פאַנאַנדערוויקלען אַליין, זייענדיק אויף דער בינע, אימפּראָוויזירן, און אויך צוטראַכטן אַ שלוס.

דאָס האָט אין אַ גרויסער מאָס געהאָלפן דעם שפּילער צו אַנטוויקלען

זיין פֿאַנטאַזיע, זיין שוואונג. די שפּילער פֿלעגן זיך אַרויסוויזן אין די אימפּראָוויזאַציעס אויף אַזוי פֿיל, אַז מען האָט בפּירוש געקאָנט זען פֿאַר זיך ווער פֿון די שפּילער האָט פֿאַנטאַזיע, פֿלינקייט, געשיקטקייט, בויגעוודיקייט, און בינע־קלוגשאַפֿט, ווי אויך די אומבאַהאָלפֿנקייט פֿון די וואָס, האָבן קיין שום פֿאַנטאַזיע נישט אַרויסגעוויזן, נאָר פּשוט געפּרוּווט צו ציִען פֿון מוח, צוטראַכטן אויף דער בינע זאַכן וואָס זיינען אפֿשר געוועזן לאָגיש, אָבער בשום אופֿן נישט קינסטלעריש. מען האָט בפֿרוש געקאָנט זען ווי דער שפּילער שטייט און טראַכט: „נו, וואָס טוט מען ווייטער?" ער פֿלעגט שוויצן, האָרעווען, אָבער צו קיין וויכטיקע רעזולטאַטן פֿלעגט ער נישט קומען.

אין דער זעלביקער צייט פֿלעגן די עטיודן פֿון די באַגאַבטע שפּילער זיין אינטערעסאַנט. זיי פֿלעגן פֿאַרכאַפּן, און ניט איינמאָל פֿלעגן אַזוינע עטיודן ווערן איינגעחזרט אַלס מוסטערן. די אַרבעט אויף דער ראָל פֿלעגט האָבן עטלעכע סטאַדיעס. די ערשטע איז געווען: דער איינדרוק וואָס די ראָל האָט געמאַכט אויף אייך בשעת די פּיעסע איז געלייענט געוואָרן. אָט דער מאָמענט איז געווען דער וויכטיקסטער אינם „לעבן" פֿון דער ראָל. די צווייטע איז געווען: די אויפֿגאַבע פֿון דעם כאַראַקטער אין דער פּיעסע, זיין מיסיע אין דער קייט פֿון געשעענישן; און די דריטע סטאַדיע איז געווען: „אַרומריידן" די ראָל. דאָס האָט געהייסן צו „דערגאַנצן" דאָס לעבן פֿון דער ראָל. אויב, למשל, אייער לעבן אויף דער בינע האָט זיך געצויגן 30 יאָר, האָט איר מיט אייער פֿאַנטאַזיע, און מיט דער הילף פֿון אייערע מיטשפּילער, געדאַרפֿט דערגאַנצן דאָס לעבן פֿון דעם מענטשן, כדי מען זאָל פֿילן ווי אַזוי ער איז געוואַקסן, ווי אַזוי ער האָט זיך דערצויגן. אַזוי אַרום פֿלעגט אייך און אַלע מיטשפּילער ווערן קלאָר, ניט נאָר די פֿאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך די צוקונפֿט, דאָס הייסט, דאָס לעבן פֿון דעם דאָזיקן מענטשן נאָך דער פֿאָרשטעלונג.

דורך אָט די עטיודן פֿלעגט דער מענטש ווערן אַ גאַנצער, אַזוי אַז ער האָט געוואוסט „מאין אתה בא ולאן אתה הולך"... עס זיינען געווען, געוויינלעך, סקעפּטיקער, אַזוינע, וואָס פֿלעגן קוקן מיט ביטול אויף דער אַרבעט. „צו וואָס דאַרף מען דאָס?"... אָבער זייער ביטול האָט קיין ווערט נישט געהאַט, ווייל יעדער פֿון אונדז האָט נאָך די עטיודן, נאָך דער אַרבעט פֿון „דערגאַנצונג", געפֿילט אַ סך לייכטער אָנצוהייבן אַרבעטן אויף דער ראָל. עס פֿלעגט ברענגען קאָלאָסאַלע רעזולטאַטן.

„דער אַקטיאָר", האָט וואַכטאַנגאָוו געזאָגט, „מוז ברענגען מיט זיך אויף דער בינע דעם פֿריער־דורכגעלעבטן פּעריאָד פֿון דעם כאַראַקטער, וואָס ער שטעלט פֿאָר. אָן דעם וועט זיין געשטאַלט נישט זיין פֿולקאָם. אויב דער אַקטיאָר וועט קאָנען אַרויסרופֿן אין זיין פֿאַנטאַזיע די פֿאַרגאַנגענהייט

פון דעם געשטאַלט, וועט זיך אים דאַן איינגעבן צו ווייזן דעם צושויער אַ גאַנץ לעבן. דער אַקטיאָר דאַרף ווייזן דעם תוך פון געשטאַלט, און דאָס וואָס ער וועט שאַפן מיט זיין פאַנטאַזיע, וועט זיך געוויס אָפּרופן אויף זיין שפּילן".

דער גאַנצער טעאַטער איז געוואָרן אַ לאַבאָראַטאָריע. ניט נאָר יעדער צימער, נאָר יעדער ווינקל איז פאַרנומען מיט גרופּן. דאָ מאַכט מען עטיודן אויף צדיקים, חסידים, דאָרטן זינגען בטלנים, דאָ טאַנצט מען, און אויבן קומט פאָר אַ געשריי און געפּילדער, דאָרטן מאַכט מען עטיודן אויף די בעט־לער. יעדער בעטלער דאַרף דערציילן, זיצנדיק אין הקדש, ווי אַזוי ער איז געקומען צו דער פינצטערער פּרנסה, פון וואַנען ער שטאַמט, ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ וויסטער קאַליקע; יעדער האָט געוואָלט אַריבערשטייגן דעם צווייטן אַלס קאַליקע. האָט איינער געוואָלט זיין אַ בלינדער אויף איין אויג, האָט דער צווייטער געוואָלט ווערן אַ בלינדער אויףביידע אויגן. איז איינער אַ לאָמער, איז דער צווייטער אַזאַ האָרבאַטש, אַז דעם לאָמען פאַרדריסט שוין וואָס אים איז נישט איינגעפאַלן צו זיין אַ האָרבאַטש.

אַזוי אַרום האָט מען געמאַכט הונדערטער עטיודן מיט די קבצנים. יעדער איינציקער האָט געדאַרפט אין זיין פאַנטאַזיע דערציילן זיין לעבן, נישט קוקנדיק וואָס דער מחבר האָט אים געגעבן אין גאַנצן צוויי ווערטער צו זאָגן. די חכמה איז באַשטאַנען אין דעם אַז מען זאָל שאַפן אַ גאַנץ לעבן, אַליין און זעלבסטשטענדיק. פלעגן זיי זיך צונויפקלייבן, אָט די אַלע קבצנים, זיצן אין פינצטערן הקדש, און אויסדערציילן זייערע ביטערע הערצער. פלוצים פלעגט קומען אימיצער פון דער לאַבאָראַטאָריע, וואו די גבירים פלעגן מאַכן עטיודן, און מען פלעגט אָנזאָגן אַז סענדער בעט צו זיך אויף מאַלצייט. פלעגט מען זיך לאָזן פון אויבערשטן צימער אונטן, יעדער אין זיין פאַזע, יעדער אין זיין שטימונג פון דער פינצטערקייט און ביטערקייט פון זיין גורל. ווער עס האָט נישט געזען אָט די וואונדערלעכע סצענעס און טיפּן, ווי אַזוי יעדער איינער פלעגט זיך שלעפּן אויף די טרעפּ, מיט די שמאַטעס, ווי אַזוי מען פלעגט עפענען די טיר פונם באַלויכטענעם צימער וואו סענדער מיט זיין סוויטע זיצן אויבן־אָן, ווי אַזוי מען פלעגט זיי דערלאַנגען שטיקלעך ברויט, און ווי אַזוי די קבצנים פלעגן זיך אַ לאָז טאָן צו עסן דעם ברויט, די האָבן קיין שענערע מאָמענטן אפילו אין פאַר־טיקן „דיבוק" נישט געזען.

וואָס איז נוגע די שפּילער, איז די וויכטיקסטע אַרבעט געווען אין שאַפן אַ ראָל. מען האָט פאַנטאַזירט, מען האָט זיך צוגעוואוינט צו פאַנטאָ־מים־שפּילן: מימיק איז געווען דער איינציקער מיטל פון אויסדרוק וואָס איז דערלויבט געווען צו נוצן. די אַלע עטיודן פלעגן צוגעגרייט ווערן פון די חברים זעלבסט אונטער דער אויפזיכט פון איינעם אָדער צוויי עלטערע,

און נאָכדעם פלעגן זיי געוויזן ווערן וואַכטאַנגאָוון. ער פלעגט מאַכן די נוי־טיקע באַמערקונגען, און די אַרבעט איבער דער פּיעסע פלעגט זיך אָנהויבן צוזאַמען מיט אים.

אויב וואַכטאַנגאָוו האָט מיט זיין געניאַלן קינסטלערישן חוש געהאָלפן דער „הבימה" צו דערגרייכן אַזאַ שטופע, האָט אים אין דעם געהאָלפן דאָס, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן וואונדערבאַרן מאַטעריאַל, וואָס האָט אים איני־ספּירירט, דערמוטיקט, אָנגערעגט צו דער אַרבעט. עס איז באַשאַפן געוואָרן אַזאַ אַטמאָספער, וואָס האָט פּשוט געמאַכט דעם קינסטלער פילן, ווי אַ באַפעל: — „שאַף!..." און עס איז נישט אמת ווען מען זאָגט: „גיט אונדז אַ וואַכטאַנגאָוון, ער וואָלט שוין אַלץ אויפגעטאָן!..." עס איז נישט אמת, אַז דער געניאַלער רעזשיסאָר וואָלט געקאָנט מיט יעדן איינעם מאַכן אַ גרויסע פאָרשטעלונג. דער גרויסער קינסטלער, ווי געניאַל ער זאָל נישט זיין, קאָן נישט שאַפן אָן די נויטיקע באַדינגונגען. ער קאָן נישט שאַפן פון „אין", עס מוז זיין אַ „יש" — די גרופּע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ קאָלעקטיוון קינסטלערישן „יש", וואָס האָט געוואַרט אויף איר מייסטער.

די אַרבעט פון וואַכטאַנגאָוון איז שוין געווען די מער קאָמפּליצירטע שטופע. ער האָט שוין עקספּערימענטירט, כדי צו קומען צו העכערע שטופן, צו נייע אמתן. ער פלעגט אָנהויבן מאַכן פּראָבן לויט די אַלטע סטאַניס־לאַווסקי־מעטאָדן, און פלעגט פּלוצלונג זיך דערשלאָגן צו נייע טעאָריעס, נייע אמתן אויף דער בינע. עס איז געווען אַ לאַבאָראַטאָריע, און נישט איינמאָל פלעגן זיך די עקספּערימענטן און דיסקוסיעס פאַרציען אַ גאַנצע נאַכט.

פּלוצים קומט וואַכטאַנגאָוו אַרויס מיט אַ נייער דעקלאַראַציע: „קיין שום אויבערפלעכלעכער רעאַליזם! דער טעאַטער האָט זיין אייגענעם רעאַ־ליזם — זיין אייגענעם טעאַטראַלן אמת! דער טעאַטראַלער אמת געפינט זיך אין דעם אמת פון די געפילן, וואָס ווערן איבערגעגעבן אויף דער בינע מיט דער הילף פון ט ע אַ ט ר אַ ל ע מ י ט ל ע ן. אַלץ דאַרף אַרויסגעבראַכט ווערן פאַר דעם צושויער בלויז מיט טעאַטראַלע מיטלען".

אָט דאָ האָט וואַכטאַנגאָוו זיך צעשיידט מיט די וועגן פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער, מיט זיין דערציער סטאַניסלאַווסקי, ווייל, האָט ער געזאָגט, דער מאָסקווער קונסט־טעאַטער, וועלנדיק זיך קעגנשטעלן דער טעאַטראַלער קולטורלאָזיקייט, איז געקומען צום נאַטירלעכן, (ניט טעאַטראַלן) אמת אויף דער בינע. וואַכטאַנגאָוו האָט אָבער נישט געהאַלטן מיט די „מאָדערנע" טעאַטערס, וואָס האָבן געוואָלט איינפירן בלויז טעאַטראַלע מיטלען, און אַזוי אַרום פאַרטרייבן אינגאַנצן דעם נויטיקן אמת פון געפילן. וואַכטאַנגאָוו איז געווען דער סינטעז צווישן די צוויי — ער האָט שפּעטער געפאָדערט פון אונדז דעם אמת פון אונדזערע געפילן, און אין דער זעלביקער צייט אַ

'DYBBUK"

Leah — Channa Rovina

„דיבוק"

לאה — חנה ראָווינה

"DYBBUK", First Act
"Channan's Death"

„דיבוק" ערשטער אַקט
משולח: הציץ ומת...

"DYBBUK"
First Batlan — Ben-Ari
Drawing by N. Kojen

„דיבוק"
ערשטער בטלן — בן־אַרי.
צייכנונג פון נ. קאָזשען

"DYBBUK"—Finale, Second Act
The Beggars Dance

„דיבוק"
דער בעטלער טאַנץ — שלוס פון 2טן אַקט

טעאַטראַלע פאָרמע אין אונדזערע מיטלען ביים שפּילן.

„די געפילן פונם אַקטיאָר דאַרפן זיין נאַטירלעכע, אין וואָס פאַר אַ טעאַטער ער זאָל זיך נישט געפינען, אָבער שפּילן דאַרף ער מיט טעאַטראַלע מיטלען. דער אונטערשייד צווישן די „נאַטוראַליסטישע" מיטלען און די „טעאַטראַלע" איז דער זעלביקער, ווי, למשל, אַז מען דערלאַנגט אַ געבראַ־טענע קאַטשקע אין דער היים, און די זעלביקע אין רעסטאָראַן. דאַכט זיך, אַז די קאַטשקע איז די זעלביקע אין רעסטאָראַן און אין דער היים, אָבער אַז מען דערלאַנגט זי אין רעסטאָראַן ווערט זי פאַרט דערלאַנגט אַזוי אַז עס איז „טעאַטראַליש".

עס איז נישט געווען אַ טאָג וואָס וואַכטאַנגאָוו זאָל נישט קומען מיט נייע אידייען, מיט נייע אמתן פאַרן טעאַטער. עס האָט אין אים געשטורעמט אַ וואולקאַן מיט ענערגיע און דאָס, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, איז געווען נישט גלאַט טעאָריעס אין דער וועלט אַריין; ער פלעגט באַ די פּראָבעס באַלד אויפן פּלאַץ ווייזן ווי אַזוי אין פּראַקטיק דורכצופירן זיינע נייע טעאָ־ריעס. און אַזוי אַרבעטנדיק, איז דער ערשטער אַקט איבערגעאַרבעט גע־וואָרן עטלעכע מאָל. נאָך אַ לאַנגער צייט פון אַרבעט, פון אָנשטרענגונג, פלעגט ער פאַרענדיקן דעם גאַנצן אַקט, און מיר פלעגן דענקען אַז מיר נעמען זיך שוין צום צווייטן אַקט. אָבער ווי איבערראַשט פלעגן מיר ווערן, ווען ער פלעגט זיך נעמען איבער־אַ־נייס צום אָנהויב, צעברעכן אַלץ וואָס ער האָט אויפגעטאָן און געשאַפן, און פלעגט אָנהויבן זוכן אַ נייעם אויסדרוק, אַ נייע פאָרמע. אויב וואַכטאַנגאָוו האָט אין ערשטן אַקט פון „דיבוק" זיך נאָך נישט אינגאַנצן איינגעגעבן צו געפינען אָט די טעאַטראַלע פאָרמע וואָס ער האָט געזוכט, האָט ער זי נאָך לאַנגע מאָנאַטן זוכעניש געפונען אינם צווייטן אַקט.

די נעכט פון זוכעניש מיט וואַכטאַנגאָוון זיינען געווען די שענסטע, די וואונדערלעכסטע, וואָס אַן אַקטיאָר האָט זיך געקאָנט ווינטשן. דו האָסט געזען ווי פאַר דיינע אויגן ווערט געשאַפן אַ נייער טעאַטער, אַ נייער אמת אין טעאַטער. די אויפגאַבן פון די שפּילער זיינען געוואָרן מער פאַראַנט־וואָרטלעך און שווערער; וואַכטאַנגאָוו האָט יעצט געפאָדערט נישט נאָר צו ווייזן דעם אָדער אַן אַנדערן טיפּ, נאָר אויך די באַציאונג צו דעם טיפּ וואָס איר פערזאָניפיצירט.

דער געוואונטשן ווערט געלייגט אויף דער פאָרמע פון אויסדרוק וואָס דערגרייכט ווירטואָזיטעט, און דאָס גיט שפּעטער אַ פאָרמע פאַרן גאַנצן אַקט. ער האָט דערפירט די טיפּן פון די קבצנים צו אַ שטופע פון גראָ־טעסק. יעדער איינציקער פון זיי איז געווען אַ געשטאַלט פאַר זיך, ער האָט רעפּרעזענטירט אַ גאַנצן קלאַס, מיט זיין פאָרם, און אין דער זעלביקער צייט האָט יעדער געשטאַלט זיין אינהאַלט, זיין באַציאונג צום אַרומיקן. אָבער

דאָס הייסט נישט, אַז וואַכטאַנגאָוו האָט געוואָלט זיך באַנוצן מיט דעם ערשט דערפונדענעם מעטאָד פון פאָרמע, און נוצן עס אויך אין די שפּעטערדיקע אַקטן, אָדער אַנדערע פּיעסן. ניין, וואַכטאַנגאָוו האָט געזאָגט אַז יעדע פּיעסע האָט איר אייגענע פאָרמע, יעדער טיפּ אָדער ראָל דאַרף האָבן אַ ספּעציפישן צוגאַנג.

אין צווייטן אַקט האָט ער נאָר געוואָלט אונטערשטרייכן די פּאַרזענעניש, די ביטערקייט, דעם טאַנץ דערפירן צו אַן אַרגיע, צו אַ טראַגיש־פּריילעכן קאַראַהאָד, וואָס זאָל זיין פול מיט סאַטירע. „מיר דאַרפן וויזן", פלעגט וואַכטאַנגאָוו זאָגן, „אַ קאַליקע אַן אויסערגעוויינלעכן, אַ מוסטער. אמת, אפשר וועט איר אין גאַס אויף יעדן שריט און טריט נישט געפינען אַזוינע הויקערס, אָבער זאָגט מיר, פּאַרוואָס, אַז איר גייט אין גאַס און זעט אַ געוויינלעכן אָרעמאַן שטעלט איר זיך נישט אָפּ אפילו, אָבער דערזעט איר נאָר אַן אויסערגעוויינלעכן, באַלד שטעלט איר זיך אָפּ, און אייער פריינט דאָס זעלביקע, און נאָך הונדערטער, צו זען דעם טשיקאַוון מענטשן. אָבער ד י מענטשן זיינען ניט קיין אויסגעטראַכטע, זיי זיינען דאָ; האָבן מיר גענומען זיי, צונויפגעקליבן, און אַוועקגעשטעלט אָט דאָ אויף דער בינע.

אָט דערפאַר האָט וואַכטאַנגאָוו איינגעפירט די גראָטעסק אין צווייטן אַקט. אַ פאָרמע פון אויסדרוק איז געפונען געוואָרן, וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט גענוצט געוואָרן. וואַכטאַנגאָוו איז צופרידן. דער קאָלעקטיוו גייט אַרום ווי אין אַ הינער־פּלעט, און שלאָפט נישט נעכט. די עקאָנאָמישע לאַגע ווערט אַלץ ערגער און ערגער. דער „פּאַיאָק" ווערט פאַרקלענערט. דעם טיי, וואָס מען גיט אַרויס, טרינקט מען מיט אַ שטיקעלע צוקער וואָס ווערט איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּירעלע אַזוי ווי אַ דימענט, און ווערט באַנוצט עטלעכע מאָל. אַרבעטנדיק דורך די נעכט, האָט מען באַדאַרפט מיט עפּעס אונטערהאַלטן דאָס האַרץ, האָט מען ערגעץ אויסגעזוכט אַ פונט הירזש, און באַנאַכט קאָכט מען אָפּ אַ גרויסן טאָפּ מיט זופּ, וואו די הירזשעלעך שווימען ארום עלנטע און פאַרצווייפלטע . . .

דריי אַזייגער אינדערפרי ווערט איבערגעריסן די פּראָבע. וואַכטאַנגאָוו האָט אַ געלעגנהייט זיך צולייגן אָפּרוען. זיין מאָגן־קראַנקהייט, פון וועלכער ער האָט זיך אין סאַניטאַריום געהיילט, קערט זיך אום צוביסלעך, און דאָס מאַכט אים נערוועז. די איינציקע זאַך, וואָס פאַרלייכטערט אים די שמערצן איז סאָדע, אָבער ווי קאָן מען קויפן סאָדע היינטיקע צייטן אין מאָסקווע ? . . . און יעדער פון אונדז זוכט און נישטערט אין גאַס. מען ברענגט דאָס ביסל סאָדע אין פּאַפּירעלעך, און מען גיט עס דעם מייסטער, וועלכער ליגט איצט אַ מידער אויף אַ באַנק. יעדער איינציקער פון אונדז וואָלט אַוועקגעגעבן אַ שטיק פון זיך צו פאַרלייכטערן וואַכטאַנגאָוון.

מיר ענדיקן פריילעכע, מוטיקע, דעם זופּ, די הירזשעלעך ווערן אַרויס־געכאַפּט, און דער גלאָק קלינגט שוין איבער דער געבײַדע. דאָס גייט מען פיר אַזייגער פאַרטאָג אויף פּראָבע. ביז וואַנען?... ביז נאָר וואַכ־טאַנגאָוו וועט נישט מיד ווערן, און מיד ווערט ער זייער זעלטן. לאָזט ער זיך נאָר אַרײַן אין דער אַרבעט, פאַרכאַפּט עס אים אַזוי, אַז ער פילט ניט קיין צײַט. דער מענטש האָט זיך ווי געאײַלט צו אַרײַנכאַפּן וואָס מער אַרבעט. יעדער מאָמענט איז געווען טײַער און וויכטיק פאַר אים, זיצט ער אײַנגעוויקלט אין זײַן מאַנטל, מיט אַ גלאָז וואַסער באַ דער זײַט, און זײַן בליק איז געווענדט צו דער בינע. ער בויט, בויט, און צעברעכט עס, און שאַפט ווידער. זײַנע אײַנפאַלן זײַנען פאַר זיך דאָס העכסטע אין קונסט.

ליכט הויבט זיך אָן אַרײַנגנבענען אַלץ מער און מער דורך די צוגע־מאַכטע לאָדן. אימיצער עפנט זיי אָפּ, און אַ שטראָם פון ליכט רײַסט זיך אַרײַן אין טעאַטער — „זע", וואונדערט זיך וואַכטאַנגאָוו, „שוין טאָג?... נו, איר זײַט אודאי מיד?... לאָמיר הײַנט פאַרענדיקן". אָבער אַהיים גייט מען נישט, מען פאַרזאַמלט זיך אַרום אים, מען לאַכט, מען קאָפּירט די חברים. ער לאַכט האַרציק, און פּלוצלונג גייט ער צו צו דער פּיאַנע, און הויבט אָן שפּילן זײַן אַרמענישן ניגון. אַלע זײַנען שוין לעבן אים, מען זינגט צוזאַמען מיט אים. דער ניגון איז אַ טרויעריקער, אָבער ער הויבט אים אָן זינגען מיט עקסטאַז, און אַלע נאָך אים. דאָס געזאַנג טראָגט זיך איבער דעם גאַנצן טעאַטער. וואַכטאַנגאָוו אין מיטן, מיר אַרום אים, ער פילט וואָס פאַר אַ ליבע דער קאָלעקטיוו פילט צו אים. דער קרײַז ווערט אַלץ ענגער און ענגער, ביז מען הויבט אים אויף אין דער הויך, אויף אַקסלען און הענט, מען הוידעט אים אין דער לופטן, אין ריטם פון זײַן ניגון. ער לאַכט און בעט זיך מען זאָל אים אַפּלאָזן, אָבער מען לאָזט אים נישט אָפּ, מען טראָגט אים אויף די הענט איבערן זאַל, איבער די צימערן, איבער די טרעפּ, ווײַט אין פּאָיע, ביז ער רײַסט זיך אַרויס און וויל אַוועקגיין. מען גייט מיט אים, מען פירט אים אַהיים.

אין דרויסן איז גרויסער טאָג. די „איזוואָזטשיקעס" שטייען פאַרשלאָ־פענע מיט די אויסגעדאַרטע פערדלעך אויף די ראָגן. גויעס אין טולופּן פאַרקויפן קווערטלעך מילך, ערגעץ גייט דורך אַ שיכורער און זידלט זיך. מאָסקווע לעבט אויף לאַנגזאַם און שטיל. קיין טראַמווייען גייען נישט. די גאַסן זײַנען שטיל, רואיק. דער שניי איז טיף.

זאָל מען גיין צופוס אַהיים, מײַלן ווײַט, און זיך אָפּרוען?... און לויפן באַלד צוריק? עלף אַזייגער איז שוין דאָ אין סטודיאָ אַ פּראָבע... גייט מען בעסער צוריק אין טעאַטער. די הרובע איז גרויס, טוליעט מען זיך צו פון אַלע זײַטן, מען דעקט זיך איין, און מען כאַפּט אַ דרימל.

די „הבימה" צווישן אַנ־סקין און וואַכטאַנגאָוו

די אַרבעט אויפן „דיבוק", מיט וואַכטאַנגאָוו, איז אָנגעגאַנגען אינטענסיוו אַ גאַנצן ווינטער. ספּעציעל דורך די נעכט, ווייל באַטאָג האָבן מיר געהאַט פּראָבן אַליין. אַחוץ דעם זיינען געווען אַלערליי שיעורים מיט אַנדערע לערער, ווי מוזיק, גרים, שטימע, פּלאַסטיק. עס זיינען אויך אָנגעפירט געוואָרן אין סטודיאָ אַלערליי אַטלע־טישע איבונגען, ספּעציעל אַקראָבאַטיקע, וואָס איז דעמאָלט געווען זייער אין דער מאָדע. אָבער ווי וויכטיק די אַלע שיעורים זיינען געווען, זיינען זיי אָבער געווען אַ טעכנישע זאַך, אין דער צייט ווען די פּראָבן מיט וואַכ־טאַנגאָוון זיינען געווען שטונדן פון שאַפן, פון גייסטיקן פאַרגעניגן, אויף וועלכע יעדער האָט געוואַרט מיט אומגעדולד. לאָז נאָר וואַכטאַנגאָוו גיבן צו וויסן, אַז ער קומט אויף אַ פּראָבע 12 אַזייגער באַנאַכט, אָדער איינס אַזייגער, נאָך זיין שפּילן, קומט מען און מען וואַרט אויף אים. און לאָז זיך טרעפן אַ סיבה וואָס ער פאַרהאַלט זיך אויף עטלעכע שעה,וואַרט די גאַנצע גרופּע געדולדיק, און ווען ער זאָגט ניט אָן דורכן טעלעפאָן, אַז עפּעס וויכטיקס האָט אים פאַרהאַלטן און ער קאָן נישט קומען, וואָלט מען זיך נישט צוגאַנגען ביז פרימאָרגן — מען וואָלט געוואַרט, און עס וואָלט נישט געווען שווער.

אַ סך מאָל האָט טאַקע געטראָפן, אַז די פּראָבן פלעגן זיך אָנהויבן דריי אַזייגער באַנאַכט. אַן אויסגעמאַטערטער נאָך דער פאָרשטעלונג, פלעגט וואַכטאַנגאָוו אַריינקומען און פלעגט זיך לאָזן גיין גלייך אין טעאַטערל אַריין. ער פלעגט נאָר דאַרפן אַ שמייכל טאָן און זאָגן: — „אַנטשולדיקט, סטאַניסלאַווסקי האָט פאַרהאַלטן", און אַלע פלעגן זיך צעלאַכן. אַלע האָבן געוואוסט גאַנץ גוט, אַז סטאַניסלאַווסקי האָט אים נישט פאַרהאַלטן, אָבער סטאַניסלאַווסקיס נאָמען פלעגט ער דערמאָנען נאָר צוליב דעם, ער זאָל מער נישט דאַרפן זיך פאַרענטפערן. עס האָט געהייסן: — „עס איז געווען אַזוי וויכטיק, ווי סטאַניסלאַווסקי זאָל מיך פאַרהאַלטן"... דערפאַר, אַז ער פלעגט שוין אַמאָל פאַרשפּעטיקן אויף אַ פּאָר שטונדן, פלעגן מיר זיך אויסשטעלן אין אַ שערענגע און אים מקבל־פּנים זיין אויפן שוועל מיט אַ דעקלאַמאַציע: — „אַנטשולדיקט, סטאַניסלאַווסקי האָט פאַרהאַלטן". ער פלעגט זיך צעלאַכן, און פלעגט שנעל לויפן אין טעאַטערל. איין אויסגעשריי

פון אים: „אויף דער בינע!" און אַלע זיינען שוין געשטאַנען גרייטע אויף דער בינע — גרייט צו אַרבעטן און צוהערן זיך צו יעדן וואָרט, וואָס וועט קומען פון דעם, וואָס זיצט איינגעגנורעט אין זיין פוטער, אין דער קליינער לאָזשע.

דער ערשטער אַקט איז שוין געווען פאַרטיק. דער צווייטער האָלט שוין באַם פאַרענדיקט ווערן, און קיין געלט איז נישטאָ פאַר דעקאָראַ־ציעס, פאַר קאָסטיומען, פאַר גרים, פאַר מוזיקער. עס הויבן זיך אָן פאַר־זאַמלונגען פון דער אַקטיווער גרופּע מיט צמחן בראש. די פאַרזאַמלונגען באַ צמחן אין צימער, זיינען געוואָרן אָפטער און געהיימער. מען זעט אַז עפּעס איז נישט גלאַט. עס גייען אַרום קלאַנגען אין טעאַטער אַז עס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן שילוחים אין אַלע עקן פון מאָסקווע, צו פריינט, פאַרערער פון דער „הבימה", מען זאָל ראַטעווען, מען זאָל לייען געלט. אָבער נאָך די שטימונגען פון דער איניציאַטיוו־גרופּע, איבערהויפּט פון צמחן, וואָס האָט געהאַט אַ ספּעציעלן חוש אויסצובאַהאַלטן אַזוינע זאַכן פון דער גרופּע, האָט מען געקאָנט זען, אַז דערווייל זיינען די רעזולטאַטן זייער קלאָגעדיקע. עפּעס האָט מען זיך שוין צו אָפט געשושקעט און אייניקע חברים, וועלכע מען האָט אַרויסגעשיקט פאַר שתדלנים, האָבן שוין צו אָפט אָנגעהויבן אָפּוועזנד זיין פון די פּראָבן. דאָס האָט באַטייט אַז עס גייט צו שווער. אָבער ווי אַ בליץ פאַרשפּרייט זיך די נייעס איבערן טעאַטער, אַז אַלטמאַן, דער באַוואוסטער מאָלער, קומט היינט זען אַ פּראָבע, און אַז ער איז דער, וואָס וועט מאָלן דעקאָראַציעס.

דאָס האָט באַדאַרפט הייסן, אַז די פינאַנציעלע שוועריקייטן זיינען שוין ווידער איבערגעקומען געוואָרן. עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען געבראַכט צופירן אין טעאַטער צווי פורן מיט געהילץ, עס זיינען געקומען סטאָ־ליאַרס, אַלטמאַן האָט זיך אַריבערגעקליבן מיט זיין „האָב און גוטס" אין אַ צימער פון טעאַטער, און דער טעאַטער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שאַפּ. מען האָט געשניטן, געזעגן, געמאָלט, געקאַלכט. פאַר די אַקטיאָרן, וואָס האָבן געהאַט אייוועלעך, האָט זיך געעפנט אַ נייער קוואַל פון סטרוזשקעס. אין אַ פרייער צייט פלעגן זיי שטיין מיט די קאָרזינעס אַרום די סטאָליאַרס און אַרויסקוקן אַז די סטרוזשקעס זאָלן זיך גאָרנישט ענדיקן צו פליען אונטער די העבליעס. אַלע סטודענטן זיינען איינגעטיילט געוואָרן אין גרוּ־פּעס צו העלפן די אַרבעטער. טייל האָבן געגנייט, טייל האָבן געשלעפּט געהילץ אויף דער בינע, טייל האָבן געשמירט די לייוונט מיט פאַרב. יעדער האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל און מען האָט זיך פאַרוואַנדלט אין פלייסיקע אַרבעטער.

אין טעאַטער האָט געקאָכט. מען האָט געאַרבעט ווי די בינען, ביז דער ערשטער אַקט איז כמעט אינגאַנצן פאַרטיק געוואָרן. פאַרן צווייטן

אַקט האָט שוין געפעלט געהילץ. וואָס־זשע טוט מען? רופט מען אַ פאַר־זאַמלונג מיט וואַכטאַנגאָוון און מען באַשליסט אויפצופירן דעם ערשטן אַקט פאַר יחידי־סגולה, פאַר אַבאָנענטן, און פון דער איינגאַמע זאָל מען מאַכן דעקאָראַציעס פאַרן צווייטן און דריטן אַקט. אָבער עס ווייזט זיך אַרויס, אַז קיין מיטלען זיינען נישטאָ אפילו פאַר די פרימיטיווסטע דעקאָ־ראַציעס, ליכט און קאָסטיומען, צו ווייזן דעם ערשטן אַקט אַלס אַ גאַנצן. וואָס־זשע טוט מען? דאַרף מען איינאָרדענען אַן אָוונט, צו וועלכן עס זאָלן איינגעלאַדן ווערן די פאַרבליבענע גבירים פון מאָסקווע, אפשר וועלן זיי קומען צו הילף. צו אָט די אָוונטן פלעגן מיר איינלאַדן גוט־באַקאַנטע כחות פון דער מוזיקאַלישער וועלט. וואַכטאַנגאָוו פלעגט איינלאַדן אַקטיאָרן פון אַנדערע רוסישע טעאַטערס, זיינע חברים, און אַליין פלעגט ער קומען שטענדיק מיט זיין בעסטן פריינט, דעם באַרימטן רוסישן שוישפּילער, מי־כאַיל טשעכאָוו, אַ פלימעניק פון דעם גרויסן רוסישן הומאָריסט אַנטאָן טשעכאָוו. און כדי צו כאַראַקטעריזירן וואַכטאַנגאָווס באַציאונג צו דער „הבימה“, וויל איך דאָ איבערגעבן דעם פאָלגנדיקן עפּיזאָד:

ווען די פּראָגראַם פון דעם אָוונט איז כמעט ווי געווען פאַראיבער, מען האָט אָפּגעטרונקען דעם טיי מיט די, אַזוי צו זאָגן, זעמעלעך, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי קליינע שמירה־מצהלעך מיט אַ פאַרחלשטן אויסזען. אמת, קיין טעם גן־עדן האָבן אָט די זעמעלעך נישט געקאָנט האָבן, אָבער דערפאַר זיינען זיי סערווירט געוואָרן מיט אַזויפיל פּאַראַד, אַז דאָס אַליין האָט זיי געגעבן אַ געוויסע חשיבות. ווען דאָס אַלץ איז אויפגעגעסן געוואָרן און מען האָט באַדאַרפט צוטרעטן צו דעם עיקר... איז ווי אַלעמאָל און אומעטום אין אַזוינע פאַלן, דער עולם זייער פויל אויף אַזוינע זאַכן. עס איז שטיל אין זאַל, אומעטיק־נודנע — מיר האָבן אונדזער ציל נישט דער־גרייכט. מיר האָבן אומזיסט אַלע געאַרבעט, מיר האָבן נאָר אומזיסט זיך מטריח געווען. אומזיסט זידן סאַמאָוואַרן, אומזיסט געגעבן זיי טיי אפילו מיט צוקער. אמת, דער צוקער איז געווען צעברעקלט אויף אַזוינע שטיקע־לעך, אַז איבערעסן זיך האָט מען נישט געקאָנט. דאָס איז געטאָן געוואָרן קודם־כל צוליב דעם, אַז זיי זאָלן נישט מאַכן חס וחלילה זיסע טיי און, צווייטנס... איך דענק, אַז קיין צווייטע אורזאַך איז גאָרנישט געווען.

און פּלוצלינג זעען מיר וואַכטאַנגאָוון אָנגעטאָן אין אַ ווייסן פאַרטוך, מיט אַ ווייסער טיכל אין האַנט, אַלאַ־גאַרסאָן, טראָגט צו יעדן איינציקן טיי. דאָס זעלביקע האָט געטאָן זיין פריינט טשעכאָוו. קיינער האָט נישט פאַר־שטאַנען וואָס דאָס זאָל הייסען, אָבער אינגיכן איז אַלץ קלאָר געוואָרן: פאַר יעדן גאַסט פלעגט וואַכטאַנגאָוו אויסטאָן דאָס היטל און בעטן אַריינוואַרפן „נאַ־טשאַי“. און די זעלביקע זאַך האָט געטאָן טשעכאָוו. און וואונדער איבער וואונדער, עס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן פינפערלעך מיט צענערלעך.

עס איז געוואָרן אַן אַנדער שטימונג אין זאַל. איינער האָט געוואָלט איבערשטייגן דעם צווייטן. עפּעס אַ קלייניקייט: וואַכטאַנגאָוו מיט טשעכאָוון טראָגן אונטער טיי. אָבער וואַכטאַנגאָוו, צונויפקלייבנדיק צוויי היטלען מיט געלט, האָט זיך נישט באַנוגנט. זיין פּאַנטאַזיע האָט געאַרבעט, פּאַר אים איז דאָס שוין געווען אַ שטיקל טעאַטראַלישע יצירה. ער האָט געדאַרפט אויסנוצן אַלץ און אָנווענדן אַלע מיטלען, אַז די קעשענעס זאָלן זיך עפענען. און מיר זעען אַ בילד: וואַכטאַנגאָוו שטייט אויף אַ בענקל און פּאַרקויפט פּער אַקציאָן טשעכאָוון, וואָס שטייט לעבן אים מיט אַזאַ רחמנות־פּנים, אַז מ׳וואָלט געקאָנט פּלאַצן פון געלעכטער, און עס הויבט זיך אָן אַ „טאָרג״. די יידן האָבן זיך דערוואַרימט און מען האָט געצאָלט געלט ביזן ווייסן טאָג אַריין.

מיכאַיל אַ. טשעכאָוו איז „פּאַרקויפט״ געוואָרן פּאַר זייער אַ פיינעם פּרייז, און דורך דעם וואונדערלעכן איינפאַל פון וואַכטאַנגאָוון און אַ דאַנק דעם געניאַלן שפּילן פון טשעכאָוון, האָט די „הבימה״ אויף מאָרגן געקויפט דעם נויטיקן מאַטעריאַל. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען שוין געשפּילט דעם גאַנצן ערשטן אַקט פאַר אַ געקליבענעם עולם. דער עקספּערימענט צו שפּילן איין אַקט האָט זיך איינגעגעבן אַזוי, אַז מיר האָבן עס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. און אַזוי, שפּילנדיק, האָט דער עולם צוביסלעך צעטראָגן די נייעס וועגן אַ נייעם אַקט וואָס די „הבימה״ שפּילט און מענטשן האָבן אָנגעהויבן זיך נאָכפרעגן אויף בילעטן.

אַז דער צווייטער אַקט איז געוואָרן פאַרטיק, האָט מען דאָס זעלביקע געטאָן. מען האָט עס געשפּילט אַלס אַ באַזונדערע זאַך, און דער עולם האָט עס אויפגענומען מיט באַגייסטערונג. אייגנטלעך איז דאָך אין דעם געלעגן די געניאַליטעט פון וואַכטאַנגאָוון און זיין מייסטערהאַפטער צוגאַנג צו דער פּיעסע. ער האָט געזאָגט, אַז יעדער אַקט דאַרף זיין אַ קונסטווערק פאַר זיך אַליין. דער עולם דאַרף נישט זיין פאַראינטערעסירט נאָר אין דעם אינהאַלט, ער דאַרף נישט זיצן און געניצן באַ אייניקע מאָמענטן פון דער פּיעסע, און וואַרטן מיט אומגעדולד אויפן „סיפּור המעשה״. יעדער אַקט דאַרף זיין אַ פאַרענדיקטע פאָרשטעלונג, יעדע סצענע דאַרף זיין אַליין פאַר זיך אינטערעסאַנט, יעדער אויפטריט פון אַקטיאָר אָדער פון קאָלעקטיוו דאַרף זיין שפּאַנענדיק. דער עולם דאַרף פאַרכאַפּט ווערן פון דער שאַפונגס־קראַפט פון אַקטיאָר.

דאָס האָט וואַכטאַנגאָוו געזוכט און געפונען. און געפינען האָט ער עס געקאָנט נאָר דורך טעג און נעכט פון שאַפן. זיין פאַנטאַזיע איז געווען שאַרף ווי אַ בליץ. און אינטערעסאַנט, יעדע נייע מיזאַנסצענע זיינע איז געווען פול מיט איינפאַלן פון אַ געניאַלן סקולפּטאָר, וואָס האָט געקנאָטן

דעם לײם אַלץ שאַרפער און אָריגינעלער. עס פלעגן קומען מאָמענטן װען די אַקטיאָרן אױף דער בינע פלעגן מיט באַגײסטערונג אָנהױבן אַפּלאָדירן זײַנע גענילאַלע אײַנפאַלן. מיר פלעגן שטײן פאַרכאַפּט, צוקוקנדיק װי אַזױ בילדער װערן אין אײן מאָמענט געביטן, װי גאַנצע מיזאַנסצענעס װערן מיט אײן אױגנבליק צעבראָכן, און אין אײן מאָמענט װערן נײַע געשאַפן. מיר פלעגן קײנמאָל נישט װיסן װאָס עס קומט אין דער קומענדיקער פּראָזע. דאַכט זיך, פּסיכאָלאָגיש און טעכניש האָט באַדאַרפט פאָרקומען דאָס און דאָס, אָבער װאַכטאַנגאָװ פלעגט אַרױפגײן אױף דער בינע און פלעגט װײַזן אַזאַ „טריק״, אַזאַ קינסטלערישן אײַנפאַל, אַז מיר װאָלטן זיך קײנמאָל אפילו נישט געקאָנט צוטראַכטן צו דעם. עס איז נישט געװען קײן ראָל, װאָס װאַכטאַנגאָװ האָט נישט געװיזן „װי צו שפּילן״. ער פלעגט אַרױפקומען אױף דער בינע אַ צי טאָן זײַן העמדל און אַזױ װי אַ קונצנמאַכער, װאָס גרײט זיך צו װײַזן אַ פאָקוס, פלעגט ער זיך געבן אַ שטעל, און אָט שפּאַנט שױן דער טיפּ, װאָס דער און דער אַקטיאָר דאַרף שפּילן. און אַזױ לײַכט, מיט אַזױפיל קינסטלערישן געשמאַק. געװײנלעך פלעגט ער עס װײַזן נישט צוליב דעם, אַז דער אַקטיאָר זאָל קאָפּירן דעם טיפּ, אָבער דער אַקטיאָר פלעגט דאַרפן כאַפּן דעם תוך, דעם עקסטראַקט און אַלגעמײנעם שטריך, און שפּעטער דורכלײַטערן דורך זיך. לײַכטקײט אין שפּיל, לײַכטקײט אין באַװעגונגען, לײַכטקײט אין זשעסטן, אין אַלע באַרירונגען: דאָס איז געװען זײַן שטרענגסטע פאָדערונג פון אונדז. ער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט פאָרשטעלן װי קאָן מען שפּילן „שװער״. נאָר דורך לײַכטקײט, פלעגט ער זאָגן, קאָנט איר דערגרײכן פּלאַסטישקײט און אָריגינאַלקײט, און דאַן װעט איר זײַן אױף דער בינע „פרײ״. און װאָס פאַר אַ שאַרף אױג ער האָט! ער זאָגט נאָר אײן װאָרט — און שױן געדענקט ער יעדן אײנציקן באַזונדער, װאוהין ער דאַרף גײן, װאוהין ער דאַרף אַרױסגײן, און נישט נאָר װאוהין, נאָר אױך װי אַזױ. און זאָל אימיצער פּאַרפעלן צו טאָן דאָס װאָס ער װיל, איז מען זיכער אַז ער װעט אָפּשטעלן די גאַנצע פּראָבע און באַמערקן דעם און דעם אַקטיאָר, אַז ער האָט עפּעס נישט גוט געטאָן.

איך געדענק אַ מאָמענט אין צװײטן אַקט. די בעטלער, און איך צװישן זײ, דאַרפן זיך צעלױפן פון דער בינע, אין ריטם פון מוזיק, און לױפנדיק דאַרפן זײ זיך באַהאַלטן אונטערן טיש, װעלכער איז אױף דער בינע. ליגן די קבצנים אונטער די טישן און בענק, און דאָ דערװײל גײט אָן דער המשך פון דער סצענע, װי אַזױ די מחותנים קומען צופאָרן. די מחותנים-סצענע געדױערט זײער לאַנג. װאַכטאַנגאָװ שטעלט אײן דעם ריטם פון די טריט, מיט װעלכע זײ קומען אַרײַן, די מוזיק שפּילט, און זײ, די מחותנים, שפּאַנען. איז אײנער פון זײ נישט געגוג ריטמיש, גײען צװײ אין אײן ריטם,

"DYBBUK"
The Grandmother—Tmima Yudelewitch

„דיבוק"
די באָבע—תמימה יודעלעוויטש

"DYBBUK"

"The Beggars Dance"

„דיבוק“, צווייטער אַקט

דער בעטלער טאַנץ



"DYBBUK"
A Beggar — S. Brook

„דיבוק"
א בעטלער — ש. ברוק

"DYBBUK"

A Beggar — N. Gavinskaya

„דיבוק“

א בעטלערין — נ. גאווינסקאַיאַ

און דער דריטער שפּאַנט אין אַן אַנדערן. זיי באַווייזן זיך אויף דער בינע און וואַכטאַנגאָוו שרייט אויס: „פון אָנהויב". לויפן זיי ווידער צוריק, קומען אַריין, און ער שרייט ווידער: „פון אָנפאַנג!" אַזוי געדויערט די סצענע מער פון אַ האַלבער שעה, און מיר ליגן אונטער די טישן. די טישן זיינען קליינע, טוליען מיר זיך צו צוויי, צו דריי, און שוויצן אין גרים און אין קאָסטיום.

ליג איך אַזוי און טראַכט: — „לאָמיר נאָר אָנהויבן צו רעפּעטירן אונד־זער סצענע פון אָנפאַנג, וועל איך שוין וויסן וואָס צו טאָן"... ווען דער מאָמענט פון דער סצענע איז איבערגעחזרט געוואָרן, לויף איך שוין אַרויס מיט די יעניקע, וואָס לויפן הינטער די קוליסן. ערשט, עס דערהערט זיך אַ געשריי פון זאַל, אָפּצושטעלן די פּראָבע ווייל די סצענע איז נישט ריכטיק. אַלע שטעקן אַרויס די קעפּ. איך באַווייז זיך שוין נישט, און טראַכט, אפשר מיינט ער פּאָרט נישט מיך. ערשט, ער רופט אויס מיין נאָמען מיט פּאַראַד, און זאָגט: — „דאַכט זיך, אַז איר זייט געלעגן אונטערן טיש, בן־אַרי?"... ענטפער איך: — „יאָ, יעווגעני באַגראַטיאָנאָוויטש, איך ליג אונטערן טיש, אָבער ס'איז מיר געוואָרן נישט גוט, בין איך אַרויסגעלאָפן הינטער די קו־ליסן". ענטפערט ער אויף דעם מיט אַ גאַנצער לעקציע, אַז עס איז גאָר־נישט קיין קונץ אַוועקצולויפן דאָרטן וואו עס איז באַקוועם, וואָרים היינט לויף איך אַרויס, מאָרגן — אַ צווייטער, איבערמאָרגן — אַ דריטער, און אַזוי וועט צום סוף קיין איינציקער נישט בלייבן, און די גאַנצע בילד, אויף וועלכער מיר האָבן געהאָרעוועט נעכט צו דערגרייכן דאָס בעסטע וועט פאַרלאָרן גיין. פון דעמאָלט אָן בין איך שוין געלעגן אונטערן טיש...

דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר וואַכטאַנגאָוון. ער איז געווען זעלבסט־דיסציפּלינירט און דאָס זעלביקע האָט ער געפאָדערט פון זיינע שילער. „אַ קינסטלער מוז קודם־כל זיין דיסציפּלינירט", האָט ער נישט איינמאָל געזאָגט. וואַכטאַנגאָוו האָט געוואָלט דערגרייכן אין צווייטן אַקט אַן איינהייט פון זשעסט, ריטם, באַוועגונג, אויסגעהאַלטנקייט. יעדער איינ־ציקער האָט באַדאַרפט פילן דעם צווייטן. טאַנצנדיק, האָט מען באַדאַרפט פילן און נישט אָנשטויסן זיך אויפן צווייטן. מען האָט זיך באַדאַרפט באַ־וועגן אין מוזיק פּינקטלעך, קיינע צופעליקע זאַכן נישט טאָן אויף דער בינע. אַלץ האָט באַדאַרפט זיין האַרמאָניש און ריטמיש. קיינע זאַכן האָבן נישט געטאָרט געטאָן ווערן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. אַזוינע זאַכן, למשל, ווי אַ קראַץ טאָן זיך (זייער אַ נאַטירלעכע זאַך פאַר אַ בעטלער), אַ הוסט טאָן טאַפּטשען זיך אויף אַ פלאַץ, מאַכן מיט די הענט, — דאָס, פלעגט ער זאָגן, איז אפשר „נאַטירלעך" אין אמתן לעבן, און איז אפשר גוט פאַר אַ פאַרשטעלונג וואָס איז געבויט געוואָרן אויף נאַטוראַליסטישע פּרינציפּן, אָבער פאַר אַ פאַרשטעלונג, וואָס איז געבויט אויף אַ „טעאַטראַלן" פּרינציפּ,

זיינען אָט די אַלע קליינקייטן מיסט, וואָס שטערט דאָס שפּילן פון די אַקטיאָרן. זיי נעמען צו די אויפמערקזאַמקייט פון די צושויער פון דעם הויפּט־מאָטיוו, און אין דער זעלביקער צייט זאָגן זיי אים גאָרנישט. און דורכפירנדיק אָט דעם פּרינציפּ, האָט וואַכטאַנגאָוו געפאָדערט: „קיינער זאָל זיך נישט באַווען בשעת דער צווייטער רעדט. ווען איינער הויבט אָן רעדן, ווערן אַלע ווי פאַרגליווערט, כדי אפילו מיט אַ קער פון קאָפּ נישט צוציען די אויפמערקזאַמקייט פונם צושויער אויף זיך. אַזאַ פאַר־גליווערונג וועט קיינמאָל זיך נישט אויסווייזן דעם צושויער אַלס אַן „אור־מיסטנע", אַ מעכאַנישע, אויב יעדער אַקטיאָר, וואָס נעמט אָנטייל אין דער סצענע, וועט נאָר געפינען די אורזאַך, וואָס איז אָרגאַניש בויטיק פאַר אַזאַ פאַרגליווערונג. דאָס הייסט, די פאַרגליווערונג בלייבט אַן אויסערלעכע, אָבער אינערלעך גייט ווייטער אָן די איבערלעבונג מיט דער זעלביקער דינאַמיק".

ער האָט אונדז אויפן פּלאַץ געוויזן ביישפּילן, ווי אַזוי די סצענע פון די בעטלער וואָלט אויסגעקוקט ווען אימיצער רעדט, און אין דער זעלביקער צייט וואָלטן די איבעריקע געטאָן וואָס זיי ווילן. מען וואָלט זיך געשושקעט, געטרייסלט מיט די פּלייצעס, געשפּייט, געלאַכט — און ווי די זעלביקע סצענע וועט אויסזען, ווען אַלע קבצנים ווערן פאַרגליווערט מיט זייערע קערפּערס צוגעשמידט צו דעם וואָס רעדט.

„אָבער דענקט ניט", האָט ער געזאָגט, „אַז דעם טעאַטראַלן פּרינציפּ האָב איך אַליין אויסגעטראַכט; דאָס איז נישט קיין קאַפּריז, אָדער אַן אַנט־דעקונג. אויב איר ווילט, קאָנט איר עס זען אין טאָג־טעגלעכן לעבן. קוקט זיך צו צו אַ מענטשן, וואָס טראָגט צו צו זיין מויל אַ לעפל מיט זופּ. פּלוצלונג שטעלט ער אָפּ זיין באַוועגונג, וואָס ער האָט אָנגעהויבן, און ער הערט זיך צו וואָס זיין שכן דערציילט אים. ער איז אַזוי פאַראינטערע־סירט אין דעם וואָס דער שכן זאָגט, אַז ער האַלט דעם לעפל די גאַנצע צייט אויפן האַלבן וועג, און באַמיט זיך נישט צו פאַרגיסן קיין טראָפּן. פאַראַן מאָמענטן, ווען גאַנצע גרופּעס ווערן פאַרגליווערט. זאָל גיין אַ גרופּע מענטשן און פּלוצלונג זאָלן זיי דערהערן אַ שרעקלעכן געשריי, וועט איר זען, אַז דעם ערשטן מאָמענט וועלן זיי זיך אַלע צוזאַמען אַ קער טאָן צום פּלאַץ, פון וואַנען דער געשריי טראָגט זיך און אין פאַרשיידענע פּאָזעס פאַרגליווערט ווערן".

אַזוי איז געשאַפן געוואָרן די פאָרמע פון צווייטן אַקט. מען האָט גע־פונען אַן אויסדרוק פאַרן קומענדיקן ספּעקטאַקל, וואָס האָט באַדאַרפט שאַפן היסטאָריע אין טעאַטער, און ווייל די באַוועגונגען זיינען געווען מאָנומענ־טאַלע, ווייל די פיגורן זיינען געווען גראָטעסקן, ווייל די קבצנים זיינען שוין געוואָרן שדים, וואָס זיינען געקומען מאָנען זייער רעכט, האָבן שוין

די גרימען באַדאַרפט העלפן דעם אַקטיאָר צו פיקסירן דעם געפונענעם אויסדרוק אויפן פנים, האָט י. זאַוואָדסקי, דער לערער פון גרים, (אַ שילער פון וואַכטאַנגאָוון) געזאָגט:

„אויב דער אויסדרוק איז שאַרף, אויב דער קבצן איז שוין נישט אַ געוויינלעכער אָרעמאַנטשיק פון גאַס, נאָר אַ סימבאָלישע פיגור, וואָס רע־פּרעזענטירט טויזנטער קבצנים, קרעציקע, אָפּגעריסענע, — דאַרף דאָך זיין פּנים געוויס זיין אַ סימבאָלישער פּנים. זיי דאַרפן שוין זיין גראָטעסקן, מאַכן איבערטריבענע העוויות, און דערפאַר דאַרפן די מענטשן זיין אייגנט־לעך — מאַסקן. אָט פאַרוואָס די סימבאָלישע גרימען".

דער צושויער אין מאָסקווע האָט די ערשטע צייט געקנייטשט מיט די פּלייצעס, זיך געוואונדערט, און נישט געוואוסט וואָס אַזוינס דאָ קומט פאָר, און וועגן דעם עולם אויף אונדזער טורנע אין איראָפּע, ספּעציעל אין אַמעריקע, איז שוין אָפּגערעדט. אָבער אינטערעסאַנט איז די באַמערקונג פון דעם גוטמוטיקן, גרויסן דיכטער אברהם רייזען. נאָך אַ פאָרשטעלונג אין ניו יאָרק, גייען מיר אין גאַס, און מיט זיינע כאַראַקטעריסטישע באַמער־קונגען וועגן דער פאָרשטעלונג, זאָגט ער: — „כ'וויל אייך זאָגן, בן־ארי, קיין גרויסער טעאַטראַל בין איך נישט, אָבער איך האָב שוין אויף מיין לעבן געזען טעאַטער. אייער טעאַטער וואָלט געווען גאַנץ פיין, אָבער זאָגט מיר, פאַרוואָס פאַרשמירן זיי אַזוי די פּנימער? ..."

אָט די פראַגע האָבן אונדז געשטעלט אַלע, וואָס זיינען געקומען אָנ־קוקן דעם נייעם טעאַטער. און אַזוי איז געווען מיט די קליידער. מען האָט דאָך געקאָנט אָנקלייבן אַזויפיל רעאַליסטישע קאָלירפולע שמאַטעס פאַר די בעטלער, אַז עס וואָלט געווען אַזוינס און אַזעלכעס — אָבער דער מאָ־לער אַלטמאַן האָט דערפילט דעם רעזשיסאָר. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט די קאָלירפולע שמאַטעס קאָן מען אפשר אויף אַ ווייל צוציען די אויפמערקזאַמקייט פונם צושויער, אָבער נישט אויף לאַנג. עס וועט אים גיך דערעסן. האָט ער געפונען אַ פאָרם, אַ טעאַטראַלע פאָרם, פון קאָס־טיום, אין איינקלאַנג מיט די דעקאָראַציעס, באַוועגונגען, גרים און מוזיק.

וואָס איז נוגע דער מוזיק, האָט דער „הבימה" פּשוט אָפּגעגילט וואָס מיר האָבן אין דער צייט געהאַט אין מאָסקווע יולי דמיטרעוויטש ענגעל. דאָס איז פּשוט געווען אַ נס. שטעלט זיך פאָר ענגעל — דער יעניקער, וואָס איז יאָרן־לאַנג צוזאַמען מיט אַנ־סקין אַרומגעפאָרן צונויפזאַמלען אי־דישן פאָלקלאָר; דער זעלביקער ענגעל, וואָס האָט צונויפגעקליבן דעם זעלביקן „דיבוק", וואָס אַנ־סקי האָט געפונען אין די קליינע פאַרוואָרפענע שטעטלעך אין אוקראַינע. אַנ־סקי האָט עס געפונען אין וואָרט, און ענגעל — אין קלאַנג.

ענגעל — ער שטייט מיר פאַר די אויגן — מיט זיין וואונדערבאַרן

שמייכל, מיט זיינע גוטמוטיקע, שמייכלדיקע אויגן, ווי באַ אַ קינד. אין אַ גויאישן טולופּ, מיט וואַלינקעס, אַ וואַרימע היטל אַריבער די אויערן, און אויף דער היטל אַ באַשליק, וואָס זיינע שפּיצן הענגען אַראָפּ אויף זיינע ברייטע פּלייצעס. כמעט יעדן טאָג פאָרט ער פון מאַלאַכאָווקע קיין מאָסקווע צו דער סטודיאָ. ווען ער קומט אַריין אין פאָיע, מיט אַ טאָוול אונטערן אָרעם, ווייסן מיר שוין, אַז עפּעס איז דאָ נייעס פאַרן ערשטן אַקט. קינדיש־נאַאיוו, האַרציק, דריקט ער יעדן די האַנט און בעט זיך מען זאָל גיין צו דער פּיאַנע. ער האָט עפּעס אַזוינס וואָס ער דענקט אַז ס'איז גוט. ער זעצט זיך באַ דער פּיאַנע און הויבט אָן ציען טענער, וואָס פאַרכישופן אונדז. ער האָט נישט קיין שטימע, אָבער ער זינגט אַזוי האַרציק דעם ניגון פון „מפּנה מה“. ער זאָגט: „נו, דיעטקי, (קינדערלעך), וומעסטיע“ (צוזאַמען), און עס ווערט אַ געזאַנג איבערן גאַנצן טעאַטערל. נאָך דעם גייען מיר אַריבער צו דעם טאַנץ פון די בטלנים. וואַכטאַנגאָוו הערט זיך איין, און פרייט זיך צוזאַמען מיט אונדז וואָס די מוזיק איז פּונקט דאָס וועגן וואָס מיר האָבן געחלומט. „דאָס“, זאָגט וואַכטאַנגאָוו, „איז דער מאָטיוו, וואָס איך האָב זיך פאָרגעשטעלט“. ער גייט צו צו ענגעלן און דריקט אים האַרציק די האַנט. פון התפּעלות הויבן מיר אים אָן צו אַפּלאָדירן, אָבער ער רוקט זיך אַוועק אין אַ זייט און שאַרט מיט די פיס, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון די אַלע קאָמפּלימענטן.

וואַכטאַנגאָוו האָט געזאָגט ענגעלן, אַז ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פּונקט אַזאַ מאָטיוו. אָבער ער זאָגט עס נישט, כדי צו מאַכן אים פילן גוט. וואַכטאַנגאָוו איז נישט געווען פון די, וואָס מאַכן גלאַט קאָמפּלימענטן. ער האָט עס בפירוש געמיינט, ווייל נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז געווען אַן אַרמענער, וואָס ער האָט קיינמאָל קיין בטלנים נישט געזען, האָט ער פונדעסטוועגן געפילט מיט זיין קינסטלערישן חוש די אַלע בית־מדרש טיפּן. ער איז מיט דער צייט געוואָרן אַזוי דורכגעזאַפּט קינסטלעריש מיטן „דיבוק“, אַז ער האָט געפילט די פּיעסע מער פון אונדז אַלעמען. ער האָט געוויזן ווי בטלנים גייען, ווי זיי שלאָפן, ווי זיי עסן, ווי זיי זאָגן תהילים. אַז ער פלעגט אַרויפגיין אויף דער בינע און ווייזן ווי אַזוי זיי ריידן צווישן זיך, ווי אַזוי זיי קוקן — פלעגן מיר זען פאַר זיך אַ בטלן, אַ חסיד, אַ גביר פון שטעטל, סענדערן, חננען, אַ ישיבה־בחור, אַזוי ווי ער וואָלט אויסגעוואָקסן צוזאַמען מיט זיי. ע ר פלעגט אַמאָל זאָגן אין אַ שפּאַס, אַז מיר האָבן אים אַזוי פיל „פאַרדיבוקט“, אַז ווען ער קומט אַמאָל צו זיך אין סטודיאָ (דער טעאַטער וואָס טראָגט איצט זיין נאָמען), הויבט ער אָן צו זינגען שיר־השירים, זאָגן תהילים, אָדער גאָר זינגען אַ שער פון דער חתונה. מיט לייב און לעבן, ווי אין אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, האָט וואַכטאַנגאָוו זיך איבערגעגעבן צו דער אַטמאָספער, און ער האָט באַוויזן וואונדער.

די מוזיק איז פון ענגעלן געשאַפן געוואָרן שטופנווייז. יעדע בייע שטיק מוזיק, וואָס ער פלעגט ברענגען, פלעגט אויפגעכאַפּט ווערן מיט ענטוזיאַזם, און באַלד האָט מען דאָס שוין געזונגען אין יעדער ווינקעלע, אָבער פלעגט ער זיך געפינען אין טעאַטער, פלעגט ער האַלטן אין איין אַרומגיין פון איינעם צום צווייטן און קאָרעגירן די פאַלשע טענער. „גאָלובטשיק", פלעגט ער זאָגן, און אָנרירן אייך באַם אַקסל, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אַנטשולדיקן, „ווי וועד נעפּראַווילנאַ פּאַיאָטע", (טייערער, איר זינגט דאָך נישט ריכטיק), און פלעגט אים שלעפּן צו דער פּיאַנע, צוזאַמען איינחזרן דעם מאָטיוו, איינער פלעגט אַוועקגיין, פלעגט קומען אַ צווייטער. אַזוי פלעגט ער גאַנצע טעג אַרומבלאָנדזשען איבערן טעאַטערל, מיט די וואַלינקעס, מיט זיין וואונדערלעכן קינדישן שמייכל, און קאָרעגירן, זינגען, אויסמעקן און פאַרריכטן.

ענגעל, מיט זיין וואונדערלעכער פערזענלעכקייט, האָט אַריינגעטראָגן אין דער „הבימה" דעם גאַנצן ערנסט, דעם גאַנצן פּאַטאָס פון שאַפן. ער האָט זיך זייער געפרייט, וואָס סוף־כל־סוף וועט אַנ׳סקיס געזאַמלטער פאָלקלאָר אַרויסגעבראַכט ווערן אין דער עפנטלעכקייט. אַליין איז ער אויך געווען אַ קוואַל פון יידישע ניגונים, זמירות און טענער,—אומעטיקע און פרייַלעכע. און האָט זיך אים איינגעגעבן צו איינשטודירן קאָרעקט אַ ניגון, און האָט עס געקלונגען אַזוי ווי ער האָט עס געוואָלט, פלעגט ער זיך אויפהויבן פון דער פּיאַנע, און פונם גיכן שאָקלען מיטן קאָפּ, און פרייד פון די אויגן, האָט מען געקאָנט זען, אַז ער איז גרייט אַרומצונעמען יעדן איינציקן און אים דאַנקען. אַ וואונדערלעכע נשמה האָט פאַרמאָגט ענגעל. ער איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין דער „הבימה" דעם טאָן, ער האָט אַריינגעאָטעמט די מוזיקאַלישע נשמה, און אַריינגעבלאָזן אינם „דיבוק" אָט די וואונדערלעכע טענער פון די חסידים, בטלנים און די חתונה־טענץ.

די מוזיק האָט אויף אַזוי פיל געהאָלפן דער אויפפירונג, אַז וואַכטאַנגאָוו האָט זיך פשוט פאַרליבט אין די אַלע ניגונים. יעדע זאַך, וואָס ענגעל האָט אָנגעשריבן, האָט ער געוואָלט אויסנוצן, און דערפאַר איז דער „דיבוק" געווען ווי דורכגעוועבט מיט מוזיק. נישט נאָר האָט ער אויסגענוצט ענגעלס מוזיק, נאָר אפילו דאָס ריידן האָט ער דערפירט צו אַ מוזיקאַלישן טאָן, וואָס זאָל האַרמאָניזירן מיט ענגעלס מוזיק.

ענגעל איז געווען אַ גליקלעכער צופאַל פאַר דער „הבימה", און נישט אומזיסט זיינען די טענער פון „דיבוק" אַזוי שנעל פאַרשפרייט געוואָרן אין יעדער יידיש הויז אין רוסלאַנד און שפּעטער אויך אין יעדן ווינקל פון אייראָפּע און אַמעריקע.

דער רעזשיסאָר, מוזיקער, קאָסטיומער און מאָלער — אַלע האָבן

האַרמאָניש געאַרבעט אויף איין גרויס ווערק, און אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער ערשטער און צווייטער אַקט. יעצט ווייזט מען שוין ביידע אַקטן, כּדי צו אָפּשפּאָרן געלט פאַרן דריטן. אָבער אַט די אַלע פאָרשטעלונגען זיינען געגעבן געוואָרן אין אייגענע קרייזן. דער עפנטלעכער אַרויסטריט דאַרף נאָך קומען, מאָסקווע דאַרף נאָך הערן וועגן אַ נייעם טעאַטער. מאָסקווע וועט ערשט הערן וועגן איר נייעם רעזשיסאָר.

מען בויט פּאַמעלעך די דעקאָראַציעס פאַרן דריטן אַקט. די אַקטיאָרן זיינען מיד פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט. וואַכטאַנגאָוו פילט זיך אַלץ ערגער און ערגער. אַמאָל פאָרט ער צו מיט אַן איזוואָזשטשיק צום טעאַטער און עטלעכע חברים דאַרפן אים פירן אונטער די הענט אין טעאַטער אַריין. מיר בעטן זיך באַ אים אָפּצולייגן די פּראָבע, אָבער ער וויל ניט. ער נורעט זיך איין אין זיין טולופּ, לייגט זיך אַוועק אויף אַ זייט אין דער לאָזשע און טוט אַ געשריי: — „אַלע אויף דער בינע!" מיר שטייען גרייט. וואַכטאַנגאָוו רעפּעטירט דעם דריטן אַקט. ער איז מיד און מיר זיינען אויסגעמאַטערט פון נעכט נישט שלאָפן, הונגעריקע, און מיר טראַכטן: וואָס וועט נאָך קומען?... גוט אַז מען וועט אויפנעמען אונדזער טעאַטער־פאָרמע, מיט די נייע גרימען, נייע דעקאָראַציעס, קאָסטיומען און באַוועגונגען... און טאָמער נישט?... וואָס וועט זיין ווייטער?...

איין וואַכטאַנגאָוו איז זיכער אין זיך. ער גייט אָן מיט זיין אַרבעט. די אַרבעט אויף דעם דריטן אַקט גייט צו לאַנגזאַם. עס איז שוין דריי אַזייגער באַנאַכט, און מיר הויבן ווידער אָן פון געזאַנג, מקבל־פּנים זיין דעם רבין. עס זינגט זיך אָבער נישט. פּלוצלונג דערהערן מיר אַ בייזן אויסגעשריי פון לאָזשע: — „אָפּשטעלן די פּראָבע!" „אָפּשטעלן!..." וואַכטאַנגאָוו גייט אַרויף אויף דער בינע אַ בלייכער, מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל אויף זיין פּנים, גיט אַ צי זיין העמד, וואַרפט אַ בייזן קוק אויף אַלעמען, און זאָגט: — „ווי עס ווייזט אויס, דאַרפט איר עס נישט האָבן?... צוליב וועמען טו איך עס?... ווער ס'איז מיד, זאָל די מינוט פאַרלאָזן די בינע און קיינמאָל זיך נישט אומקערן אַהער. ווי אַזוי וואַגט איר צו שטיין אויף דער בינע מיט אַזאַ טאָן, מיט אַזוינע באַוועגונגען, מיט אַזאַ געזאַנג?... אַט אַזוי זינגט מען דאָס באַ אייך, ווען איר זייט מקבל־פּנים אַ רבין?... איר ווילט מיר זאָגן, אַז מיט אַזאַ געזאַנג גלויבט מען אין אַ רבין?... אַט אַזוי זינגען חסידים?... אַט וועל איך אייך ווייזן ווי חסידים זינגען. שטעלט זיך אויס אַלע, און זאָל דער רבי אַריינקומען".

דער רבי הויבט זיך אָן באַוויזן. וואַכטאַנגאָוו שטייט אויף די טרעפּ און ציט די הענט צום רבין און זינגט. זיינע אויגן זיינען פול מיט עקסטאַז, זיין קול איז דין און פּאַטעטיש. אונדזערע הענט ציען זיך נאָך אים, מיר זיינען צוזאַמען מיט אים... הענט ציען זיך אַלץ העכער און העכער, די

טענער דערגרייכן אַן עקסטאַז פון געלייטערטע געפילן, פון באַגייסטערונג, און עס דאַכט זיך אייך, אַז עס ווערט אייך ליכטיק, עס ווערט לייכטער אויף דער נשמה. אייער נשמה ציט זיך צו אַ קוואַל און ווייסט ניט וואו זי איז. מען זינגט אַלץ העכער און העכער. פּלוצלונג טוט ער זיך אַ קער צו די חסידים מיט אויגן פול מיט טרערן און זאָגט גוטמוטיק: — „אָט אַזוי, טייערינקע, זינגען חסידים". אַ מינוט זיינען מיר געשטאַנען צעמישט און פאַרשעמט, אָבער באַלד האָבן מיר דערפילט אַז ערשט איז עפּעס אַזוינס געשען, וואָס וועט אפשר קיינמאָל מער נישט איבערגעחזרט ווערן.

וואַכטאַנגאָוו איז אָפּגעשלאָפט און מיד. מען פירט אים צו צו דער לאָזשע און ער זאָגט גאָרנישט. ער בעט מען זאָל שווייגן אַ פּאָר מינוט און דאַן ווידער זיך נעמען צו דער אַרבעט. יענע נאַכט האָבן מיר געפונען דעם ריכטיקן טאָן, דעם נויטיקן עקסטאַז און פּאַטאָס פאַרן דריטן אַקט. מען האָט געאַרבעט ביזן גרויען טאָג אַריין, אָבער מען האָט אינגאַנצן פאַרענדיקט דעם אַקט. אויף מאָרגן שטעלט איין וואַכטאַנגאָוו די ליכט מיט די קאָסטיומען, דעקאָראַציעס און גרימען. אַלע זיינען נערוועז. עס דאַרף געשען אַ גרויסע זאַך. ענגעל לויפט פון איינעם צום צווייטן, בעט מען זאָל זיך האַלטן אין איין טאָן, שטעלט איין דעם אָרקעסטער. אַלטמאַן האַלט נאָך באַם פאַרשמירן געוויסע זאַכן. די עלעקטריקער אַרבעטן.

ווען אַלץ ווערט איינגעשטעלט, ווערט געמאַכט אַ פּראָבע מיט די אַקטיאָרן, אָבער שוין ניט אויף שפּילן, נאָר אויף בייטן די דעקאָראַציעס. די יעניקע, וואָס האָבן געענדיקט אין ערשטן אַקט, בייטן די דעקאָראַציעס פאַרן צווייטן, די יעניקע וואָס ענדיקן אינם צווייטן, שטעלן איין די דעקאָ־ראַציעס פאַרן דריטן.

אין דרויסן איז שוין גרויסער טאָג. היינט האָבן מיר פריי. מאָרגן איז אַ גענעראַל־פּראָבע פאַר די בערן — פאַר דער גאַנצער טעאַטראַלער מאָסקווע, און אין די גאַסן זיינען שוין דאָ אַפישן וואָס זאָגן אַן דעם עולם, אַז איבער־אַ־וואָך וועלן מיר ווייזן צום ערשטן מאָל אַ נייע פאַרשטעלונג, וואָס הייסט דער „דיבוק".

אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען

היינט איז אַ גרויסער יום־טוב, אַ גרויסע געשעעניש, וואָס טרעפט זייער זעלטן. צום ערשטן מאָל וועט געשפּילט ווערן דער „דיבוק" אַלס אַ גאַנצע פאָרשטעלונג. קיינער וועט נישט אָפּשטעלן. היינט איז נישט נאָר אַ יום־טוב, נאָר אויך יום־הדין, ווייל עס איז אַן אויסערגעוויינלעכע פאָרשטעלונג. היינט, צו דער ערשטער גענעראַלער פאָרשטעלונג, זיינען איינגעלאַדן געוואָרן די בערן און די לייבן פון דער טעאַטראַלער מאָסקווע. היינט קומען סטאַניסלאַווסקי, קאַטשאַלאָוו, מאָסקווין, מייערכאָלד, דער וואונדערלעכער מיכאַאיל טשעכאָוו, פיאָדאָר שאַליאַפּין, מאַקסים גאָרקי, אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי — און די גאַנצע פּרעסע. און אויב מען זאָל נאָך צורעכענען דאָס צעטל פון סתם באַרימטע פּערזענלעכקייטן, וועט שוין זיין פאַרשטענדלעך פאַרוואָס עס הערשט אַזאַ צעטראָגנקייט און נערוועזיטעט באַ די אַקטיאָרן.

אין דרויסן איז נאָך האַלבער טאָג, אָבער די שוישפּילער זיצן שוין און מאַכן גרים, גרייטן צו קאָסטיומען. זיצט מען מיט צעטראָגענע אויגן באַם שפּיגל, מען פירט איבערן געזיכט מיט ציטערדיקע פינגער, און אין קאָפּ מישן זיך: שאַליאַפּין, סטאַניסלאַווסקי, אַלע אַקטיאָרן פון מאָסקווע, יחידי־סגולה פון די סטודיאָס, אויך וואַכטאַנגאָווס סטודיאָ וועט היינט דאָ זיין. פאַר די אויגן שווימען געשטאַלטן אַזוינע וואונדער'לעכע, אַקטיאָרן מיט וועלט־נעמען, אַזוינע מייסטערס וועלן דיך היינט אָנקוקן, פילסטו זיך אַזוי דערשלאָגן, אַזוי קליין, אַזוי אומבאַהאָלפן. דער קאָפּ דרייט זיך פון שרעק, פאַר זיך, פאַרן טעאַטער, פאַר די חברים, און איבערהויפּט פאַר וואַכטאַנגאָוון. באַ יעדן איז נאָר איין תפילה אויף די ליפּן: ער, וואַכטאַנגאָוו, זאָל נישט פאַרשעמט ווערן.

עס איז זעקס אַזייגער אין אָוונט, אָבער די צוויי קליינע צימער'לעך זיינען שוין אָנגעפּאַקט מיט אַלע אָנטיילנעמער. מען לויפט אַרום צעטראָגענע פון איין ווינקל צום צווייטן, עס איז דווקא שטיל, אָבער עס פילט זיך אַזאַ אָנגעשטרענגטקייט, אַז טאָמער פאַלט אַ בענקל, טוען זיך אַלע אַ כאַפּ, אַזוי ווי עפּעס זאָל פּלאַצן אויף יענעם אָרט. איינער העלפט דעם צווייטן גרימירן זיך. די עלטערע זאָגן אונטער און העלפן מיט אַן עצה די יינגערע,



"DYBBUK"
The Zaddik—N. Zemach

„דיבוק"
דער מיראפּאָלער צדיק — נחום צמח

"DYBBUK"—3rd Act
Excommunication of the Evil Spirit

„דיבוק"
דריטער אַקט

און זיבן אַזייגער זיינען שוין אַלע פאַרגרימירט און אָנגעטאָן. נ. אַלטמאַן באַקוקט יעדערן און פאַרריכט דעם גרים. ענגעל שטייט ערגעץ אין אַ ווינקל מיט אַ גרופּע און חזרט איבער דעם מאָטיוו. און אָט איז וואַכ־טאַנגאָוו אַליין. דערזעט מען אים, ווערט אויפן האַרצן גרינגער, ווייל פאַר יעדערן האָט ער אַ גוט וואָרט. יעדערן באַקוקט ער פון קאָפּ ביז די פיס, און זאָל ער זאָגן אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, ווערסטו במילא רואיקער.

וואַכטאַנגאָוו, יום־טובדיק געקליידט, קוקט אויס זייער אָנגעשטרענגט, אָבער ער ווייסט און פילט ווי מיר זיינען נערוועז, שמייכלט ער און וויצלט זיך... די צייט לויפט, ווי אימיצער וואָלט זי געיאָגט. אָט איז ערשט געווען אַכט, און אָט איז שוין 15 מינוט אַנגעלאָפן, אָט איז 20, 25 מינוט נאָך אַכט, אָט, אָט, נאָך פינף מינוט. מיר זיינען שוין אַלע אויף דער בינע. דער טעאַטער איז אָנגעפּאַקט. די בערן, מיט די לייבן, זיצן שוין אין זאַל. דאָרטן, הינטערן פאָרהאַנג זיצן שוין מענטשן און מען לאַכט, מען רעדט הויך. דאָ, פון דער זייט, קלאַפּן הערצער און עס איז אַזוי שטיל. מען שטייט און מען הערט זיך צו צו וואַכטאַנגאָווס לעצטע באַמערקונגען. ער רעדט שטיל, מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער: — „קינדער, געדענקט אָט די סצענע״... יענער זאָל נישט פאַרגעסן נעמען די ליכט מיט זיך... דער צווייטער זאָל, גייענדיק, ניט קלאַפּן מיטן שטעקן... אַלץ איז פאַרטיק. אַלע שטייען, אַלע זיינען מיר צוזאַמען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אַרום דעם לערער.

עס קלינגען מיר נאָך יעצט זיינע ווערטער: — „איך גיב אייך מיינע לעצטע באַמערקונגען. מאָרגן וועל איך שוין נישט זיין מיט אייך דאָ, איר וועט אַלץ דאַרפן אַליין טאָן. געדענקט ווער עס זיצט יעצט אין זאַל... קינדער, איך בעט אייך, פאַרגעסט נישט אַז היינט איז אַ גרויסער טאָג, פאַר מיר און פאַר אייך״. ער ווערט בלייך און נערוועז, גיט אַ צייכן, אַז די אַלע וואָס דאַרפן נישט זיין צום אָנהויב, זאָלן זיך צעגיין. ער דריקט שטאַרק אונדזערע הענט, ווינטשט אונדז גליק.

אויף דער בינע בלייבן די בטלנים, דער משולח, חנן, הנך... מען ווערט פאַרגליווערט... עס ווערט געגעבן ליכט אויף דער בינע, און פון זאַל ווערט לאַנגזאַם צוגענומען די ליכט. וואַכטאַנגאָוו צעעפנט דעם פאָרהאַנג, שטעלט זיך אַוועק פאַרן עולם מיט אַ בלייכן געזיכט, אָבער מיט אויגן פון אַן אָדלער וואָס ווייסט זיין וועג. ער הויבט אָן איבערגעבן אין קורצן דעם אינהאַלט, און אויך אין עטלעכע שטריכן די פאָרמע, אין וועל־כער ער האָט אויפגעפירט די פאָרשטעלונג. דאָ זיינען זיינע חברים, זיינע שילער, זיינע לערער, פאַר וועלכע ער גייט היינט אַנטדעקן אַ גרויסן סוד, אַ טעאַטראַלן סוד, וואָס דאַרף באַצויבערן, אָדער אפשר גאָר... ווער ווייסט?...

דער זאַל ווערט פינצטער, אין מיטן זאַל זיצט וואַכטאַנגאָוו באַ אַ טישל, מיט אַ בויגן פּאַפּיר, צו נאָטירן באַמערקונגען. עס ווערט אַזוי שטיל, אַז עס דאַכט זיך, מען קאָן הערן דאָס קלאַפּן פון הערצער. אַ סעקונדע, צוויי, און פון זאַל דערהערט זיך זיין קול: „אָנהויבן". די מוזיק הויבט אָן שפּילן לאַנגזאַם „מפּני מה", דער צווייטער וואָרט זיינער איז: — פאַר־האַנג... און לאַנגזאַם הויבט זיך אָן פאַנאַנדעררוקן דער פאָרהאַנג...

די בטלנים זינגען. די שול איז פול מיט סוד. מיט מיסטיק. עס דאַכט זיך, אַז מען זינגט ניט, נאָר מען וויינט. און עס וויינען ניט נאָר די מוזיק מיט די אַקטיאָרן, נאָר אויך די ווענט, די הרובע, די בינע, די שמאַטעס אויף די ווענט. דער געזאַנג איז פאַרענדיקט, און מען דאַרף אָנהויבן ריידן, און עס דאַכט זיך דיר, אַז דיין מויל איז פאַרקרימט געוואָרן, אַז דער צונג ליגט נישט אויפן רעכטן פּלאַץ. עס דאַכט זיך דיר, אַז באַלד וועסטו וועלן אָנהויבן ריידן און דער צונג וועט זיך פאַרקאַטשן. און וואָס איז דאָס מיט די הענט?... עפּעס קאָנסטו מיט זיי גאָרנישט ריירן. פאַר די אויגן הויבט דיר אָן שווינדלען, און אָט, אַ מאָמענט, און דאַכט זיך חלשסט אַוועק. דו זעסט קיינעם פאַר זיך נישט, נישט די חברים, נישט די בינע, קיינעם נישט. כל־זמן דער פאָרהאַנג איז נאָך געווען פאַרמאַכט, האָט מען גע־טראַכט: — נו, מילא, איך בין נאָך פון ד ע ר זייט, און יענע זיינען ערגעץ דאָרטן... אָבער האָט מען פאַנאַנדערגענומען דעם פאָרהאַנג, און קיין מחיצה איז נישט געבליבן, הייסט עס דאָך, אַז ראַטעווען קאָן מען זיך מער נישט...

מיר פערזענלעך איז שוין אויסגעקומען צו זיין אין אַזאַ לאַגע דאָס צווייטע מאָל. צום ערשטן מאָל, געדענק איך, האָט מיין פעטער, אַ גרויסער שווימער, זיך אונטערגענומען מיך אויסלערנען שווימען. לייגט ער מיך אַוועק, און האַלט מיך צו פריער פאַרן העמדל, נאָכדעם פאַר אַ פוס. פאַמעלעך, און איך האָב שוין אָנגעהויבן צוביסלעך שווימען. עס רעדט זיך נאָר אַזוי, שווימען — איך האָב געמאַכט מיט די הענט און מיט די פיס, און אַ רעש פלעגט ווערן ווי פון אַ גרויסער שיף, אָבער אַלע מאָל פלעגט מיך דער פעטער צוהאַלטן, אַמאָל מיט אַ פינגער, אָבער ער פלעגט האַלטן. פלוצלונג נעמט ער מיך אָן, טראָגט מיך אַריין טיפער אין וואַסער, לייגט מיך אַוועק אויפן בויך, און זאָגט: — „נו, שווים!..." בין איך דאָך זיכער, אַז ער וועט מיך האַלטן. ערשט, אַזוי ווי ער לייגט מיך אַוועק, לאָזט ער מיך אינגאַנצן אָפּ. עס איז פאַר מיר אַלץ געוואָרן פינצטער. איך האָב נישט געזען קיין וואַסער, איך האָב נישט געפילט קיין הענט, קיין פיס, און שרייענדיק פון גרויס שרעק, האָב איך זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן אין וואַסער אַריין. דער פעטער האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַרן העמדל און האָט מיך אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער.

פונקט דאָס זעלביקע איז געשען איצט. און נישט נאָר דו אַליין, נאָר אויך דיינע חברים זיצן דערשראָקענע, און עס דאַכט זיך, אַז זיי וועלן אויך נישט קאָנען עפענען אַ מויל. אָבער עס גערויערט אייניקע סעקונדן, דיין באַוואוסטזיין קערט זיך צו דיר אום, דו שטרענגסט אָן דיין זכרון און הויבסט אָן צו ריידן מיט אַ ציטערדיק קול, יעדעס וואָרט באַזונדער. די ציין קלאַפּן פון קעלט, און אַ קאַלטער שוויס באַדעקט דיין פּנים. און אָט, אַ דאַנק גאָט, ביסט שוין דורכגעקומען דיין ערשטע פּראָזע. אַזוי ווי אַ גרויסער שטיין וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון דיינע פּלייצעס. די נעקסטע פּראָזע איז דעם חברס. קוקסט אים אָן, און ער ציטערט אויך. עטלעכע מינוט גייען דורך, דער שרעק גייט צוביסלעך אַוועק, דער אַקט גייט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, בילדער בייטן זיך איינס נאָך דאָס אַנדערע. און צום סוף, צום טאַנץ פון די בטלנים, האָט דער אַקט זיך צעוואַרעמט, און די אַקטיאָרן האָבן זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן צום גורל פון דער סטיכיע. עס הויבן זיך הענט און פיס, דאָס קול קלינגט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. עס דערגייט צו אַזאַ עקסטאַז, אַז דער עולם האָט אָנגעהויבן אַפּלאָדירן אין ריטם פון טאַנץ ביז דער פאָרהאַנג איז געפאַלן, און לאַנג נאָך דעם ווי דער ערשטער אַקט איז פאַריבער.

דער עולם האָט זיך צעטיילט אויף עטלעכע לאַגערן; אייניקע האָבן געזאָגט, אַז עס איז זייער גוט. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז עס איז אין דעם נישטאָ קיין גרויסע זאַכן. וואַכטאַנגאָוו קומט אַריין צו אונדז, לאַכט פון דעם וואָס באַם אָנפאַנג האָט מען זיך דערשראָקן און יעדער איז געוואָרן ווי זאַאיקעוואַטע, האָט מאַנכע געלויבט, און אַנדערע קאָרעגירט. „אָבער", זאָגט ער, „מיר האָבן זיי אַביסל דערוואַרעמט; יעצט, טייערע מיינע, לאָמיר זיי אָנצינדן!... לאָמיר זיי אַרויסרייסן פון די פּלעצער!..." די אויגן זיינע ברענען. ער גיט צו מוט. און דער צווייטער אַקט הויבט זיך אָן.

ווי נאָר דער פאָרהאַנג האָט זיך געעפנט און די בעטלער האָבן אָנגעהויבן טאַנצן, האָט דער עולם נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שושקעריי; דאָס בילד פון די משונהדיקע העוויות און טענץ האָט ווי אַ קלאַפּ געטאָן דעם צושויער איבערן קאָפּ. אָבער מיר לאָזן נישט אָפּ אויף אַ סעקונדע און די טענץ גייען אָן מיט טאַקט, מיט ריטם, מיט מוזיק. און אָט באַווייזט זיך לאה אינגאַנצן אין ווייסן, צווישן די מאָדנע קאַליקעס, וואָס זיינען אינגאַנצן אין גרוי. עס הויבט זיך אָן דער טאַנץ מיט לאהן, מיטן קאַראַהאַד. יעדער מאָמענט ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, יעדע מינוט שטייגט די עקזאַלטאַציע. אַלץ באַוועגט זיך אויף דער בינע מיט אַזאַ עקסטאַז, מיט אַזאַ ווילדקייט, און אין דער זעלביקער צייט מיט אַזאַ ריטמישקייט, אַז קומענדיק צום העכסטן מאָמענט, ווען לאה ווערט אויפגעהויבן אויף די הענט פון די בעטלער, און זיי טאַנצן מיט

איר אַזוי אין דער לופטן, דאָ האָט שוין דער עולם אָנגעהויבן אינמיטן אַזוי אַפּלאָדירן, אַז דער טעאַטער איז פאַרהילכט געוואָרן פונם קלאַפּעריי און די אויסגעשרייען. דער טאַנץ האָט זיך שוין פאַרענדיקט, אָבער דאָס באַגייס־טערטע קלאַפּעריי האַלט נאָך אָן אין זאַל. מיר האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן אויף אַ פּאָר מאָמענטן, כדי דעם עולם צו באַרואיקן. דער צווייטער אַקט איז אַריבער אויף הונדערט פּראָצענט ווי וואַכטאַנגאָוו האָט געהאָפט.

אַ באַגייסטערטער איז ער אַריינגעלאָפן צו אונדז אין די גרים־צימערן, האָט יעדערן געדריקט די האַנט, יעדער האָט געשיינט פון פרייד. שילוחים פון זאַל זיינען צו אונדז נישט צוגעלאָזט געוואָרן, אָבער ידיעות פון יענער זייט האָט מען פאַרט דורכגעשמוגלט. מען האָט איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן, וואָס שאַליאַפּין האָט געזאָגט, וואָס סטאַניסלאַווסקי האָט געזאָגט, וואָס מאַסקווין האָט געזאָגט, ווי אַזוי מייערכאָלד האָט געקוקט בשעת דעם צווייטן אַקט, ווי אַזוי גראַנאָווסקי האָט געפּאַטשט בראַוואָ, וואָס די קריטי־קער ריידן צווישן זיך. און יעדער „מען זאָגט" פלעגט זיך צעטראָגן ווי דורך אַ כישוף פון איינעם צום צווייטן, פון די מענער צו די פרויען, און ביז די בשורה פלעגט אָנקומען צום לעצטן, איז זי שוין געווען אַזוי צע־דרייט, אַז צום סוף האָט קיינער נישט געוואוסט גענוי וואָס מען האָט געזאָגט און ווער עס האָט געזאָגט. אָבער ווען מען ליגט עס אין זינען וואָס מען זאָגט, אַז יעדער פילט אַזוי ליכטיק אין האַרצן, אַז יעדער קאָן זען די פרייד אינם צווייטנס באַוועגונגען, אַז יעדער קאָן לייענען די פרייד אויף וואַכטאַנגאָווס פּנים. ענגעלס גוטמוטיקע אויגן האָבן געלאַכט און אַלט־מאַן האָט געריוויכערט זיין ליולקע, אַזוי ווי נישט אים מיינט מען. יעדער האָט שוין געקאָנט פאַרשטיין, אַז וואַכטאַנגאָווס זשעני האָט געזיגט, וואַכטאַנ־גאָוו האָט געשאַפן אַ נייעם סטיל, אַ נייע עפּאָכע אין טעאַטער...

קיין סך צייט פאַר דיסקוסיעס איז אָבער נישטאָ. די יעניקע, וואָס האָבן געענדיקט דעם צווייטן אַקט, האָרעווען איצט אויף דער בינע צוצו־גרייטן דעם דריטן. דאָס גלעקל קלינגט ווי אויף אַ שׂרפה, און רובינשטיין, דער געהילף־רעזשיסאָר, שרייט שוין ניט מיט זיין קול: — „על הבמה"! „על הבמה!..." פאַרשוויצטע פאַרהאָרעוועטע, אָבער שוין זיכערער ווי פריער, גייט מען צום דריטן אַקט.

דער דריטער אַקט הויבט זיך אָן, און להיפוך צו די ערשטע צוויי „ערדישע" אַקטן, האָט וואַכטאַנגאָוו געבויט דעם דריטן אַקט אויף רואיקייט, אויף הימלישקייט; דערפאַר די בלויע פאַסן, דערפאַר אַזאַ לאַנגזאַמקייט פון ריטם. אָבער אין יעדער רואיקייט באַ וואַכטאַנגאָוון איז געווען אָן אינער־לעכער אימפּעט, אָן עקסטאַז, וואָס האָט דעם צושויער געהאַלטן געשפּאַנט די גאַנצע צייט. און אָט איז דער סוף, דער מוזיקאַלישער געשפּרעך, וואָס וואַכטאַנגאָוו האָט געפונען במקום דעם מת וואָס דאַרף קומען אויף דער

בינע, ווי אַנ־סקי האָט עס אָנגעשריבן, און ווי די ווילנער, און נאָכדעם אויך אַנדערע טעאַטערס, האָבן עס געשפּילט. וואַכטאַנגאָוו האָט די סצענע פאַר־ביטן אויף אַ מוזיקאַלישן געשפּרעך צווישן לאהן און חננען, וואָס איז געווען וואונדערלעך פאַרטראַכט און טאַלאַנטפול דורכגעפירט פון ראווינה. און אָט איז דער פינאַל. לאה — ראווינה — שטאַרבט... קיינער וואָלט אפשר נישט געגלויבט, אַז אָט די סצענע איז רעפּעטירט געוואָרן טעג און נעכט, ביז ראווינה האָט געפונען אַ וועג ווי אַזוי צו פאַלן, ווי אַזוי אויסצוציען די הענט, דעם גוף; דאָס אַלץ האָט באַדאַרפט געטאָן ווערן אין טאַקט פון מוזיק; און וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע סצענע איז ענדלעך באַשאַפן גע־וואָרן! און אָט ווערט פינצטער. די מוזיק שפּילט ווידער ווי באַם אָנהויב „מפני מה", דער פאָרהאַנג פאַלט אין דער פינצטערניש, אַזוי אַז דער עולם זעט גאָרנישט. די ליכט אין זאַל גיט מען שוין ווען דער פאָרהאַנג ווערט אַראָפּגעלאָזט, און עס קומט אויס ווי מען וואָלט דעם עולם אויפגעוועקט פון אַ זיסן חלום.

ווען די ליכט האָבן זיך אָנגעצונדן, האָט דער עולם געיובלט, מען האָט דעם פאָרהאַנג „געגעבן" צענדליקער מאָל. די שוישפּילער, צוזאַמען מיט צמחן און וואַכטאַנגאָוון, האָבן זיך געפילט גליקלעך. אַ גרויסע פרייד האָט יעדערן אַרומגענומען. יעדער האָט געוואָלט זיין נעענטער צו וואַכטאַנגאָוון — דעם זיגער. ער איז געווען איבערגליקלעך, האָט געשמייכלט, און ער האָט, דאַכט זיך, גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן זיין ווייטיק. ווען אַלע זיינען זיך צעגאַנגען, האָבן מיר געהאַט די זכיה צו האָבן אויף דער בינע סטאַניס־לאַווסקין, טשעכאָוון און שאַליאַפּינען. מיר האָבן געיובלט, מיר האָבן גע־טאַנצט פון פרייד, און ווען סטאַניסלאַווסקי האָט זיך צעקושט מיט וואַכ־טאַנגאָוון, אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג, האָט וואַכטאַנגאָוו אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ פאַר זיין גרויסן לערער, און האָט זיינע אויגן אַ לאַנגע צייט נישט אויפגעהויבן. דאָס איז געווען אַ רירנדיקער מאָמענט. איין מייסטער האָט אויסגעדריקט באַוואונדערונג צו אַ צווייטן.

מיר פאַרלירן וואַכטאַנגאָוון

די געהויבענע געסט זיצן לאַנג מיט אונדז אויף דער בינע. מען רעדט וועגן דער פאָרשטעלונג, מען קריטיקירט, מען טיילט זיך מיט די מיינונגען. וואַכטאַנגאָוו באַקומט פון יעדן די העכסטע אָפּשאַצונג. אָבער ווען די געסט גייען אַוועק, בלייבט וואַכטאַנגאָוו אַליין מיט אונדז. מיר אַלע, נאָך אין גרים און אין די קאָסטיומען, גייען אַריין אין זאַל, און דאָ הויבט זיך ערשט אָן אונדזער יום־טוב. די עלטערע זאָגן אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער. צמח גיט איבער אין אַ האַרציקן טאָן אונדזער דאַנק וואַכטאַנגאָוון. ער שמייכלט, און ענטפערט, אַז דאָס איז נאָך גאָרנישט, דאָס איז בלויז אַ פּרואוו; מיר וועלן זיי נאָך ווייזן וואָס מיר קאָנען אויפטאָן. ער האָט באַלד פאַר זיי אַן אַנדער „סורפּריזעלע" — מיינענדיק די פאָר־שטעלונג אין זיין אייגענעם טעאַטער — די „פּרינצעסאַ טוראַנדאָט", וואָס האָט שפּעטער מיט דריי וואָכן באַדאַרפט געוויזן ווערן. מיר זיינען אַלע לעבן אים, מען זינגט, מען טאַנצט, אָבער וואַכטאַנגאָוו איז עפּעס נישט פריילעך. ער איז מיד, ער הויבט זיך אויף און וויל אַוועקגיין — לאָזט מען אים נישט. מיר ווילן, ער זאָל נאָך זיין מיט אונדז, נאָך אַביסל, וויל אָט גייט ער אַוועק, די פאָרשטעלונג איז פאַרענדיקט, בלייבן מיר אַליין. מיר בעטן אים, ער זאָל אונדז לכל הפּחות עפּעס זאָגן, איידער ער פאַרלאָזט אונדז. ער שטעלט זיך אויף און וויל ריידן, אָבער ער קאָן נישט, עס שטיקט אים, ער קאָן נישט איבערגעבן מיט ווערטער וואָס ער פילט איצט. די „הבימה" איז געוואָרן אַזוי פאַרבונדן מיט זיין לעבן, אַז עס איז איצט אַזוי ווי אַן אייגן קינד. אמת, זיין סטודיאָ־גרופּע, וואו ער גיט אַוועק זיין ענערגיע, איז ברוגז אויף אים וואָס ער פאַרנאַכלעסיקט זי צוליב אונדז, אָבער דאָס זעלביקע דענקען מיר, מן הסתם, וועגן יענער גרופּע. ער הויבט זיך אָן דערמאָנען זיינע באַגעגענישן, זיינע זוכענישן מיט אונדז, ווי אַזוי ער איז אונדז דאַנקבאַר פאַר העלפן אים אין זיינע זוכענישן. יעדן אייב־ציקן דערמאָנט ער. פאַר יעדן האָט ער אַ וואָרט פון טרייסט. נו און איצט, זאָגט ער, דאַרפן מיר זיך צעגיין. ער גיט אונדז אַ בילד מיט אַן אויפשריפט זיינעם, און שרייבט אַריין אין בוך פון דער „הבימה" עטלעכע ווערטער, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים — לאַקאָניש, און אין דער

זעלביקער צייט אַזוי פּאַטעטיש — ער שרייבט: — „טייערע מיינע, וואו זענט איר יעצט? נישט פאַרגעסט מיך"...

ער לייגט אַוועק די פּען, וויל עפּעס זאָגן און קאָן נישט. ער קערט אָפּ דעם קאָפּ, מען זאָל נישט זען זיינע אויגן. אַלע וויינען שטילערהייט... אַזוי שטייט מען עטלעכע מינוט און מען פילט, אַז אויב די שטימונג זאָל איצט נישט געענדערט ווערן, וועט אויסברעכן אַזאַ יאָמער, אַז מען וועט קוים קאָנען זיך באַרואיקן. אָבער ווער קאָן איצט זאָגן אַ וואָרט? און וואַכטאַנגאָוו, דערפילנדיק דאָס, טוט זיך פּלוצלונג אַ קער, הויבט אָן לאַכן, און אויסלאַכן יעדערן פון אונדז, הויבט זיך אָן וויצלען, און בייזערן זיך פאַר אַזאַ שטימונג. ער זאָגט: „לאָמיר בעסער זען צי איר האָט נאָך נישט פאַרגעסן מיין ניגון". ער זעצט זיך צו דער פּיאַנאָ, מיר לעבן אים, פאַרציט דעם ניגון, און מיר נאָך אים. די קולות טראָגן זיך איבערן גאַנצן טעאַטער, איבערן גאַנצן פאַרשלאָפענעם „ביזשני קיסלאָווסקי פערעאולאָק". וואַכטאַנגאָוו איז מער נישט מיד און נישט קראַנק, פאַרקערט, עפּעס ווי אויף צו להכעיס דער קראַנקהייט, אַלס אַ פּראָטעסט קעגן דער אומפאַרמיידלעכער קאַטאַסטראָפע, וואָס וועט אַמאָל קומען דורך זיין שווערער קראַנקהייט, זינגט ער נאָך שנעלער; ער פאַלט אַריין אין אַן עקסטאַז, און טאַנצט, מיר נאָך אים, און באַ דעם שיין פון טאָג, צעהיצטע און דערפרישטע פון דעם פּאַטאָס און עקסטאַז, אַנגעוואַרעמטע פון דער פרייד, מיט וועלכער ער האָט אונדז אָנגעשטעקט, טראָגן מיר אים אויף די הענט איבערן קאָרידאָר, איבער די טרעפּ, איבער אַלע צימערן, ווייטער... ווייטער... אויפן גאַס רייסט ער זיך אַרויס, דריקט יעדערן די האַנט, קושט יעדערן באַזונדער, און גייט פון אונדז אַוועק.

וואַכטאַנגאָוו איז אַוועקגעגאַנגען, און קיינער האָט אפילו נישט גע־טראַכט, אַז דאָס האָבן מיר אויף די הענט געטראָגן דעם רבין אונדזערן צום לעצטן מאָל. קיינער האָט נישט געדענקט, אַז ער וועט אַזוי פאַרשלאָפט ווערן, אַז ער וועט אפילו נישט קענען זיין באַ זיין צווייטער פאַרשטעלונג, אין זיין איי־גענעם טעאַטער, וועלכן ער אַליין האָט געשאַפן, אַליין אויסגעהאָדעוועט. קיינער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז מיט אַ קורצער צייט שפּעטער וועט דער זשעני אַוועקלייגן זיך און עס וועט אים נישט באַשערט זיין צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן דאָס מייסטער־ווערק, וואָס ער האָט באַשאַפן, די פאַרשטעל־לונג „פּרינצעסאַ טוראַנדאָט", וועלכע האָט געשאַפן געשיכטע אין טעאַטער, אַ פאַרשטעלונג, וואָס האָט נאָכאַמאָל באַוויזן זיין געניאַליטעט אַלס רעזשי־סאָר, אַ פאַרשטעלונג, וואָס גייט נאָך ביז יעצט אינם טעאַטער, וואָס טראָגט זיין נאָמען.

פון בעט האָט ער זיך מער נישט אויפגעהויבן. אַרומגערינגלט פון זיינע תלמידים און פאַרערער, פלעגט ער קראַנקערהייט נאָכפרעגן זיך

אויף יעדן באַזונדער. אונדז פלעגט ער פרעגן ווי עס גייט די פאָרשטעלונג; ער פלעגט זיך נאָכפרעגן אויף אַלע מאָמענטן און סצענעס, האָט געמאַכט באַמערקונגען, האָט נאָך געהאָפט עס אויסצובעסערן, ווען ער וועט געזונט ווערן. אָבער ער האָט זיך שוין מער פון בעט נישט אויפגעהויבן. די לעצטע טעג האָט ער מיט פרייד אויפגענומען די נייעס וועגן דער פאָר־שטעלונג „פרינצעסאַ טוראַנדאָט", וואָס איז אויפגעכאַפּט געוואָרן מיט גרויס באַגייסטערונג; אויך די קריטיק פון גאַנץ מאָסקווע וועגן דעם „דיבוק", וואָס האָט אים געליבט אין הימל אַריין, און האָט אים פאַרגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט.

אָבער די מינוטן זיינע זיינען שוין געווען געציילטע. די אויגן, וואָס האָבן ערשט געברענט מיט פייער, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אויסלעשן. יעדער איינציקער האָט שוין געזען, אַז זיינע בליקן אויף יעדן פון אונדז זיינען די לעצטע. מיט ליבע און וואַרעמקייט זיינען מיר געזעסן ביזן לעצטן מאָמענט, ווען ער האָט אויף אייביק צוגעמאַכט די אויגן!

דאָס צימער האָט זיך אָנגעפילט מיט שטילן געוויין...

דעם 29טן מאַי, 1922, ניין אַזייגער אין אָונט, איז יעווגעני באַגראַטי־אָנאָוויטש וואַכטאַנגאָוו געשטאָרבן... אַ גרויסער גייסט, אַ לערער, אַ פּי־רער, אַ חבר, און אַ קינסטלער, וועמען גאָט האָט די נשמה אַ קוש געטאָן און האָט זיין האַרץ אָפּגעשטעלט.

* * *

איך האָב דאָ איבערגעגעבן אין קורצן ווי אַזוי דער „דיבוק" איז אויפ־גענומען געוואָרן, וואָס פאַר אַ ווירקונג ער האָט אויף אונדז געהאַט, און אויך אין עטלעכע שטריכן וואַכטאַנגאָווס טויט. געוויס וואָלט די טעמע באַדאַרפט אויסגעברייטערט ווערן, ווייל די השפּעה, וואָס וואַכטאַנגאָוו האָט געהאַט אויף דער גאַנצער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער מאָסקווער טעאַטער־וועלט, איז געקומען פון זיין „דיבוק" און פון זיין „פרינצעסאַ טוראַנדאָט".

אויך וועגן וואַכטאַנגאָווס טויט וואָלט באַדאַרפט מער געזאָגט ווערן. די טעמע איז אַזוי גרויס, אַז מען וואָלט געקאָנט אָנשרייבן געוויס מער ווי עטלעכע אַרטיקלען. איבער וואַכטאַנגאָוון זיינען שוין געשריבן געוואָרן בי־כער און וועלן נאָך געשריבן ווערן, ווייל נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס עס איז שוין דער דרייצנטער יאָר נאָך זיין טויט, זעט מען זיך ערשט איצט אַרום, ווער וואַכטאַנגאָוו איז געווען. אָבער אין דעם בוך האָב איך זיך געשטעלט די אויפגאַבע איבערצוגעבן פאַרן לייענער די שטופן פון אַנטוויקלונג פון דער „הבימה", און אויך אירע לערער, וואָס האָבן מיט זייער שאַפן געווירקט אויף דעם לעבן פון דער „הבימה".



"DYBBUK"
The Stranger — A. Prudkin

„דיבוק"
משולח — א. פרודקין



„דיבוק"
דער מיראָפּאָלער צדיק—ב. טשעמערינסקי

"DYBBUK"
The Zaddik—B. Tchemerinsky

"DYBBUK"
Third Act — Finale

„דיבוק"
דריטער אַקט — לעצטע סצענע

י. ב. וואכטאַנגאָוו
אין דער ראָלע פון פראזער אין דער פאָרשטעלונג „מבול״
E. B. VACHTANGOFF, *as Fraser in Berger's "Deluge"*

וואַכטאַנגאָוו האָט פאַרנומען אַ גרויסן פּלאַץ אין דער „הבימה“ און דערפאַר האָב איך זיך פאַרנומען נאָר מיט זיין אַרבעט און זיין השפעה. איך האָב בכיון נישט געוואָלט זיך אָפּקערן אין אַ זייט און זיך פאַרנעמען מיט אַנדערע געשעענישן, וואָס זיינען זיך פאַרלאָפן אין טעאַטער בשעת וואַכטאַנגאָווס אַרבעט, וואָס זיינען אַליין פאַר זיך וויכטיק און אינטערעסאַנט, און וועגן וועלכע איך וועל געוויס ריידן שפּעטער. אָבער ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָב איך עס געטאָן מיט אַ כיון, ווייל איך האָב קלאָרער געוואָלט אַרויסברענגען וואַכטאַנגאָוון אַלס מענטש, אַלס רעזשיסאָר, זיין שיטה, זיין לעבן און זיין ווירקונג אויף דער „הבימה“...

און איצט, וועלן מיר זיך אומקערן צו דער אַנטוויקלונג פון דער „הבימה“, צו די מענטשן און געשעענישן, וואָס האָבן ווייטער געווירקט אויף דער „הבימה“. דאָ גיב איך נאָך צו די נאָטן פון וואַכטאַנגאָווס באַליבטן אַרמענישן ניגון, וואָס האָט אונדז אַזויפיל באַגייסטערט. זאָל עס דאָ בלייבן ווי אַן אָנדענק, און דערמאָנען אונדז וועגן אונדזערע בעסטע טעג און נעכט מיט אונדזער גרויסן לערער — וואַכטאַנגאָוו...

וואַכטאַנגאָווס אַרמענישער ניגון



The Vachtangoff Armenian Tune

inscribed by Jacob Weinberg

סטאַניסלאַווסקי אין דער „הבימה"

עס האָבן זיך שוין לאַנג אַרומגע־טראָגן קלאַנגען, אַז סטאַניסלאַווסקי איז מסכים געווען צו געבן אַ קורס לעקציעס פאַר דער „הבימה", נאָר אַזוי ווי דער שדכן איז געווען וואַכטאַנ־גאָוו, האָט עס שוין געהייסן, אַז אויף די לעקציעס דאַרפן זיין אויך די שילער פון וואַכטאַנגאָווס סטודיאָ. דערנאָך האָבן וועגן דעם דערהערט די שי־לער פון דער אַרמענישער סטודיאָ, לאַטישער סטודיאָ און אַנדערע. זיינען זיי אויך געקומען בעטן דערלויבעניש צו אַנוועזנד זיין ביי די לעקציעס. אַזוי אַרום האָבן זיך אויפגעקליבן סטודענטן פון אַלע סטודיאָס, פון אַלערליי נאַציאָנאַלי־טעטן, און עס זיינען פאַרשריבן געוואָרן מער פון הונדערט מענטשן. די לעק־ציעס זיינען פאָרגעקומען אין אונדזער קליינעם טעאַטער.

עס פילט זיך אַ יום־טובדיקייט. יונגע מענטשן קומען אויסגעפּוצט אין דאָס בעסטע וואָס זיי פאַרמאָגן. באַם טיר מוז יעדערער אונטערשרייבן זיין נאָמען, כדי פרעמדע זאָלן נישט אַריינקומען. און אָט קומט, פּונקט צו דער מינוט, סטאַניסלאַווסקי! אַ מאַיעסטעטישע פיגור! ער זעצט זיך אויף דער בינע, און מיט אַ שמייכל וואָס מאַכט אייך פילן פריינטלעך, באַ־קוקט ער דעם אָנגעפּאַקטן זאַל מיט מענטשן, און טרעט באַלד צו צו דער אַרבעט.

אייגנטלעך זיינען דאָס נישט געווען קיין פּראָפעסאָרישע לעקציעס, זיי האָבן געטראָגן מער דעם כאַראַקטער פון געשפּרעך פון איינעם אַ דערפאַ־רענעם חבר, אַן עלטערן, וואָס האָט זיך געטיילט מיט זיינע יונגע חברים, און האָט זיי געגעבן עצות ווי אויסצומיידן די דערנער, וואָס שטערן דעם אַקטיאָר זיך אַנטוויקלען. ער האָט אונדז דערציילט, ווי אַזוי ער אַליין האָט אָנגעהויבן, ווי אַזוי ער האָט געבלאָנדזשעט זוכנדיק דעם וועג צו דער נשמה פון דעם קינסטלער; ווי אַזוי ער האָט זיך פון אָנפאַנג אָן פאַרקאָכט אין אַפּערעטקעס; ווי אַזוי ער פלעגט זיך אויספּוצן אין לאַקירטע שטיוו־לעך און פאַרדרייען די וואָנצעס, כדי וואָס שענער אויסזען פון דער בינע; ווי אַזוי ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז אַ גרויסער זינגער און נאָכדעם האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ער האָט גאָר קיין שטימע נישט; ווי אַזוי ער האָט געוואָלט נאָר זיין אַ קאָמיקער און האָט קיין דערפאָלג נישט גע־

האַט; ווי אַזוי ער פלעגט זיך נעמען צו די אַלע טראַגישע ראָלן, וואָס עס געפינען זיך אין דעם וועלט־רעפּערטואַר; ווי אַזוי ער פלעגט קנאָקן די מאָנאָלאָגן אין דער הויך, און האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט, ווייל אַלץ וואָס ער האָט געשפּילט, איז געווען קאָפּירט פון גרויסע שוישפּי־לער; ווי אַזוי ער האָט נאָר געזוכט צו טאָן עפּעס אויף דער בינע, צו וואַרפן זיך פון איין פלאַץ צום צווייטן, כדי נישט שטיין ליידיק. דאָס אַלץ האָט ער באַוויזן מיט אַזויפיל חן און טאַלאַנט, אַז דו הערסט זיך צו צו יעדן וואָרט. ער גיט איבער אַלע קאָמישע סיטואַציעס, אַזוי אַז דער גע־שפּרעך פאַרוואַנדלט זיך אין אַ טעאַטראַלן שפּיל, וואָס רופט אַרויס אַ סך געלעכטער און שפּאַס.

ער דערציילט, ווי אַזוי ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דער־פילט אַן אינערלעכע וואַרעמקייט, און האָט אין דער צייט נישט געוואָרפן מיט די הענט, איז ער געווען זייער בייז אויף זיך, ווייל ער איז געווען איבער־צייגט, אַז ער טויג אויף כפרות. אָבער ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן, ווען דער רעזשיסאָר האָט אים צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צייט געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, און ווי אַזוי פון דעם מאָמענט אָן האָט ער שוין נישט געריסן די קישקעס אויף צוריידן, האָט שוין נישט געטופּעט מיט די פיס, כדי צו מאַכן אַ רעש, נאָר האָט גערעדט נאַטירלעך, מענטשלעך, האָט זיך באַוועגט נאַטירלעך, און וויבאַלד ער קומט צום פּונקט פון נאַ־טירלעכקייט, הויבט ער אָן מאַכן עטיודן אויף אַלערליי פאָרמען פון „נאַ־טירלעכקייט".

מען פלעגט אַרויפקומען אויף דער בינע און דאַרפן דעמאָנסטרירן פאַר זיינע אויגן די „נאַטירלעכקייט" ניט נאָר אין ריידן, נאָר אויך אין באַוועגן זיך, זעצן זיך, אויפשטיין, געבן די האַנט; דאָס אַלץ האָט זיך געדאַכט אונדז אַלעמען אַזוי פּראָסט, אָבער ווי שווער עס איז געווען דאָס צו טאָן אַזוי ווי סטאַניסלאַווסקי האָט עס געוואָלט.

מיר האָבן געמאַכט הונדערטער עטיודן אויף אַזוינע באַקאַנטע מענטש־לעכע געפילן ווי שרעק, פרייד, אומעט, שטילקייט, שווייגן, ריידן, לאַכן — דאַכט זיך, אַזוינע געוויינלעכע געפילן. שרעק — ווער קאָן זיך נישט שרעקן?... אָדער ווער קאָן נישט שווייגן?... דאַכט זיך, וואָס־וואָס; שווייגן קאָן יעדער. אָבער שווייגן, שרעקן זיך, פרייען זיך, לויט די אויפגאַבן פון סטאַניסלאַווסקין, זיינען גרויסע אויפגאַבן. דאָס איז אייגנטלעך דער פונדאַמענט פון זיין לערע.

ער גיט, למשל, אַזאַ אויפגאַבע: מיר זיינען אַלע אין אַ צימער, פאַר־שפּאַרט, קיינער קאָן פון צימער נישט אַרויס, און פּלוצלונג הויבן אָן די ווענט שפּאַלטן זיך. איין וואַנט פאַלט איין, נאָך אַ וואַנט, אַט נאָך אַ מאָ־מענט און די סטעליע וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף די פאַרזאַמלטע און וועט

זיי דערשטיקן. אַן ערך הונדערט מענטשן מאַכן דעם עטיוד. ווער עס האָט נישט געהערט דעם שטייגן שטימען, ווער עס האָט נישט געזען דאָס טוליען זיך איינער צום צווייטן, דעם אויסדרוק אויף די פנימער און דעם פאַרצווייפלטן אויסגעשריי פון אַלעמענס הערצער ווען די סטעליע „פאַלט אַרונטער", דער האָט קיין אויסערגעוויינלעכן ספּעקטאַקל נישט געזען. עס איז געווען מוזיק, ריטם, באַוועגונג, און אַ פאַרגליווערונג, אַ סקולפּטור פון מאַסן גופים, הענט, פיס, און אַלע אין פאַרשיידענע פּאָזן. געווען אַזעלכע, געוויינלעך אין זייער אַ גרויסער צאָל, וואָס האָבן גאָרנישט ניט געפּילט, און פלעגן גלאָט אין דער וועלט אַריין שרייען. די האָבן דעם געניטן קוק פון סטאַניסלאַווסקיס אויגן נישט אויסגעמידן. ער פלעגט זיי אַרויסרופן באַזונדער און טאַקע אויפן פּלאַץ באַווייזן זייערע פעלערן. אָפּנאַרן איז געווען אוממעגלעך, ווייל קוים האָט ער נאָר אַ קוק געגעבן אויף אייך, האָט ער שוין געוואוסט וואָס עס קומט פאָר אין אייער נשמה.

וואַכטאַנגאָוו שרייבט אין זיין טאָג־בוך וועגן סטאַניסלאַווסקין: „סטאַניסלאַווסקי קאָן פּערפעקט דעם אַקטיאָר פון קאָפּ ביז די פיס, פון די קישקעס ביז דער הויט, פון גערדאַנק ביז דער נשמה". און דאָס איז קיין האָר נישט איבער׳געטריבן.

די שווערסטע אויפגאַבע איז געווען דורכפירן די עטיודן פון שווייגן. יעדער איינציקער האָט באַדאַרפט צוטראַכטן אַן עטיוד באַ זיך אין מוח און מיט דעם באַרעכטיקן זיין איצטיקן מאָמענט פון שווייגן. אין זאַל איז שטיל. מען הערט נאָר דאָס אָטעמען פון די פילע מענטשן. סטאַניסלאַווסקי גייט דורך פאַרביי די סטודענטן און קוקט זיי אַריין אין די אויגן. ער כאַפּט אַן איינעם און ווייזט אַן אויף אים, אַז לויט דעם אויסדרוק פון זיינע אויגן, ווייסט ער פאַרוואָס ער שוויגט. ער זאָגט, אַז ער איז נישט קיין נביא צו טרעפן, און ער וויל נישט טרעפן פּינקטלעך, נאָר לויט זיין אויסדרוק דאַרף באַ דעם סטודענט זיין אַזאַ און אַזאַ געפיל. נאָכדעם ווענדט ער זיך צו די איבעריקע און פרעגט זייער מיינונג. געוויינלעך זיינען דאָ פאַרשיידענע מיינונגען. פאַראַן אַזוינע, וואָס זיינען ניט איינפאַרשטאַנען מיט אים, און אַזוינע, וואָס גיבן צו דאָס זעלביקע. הויבט זיך אָן אַ דיסקוסיע. יעדער באַזונדער זאָגט אַרויס זיין מיינונג, און עס קומט צו היציקע דעבאַטעס אויף דער טעמע. דאָס איז אייגנטלעך געווען די אויפגאַבע פון סטאַניסלאַווסקיס לערע — צו אויפרעגן, אַרויסרופן אַט די דיסקוסיעס וועגן דעם לעבן.

די גרינגערע עטיודן זיינען געווען די פון ריידן, נישט מיט ווערטער, נאָר גלאָט אַזוי פּלאַפּלען. מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַ צימער און גערעדט צווישן זיך. עס זיינען דאָ פאַרשיידענע אויפגאַבן, אָדער איבערגאַנגען. אָט ריידן די מענטשן אויף אַ שמחה, וואו יעדער איז פריילעך,

און אפשר אויך שיכורלעך. איינער וויל איבערשרייען דעם צווייטן. פֿאַראַן אַ מאָמענט ווען די זעלביקע מענטשן שטייען אין אַ צימער און וואַרטן, אַז פֿון צווייטן צימער זאָלן זיך באַווייזן וויכטיקע געסט. דאָ ווערט מען אָנגעצויגענער און מען שרייט שוין נישט, נאָר יעדער רעדט צום צווייטן מיט האַלבע ווערטער, ווייל די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז איצט געווענדט צו דער טיר, פֿון וואַנען די געסט דאַרפֿן אַריינקומען. נאָך אַ מאָמענט איז פֿאַראַן, ווען עס דאַרף הייסן, אַז די זעלביקע מענטשן האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין אַ שפּיטאָל, און אין צווייטן צימער ליגט אַ קראַנקער, אויף וועלכן מען מאַכט אַן אָפּעראַציע און די אָפּעראַציע איז זייער אַ געפֿערלעכע. דאָ ריידן שוין די מענטשן גאָר אַנדערש. עס הערשט אין צימער אַן אָנשטרענגונג, און ריידן רעדט מען מיט אָפּגעהאַקטע פֿראַזן, און שטיל. און טוט ער בכיון אַ ריר דעם טיש, טוען זיך אַ קער צו אים הונדערטער בליקן. שפּילט שוין סטאַניסלאַווסקי ווייטער מיט אונדז דעם עטיוד. ער קומט אַרויס נעענטער צו אונדז, מיר נעמען אים אויף אַלס הויפּט־דאָקטאָר, וואָס דאַרף אָנזאָגן דעם רעזולטאַט פֿון דער אָפּעראַציע. רוקט מען זיך צו צו אים נעענטער, און מיט בליקן פֿול מיט האָפֿענונג, פֿרעגט מען אים וואָס עס הערט זיך. ער שטייט אַ ווייל און זאָגט גאָרנישט, נאָכדעם לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ, גיט אַ מאַך מיט די הענט, און גיט איבער מיט פּאַנטאָמימע די שלעכטע בשורה. עס ווערט אַ גערודער. יעדער וויל וויסן די נייעס, מען גלויבט נישט, אימיצער וויינט. מען שפּאַרט זיך צו דער טיר — אַ קלאַפּ אין טיש, און דער עטיוד איז פֿאַרענדיקט.

אַזוינע עטיודן זיינען דורכגעפֿירט געוואָרן אין די הונדערטער, און שטופּנווייז פֿלעגן מיר איבערגיין פֿון איין געפֿיל צום צווייטן. אָבער איבּ־ טערעסאַנטער פֿון אַלע זיינען געווען די שעורים פֿון ריטם. די מוזיק שפּילט אַ געוויינלעכן וואַלץ און מיר דאַרפֿן זיך באַוועגן צום טאַקט פֿון דער מוזיק. מיר דאַרפֿן זיך זעצן און אויפֿהויבן אין טאַקט. מיר דאַרפֿן אָנטאָן די הוט און מאַנטל אין זעלביקן ריטם. און אַט שפּילט די מוזיק אין אַ פֿעסטערן טעמפּאָ, באַוועגט מען זיך שנעלער. די מוזיק בייט דעם טעמפּאָ אַזוי שנעל ווי מעגלעך און מיר באַוועגן זיך לויט דער מוזיק. סטאַניסלאַווסקי קוקט יעדן אויף די פֿיס און שטעלט אָפּ דעם וואָס גייט נישט ריכטיק.

און אַט נעמט ער אַ טיכל אין האַנט און הויבט עס אָן דרייען אין ריטם פֿון מוזיק. און דאָס שטיקל מאַטעריאַל אין זיינע הענט הויבט זיך אָן דרייען ווי אַ שלאַנג אין די הענט פֿון אַ כישוף־מאַכער. אַט ציט זיך עס אויס אין דער לענג און נעמט זיך איין צוזאַמען מיט דעם ריטם פֿון זיינע הענט. אַט ווייזט זיך דיר אויס אַז דער מאַטעריאַל ציט זיך אַזוי לאַנג און וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן... מיר האָבן אויך געפּרוּווט דאָס צו טאָן, אָבער אומזיסט די מי. עס איז אַרויסגעקומען אומגעלומפּערט.

אין אונדזערע הענט איז דער מאַטעריאַל געווען נאָר אַ טיכל, וואָס מען קאָן מיט דעם ווינציק וואָס אויפטאָן. קיינער האָט זיך, נאַטירלעך, נישט געריכט צו מאַכן עס אַזוי ווי סטאַניסלאַווסקי. יעדער האָט מן הסתם גע־טראַכט: „וואָלט איך נאָר געהאַט זיין פיגור, זיינע הענט, זיינע באַוועגונ־גען, וואָלט איך שוין אויך געקאָנט עפעס אויפטאָן. אָבער גיי מאַך כישוף מיט אַ טיכל, און פאַרמעסט זיך מיט אַזאַ גיגאַנט".

אמת, די שעורים פון ריטם האָבן אין אייך אַנטוויקלט אַ מוזיקאַלישן ריטם, וואָס האָט זיך אָנגעזען אפילו אין אייער פריוואַטן לעבן, און דאָס האָט אונדז זייער אַ סך אַרויסגעהאָלפן שפּעטער, באַם אַרבעטן אויף אַ ראָל. די עטיודן פלעגן זיך פאַרציען ביז שפּעט, ווייל קומען פלעגט סטאַ־ניסלאַווסקי נאָר אויף דריי שטונדן, באַטאָג. אין אָוונט האָבן מיר גע־שפילט.

די אומאָפיציעלע געשפּרעכן האָבן זיך אַמאָל פאַרצויגן מער וויפיל די אָפיציעלע, און פלעגט סטאַניסלאַווסקי נאָר פאַראינטערעסירט ווערן אין אַ זאַך, האָט ער עס געוואָלט קלאָר מאַכן ביזן סוף. באַ די ניט־אָפיציעלע געשפּרעכן פלעגט ער דערציילן אַ סך קאָמישע עפּיזאָדן פון זיין קאַריערע, וועלכע זיינען שפּעטער דערמאָנט געוואָרן אין זיין בוך „מיין לעבן אין קונסט". מיר פלעגן האַרציק לאַכן פון זיינע דערציילונגען. די עפּיזאָדן פון זיין לעבן זיינען געווען אַזוי אינטערעסאַנט, אַז מיר פלעגן זיי הערן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. יעדער איינציקער האָט געקוקט אויף דעם ריז און געטראַכט: — „וועט אימיצן פון אונדז אַמאָל באַשערט זיין צו איבערלעבן אַזוינע וואונדערלעכע מאָמענטן?..." אין דער פאַנטאַזיע האָט זיך פאַר־געשטעלט אַ ליכטיקער וועג, פול מיט בלומען, אָבער דער וועג איז אַזוי וויט, אַזוי לאַנג! ווער ווייסט צי וועט מען אים אַמאָל דערגרייכן...

אָבער זאָל זיין, אַז אַ סך פון די וועלן גאָר קיינמאָל נישט זען די ברעט־טער פון אַ בינע; זאָל זיין, אַז דער גורל וועט אָוועקטראָגן אַ סך פון די אויף גאָר אַנדערע געביטן, וואָס וועלן ווייניק וואָס האָבן צו טאָן מיט קונסט, — אָבער עס איז דאָך זיכער, אַז אָט די שטונדן האָבן געהאַט אַ גרויסע דערציאונגס־קראַפט אויף יעדן איינציקן פון אונדז. עס איז זיכער, אַז זיי האָבן שטאַרק געווירקט אויף דער פּסיכיק, אויף די באַציאונגען פון מענטש צו מענטש. דער וואָס איז שעמעוודיק און באַשיידן — באַקומט מער פרייהייט, מער זיכערקייט, און די, וואָס זיינען גראָב און נישט דערצויגן, ווערן איידעלער. דער כאַראַקטערלאָזער באַקומט איבערצייגונגס־קראַפט, די פּחדנים הויבן אָן צו שמייכלען. די קונסט, די אמתע קראַפט פון קונסט, איז אַ רפואה וואָס היילט דיך. עס גיט דיר אַ באַפרידיקונג אין לעבן, עס פילט אָן דיין האַרץ מיט מוזיק, ריטם, קלאַנגען. עס עפנט פאַר דיר אַ וועג צו די טיפענישן פון צווייטן, וועמען דו קאָנסט נישט, און עס ווערט דיר

לייכטער אויף דער נשמה. סטאַניסלאַװסקי און זיין שילער װאַכטאַנגאָװו האָבן געהאַט דעם שליסל צו מענטשלעכע נשמות.

כדי צו געבן אַ מעגלעכקייט אין דער פּראַקטיק אויסצופּרובירן אונדזערע כחות און דערװייזן, אַז די אַרבעט מיט סטאַניסלאַװסקין קאָן איצט דורכגעפירט װערן אין לעבן, דאַרף מען נעמען אַ פּיעסע, אין װעלכער עס זאָלן קאָנען אָנטיילנעמען אַ סך שױשפּילער. מען דאַרף, פאַרשטייט זיך, אויסקלייבן אַזאַ פּיעסע, װאָס זאָל זיין באַקאַנט די רוסן, די יידן, אַרמענער לאַטישן. דאָ קאָן מען שוין נישט נעמען קיין פּיעסע, װאָס זאָל האָבן צו טאָן מיט לאָקאַלע אידייען, און אויך נישט קיין נאַציאָנאַלע. דאַרף מען נעמען אַ זאַך פונם װעלט־רעפּערטואַר, און סטאַניסלאַװסקי באַשליסט צו נעמען אַן אַקט פון „שײלאָק", און דעם אַקט דורכפירן אַזוי, אַז יעדע גרופּע זאָל דאָס רעפּעטירן אין איר אייגענער שפּראַך און נאָכדעם זאָל מען עס יעדע װאָך שפּילן אויף די שפּראַכן פון אַלע גרופּן. עס איז געװען אַ װאונדערלעכע אידייע.

מען האָט אָנגעהויבן אַרבעטן און מען האָט זיך פאַרגעשטעלט װי אַזוי מען שפּילט „שײלאָק" אין פינף פאַרשיידענע שפּראַכן, װי אַזוי די אַרמענער קומען זען שפּילן די „הבימה" אין העברייאיש, די „הבימה" גייט זען די לאַטישן, א. אַ. װ. עס איז געװען אַן אידייע, װאָס האָט געריצט די פאַנטאַזיע, און אין דעם גייסט האָבן מיר געאַרבעט. אין איין אָװנט פלעגן מיר אַמאָל רעפּעטירן עטלעכע „שײלאָקס" און „אַנטאָניאָס" אויף פאַרשיידענע שפּראַכן. האָט עס געשפּילט אַ רוס, איז געװען די אויסטייטשונג אַן אַנדערע, אַן אַרמענער — װידער אַן אַנדערע. האָט עס געשפּילט איינער פון אונדז, האָט עס געקלונגען אודאי און אודאי אַנדערש. עס איז גאָר אַן אַנדער מענטש, מיט אַנדערע געפילן, און מיר דאַכט זיך, װען איך הער זיך צו איצט צו די קלאַנגען, אַז די װערטער מיטן אויסגעשריי פון שײלאָקן „מיין טאָכטער, מיינע דוקאַטן?" האָבן געקלונגען אויפריכטיקער און פאַרשטענדלעכער באַ אונדז, װי דער קלאַנג פון די זעלביקע װערטער באַ די איבעריקע.

באַם צוגרייטן זיך צו אַזאַ פּראָבע, פלעגן מיר אַלעמאָל זאָגן צװישן זיך, אַז „שײלאָק" איז נאָך נישט געשפּילט געװאָרן פון יידישע אַקטיאָרן, עס איז נאָך נישט אויפגעפירט געװאָרן. מיר האָבן געמיינט צו זאָגן, אַז נישט קוקנדיק אויף דעם, װאָס „שײלאָק" איז טאַקע געשפּילט געװאָרן אין אַלע טעאַטערס פון דער װעלט, און פון יידן אויך, װעט דער „שײלאָק" פון דער „הבימה" זיין אַן אַנדער „שײלאָק". עס דאַרף געשאַפן װערן אַרום „שײלאָקן" אַן אַנדער אַטמאָספער, אַן אַטמאָספער פון געטאָ, פון פאַרפאָלגונגען. מען דאַרף װייזן װי אַזוי די װענעציאַנער שפּייען אויף שײלאָקן, װי אַזוי די קליינע װענעציאַנערלעך לויפן נאָך שײלאָקן און

שרייען אים נאָך: „זשיד, חזיר“, א. אַ. וו. דאַן וועט פֿאַרשטענדלעך ווערן דער שפּאַס, וואָס שיילאָק האָט געמאַכט מיטן פֿונט פֿלייש, דאַן וועט פֿאַרשטענדלעך ווערן דאָס ביסל נקמה, וואָס ער האָט געוואָלט נעמען פֿון „גערעכטיקייט“. און אויסרעכענדיק און אויסטייטשנדיק אַזוי שיילאָקן, וועט פֿאַרשטענדלעך ווערן פֿאַרוואָס די ווערטער האָבן געקלונגען מער אויפֿריכטיק אין מויל פֿון די „הבימה“־שפּילער.

געוויינלעך איז פֿאַרשטאַנען געוואָרן, אַז יעדע פֿאָרשטעלונג פֿונם אַקט, אָדער פֿון דער גאַנצער פּיעסע, דאַרף אויפֿגעפֿירט ווערן פֿון סטאַניסלאַווסקין אַליין, לויט דער פֿאַרשטענדיקונג פֿון יעדער גרופּע באַזונדער. מען קאָן גאָר איצט נישט אָפּשאַצן די קאָלאָסאַלע אַרבעט און די גרויסע נוצן, וואָס אָט די אַרבעט האָט געבראַכט פֿאַר יעדן פֿון אונדז. אַחוץ דעם, וואָס עס זיינען אָנגעפֿירט געוואָרן דיסקוסיעס וועגן דער פּיעסע בכלל, האָט דאָס אונדז אויך געגעבן אַ מעגלעכקייט צו מאַכן פּראָבע אויף מענטשן און געפֿילן פֿון יענער עפּאָכע, וואָס האָט געפֿירט צו געלאַסנקייט אין ריידן און באַוועגונג. מיר האָבן שטודירט די מנהגים פֿון יענע צייטן אין ווענעציע, מיר האָבן אַ סך פֿאַנטאַזירט אויף דער טעמע, און אַ סך עטיודן זיינען געמאַכט געוואָרן אַרום דער פֿאָרשטעלונג.

עס זיינען, למשל, שטודירט געוואָרן די באַוועגונגען, דער גאַנג, ווי אַזוי צו טראָגן דעם קערפּער, און ווי אַזוי אומצוגיין מיט די טישטעכער און די ליילעכער, וואָס האָבן געדינט במקום מאַנטיליעס אויף אונדזערע פּלייצעס. מיר האָבן באַדאַרפֿט זיך לערנען ווי צו פֿעכטן זיך. עס איז אפֿילו אַנגאַזשירט געוואָרן אַ לערער פֿאַר פֿעכטן, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן שעורים פֿון פֿעכטאָוואַניע מיט שפּיזן, מיט הענטשיקעס, מיט דראָטענע היטלען. מאַנכע פֿון אונדז זיינען אַזוי אַריינגעטאָן געוואָרן אינם פֿעכטן, אַז בײַ דער ערשטער געלעגנהייט פֿלעגן זיי אָנטאָן דאָס היטל און אַ פּערטשאַטקע, מיטן שפּיז, און פֿלעגן אונטערשפּרינגענדיק אַטאַקירן און שטעכן וואָס עס איז נאָר געקומען אונטערן האַנט.

נאָכדעם האָט מען באַדאַרפֿט מאַכן עלאַסטיש דעם גוף, כדי צו טראָגן אים מיט דער ווירדע פֿון אַן אמתן ווענעציאַנער. דאַרף מען שטודירן אַקראָבאַטיק — און דער גאַנצער טעאַטער טוט זיך אָן אין קורצע הייזלעך און מען ווערט ליידנשאַפֿטלעכע אַקראָבאַטן. מען קוליעט זיך, מען דרייט איינער דעם אַנדערן די הענט. מען דאַרף האָבן אַ גוטע שטימע און אַ ריכטיקע דיקציע פֿאַר די ווענעציאַנער — עפּעס דאַרפֿן זיי דאָך ריידן אַזוי, אַז מען זאָל פֿאַרשטיין יעדן וואָרט — דאַרף מען ריידן פֿון ברוסט, מיט אַ קלאָרער שטימע, נישט פֿון בויך, ווי מיר זיינען געוואוינט געוואָרן. לאַדט מען איין דעם בעסטן און דערפֿאָלגרייכסטן אויף דעם געביט אין מאָסקווע, דעם באַרימטן פּראָפֿעסאָר פּיאַטניצקי, אַ הויכער, גוטמוטיקער קריסט פֿון

דוד פינסקי, דער מחבר פון „אייביקן איד"

DAVID PINSKY, *Author of the "Eternal Jew"*



"THE ETERNAL JEW"
Setting by Georgy B. Yakuloff

„דער אייביקער איד"
קאָנסטרוקטיווע דעקאָראַציע פון געאָרגי ב. יאַקולאָוו

טיף־רוסלאַנד, — וואָס רעדט אויף „אַ״, און די „הבימה״ ווערט פאַר־וואַנדלט אין אַ לאַבאָראַטאָריע פון פאַרריכטן שטימעס.

עס הויבט זיך אָן אַ געשיכטע מיט דיאַפראַגמעס, מיטן אָטעם, מען ציט אַריין דעם אָטעם זייער שנעל און מען לאָזט אים אַרויס לאַנגזאַם. איינער פאַרריכט דעם צווייטן, און ווייסט אַליין נישט וואָס מען דאַרף טאָן. אָבער עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ סדרה דיאַפראַגמעס. יעדער האָט געזוכט באַם צווייטן די דיאַפראַגמע און האָט זי בשום אופן נישט געקאָנט געפינען, ביז דער לערער פלעגט קומען צו דער פּראָבע. פלעגן מיר זיך אויסשטעלן אין אַ ריי, עפענען די מיילער, אַריינציען דעם אָטעם, און אַרויסלאָזן, אַריינ־נעמען די דיאַפראַגמע און אַרויסשטעלן די ברוסט. נאָכדעם פלעגט מען דאַרפן אויסשרייען ווערטער, און פיאַטניצקין האָט זיך דוקא געוואָלט, מיר זאָלן שרייען אין העברייאיש. שרייען מיר „אדני״. דאָס וואָרט „אדני״ גע־פעלט אים דוקא, שרייען מיר שוין אַלע צוזאַמען „אדני״. וויל ער נאָך ווערטער, אָבער וויפיל ער האָט זיי נישט געלערנט, האָט ער זיך פאַרט נישט געקאָנט אויסלערנען. האָט ער ענדלעך באַשלאָסן, עס זאָל שוין זיין רוסישע ווערטער, אָבער אַזוינע, וואָס זאָלן זיך פּאַסן פאַר אַן אויסגעשריי. כאַפּט ער אָן צוויי ווערטער: „קראַדיאַט יאַבלאָקי!״ (גנבעט עפּל). שרייען מיר שוין אַלע דריי ווערטער און אין טעאַטער שטייט אַ געשריי: „אדני (גאָט), גנבעט עפּל!...״

איז מען אַרומגעגאַנגען וואָכן־לאַנג מיטן געשריי. און טאָמער וויל אימיצער אַרויסרופן אַ געלעכטער אויף אַ פּראָבע, דאַרף ער נאָר עפענען דאָס מויל און אויסשרייען די דריי ווערטער. דאַן הויבט מען זיך אָן האַלטן פאַר די זייטן פון געלעכטער.

עס זיינען געווען גענוג קאָמישע סיטואַציעס און גענוג שפּאַסן מיט די פאַרברענטע „שטימע־פּרעסער״ ווי איניקע האָבן עס אָנגערופן, מיט די פּעכטאָוואַלשטשיקעס, אַקראַבאַטן, א. אַ. וו. אָבער פון דעם שפּאַס האָט מען זייער פיל געלערנט.

די אַרבעט אויף דער פּיעסע „שיילאָק״, מיט סטאַניסלאַווסקין, איז אָנגעגאַנגען זייער אינטענסיוו. יעדע פּראָבע פלעגט זיך פאַרציען אויף שטונדן לאַנג, און נאָך יעדער פּראָבע פלעגט ער ווידער דערציילן פון זיינע פּערזענלעכע דערפאַרונגען אויפן טעאַטראַלן געביט. די אַלע גע־שפּרעכן פלעגן פאַרשריבן ווערן פון אַ סטענאָגראַפיסטקע, און זיי געפינען זיך נאָך היינט אין אַרכיוו פון דער „הבימה״. אַמאָל, ווען זיי וועלן פון אימיצן אָפּגעדרוקט ווערן, וועט עס געוויס האָבן אַ גרויסע ווערט.

מען האָט געאַרבעט שווער און ענערגיש, אָבער צום סוף סעזאָן האָבן זיך די לימודים אָפּגעשטעלט איבער געוויסע סיבות. די קורסן האָבן זיך איבערגעהאַקט, און די אידייע אויפצופירן „שיילאָק״ איז נישט דערפילט

געוואָרן. אַ שאָד! ווען די פּיעסע וואָלט אויפגעפירט געוואָרן, וואָלט עס געווים געווען אַ גרויסע געשעעניש פאַר דער טעאַטראַלער מאָסקווע בכלל, און פאַר דער „הבימה" בפרט. אָבער סיי־ווי איז דאָך די פאָרשטעלונג נישט געווען דער ציל, עס איז נאָר געווען אַ מיטל צו לערנען מיט דעם גרויסן לערער — צו טרינקען וואַסער פון ערשטן קוואַל, און דאָס האָט זיך אונדז איינגעגעבן אויף הונדערט פראָצענט. מיר זיינען דורכגעגאַנגען די סיסטעם פון דעם באַשאַפער אַליין.

דאָס האָט אונדז, פאַרשטייט זיך, נישט געגעבן קיין רעכט צו זאָגן: „איך קאָן שוין!" עס איז נאָר אָפּגעקלערט, גערייניקט געוואָרן דער פונדאַמענט. עס איז אָפּגערייניקט געוואָרן די מיסט, וועגן וועלכן וואַכטאַנגאָוו האָט צו אונדז גערעדט, און איצט איז דער וועג געוואָרן פרייער פאַר דער נשמה פון קינסטלער. איצט קומט די פראַקטיק, וואָס דאַרף פאַרשטאַרקן דעם גלויבן אין זיך, וואָס דאַרף אַרויסשיילן דיין טאַלאַנט און אים ברענגען צום לעבן. דאָס האָט געטאָן פאַר אונדז דער גרויסער לערער סטאַניסלאַווסקי.

די „הבימה"-סטודיאָ ווערט אַ מלוכה-טעאַטער

ווען דער „דיבוק" איז פאַרענדיקט געוואָרן און האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסן דערפאָלג, האָט שוין במילא די „קאַזנאַ" אָדער די „הקופה" אָפּגעלעבט. עס האָבן אָנגעהויבן קומען פון אַלע עקן שטאָט יידן, און אויך ניט-יידן, אַזוי אַז די קאַסירשע, וואָס פלעגט עפּענען דאָס פענצטערל ניין אַזייגער אינדערפרי, האָט שוין געטראָפן מענטשן וואָס האָבן געוואַרט אויף איר. ביז צום סוף וואָך פלעגן אַלע בילעטן ווערן אויספאַרקויפט, אַזוי אַז פילע פון די, וואָס זיינען געקומען שבת און זונטיק, פלעגן נישט קריגן קיין בילעטן. דאָס האָט פסיכאָלאָגיש געווירקט צו פאַר־שפרייטן דעם קלאַנג, אַז אין דער „הבימה" גייען מענטשן צוריק, אַז אַלע בילעטן ווערן אויסגעפאַרקויפט וואָכן פאָרויס. פלעגן שוין מענטשן קומען וואָס פריער אום צו פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ, אַזוי אַז מאַנטיק פרי האָט איר געקאָנט זען אַ לאַנגע ריי מענטשן, ספּעציעל סטודענטן, שטייענדיק באַם פענצטערל און אַרויסקוקנדיק אַז מען זאָל נאָך קאָנען פאַרכאַפּן אַ בילעט.

די „אָטשערעדן", וואָס האָבן זיך מיט יעדער וואָך פאַרלענגערט, האָבן אַ סך בייגעטראָגן צום דערפאָלג פונם „דיבוק". עס איז געוואָרן אַ געלאָף, און די בילעטן פלעגן טאַקע ווערן אויספאַרקויפט אויף וואָכן פאָרויס.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אויפן האַרצן איז געוואָרן פריילעכער. קיין מענטשן האָבן שוין אין זאַל נישט געפעלט, מען דאַרף שוין נישט אַרויס־שיקן קיין סטודענטן אָפּזיצן דעם אָוונט אין טעאַטער, מען לויפט שוין נישט קוקן אויף אַ קונה ווי אויף אַ בייז-וואונדער. אָבער דאָס הייסט נאָך נישט, אַז די מאַטעריעלע לאַגע איז דורכדעם פאַרבעסערט געוואָרן. מיט דעם געלט, וואָס קומט אַריין, דאַרף מען צאָלן פאַר האָלץ, פאַר עלעק־טרישע ליכט, און דעם חוב, וואָס איז געליען געוואָרן פאַר דער אויפפירונג פון „דיבוק", אַזוי אַז די לאַגע פון די אַקטיאָרן, ספּעציעל פון די, וואָס האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע פריערדיקע שטעלעס, איז געוואָרן וואָס אַ טאָג ערגער. מען שפּילט שוין דריי און אַמאָל פיר מאָל אַ וואָך, און די אַקטיאָרן גייען אַרום און הונגערן, אַזוי אַז דער געשפּרעך וואָס די בטלנים פירן אָן אין ערשטן אַקט, אַז איינער האָט נאָך היינט נישט פאַר־זוכט קיין כזית, איז שוין ניט געווען קיין טעאַטער-געשפּרעך, נאָר אַן

אמת... עס איז געווען גאַנץ נאַטוראַליסטיש געשפּילט. אמת, עס איז דאָ אַ האָפענונג, אַז דער קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג, וואָס האָט געגומען אַלע טעאַטערס אונטער זיין שוץ, און אויך געמאַכט אַ סך סטודיאָס פאַר רעגירונגס־אַנשטאַלטן, זאָל אָננעמען אונדזער בקשה און איינשליסן אונדזער סטודיאָ אין די מלוכהשע טעאַטערס, אָבער גיי וואַרט אויף דעם. עס זיינען שוין דורכגעגאַנגען מאָנאַטן און מען הערט נישט קיין וואָרט, און דאָ האָבן מיר נאָך צרות פון דער יידישער סעקציע, וואָס רופט אונדז אָן „אַ ציוניסטישע נעסט".

די פּרעסע האָט אָנגעהויבן אַטאַקירן אָפטער. עס איז אפילו דערגאַנגען צו דעם, אַז מען האָט דערלאַנגט אַ בקשה, טאַקע צו דעם זעלביקן קאָמיסאַריאַט פון בילדונג, אַז מען זאָל דעם טעאַטער, די „נעסט פון קאָנטער־רעוואָלוציע", צומאַכן, און עס האָט שוין געהאַלטן באַ דעם, אָבער עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון פאַרטיידיקונגען. עס ווערט איינגעאָרדנט אַ גרויסע דיסקוסיע איבער דער פראַגע, צי אַזאַ גרופּע ווי די „הבימה" האָט אַ רעכט צו עקזיסטירן, און עס קומען מאַסן מענטשן. עס זיינען פאַראַן קעגנער אויך, אָבער מערסטן טייל איז דער עולם אויפן צד פון דער „הבימה". עס טרעטן אַרויס פאַר די רעכט פון דער „הבימה" די מוטיקסטע און באַרימטסטע טעאַטער־פּערזענלעכקייטן פון מאָסקווע. עס ווערן אָנגענומען רעזאָלוציעס, עס ווערן געקליבן אונטערשריפטן, מען זאָל לאָזן די „הבימה" אַרבעטן אַזוי ווי פריער, ווייל די גרופּע באַשטייט נישט פון בורזשואַזע יונגעלייט, און איז נישט אַ נעסט פון שאָוויניסטן, וואָס ווילן דווקא שפּילן העברייאיש, די שפּראַך פון ציוניסטן, ווי עס האָט זיך דעמאָלט אויסגעדריקט דער „עמעס", נאָר עס איז אַ גרופּע פון פּראָלעטאַרישע יונגעלייט, אַ גרופּע וואָס וויל שאַפן אַ נאַציאָנאַלן טעאַטער אויף העברייאיש. פאַרוואָס עפּעס העברייאיש? פאַרוואָס נישט. אוקראַיניש, לעטיש, עסטאָניש, גרוזיניש, טערקיש — יאָ, און העברייאיש — נישט?... פאַרוואָס שאַפן טעאַטער אויף לשונות, וואָס זיינען כמעט אָפּגעשטאָרבן, אָדער וואָס האָבן נאָך ניט דערלעבט צו אַנטוויקלען זיך, לשונות פון פעלקער, פאַר וועלכע מען שאַפט ערשט אַן אלף־בית, און פאַר אַ קולטור, וואָס האָט הינטער אירע פּלייצעס טויזנט יאָר טראַדיציע, מיט וואונדערלעכע פּאָעטן — פאַרוואָס זאָל מען אַזאַ קולטור דאַרפן איגנאָרירן?

די שפּראַך, האָט געטענהט צמח, אונדזער אָנפירער, איז נישט קיין ציל, נאָר אַ מיטל. מיר ווילן נישט שפּילן טעאַטער, ווייל עס איז דאָ אַ העברייאישע שפּראַך, נאָר מיר ווילן שפּילן אין העברייאיש, ווייל עס איז דאָ טעאַטער. און טעאַטער איז אינטערנאַציאָנאַל — עס קאָן אויסגעדריקט ווערן אין אַלערליי שפּראַכן. די העברייאישע שפּראַך, האָבן מיר געטענהט, האָט איר ריטם, האָט איר ספּעציפישן קלאַנג, און עס זיינען דאָ פּיעסן, וואָס

ווען זיי ווערן אויפגעפירט אין העברייאיש, קלינגען זיי אַנדערש. די שפּראַך גיט צו אַ ספּעציפישן קאָלאָריט. מיט איין וואָרט, עס איז דאָ באַ אַ פאָלק אַ קולטור, אַ שפּראַך, אַ ליטעראַטור, אַ ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע, און מיר ווילן שפּילן אויף דער נאַציאָנאַלער שפּראַך. מיר זיינען באַרעכטיקט צו דעם פּונקט ווי אַלע אַנדערע. מיר האָבן נאָכפאָלגער, מיר האָבן צושויער, די קריטיק לויבט אונדז. פאַרוואָס זאָלן מיר באַרויבט ווערן פון אונדזער רעכט ? . . .

די אַלע דעבאַטעס האָבן געהאַט אַ צווייענדיקע באַדייטונג פאַר דער „הבימה". ערשטנס, האָט זיך פאַר אונדז אַליין אויסגעקריסטאַליזירט דער וועג און ציל פון אונדזער טעאַטער ; צווייטנס, האָבן די דעבאַטעס געמאַכט נאָך מער פּאָפּולער אונדזער טעאַטער. די אַפּישן וועגן די דעבאַטעס האָבן שטענדיק צוגעצויגן אַ גרויסן עולם, וועלכער פלעגט אַריינגעצויגן ווערן אין דער פראַגע. עס האָט זיך אַזוי פיל געטומלט מיט „יאָ, הבימה, נישט הבימה", אַז עס איז ניט געווען קיין טעאַטראַלער זשורנאַל, וואָס זאָל ניט אַרויסזאָגן זיין מיינונג, און מיט דעם איז געוואָקסן די פּאָפּולאַריטעט פון דער גרופּע.

מען האָט שוין אָנגעהויבן ריידן וועגן אונדז ווי וועגן מאַרטירער. אייניקע האָבן שוין דערציילט מער ווי עס איז געווען אין דער אמתן. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט געשיקט אַ ספּעציעלע בקשה צום „סאָ־וועט פון פאָלקס קאָמיסאַרן", אַז דער ראַט זאָל זיך אָננעמען פאַר אונדז און זאָל באַשליסן צי האָבן מיר גערעכטע טענות פאַר אונדזער עקזיסטענץ, צי נישט, און אויב דער ראַט פון קאָמיסאַרן וועט באַשליסן אַז יאָ, בעטן מיר, אַז מיר זאָלן אָוועקגעשטעלט ווערן אויף דעם זעלביקן צעטל מיט אַלע סטודיאָס פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס קריגן שטיצע פון דער רעגירונג. עס הייסט פשוט, אַז מיר האָבן געבעטן מען זאָל אונדז מאַכן פאַר אַ מלוכה־טעאַטער.

אין אַ פאָר וואָכן אַרום איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע און אונדז איז צוגעשיקט געוואָרן אַ פּאַפּיר, וואָס געפינט זיך ביז יעצט אין די אַרכיוון פון דער „הבימה", אונטערגעשריבן פון לענינען. טעלעכע פשוטע ווערטער : „דערלויבן דעם טעאַטער „הבימה" צו עקזיסטירן און אַריינגערעכנט ווערן צווישן די מלוכהשע טעאַטערס". אָט די עטלעכע ווערטער האָבן באַשטימט דעם ווייטערדיקן גורל פון „הבימה".

איך געדענק אַן אָוונט אין טעאַטער : מיר זיצן און וואַרטן אויף צמחן. עס איז איצט אַ פראַגע פון טעג. דער קאַמף איז געווען אַ פאַרביטערטער — זאָל מען אונדז אָפּזאָגן פון שטיצע, הייסט עס נישט נאָר ווערן אָפּגע־זאָגט פון מאַטעריעלער שטיצע, נאָר אויך פון מאָראַלישער, וואָס דאָס איז אַ סך ערגער, ווייל דאַן הייסט עס אַ פּריוואַטע גרופּע, נישט קיין אָנער־

קענטע פון דער רעגירונג, אַ גרופּע וואָס מאַכט אירע פּריוואַטע געשעפטן, און עס הייסט אויך, אַז די רעגירונג איז מסכים מיט אונדזערע קעגנער. דאָס וואָלט פּשוט געמיינט — אונטערגאַנג. יעדער איינציקער האָט עס געפילט און געוואוסט. זאָל קומען צמח און זאָגן, אַז מען האָט אָפּגעזאָגט, הייסט עס, אַז מיר דאַרפן פאַרמאַכן דאָס טעאַטער, איבערלאָזן אַלץ, וואָס איז צונויפגעקליבן געוואָרן מיט אַזויפיל מי און ענערגיע, און מיט אַזויפיל ליבשאַפט.

מיט אַזעלכע מחשבות וועט פאַרשטענדלעך זיין אונדזער געמיט. מיר זיצן און שווייגן. עפנט זיך די טיר, לויפן מיר אַנטקעגן יעדן איינעם. און אָט גייט ער, צמח. עפּעס גייט ער מיט פעסטע טריט, עפּעס שמייכלט ער. ווייזט אויס, ער האָט גוטע נייעס פאַר אונדז. מיר רינגלען אים אַרום, און באַ יעדן פון אונדז זיינען שוין גרייט הונדערטער פראַגעס. אָבער ווען ער נעמט אַרויס דאָס פּאַפּיר און לייענט עס איבער, ווערט אַזאַ פרייד, מיט אַזאַ טאַנצן, אַז די ווענט טרייסלען זיך. באַלד ווערן אָנגעצונדן די ליכט, מען רינגלט אַרום דעם גרינעם טיש, און עס ווערן געמאַכט פּלענער, — פּלענער איינער גרעסער פונם צווייטן. די שמועסן פאַרציען זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט, און אַז מען גייט אַוועק, באַגריסט מען זיך: — „שלום לך, אַקטיאָר פון מלוכהשן טעאַטער „הבימה"... מען ווייסט נאָך נישט וואָס פאַר אַ נוצן דער טיטול וועט ברענגען. וועט מען אויפהערן אונטערהונגערן? אָבער עס קלינגט אַזוי שיין, אַז נאָר איבער־הערנדיק דאָס וואָרט, קאָן מען שוין, דאַכט זיך, זאַט ווערן אויף עטלעכע טעג. שטעלט אייך פאָר: ווערן מלוכהשע אַקטיאָרן!... אָנגעשטעלטע פון דער סאָוועט־רעגירונג צו שפּילן העברייאישן טעאַטער!... איז דאָס אַ חלום, אָדער איז דאָס טאַקע אמת?...

ניין, עס איז נישט קיין חלום. מיט אַ געדרוקטן שטעמפּל „מלוכהשער טעאַטער הבימה", קאָן מען גיין אין מלוכהשע אַנשטאַלטן און פאָדערן קאַרט־לעך פאַר אַ „פּאַיאָק", פאַר יעדן איינציקן פון אונדז. מען גיט שוין אַרויס אַלערליי פּראָדוקטן, קאָן מען שוין קריגן האָלץ און עלעקטריק, קאָנען מיר שוין האָבן אונדזערע צימערן און ניט ציטערן, אַז מען קאָן עס ביי דיר יעדן טאָג קאָנפיסקירן. ווערסטו שוין אויטאָמאַטיש אַ מיטגליד פון דער „יוניאָן". מיט אַזאַ מיטגליד־קאַרטל ווערסטו שוין אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיט אַלע אַרבעטער און נישט נאָר סתם אַרבעטער, נאָר טאַקע מיט דער ערשטער קאַטעגאָריע, מיט די אַרבעטער פון די זאַוואָדן. אויב אַזוי, קאָנען מיר שוין אָרגאַניזירן אַן אייגענעם קאָאָפּעראַטיוו, אַ קאָאָפּעראַטיווע קיך. ווערן טאַקע אַלע פּראָדוקטן צונויפגעקליבן אין סקלאַד פון דער „הבימה", און עס ווערט אָרגאַניזירט אין קעלער אַ קיך. יעדער קאָן עסן אומזיסט מיטאָג יעדן טאָג. דער מיטאָג באַשטייט פון באָרשט און בולבע־קאָטלעטן, וואָס ווערן אַזוי גוט

איינגעפּרעגלט, אַז זיי שמעקן כמעט ווי פליש... ברויט ווערט אויסגע־טיילט מיט אַ מאָס, מען זאָל זיך נישט איבערעסן. קומט זיבן אַזייגער, ווערט דער קעלער פאַרוואַנדלט אין אַ קלוב. די שמוציקע ווענט ווערן קונציק באַדעקט מיט פאַרב פון אונדזערן אַן אייגענעם אַקטיאָר און מאָלער, בענאַ שניידער, אַזוי אַז דער פּלאַץ ווערט „באָהעמיש", און עס איז אַ סך אָנגענע־מענער צו שטיין אין „אַטשערעד" פאַר אַ טעלער סופּ, ווען די ווענט זיינען דעקאָרירט.

נאָכן עסן פלעגן מיר דאָרטן פאַרברענגען אַביסל, און באַלד גיין שפּילן. אמת, זאָט זיינען מיר קיינמאָל נישט געווען פון דעם מיטאָג, אָבער דערפאַר פלעגן מיר זיך שוין פילן מעשה גרויסע פאַרדינער. דו האָסט שוין געקראָגן אַ באַלוינונג פאַר דיין אַרבעט, און דערצו ביסטו דאָך אַן אָנגעשטעלטער באַ דער מלוכה. אַזוי אַז אין דעם פּרט האָט זיך די לאַגע פאַרבעסערט. הונגעריק זיינען מיר שוין נישט געווען, און ספּעציעל דעם ווינטער פון 1922, ווען די געבענטשטע אַמעריקאַנער „אַראַ" האָט נאָך צוגעשיקט דער „הבימה" עטלעכע קעסטלעך מיט פּראָדוקטן, האָט שוין יעדער געקאָנט אויסבייטן דעם שאָקאָלאַד און טיי מיט די קאַקאַאָ אויף אַנדערע זאַכן, איז שוין גאָר געווען פריילעך — דער עולם האָט, לכל הפחות, אויפגעהערט הונגערן.

מיט די פאַרלייכטערונגען זיינען געקומען אויך שוועריקייטן מצד דער רעגירונג. מיר האָבן, צום ביישפּיל, באַדאַרפט אויסטיילן בילעטן צו פאָרשטעלונגען, צו אַלע יוניאָנס, וואָס זאָלן צעטיילט ווערן צווישן זייערע מיטגלידער אומזיסט, אַזוי אַז אַ שטיק צייט האָבן מיר געשפּילט פאַר אַן עולם וואָס מיר האָבן גאָרניט געקענט. די יוניאָן האָט צוגעשיקט צו אונדז אַ דעלעגאַט, וואָס האָט אונדז צונויפגערופן און געהאַלטן אַ רעדע, אַז מיר זאָלן זיך אָרגאַניזירן; אַז מיר זיינען איצט אַרבעטער מיט אַלעמען גלייך, אַז מיר דאַרפן זען דעם באַלעבאָס נישט נאָכגעבן, מיר זאָלן אַרבעטן נאָר אַזויפיל און אַזויפיל שטונדן, און אויב מיר שפּילן מער שטונדן אַ וואָך ווי מיר דאַרפן, זאָלן מיר קריגן עקסטרע באַצאָלט. געוויינלעך, האָבן מיר זיך אָרגאַניזירט, אָבער ווי פאַרוואונדערט איז געוואָרן דער דעלעגאַט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז מיר זיינען שוין לאַנג אַ קאָאָפּעראַטיוו, אַז באַ אונדז זיינען נישטאָ קיין באַלעבאַטים צו וועמען מען זאָל האָבן טענות, אַז מיר באַקומען אַלע גלייך פונם קלענסטן ביזן גרעסטן, אויב עס איז נאָר דאָ וואָס צו באַקומען. „אויב אַזוי", זאָגט ער, „האָב איך דאָך ניט וואָס צו אָרגאַניזירן אייך". פונדעסטוועגן איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיטעט פון דריי אויפצונעמען די טענות, וואָס קאָנען אויפקומען פון איינציקע חברים און פאַרברענגען זיי פאַר דער יוניאָן.

דער יוניאָן־דעלעגאַט איז אינפאָרמירט געוואָרן אַבסאָלוט ריכטיק,

ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין באַלעבאָס צו וועמען האָבן טענות. צמח איז געווען אייגנטלעך דער פּאַקטישער פּאַרזאָרגער. ער פלעגט גיין, ברענגען געלט, געבן געלט, ער האָט געהאַט דעם אַבסאָלוטן צוטרוי פון דער גאַנצער גרופּע, און מיר האָבן אים געגלויבט אין אַלץ. און אויב עס איז אַרויפגעשוואומען אַזאַ פראַגע, ווי אויסקלייבן עטלעכע חברים צו צמחן, איז עס געווען פּשוט דערפאַר, ווייל די גרופּע, וואָס האָט שוין איצט געציילט אין אירע רייען 35 מענטשן, האָט אים געוואָלט פאַרלייכטערן די אַרבעט. קיין איינציקער פון אונדז האָט נישט געוואוסט, וואו און באַ וועמען צמח קריגט דאָס געלט, וועמען ער גיט עס, וויפיל געלט מען נעמט אַריין. און זאָל צמח דאַרפן ערגעץ אַוועקפאָרן, אָדער ווערן נישט געזונט, ווערט די גרופּע אָפּגעשניטן, און ווייסט ניט וואוהין זיך צו ווענדן. אַ צווייטער מאָטיוו איז געווען טאַקע דאָס, וואָס ער האָט מיט זיין האַנדלונג איגנאָרירט אַ גרופּע מענטשן, וואָס איז אויסגעוואָקסן נישט נאָר קינסטלעריש, נאָר אויך געזעלשאַפטלעך.

יעדער איינציקער פון אונדז האָט זיך שוין נישט געפילט ווי אַ סטודענט, וואָס ווייסט נאָך נישט צי ער פאַרבלייבט אין דעם בנין, און ער האָט נישט געוואָלט איגנאָרירט ווערן. אמת, יעדער האָט געוואוסט, אַז צמח טוט אַלץ צום בעסטן פאַרן טעאַטער, אָבער ער איז דאָך נאָך אַלעמען נאָר אַ מענטש, ער קאָן דאָך האָבן אַ טעות אויך, איז נישט מער ווי רעכט, ער זאָל זיך באַראַטן מיט די חברים וועגן אַלע ענינים, וואָס קומען פאָר אין טעאַטער, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס אין קאַנטאָר איז געזעסן כלומרשט אַ בוכהאַלטער, אָבער דער בוכהאַלטער האָט קיינעם קיין רעכענונג נישט געגעבן אַ חוץ צמחן, און צמח אַליין, האָט, דאַכט זיך, אויך קיין רעכענונג נישט גענומען. אַלץ איז געגאַנגען אַזוי ווי אין אַ פּריוואַטער אינסטיטוציע. אָבער באַשולדיקן צמחן האָבן מיר נישט געקאָנט, ווייל מיר האָבן געוואוסט, אַז עס איז פּשוט אַ געוואוינהייט פון יענע טעג, ווען עס זיינען געווען איינצלנע מענטשן, און די מעטאָדן, וואָס זיינען אָנגעווענדט געוואָרן איצט, זיינען געווען די זעלביקע וואָס דאַן, ווען מען האָט נאָר געחלומט וועגן דעם טעאַטער. צמח אָבער האָט עס אָנגענומען אַלס אַ באַליידיקונג פאָר אים. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז מען וויל אים מינערן זיינע רעכט אַלס אָן אָנפירער, אַז מען גלויבט אים ניט. האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, פון צמחן מיט דער גאַנצער גרופּע. צמח פלעגט האַלטן טראַגישע רעדעס. ער פלעגט אויסרעכענען אַלץ וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַר דער „הבימה“, און די גרופּע האָט צוגעגעבן אַז אַלץ איז ריכטיק, אָבער מיר ווילן האָבן פאָרשטייער צוליב זיין טובה וועגן, און אויך צוליב אונדז. עס הויבן זיך אָן לאַנגע רעדעס, היציקע דיסקוסיעס וועגן דעם, ווי אַזוי דער טעאַטער ווערט געפירט, און ווי אַזוי ער ד אַ ר ף



„היהודי הנצחי"
די מוטער — חנה ראָווינה

"ETERNAL JEW," ***The Mother—Channa Rovina***



"ETERNAL JEW"
The Prophet—N. Zemach

„היהודי הנצחי"
דער נביא—נחום צמח

געפירט ווערן. יעדער האָט קריוודעס, יעדער פאַרשטייט אַז עס דאַרף גע־פירט ווערן אַנדערש, ווי עס איז ביז איצט אָנגעפירט געוואָרן. צמח ענט־פערט אַלעמען, און אַז אין דרויסן הויבט שוין אָן טאָגן, צעגייט מען זיך, נישט פאַרענדיקנדיק די פשוטע און דאָך זייער שווערע פּראָבלעם.

מיר, אויף איין זייט, פאַרשטייען נישט, פאַרוואָס צמח זאָל זיך אָפּ־זאָגן צו קאָאָפּערירן מיט דער קאָמיטע פון דריי, פון וועלכער ער דאַרף זיין דער יושב־ראש, און אויפנעמען אַלע פראַגן וואָס זיינען נוגע דעם טעאַטער, און צמח, אויף דער אַנדערער זייט, קאָן נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי ער וועט עס דאַרפן קומען פרעגן עצות און באַראַטן זיך מיט מענטשן, וואָס זיינען ערשט געוועזן סטודענטן, וואָס האָבן קיין שום דעה נישט געהאַט פריער. הייסט עס טאַקע, אַז מען וויל אים צוימען, אָדער, ווי ער פלעגט טענהן, אַז מען וויל אים אונטערהאַקן די פליגלען, „לקצוץ את הכנפים". און אַזוי, פון איין פאַרזאַמלונג ביז דער צווייטער, ווערט אויפגעשטעלט אַ וואַנט צווישן דער גאַנצער גרופּע און צמחן, אָבער סוף־כל־סוף איז ער מסכים, נישט מיטן האַרצן, נאָר מיט דער לאָגיק, און עס ווערט אויסגע־קליבן אַ ראַט פון דריי מענטשן. מיט זיי דאַרף ער זיך נישט נאָר באַראַטן, נאָר דאַרף אויך אָננעמען פאַרשלאַגן, וועלכע זיי וועלן מאַכן, און אָן זיי קאָן ער גאָרנישט טאָן. און אויב עס קומט אויף זייער אַ וויכטיקע פראַגע, דאַרף מען רופן אָן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַלע חברים.

אָבער, ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָט צמח מיטן האַרצן נישט אָנגע־נומען דעם באַשלוס פון די חברים. ער פלעגט אָפט טאָן זאַכן אַליין, און אפשר אייניקע זאַכן, וואָס זיינען נישט געפעלן געוואָרן די חברים, און די וואַנט איז געוואַקסן אַלץ העכער און העכער, ביז עס האָט אויסגעבראָכן אַ שטילע מלחמה צווישן ביידע זייטן, וואָס האָט געפירט צו צענדליקער און אפשר הונדערטער אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, וואו די פראַגע איז ווידער פאַרהאַנדלט געוואָרן. צמח האָט שוין געקוקט מיט חשד, ספּעציעל אויף די, וואָס האָבן אויפגעקלערט די חברים. שפּעטער זיינען שוין אייניקע געוואָרן אָנהענגער פון צמחן, גלויבנדיק אַז אַ „מועצה" (ווי מיר האָבן גערופן די גרופּע, וואָס האָט באַדאַרפט צוזאַמען מיט צמחן אָנפירן די אַרבעט) וועט שטערן דעם טעאַטער. האָט זיך שוין די גרופּע צעטיילט אויף צוויי לאַגערן, און דער גלויבן איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אָבער ווי נאָר די צאַנקערייען זיינען אַביסל איינגעשטילט געוואָרן, פלעגט אונדז אַלעמען עפּעס ווידער פאַראייניקן, די גרופּע פלעגט ווידער אויפלעבן, די פּנימער פלעגן שיינען, אַ פריילעכקייט פלעגט אָנפילן אַלע ווינקעלעך, מען פלעגט לערנען, שפּילן, עס פלעגן אָפט איינגעאָרדנט ווערן אָוונטן, וואו מיר פלעגן צוזאַמען פאַרברענגען, זיך מאַכן לוסטיק, זינגען לידער ביזן טאָג אַריין, און קוקן מיט האָפענונג אויף דער צוקונפט.

אַן אָוונט מיט ביאַליקן

אויף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, וואָס פלעגן פאָרקומען כמעט יעדע וואָך און אַמאָל צוויי מאָל אַ וואָך, און וואָס פלעגן זיך ציען גאַנצע נעכט, פלעגן זיך אָפּשפּילן העכסט דראַמאַטישע מאָמענטן, וואָס קאָנען קיין מאָל ניט פאַרגעסן ווערן. איך בין זיכער, אַז יעדער איינציקער פון אונדז, וואָס האָט בייגעוואוינט אָט די דאָזיקע נעכט, איז גליקלעך וואָס ער האָט זיי דורכגעלעבט. איך קאָן זיך נישט פאָרשטעלן, אַז אַן אַנדער גרופּע שוישפּילער אין דער וועלט, זאָל אויסקומען צו איבער־לעבן אַזוינע מאָמענטן. יעצט, אַז דו דערמאָנסט זיך וועגן זיי, טראַכסטו: וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע נעכט דאָס זיינען געווען!... עס דאַכט זיך דיר, אַז נאָר דורך אַזוינע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען האָט זיך געקאָנט אויסקריסטאַליזירן די באַציאונג פון חבר צו חבר, פון מענטש צו מענטש, — פון שוישפּילער, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער גאַנצע נשמה, זייער לייב און לעבן, אויף דער זאַך וואָס איז זיי געווען טייערער ווי דאָס לעבן.

יעדער איינציקער האָט געפילט, אַז אָט די נעכט פון דיסקוסיעס האָבן אפשר צום ערשטן מאָל אַוועקגעשטעלט די פראַגע פאַר אונדז: — ווער זיינען מיר? . . . וואָס טוען מיר אין דער געביידע? . . . וואָס זיינען אונדזערע אינטערעסן? . . . אין אָט די נעכט האָט יעדערער געקענט און באַדאַרפט הויך און אָפן אַרויסזאָגן זיין „אני מאמין", זיין באַציאונג צום טעאַטער בכלל, און צו דער „הבימה" בפרט, זיינע אידעאַלן וועגן דעם צוקונפטיקן בנין, אָט דעם אידעאַלן טעאַטער, וועגן וועלכן ער האָט געחלומט. און יעדערער האָט געהאַט וואָס צו זאָגן. קיינער האָט נישט גע־האַלטן קיין רעדעס, אָבער יעדערער האָט אַרויסגעזאָגט וואָס עס האָט אים געדריקט אויפן האַרצן.

עס זיינען געווען מאָמענטן, ווען עס האָט זיך דיר געדאַכט, אַז אָט וועט צמח אויפשטיין, וועט זאָגן אַ פּאָר טרייסט־ווערטער, אַז אים גייט ניט אָן ווער עס וועט האָבן די „וועטאָ" אין טעאַטער, ווער עס וועט זיין אין קאָמיטעט פון דער „מועצה", ווייל טיף אין האַרצן ווייסט ער, אַז מיר גלויבן אים, אַז די „מועצה" וועט סיי ווי גאָר ניט טאָן אָן אים. און וואָלט ער אַזוי געטאָן, וואָלט מען דאָך געזען, אַז אים גייט אין לעבן נאָר

דער וואוילזיין פון טעאַטער. וואָלט ער אַזוי געטאָן, וואָלט יעדערן אַרומ־געכאַפּט אַ פרייד, וואָלט יעדערער צוגעלאָפן צו אים און אים געדריקט די הענט, מען וואָלט אים אויף די הענט געטראָגן.

אָבער צמח פלעגט זיצן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, פלעגט אַלץ אויסהערן און פלעגט טענהן,ריידן, מאָנען, און גאַנץ פרי, ווען אַלע זיינען שוין געווען מיד און צובראָכן, פלעגט ער אַוועקגיין מיט אַן אולטימאַטום, אַז אַזוי און אַזוי וויל ער עס זאָל זיין, און ווידער פלעגט בלייבן אָפן די פראַגע וועגן דער „וועטאָ", וועגן דער „מועצה" און וועגן דעם אַז מען „האַקט אים אונטער די פליגלען", א. אַ. וו. אַזוי וואָך איין און וואָך אויס . . .

מען האָט אָנגעהויבן זוכן די סיבות, וואָס האָבן געפירט צו די פאַרזאַמ־לונגען, וואָס פלעגן פאַרנעמען אַזויפיל צייט, — אַ צייט, וואָס איז אָפּ־געגעבן גאָר ניט פאַר קינסטלערישע אַרבעט. ווען מען גיט אָפּ די צייט פאַר שטודירן אַ פּיעסע, וואָלט מען דאָך זייער אַ סך אויפגעטאָן.

אָבער די צרה איז געווען, וואָס קיין אַרבעט איז ניט געווען און האָט ניט געקענט זיין, ווייל וויפיל מאָל מען פלעגט זיך זעצן קלייבן אַ פּיעסע און אַ רעזשיסאָר, האָט זיך עס אונדז בשום אופן ניט איינגעגעבן צו געפינען. דאָ וויל איך אין עטלעכע ווערטער דערציילן די סיבה, פאַר־וואָס עס איז געגאַנגען אַזוי שווער פאַר דער טרופּע צו געפינען נייע אַרבעט: —

דער רעזשיסער, וואַכטאַנגאָוו, איז געווען אַ גרויסער גליק פאַר דער „הבימה" גרופּע, און אין דער זעלבער צייט אַן אומגליק, וואָס ער איז געקומען צו פרי. ער האָט באַדאַרפט קומען אַביסל שפּעטער, אָדער די גרופּע האָט באַדאַרפט דורכמאַכן אַליין אַביסל מער ביז וואַכטאַנגאָוו איז געקומען. ווייל, שטעלט זיך פאָר, עס קומט אַ געניאַלער מענטש צו אַ רויער גרופּע מענטשן, אַ סך פון זיי ניט־דערפאַרענע, אַ סך זייענדיק צום ערשטן מאָל אויף דער בינע. ער נעמט זיי אַרויף אויף אַ לייטער, און מאַכט זיי, אַז זיי זאָלן אַרויפקלעטערן ביזן שפּיץ. זיי דערגרייכן דאָס העכסטע שטאַפּל, און ער לאָזט זיי דאָרט איבער און ווערט אַנטרונען. זיצט די גרופּע אויפן לייטער און וואַרט אויף אַ וואַכטאַנגאָוון, וואָס זאָל זיי פירן פון דעם לייטער צו אַ צווייטן, ווייל דער עולם אַפּלאָדירט שוין ניט אייער בראַווקייט — ער זאָגט: „אַ קונץ אַרויפקריכן אויפן לייטער, קריכט ווייטער, אויף העכערע, דאַן וועלן מיר זען" . . .

גיי דערצייל זיי, אַז עס איז ניטאָ דערווייל קיין אַנדערער, גיי גיב זיי צו פאַרשטיין, אַז מיר אַליין קענען נאָך ניט גוט אָפּשאַצן און פאַר־שטיין די געניאַליטעט פון אַזאַ וואַכטאַנגאָוו, אַז אַזאַ לערער און פירער ווערט געבוירן איין מאָל אין אַ יובל. דער עולם וויל פון דעם ניט וויסן,

די טעאַטראַלע וועלט אודאי ניט, און מיר אַליין זיינען געווען אומבאַהאָלפֿן, ווייל צו וועמען פֿון די רעזשיסאָרן אין מאָסקווע מיר זאָלן זיך ניט צורירן, האָט ער אונדז ניט געקענט צופֿרידנשטעלן, סיידן מייערכאָלד, וואָס האָט דאָן געשטורעמט גאַנץ מאָסקווע מיט זיינע אויפֿפֿירונגען. פֿון מייערכאָלדן האָט וואַכטאַנגאָוו געהאַלטן אַ וועלט, ער האָט זיך אַפֿילו געהאַלטן פֿאַר אַ נאָכפֿאָלגער פֿון מייערכאָלדן. אויף וויפֿיל וואַכטאַנגאָוו האָט געהאַלטן פֿון מייערכאָלדן קען מען זען פֿון זיינע באַמערקונגען אין זיין טאָג־בוך. ער שרייבט וועגן אים: — „איך טראַכט וועגן מייערכאָלדן, וואָס פֿאַר אַ געניאַלער רעזשיסער ער איז. יעדע פֿאָרשטעלונג זיינע — איז אַ נייער טעאַטער, יעדע אויפֿפֿירונג זיינע קען געבן אַ באַזונדער ריכטונג". און ווייטער — „מייערכאָלד איז אָריגינעל — ער זוכט ניט קיין אויטאָריטעטן אין די ביכער, נאָר ער פֿילט מיט זיין אינטואיציע די פֿאָרמען פֿון טעאַטער. אַלע צוקונפֿטיקע טעאַטערס וועלן זיך בויען אויף דעם וואָס מייערכאָלד האָט פֿאָראויסגעזאָגט. מייערכאָלד האָט געגעבן וואָרצלען דעם צוקונפֿטיקן טעאַטער — די צוקונפֿט וועט אים אויך באַלוינען" . . .

אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס וואַכטאַנגאָוו האָט אַזוי געטראַכט וועגן מייערכאָלדן, האָט ער אים אָבער קיינמאָל ניט קאָפּירט, ער האָט זיך געהאַט זיין אייגענעם וועג מיט זיין אייגענער אינטואיציע מיט זיין אייגענער געניאַליטעט — ער האָט געפֿונען זיין וועג . . . דער וועג פֿון וואַכטאַנגאָוון, אַליין. מיט זיין מי, מיט זיין ענערגיע, האָט ער געפֿונען דעם ריטם, די טעאַטראַלע פּלאַסטיק, די ספּעציפֿישע „סצענישקייט", באַוועגונג, טעאַטראַלישקייט, וואָס זיינען נאָר כאַראַקטעריסטיש פֿאַר וואַכטאַנגאָוון. וואַכטאַנגאָוו איז געווען אַנדערש פֿון מייערכאָלדן מיט זיין צוגאַנג צום אַקטיאָר; ער האָט געזאָגט וועגן מייערכאָלדן, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז אַ געניאַלער רעזשיסער, קען ער אָבער ניט דעם אַקטיאָר. ער קען אים ניט אין דעם זין, ווי עס קען אים סטאַניסלאַווסקי. „סטאַניסלאַווסקי", האָט ער געזאָגט, „איז אינהאַלט, מייערכאָלד איז — פֿאָרמע". סטאַניסלאַווסקי האָט פֿאַרקערפּערט אינעם אַקטיאָר דעם אייביקן פֿונדאַמענט פֿון טעאַטער־קונסט, זיינע אינערלעכסטע געפֿילן, וואָס באַלאַנגען צו יעדן אַקטיאָר, צו וועלכער שול ער זאָל נישט געהערן. דאָס איז דער פֿונדאַמענט.

מייערכאָלד האָט פֿאַרקערפּערט די פֿאָרם, די טעאַטראַלישקייט, און וואַכטאַנגאָווס אויפֿגאַבע איז געווען צו געפֿינען דעם סינטעז צווישן די צוויי, צו פֿאַרווירקלעכן אָט די צוויי זאַכן אונטער איין דאַך. ער איז געווען איבערצייגט, אַז די צוויי שולעס מוזן גיין צוזאַמען.

מייערכאָלד האָט געשאַפֿן טעאַטראַלע עפּאָכע אין מאָסקווע, און ער איז געווען דער פּאַסיקסטער קאַנדידאַט פֿאַר דער נעקסטער אויפֿפֿירונג

פון דער „הבימה". ער האָט טאַקע אַ סך מאָל געזאָגט, אַז ער וועט מיט פאַרגעניגן אָננעמען אויפצופירן אַ פאָרשטעלונג מיט דער „הבימה", אָבער ער האָט קיין צייט ניט געהאַט.

סטאַניסלאַווסקי האָט אויך יענעם סעזאָן נישט געקאָנט אָוועקגעבן קיין צייט. אַזוי אַז די טרופּע איז דערווייל געזעסן און געשפּילט דעם „דיבוק", און אויך אַמאָל דעם „אייביקן איד". אַזוי פלעגן אַוועקגיין מאָנאַטן. מען האָט דערווייל געפּרוּווט זוכן אַ פּיעסע, צוגרייטן ביז דעם קומען פון מייערכאָלדן. האָט מען געזוכט, געגנישטערט, אָבער די פּראָבלעם פון אַ פּיעסע איז איצט געשטאַנען נאָך שאַרפער ווי פריער. איצט איז נאָך שאַר־פער געוואָרן די פראַגע: וואוהין גייען מיר? ... וואָס זוכן מיר? ... גייען מיר אויפן וועג פון „דיבוק", פאַרבלייבן מיר אויף דער פּאָזיציע פון זעלבסט־בילדונג, פון קונסט לשם קונסט, — אָדער מיר דאַרפן געפינען אונדזער אייגענעם אויסדרוק פון רעפּערטואַר. צי אפשר דאַרפן מיר זיך אומקערן צו פאַרווירקלעכן אונדזער חלום פון שפּילן היסטאָרישע פּיעסן, דערציילן אונדזער געשיכטע, וואָס איז, דאַכט זיך, אַזוי טעאַטראַליש און אין דער זעלבער צייט אַזוי דראַמאַטיש און אפילו טראַגיש. ווער־זשע וועט אונדז פּאָרט געבן אַן ענטפער אויף דעם? ...

אָבער קיינער האָט ניט געקענט געפינען דעם ענטפער, ווייל קיין פּיעסן זיינען ניט געווען, ניט פון גלות און ניט פון עבר, און אַלע אונדזערע זוכענישן האָבן קיין רעזולטאַטן נישט געבראַכט. חוץ דעם איז קיין רע־זשיסער אויך ניט געווען.

מיר האָבן געוואַרט אין פאַרצווייפלונג אויף אַ משיחן, וואָס זאָל אונדז אַרויספירן פון אַזאַ פאַרלעגנהייט.

מיט איין וואָרט, עס איז אויפגעשוואוּמען דער פּעריאָד פון פאַרצווייפ־לונג, פון אַ טופּיק, וואָס איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער אַרויס־צוקריכן פון אים. אין יענער צייט האָבן מיר געהערט, אַז חיים נחמן ביאַליק קומט קיין מאָסקווע. עס איז שוין דאַן לאַנג געווען דער חלום פון יעדן פון אונדז צו באַגעגענען זיך מיט דעם נאַציאָנאַלן דיכטער, וועלכער האָט גערייצט די פאַנטאַזיע פון קינדווייז אָן. ווי אַ בליץ האָט זיך צע־טראָגן די נייעס איבערן טעאַטער, אַז ביאַליק איז שוין דאָ אין מאָסקווע. יעדער איז, דאַכט זיך, געוואָרן פריילעכער און, דאַכט זיך, אויך האַרציקער. עס איז געווען אַ גוטע סיבה דערפאַר, וואָרים יעדער האָט זיך אַרומגע־טראָגן מיטן באַהאַלטענעם געדאַנק, אַז ביאַליק קאָן אונדז צוריק־ברענגען דעם פאַרלוירענעם צוטרוי צו די חברים, צו צמחן. ער וועט געוויס, האָבן מיר געטראַכט, געפינען אַן אויסוועג.

און אָט איז געקומען דער אָוונט, ווען ביאַליק איז געקומען אין טעאַ־טער. די חברים, פאַרפּוצטע, ווידער פריינטלעכע איינער צום אַנדערן. מען

האָט אָנגעצונדן אַלע ליכט אין זאַל און אין טעאַטערל, מ׳האָט איינגעלאַדן געסט, צווישן זיי אויך די רוסישע פּאָעטעסע אלישבע, וועלכע האָט ערשט געמאַכט איר קאַריערע אין העברייאיש, און באַוואוסטע קינסטלער, וועלכע וועלן אָנטיילנעמען אין פּראָגראַם, און — דער אָוונט הויבט זיך אָן. ביאַליק, מיט זיין פּשוטקייט אין באַנעמען זיך און פריינטלעכקייט, מיט זיינע פאָלקסטימלעכע ווערטלעך און וויצן, מיט זיין צאַפּלדיקן געזונטן הומאָר, — האָט געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז דער אָפיציעלער קבלת־פּנים פאַר אים האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אמתן יום־טוב פון פרייד. געוויינלעך האָט יעדער געוואָלט זיין נעענטער צו ביאַליקן, איז מען אים נאָכגעגאַנגען פון איין פלאַץ צום צווייטן, פון איין צימער אין דעם אַנדערן. שטעלט ער זיך ערגעץ אָפּ מיט אַ פּאָר מענטשן, הויבט מען אָן איינציקווייז צו עמיגרירן צו יענעם פלאַץ, אַזוי איינציקווייז, ביז דער עולם שטייט שוין צוזאַמען. מען האָט אַרומגערינגלט דעם פּאָעט און מען הערט זיך צו ווי חסידים צו אַ רבין.

ביאַליק רעדט וועגן קונסט, פּאָעזיע, ליטעראַטור, וועגן מאַלעריי. זיינע באַמערקונגען זיינען אַזוי אָריגינעל, און מיר קוקן זיך איבער איינער מיטן צווייטן. ער רעדט וועגן טעאַטער, אַזוי ווי ער וואָלט דורכגעמאַכט אַלע שיטות: פון סטאַניסלאַווסקי, מייערכאָלד, וואַכטאַנגאָוו. ער רעדט ניט, ער מאַכט קורצע באַמערקונגען, וואָס מיר האָבן נישט איינמאָל שפּעטער אין אונדזער אַרבעט ציטירט, און וועלכע האָבן אונדז אַ סך הילף געבראַכט. דער אָוונט איז געווען אַ העכסט געלונגענער. מיר האָבן געטרונקען אפילו טיי מיט צוקער (נישט זיסן נאָר צובייסן), און דאָס אַליין האָט געהייסן, אַז דער יום־טוב איז אַן אויסערגעוויינלעכער. מען האָט געזונגען לידער. ענגעל האָט געשפּילט זיין מוזיק צו ביאַליקס ווערטער. מיר האָבן געשפּילט אַ סצענע פון „דבוק" פאַר אים. ורדי האָט קאָפּירט ביאַליקן אויף אַן אויסגעצייכנטן אופן, פון וואָס ביאַליק האָט זייער האַרציק געלאַכט. און מיט דעם האָט זיך כמעט דער אָפיציעלער טייל פונם אָוונט געענדיקט. אָבער ווען אַלע אָפיציעלע געסט זיינען זיך צעגאַנגען איז ביאַליק פאַרבליבן אַליין מיט אונדז. ער, אינמיטן זאַל אויף אַ בענקל, זיצט פאַרטראַכט; מיר — אַרום אים אויפן דיל. אַ מינוט שוויגן מיר. ביאַליק, ווייזט אויס, איז אינפאָרמירט געוואָרן וועגן אונדזערע זאָרגן. הויבט ער אָן דעם שמועס וועגן אונדזערע פּראָבלעמען פון טעאַטער. און האָט ער אָנגעהויבן דעם שמועס, איז שוין געוואָרן לייכטער צו ריידן. חברים הויבן אָן צו ריידן וועגן די שווערע פּראָבלעמען פון דעם טעאַטער. און דער סוף פון שמועסן איז, אַז מיר דאַרפן האָבן אַ פּיעסע; אַז די איינציקע זאַך, וואָס קאָן אונדז ראַטעווען, איז אַ פּיעסע פון אַן אייגענעם קוואַל, עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל זיין אַזוי ברענענדיק, אַזוי פריש, עס זאָל אַזוי אָנצינדן

ווי זיינע פּאָעמען. אַ חבר רעדט אַלץ מיט מער ברען, אַ צווייטער האַלט אונטער. צמח הויבט שוין אָן זיין פייערדיקע רעדע מיט אַ טענה, מיט אַן אויסרוף צום פּאָעט, וועלכער זיצט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ די גאַנצע צייט. צמח פאַרענדיקט זיין רעדע מיט די ווערטער: „חוזה, תן לנו מחזה!" — נביא, גיב אונדז אַ פאַרשטעלונג!

די דאָזיקע ווערטער האָבן יעדן פון אונדז ווי אָנגעצונדן. דער געדאַנק האָט אַלעמען פאַראייניקט. אין איין מאָמענט זיינען אַלע אויפגעשפּרונגען פון דיל, און ציענדיק די הענט, האָבן מיר אויסגעשריען צמחס ווערטער. דער אויסגעשריי איז געקומען אַזוי פּלוצלינג און האָט געהאַט אַ קאָלאָ־סאַלן עפעקט ניט נאָר אויפן פּאָעט, נאָר אויך אויף יעדן איינציקן פון אונדז. יעדער איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פונם געדאַנק, אַז מיר דאַרפן מאָנען באַ ביאַליקן אַ פּיעסע, און אַז ער איז דער איינציקער, וועלכער קאָן אונדז העלפן, אַז דער אויסגעשריי האָט זיך פאַרשטאַרקט מיט יעדן מאָמענט. מיר האָבן, ווי ווילדע, זיך אַרומגעדרייט אַרום און אַרום דעם בענקל. מיר האָבן מיט הענט און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן, געמאָנט: „חוזה, תן לנו מחזה!... חוזה, תן לנו מחזה"!...

דער געשריי וואָלט נאָך לאַנג געדויערט, ווען דעם פּאָעטס מאַסיווע פיגור און זיין קאָפּ זאָלן זיך נישט אָנהויבן באַוועגן. ער האָט זיך אויפ־געהויבן פונם בענקל, דאָס פּנים פאַרכמורעט, די אויגן אָנגעפילט מיט גרויס רחמנות. ווי אַ מאָגנעט ציט ער צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַלעמען. עס ווערט שטיל. מיר זעצן זיך אַוועק שטילערהייט. ביאַליק שטייט אינמיטן זאַל עטלעכע מינוט, רייבט דעם שטערן, קוקט זיך אַרום — ער איז ווידער אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. ער פילט זיך נישט באַקוועם. ער הויבט אָן מיט אַ נערוועזן טאָן צו ריידן. ער זאָגט, אַז ער האָט גאָר נישט געוואָלט ריידן, אַז אָט דאָס אַלץ איז איבעריק. זיין שטימע ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. און אָט שטורעמט ער שוין מיט אַ טענה צו אונדז — פאַרוואָס מאָנט מען באַ אים... פאַרוואָס פאָדערט מען אין אַ צייט, ווען ער איז שטום... זיין שטימע קלינגט אַזוי, אַז מיר פילן, אַז מיר האָבן אַריבערגעכאַפּט די מאָס. ביאַליק קוקט ניט אויף אונדז. די אויגן האַלט ער אַראָפּגעלאָזט. מען קאָן זען, אַז דער געניאַלער פּאָעט לעבט איצט דורך פיינלעכע מאָמענטן. דער קאַראַהאַד אַרום אים מיט די אויס־געשרייען „חוזה, תן לנו מחזה!" איז אים געווען שטאַרק דערווידער, ספּעציעל דער טיטל „חוזה". ער האָט גערעדט וועגן דעם מיט פאַרדרוס. און כאַראַקטעריסטיש איז דאָס ליד זיינס „אונטער אייער משא"... וואָס ער האָט אַ קורצע צייט נאָך דעם אינצידענט אָנגעשריבן אין דייטשלאַנד. דאָס ליד האָט ער צוגעשיקט צו אַ גרויסער פייערונג, וואָס איז איינגע־אָרדנט געוואָרן לכבוד זיין 50 יאָריקן יובילײ. אַליין האָט ער בשום אופן

נישט געוואָלט קומען כדי אויסצומיידן די זעלביקע טענות און די זעלביקע לויב־געזאַנגען, וואָס מיר האָבן אים צוגעטיילט דאָ. זיין ליד (איבערזעצט פון י. י. שוואַרץ) הויבט זיך אָן אַזוי:

פון משא פון אייער גרויס ליבשאַפט
שטיי איך געבויגן — פאַרלאָרן;
ווי מיר, וואָס איך בין אַ גראָשן
ביי אייך אין דער פושקע געוואָרן.

וואָס זייט איר מיין הויז מיר באַפאַלן?
קיין טאַדל, קיין כבוד פאַרדין איך —
נישט דיכטער בין איך און נישט נביא —
אַ פשוטער האָלצהעקער בין איך.

די האַק איז מיין חבר מיין טרייער,
אין אַרבעט אַ טאָג אָפּגעפּטרט;
ס'ווערט אָוונט, די האַנט איז פאַרחלשט,
און טעמפּ רוט מיין האַק, ווי פאַרמאַטערט.

פאַרדינגען מיין טאָג איז דער קורצער,
אַ פּועל אין אייערע ערטער;
איר האָט נישט פאַרוואָס היינט צו יובלען,
און איך האָב קיין צייט נישט פאַר ווערטער.

ווי קאָנען מיר וויזן דעם פּנים,
וואָס קאָנען דעם מאָרגן מיר געבן?
זאָל יעדערער גיין צו זיין משא,
צום חשבון פון אייגענעם לעבן!

איך האָב דאָ ציטירט דאָס ליד אינגאַנצן, ווייל עס איז כמעט געווען דער תמצית פון זיינע ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט צו אונדז. יעדע פראַזע איז ווי אַ דונער געפאַלן. מיר האָבן דערפילט ביאַליקן, דעם דיכטער פון צער און צאָרן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז צו זיין אויפרעגונג, וועט קיין ענדע נישט זיין — אָבער וואָס ווייטער, ווערט ער אַלץ מער געלאַסן. ער ווייסט, זאָגט ער, אַז מיר דאַרפן זייער נויטיק אַ פּיעסע. ער פאַרשטייט עס גוט און ער האָפט, אַז די העברייאישע ליטע־ראַטור, וואָס וואַקסט און אַנטוויקלט זיך, וועט איצט, אַז די „הבימה" איז



ה. לייוויק — דער מחבר פון „גולם“

H. LEVICK, *the Author of the "Golem"*

באָריס אילאיטש ווערשילאוו — דער רעזשיסאָר פון „גולם“
BORIS ILYITCH VERSHILOFF, *Director of the "Golem"*

דאָ, שאַפן גרויסע פּיעסן, מאָנומענטאַלע ווערק. און ער פאַרענדיקט גוט־מוטיק מיט אַ צוזאָג, אַז אויב ער וועט יאָ אַמאָל אָנשרייבן אַ פּיעסע, זאָלן מיר וויסן, אַז ער וועט זי געבן אונדז, דער „הבימה".

אַזאַ שטורמישן אָפּלאָז האָבן נאָך די ווענט פון דער „הבימה" נישט געהערט, ווי נאָך ביאַליקס רעדע. מיר זיינען געווען אַזוי צופרידן מיט דעם, וואָס ער האָט אַזוי גוטמוטיק פאַרגעבן אונדזער נישט טאַקטישע פאָדערונג, אַז מיר האָבן געוואָלט אים אויפהויבן אויף די אַקסלען. אָבער קוים האָבן מיר זיך צו אים דערנענטערט, האָט ער אָנגעהויבן זיך בעטן, מען זאָל זינגען דעם ניגון פון „דבוק". חברה האָט זיך אַ נעם געטאָן פאַר די הענט, אַריינגענומען ביאַליקן אינמיטן, און באַם גרויסן טאָג האָט זיך נאָך געהערט דאָס טופען מיט די פיס, דער געזאַנג און די ניגונים, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דעם ניזשני־קיסלעווסקי פּערעאולאָק, לכבוד דעם באַרימטן פּאָעט, און צוזאַמען מיט אים.

דעם אָוונט קאָן מען נישט פאַרגעסן. די „הבימהניקעס" קאָנען אָנ־ציילן זייער ווינציק אַזעלכע אָוונטן, ווי דער אָוונט פון עקסטאַז און פּאַטאָס, פון פאַרערן דעם גרעסטן דיכטער פון אונדזער צייט.

דער יום־טוב איז געווען אַזוי גרויס, אַזוי אומגעריכט, ווייל קיינעם פון אונדז האָט זיך אודאי נישט געחלומט, אַז אים וועט אויסקומען צו טרעפן זיך מיט ביאַליקן אַזוי נאָענט, און טרעפן אַזאַ האַר־ציקייט און אַזאַ וואַרימקייט. דער אָוונט קאָן נישט פאַרגעסן ווערן אויך דערפאַר, ווייל ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן שפּעטער, האָט אונדז דער אָוונט פאַראייניקט און ווידער פאַרברידערט. אומבאַוואוסטערהייט, האָט יעדער באַ זיך געפילט, אַז אויב יעדער איינער וועט נישט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אויב יעדער וועט זיך נישט אומקערן צו זעלבסט־דיסציפּלין, אויב די באַציאונגען פון חבר צו חבר וועלן גלייך נישט פאַרבעסערט ווערן, אויב יעדע רכילות וועט נישט אויסגעוואָרצלט ווערן און אַלע קלייזלעך פאַרמאַכט ווערן — מעגן מיר זיך געזעגענען מיט דעם, וואָס יעדער האַלט באַ זיך אין האַרצן אַזוי טייער.

און דער נס איז געקומען אויף אַן אויסערגעוויינלעכער פאַרזאַמלונג, וואָס איז ספּעציעל פאַררופן געוואָרן. די פאַרזאַמלונג האָט זיך אויך פאַר־צויגן אַ גאַנצע נאַכט. מען האָט זיך געשוואוירן און צוגעזאָגט, אַז אַלץ מוז צוריקגעבראַכט ווערן. אַ קאָמיטע מיט צמחן בראש ווערט אויסדער־וויילט און זיי קריגן אויסערגעוויינלעכע באַפולמעכטיקונג. עס ווערט באַ־שלאָסן צו געבן שווערע שטראָפן די יעניקע, וועלכע וועלן זיך נישט וועלן אונטערגעבן דער דיסציפּלין. עס ווערט אויך פאַרשטאַנען, אַז אַן אַרבעט, אין וואָס זי זאָל נישט באַשטיין, זאָל באַלד אָרגאַניזירט ווערן, כדי צו געבן די חברים אַ מעגלעכקייט צו זיין שעפעריש און פּראָדוקטיוו. עס ווערן

איינגעפירט שטראָפן פאַר די, וועלכע קומען שפּעט, פאַר פאַרפעלן אַ רעפעטיציע, פאַר די אַלע זאַכן, וואָס קאָנען שטערן דאָס צוריקברענגען די דיסציפּלין. אָבער מער פון אַלץ אַפּעלירט מען צום געוויסן פון יעדן איינעם, און ווידער ווערט דאָס האַרץ אָנגעפילט מיט פרייד. ווידער אַרבעט!... ווידער שאַפן!... ווידער זוכן!... ווייטער... צום זיג! צו ווייטערע דערגרייכונגען, מיט נייע כחות אינם קאָלעקטיוו און אין זיך זעלבסט.

מטשעדעלאָוו באַנייט פּינסקיס „היהודי הנצחי“

דער אָוונט מיט דעם גרויסן דיכטער, זיין פּאָעטישע רעדע, זיין האַרציקייט און זיין טאַנצן אין קאַראַהאָד צוזאַמען מיט אונדז, האָט אונדז ווי געלייטערט. עס איז ווידער געוואָרן אַ זעלבסט־דיסציפּלין. די חברשע און פריינטלעכע באַציאונגען האָבן ווידער פאַרביטן די רכילות און שושקען זיך, און צו דעם האָט נאָך געהאָלפן דאָס, וואָס עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז מען זאָל איבעראַרבעטן אויף אַ נייעם שטייגער דעם זעלביקן „אייביקער ייד“, וואָס מיר האָבן געהאַלטן אין שפּילן.

מען דאַרף צוגעבן, אַז דער באַשלוס איז געווען אַ צו איילנדער און נישט קיין אויסגערעכנטער. דער באַשלוס איז פּשוט אָנגענומען געוואָרן נאָר צוליב דעם, כדי מען זאָל זיך ווידער נעמען צו דער אַרבעט. אמת, באַם באַשלוס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ווען די טעמע ווערט פאַרגרעסערט, ווען פון דעם איין אַקט ווערט געמאַכט, לכל הפּחות, צוויי, וואָלט מען געקאָנט צוציען אַ נייעם רעזשיסאָר. מען וואָלט געביטן די קאָסטיומען, דעקאָראַציעס א. אַז. וו. אָבער באַ דער אַרבעט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער איינאַקטער, וועלכער איז אָנגעשריבן געוואָרן פון דוד פּינסקי, איז שוין גענוג צעצויגן געוואָרן באַ דער ערשטער אויפפאַסונג, און ציען דאָס ווייטער, וואָלט קיין זין נישט געהאַט. אָבער יעדער איז געווען אַזוי אויסגעהונגערט נאָך אַרבעט, נאָך אמתער, שעפערישער אַרבעט, אַז עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און די טראַגעדיע אין איין אַקט האָט זיך פאַרט פאַרוואַנדלט אין צוויי גרויסע אַקטן. עס זיינען געפונען געוואָרן מאָמענטן פון מוזיק, עס זיינען געווען אין פאַנטאַזיע ספּעציעלע קליידער און דעקאָראַציעס, עס זיינען צוגעגעבן געוואָרן ווערטער, אַריינגעפירט געוואָרן נייע פּערזאָנען. דער רעזשיסאָר איז איינגעלאַדן געוואָרן. דער זעלביקער, וואָס האָט גע־שטעלט מיט אונדז דעם איינאַקטער — מטשעדעלאָוו. די מוזיק שרייבן האָבן מיר איינגעלאַדן אַלעקסאַנדער קריין און פאַר די דעקאָראַציעס איז איינגעלאַדן געוואָרן דער באַוואוסטער דעקאָראַטאָר פון מאָדערנע אויפ־פירונגען — גרעגאָרי יאַקולאָוו.

די ערשטע סצענע, מיט דעם מאַרק, איז פאַרברייטערט געוואָרן. קריין האָט געשאַפן וואונדערלעכע מוזיק פאַר דעם מאַרק. די סצענע, ווען

מען הויבט זיך אָן פֿאַרזאַמלען אויפֿן מאַרק, און דער אויסרופֿן פֿון די סחורות, די פֿאַרשיידענע קולות פֿון די קונים האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער אָריענטאַלישער מוזיק, געשפּילט פֿון אָרקעסטער, און עס איז באמת געשאַפֿן געוואָרן אַן אימפּאָזאַנטע סצענע פֿונם אָריענט. די קאָסטיומען און דעקאָראַציעס, געמאָלן פֿון יאַקולאָוון, האָבן צוגעגעבן קאָליר און פּראַכט. עס איז אויסגעבויט געוואָרן אַ קאָנסטרוקציע אויף דער בינע, וואָס האָט סימבאָליזירט דעם מאַרק אין דער שטאָט בירת־ערבא. די קאָנסטרוקציע איז באַשטאַנען פֿון אַ קײַלעכדיקן רינג פֿון ברעטער. בײַ די זײַטן לאַנגע סטעזשקעס, וואָס האָבן געפֿירט צום פּלאַץ און אינמיטן איז אויפֿגעבויט געוואָרן אַ פּיראַמידע, וואָס האָט געהאַט פֿון ביידע זײַטן טרעפּ. די קאָנס־טרוקציע איז געווען וואונדערלעך פֿאַרטראַכט. ווען אַלץ איז געוואָרן פֿאַר־טיק און די קאָנסטרוקציע איז אָפּגעפֿאַרבט געוואָרן אין די נויטיקע קאָלירן און עס זײַנען געפֿונען געוואָרן די ספּעציעלע ליכט־עפֿעקטן, האָט מען ערשט דאַן אײַנגעזען, אַז די קאָסטיומען פֿון די אַקטיאָרן האָבן פּראַכטפֿול האַרמאָניזירט מיט די פֿאַרבן פֿון דער קאָנסטרוקציע.

ווען די נויטיקע גרימען זײַנען געפֿונען געוואָרן און די אַקטיאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן אויף די ערשט נישט־לאַנג טויטע ברעטער, האָט זיך די סצענע ווי אין אַ כישוף פֿאַרוואַנדלט אין אַ האַרמאָניע פֿון ליכט, קאָליר, קלאַנג, ריטם, באַוועגונג; עס האָט זיך דיר געדאַכט, אַז אַנדערש קאָן מען שוין נישט שפּילן די פֿאַרשטעלונג. די קאָנסטרוקציע האָט זיך איצט פֿאַרוואַנדלט אין אַ לעבעדיקער, צאַפּלדיקער זאַך. יעדעס ברעטל האָט געלעבט, יעדע סטעזשקע האָט געאָטעמט מיט שטויב פֿון מדבר, און די פּיראַמידן האָבן נאָך אונטערגעשטראָכן דעם עבר. זיי האָבן דערמאָנט אָן חרובע וועלטן, וועלטן פֿון צער און טרויער.

די קאָנסטרוקציע האָט נישט געשטערט נאָר געהאָלפֿן דעם שוישפּילער צו באַוועגן זיך. עס האָט געהאָלפֿן דעם רעזשיסאָר אַרויסצוברענגען די נויטיקע מאַסן־סצענעס.

די מוזיק, וואָס קריין האָט געשאַפֿן, איז געווען פֿול מיט אַזעלכע קלאַנגען, וואָס האָבן דעם אַקטיאָר ווי פֿאַרכישופֿט. קריינען האָט זיך אײַנגעגעבן צו שאַפֿן אַזוינס, וואָס האָט דער פֿאָרשטעלונג געגעבן דעם נויטיקן קאָלאָ־ריט און קלאַנג. עס האָט געקלונגען אין דער מוזיק אַ מאָטיוו פֿון „איכה“, אַ קלאָג וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט אַ טריאומף, אַן אויסגעשריי. יעדער קלאַנג האָט דיך באַצויבערט מיט זײַן טאָן פֿון מזרח, און אין דער זעלביקער צײַט — האָט עס געקלונגען אַזוי וועלטלעך, אַזוי אוניווערסאַל. עס איז באַשאַפֿן געוואָרן אַ מאָנומענטאַל ווערק פֿון אַ גרויסן קינסטלער, וואָס וועט געוויס אַמאָל אָפּגעשאַצט ווערן פֿון דער מוזיקאַלישער וועלט אַלס איינע פֿון די בעסטע זאַכן וואָס אַלעקסאַנדער קריין האָט געשאַפֿן. די אָווער־

טיורעס, וואָס דער אָרקעסטער פון 18 מענטשן האָט געשפּילט, האָט געהאָלפן אונדז און דעם רעזשיסאָר צו פֿאַנאַנדערציִען די פֿאָרשטעלונג. און מען מוז צוגעבן, אַז נאָר די וואונדערלעכע מוזיק, די אימפּאָזאַנטע דעקאָראַציעס און קאָסטיומען, די טענץ און באַוועגונגען, וואָס זיינען אַריינגעפירט געוואָרן אין די נייע צוויי אַקטן, האָבן געמאַכט די פֿאָרשטעלונג פֿאַר א דערפֿאָלג, אָבער בשום אופן נישט דער נייער אופן פון שפּילן, אָדער די ניי־צוגעקומענע ראָלן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונדזער פֿאַנטאַזיע האָט נישט געקאָנט אַרויסשלעפן פון איין אַקטיאָר מער וויפיל עס איז אָנגעשריבן געוואָרן. עס האָט פּשוט געפעלט מאַטעריאַל. עס איז פֿאַרט געבליבן אַ שפּיל פון אַ מאַסע, מיט 3־2 העלדן. קיין ראָלן זיינען ניט געווען. די מאַסע איז באַ פּינסקין אפילו באַמענגלאַז, אַזוי אַז מיר האָבן באַדאַרפט אַליין צוטראַכטן נעמען, כדי, לכל הפּחות, צו שאַפן אַן אינדיווידיום; און צו דעם נאָך האָט די מאַסע אינם איינאַקטער אַבסאָלוט נישט געהאַט וואָס צו טאָן. איך מיין, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין אויסערלעכע באַוועגונגען, זי האָט נישט געהאַט וואוהין צו גיין און פון וואַנען צו קומען. זי האָט אפילו געהאַט באַגרעניצטע אינערלעכע איבערלעבונגען. די איינציקע איבערלעבונגען זיינען באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען וויינט אויפן חורבן בית־המקדש און מען בייזערט זיך אויף דעם „אורח״, וועלכער זאָגט אָן, אַז דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן. דאָס זיינען עמאָציעס וואָס קומען פון איין און דעם זעלביקן מענטשלעכן קוואַל. אמת, מיר האָבן געפּרואווט פריער, און אַזוי אויך איצט, צו פֿאַרברייטערן די אויפגאַבע פון דער מאַסע, מיר האָבן אפילו איינגעפירט אַ כאָר, אַזוי ווי עס האָט עקזיסטירט אין גריכישן טעאַטער. דער כאָר איז באַשטאַנען פון 12 מענטשן און איז געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצן. זיי האָבן באַדאַרפט קומען נישט באַמערקטערהייט און פֿאַרשווינדן, זאָגנדיק אין כאָר זייער מיינונג וועגן דעם וואָס דאָ קומט פֿאָר. עס האָט באַדאַרפט הייסן, אַז זיי זיינען „גאָטס אויג״, דער געוויסן, וואָס רעדט אַרויס פון אַט די זינדיקע מענטשן אין בירת־ערבא.

זיי פלעגן דאַרפן דערשיינען עטלעכע מאָל דורכן אַקט, און אויסוואַקסנדיק אויף די טרעפּ, אין דער הויך, אָנהויבן ריידן צוזאַמען, און מיר, אונטן, האָבן אין די מאָמענטן באַדאַרפט פֿאַרגליווערט ווערן און זיך נישט רירן פון אָרט. אָבער אויב דער געדאַנק איז געווען אַן אָריגינעלער פון אונדזער רעזשיסאָר, האָט אים פֿאַרט געפעלט אַ ניצוץ פון געניאַליטעט, דער ניצוץ, מיט וועלכן וואַכטאַנגאָוו האָט אָנגעצונדן הערצער און פֿאַנטאַזיעס. וואַכטאַנגאָוו האָט געקאָנט נישט נאָר געבן אַן אידייע, נאָר אויך דורכפירן זי ביזן סוף. אָבער מטשעדעלאָוו האָט געבאָרן אַ געדאַנק און האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו גיין ווייטער; איז טאַקע אויסגע־

קומען אַז די כאָריסטן, וואָס האָבן זיך אָנגעטאָן אין לאַנגע שוואַרצע כאַלאַטן, פלעגן זיך אָנהויבן דראַפּען אויף די לייטערס, און אַזוי ווי די כאַלאַטן זיינען געווען לאַנג, פלעגט מען זיך פאַרטשעפּען איינער אינם אַנדערן, אָנטרעטן אויף די פיס, און ביז וואַנען זיי פלעגן אַרויפקריכן אויפן שפּיץ פּיראַמידע, פלעגט דאָס געדויערן מינוטן לאַנג. און אונדז, וואָס האָבן באַדאַרפט „פאַרגליווערט" ווערן, האָבן די מינוטן זיך אויסגעדאַכט ווי שטונדן. אַזאַ באַגריף פון צייט אויף דער בינע איז, אגב, גוט באַקאַנט יעדן אַקטיאָר.

די זעלביקע זאַך איז פאָרגעקומען באַם אַוועקגיין. פלעגן מיר שוין אָנהויבן פאַרלירן דאָס געדולד, און נישט וויסנדיק גענוי וואָס צו טאָן, וואָס דאָס איז זייער געפערלעך אויף אַ בינע, פלעגן אייניקע אָנהויבן נאָכקוקן דעם „געוויסן" אונדזערן. פלעגט שוין איינער וועלן זאָגן אַ „חכמה", זאָגט ער זיך אונטערן נאָז צום צווייטן: „דו זעסט, דאָס איז דיין געוויסן, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט". אין אַזאַ מאָמענט, ווען אַלע שטייען אויף דער בינע און מען ווייסט נישט וואָס צו טאָן, איז אַזאַ חכמהלע געפערלעך, ווייל עס איז גענוג פּשוט אימיצן ווייזן אַ פינגער, אַז יענער זאָל זיך אָן אַ פאַרוואָס צעלאַכן, נאָך אים אַן אַנדערער, און אַזוי ווייטער. דאָרטן שרייט דער רעזשיסאָר מען זאָל אָנהויבן, און דאָ שטייען אַלע ווי איינער און מען שטיקט זיך פון געלעכטער. און דער כאָר, דער „געוויסן" אונדזערער, פלעגט שוין וויסן אַז מיר לאַכן דאָ, און דראַפּנדיק זיך אויפן לייטער, אויך אָנהויבן לאַכן אָן אַ פאַרוואָס. און אַז זיי פלעגן אָנקומען אויפן פּלאַץ און נאָר דאַרפן עפענען דאָס מויל, פלעגט אויסשיסן אַ געלעכטער פון די „זינדיקע" מיט די „געוויסנס" צוזאַמען. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט, און וואָס אַמאָל פלעגט ווערן ערגער.

דער רעזשיסאָר פלעגט זיך בייזערן, די עלטערע און צמח פלעגן שטאַרק ברוגז זיין, אָבער מען האָט זיך נישט געקאָנט העלפן. מען האָט געביסן די הענט נישט צו לאַכן, אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן. מען האָט געמוזט דעם „געוויסן" אונדזערן צונעמען פון דער בינע. און אַזוי איז די צווייטע וואַריאַציע פונם „אייביקן ייד" פאַרבליבן אָן דער אידייע צו שאַפן אַ כאָר.

וועמעס שולד איז דאָס געווען? אונדזערע? אין אַ געוויסער מאָס, יאָ. מען קאָן זיך איינהאַלטן און נישט לאַכן אויף דער בינע. עס איז אַ שרעקלעכער פאַרברעכן. אָבער פאַרוואָס האָבן אַזוינע מאָמענטן געטראָפן זעלטן אויף פּראָבן מיט וואַכטאַנגאָוון אָדער מיט סטאַניסלאַווסקין? איך זאָג נישט, אַז עס האָט קיינמאָל נישט געטראָפן קיין קאָמישע סיטואַציע אויך באַ דער אַרבעט מיט וואַכטאַנגאָוון, אָבער דאָס פלעגט טרעפן מערסטנס פון זייטיקע זאַכן, פון זאַכן, וואָס האָבן גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט דער

אַרבעט. אין מאָמענטן פון שאַפן האָט עס קיינמאָל נישט פּאַסירט. הייסט עס, אַז באַשולדיקן דאַרף מען מער פון אַלעמען דעם רעזשיסאָר אַליין, װעלכער האָט געהאַט פאַנטאַזיע,אָבער האָט נישט געהאַט דעם ניצוץ, וואָס זאָל האַלטן די אַנטיילנעמער אמת געשפּאַנט. עס האָט נישט געקאָנט פאַראינ־טערעסירן די שוישפּילער אַזוי, אַז זיי זאָלן אים העלפן דורכפירן זיין אידייע. און אפילו שפּעטער, ווען די פאָרשטעלונג איז אויפגעפירט געוואָרן אָן דעם כאָר, האָט זיך עס געשלעפּט. עס איז נישט געווען קיין גרויסע פאַראינטערעסירונג אינם אינהאַלט. קיין טעאַטראַלישקייט איז אין דעם אויך נישט געווען. ס'איז נאָר געווען אַ גליק, וואָס די מוזיק איז געווען וואונ־דערלעך, וואָס די קאָנסטרוקציע מיט די קאָסטיומען, די ליכט־עפעקטן און מאַסן־סצענעס האָבן געראַטעוועט די פאָרשטעלונג פון אַ פולשטענדיקן דורכ־פאַל. אָבער אויך די פאָרשטעלונג איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַסך לויב־געזאַנג פון דער מאָסקווער פּרעסע.

מען האָט געלויבט די פאָרשטעלונג, געלויבט די אַנטיילנעמער, איבערהויפּט ראווינה, אין דער ראָל פון דער מוטער פון משיחן. די ראָל איז פריער אויך געשפּילט געוואָרן פון ראווינה מיט טאַלאַנט, אָבער דאָ, אין דער נייער אויפפירונג, איז איר פיגור אויסגעוואָקסן צו אַזאַ מדרגה, וואָס האָט פאַרטונקלט אַלעמען, ספּעציעל אין דעם מאָמענט ווען ראווינה שטעלט זיך באַ דער וואַנט און הויבט אָן באַוויינען דעם חורבן בית־המקדש, ווען אירע ווייסע הענט מיט די לאַנגע פינגער נעמען אַרום די ווענט פון די פּיראַמידן, ווי זי וואָלט אַרומגענומען די ווענט פון בית־המקדש, און זי וויינט טאַקע מיט אמתע טרערן, וואָס רינען פון די אויגן, איבער די באַקן, איבערן האַלדז און פאַלן אויף די ברעטער, בשעת די שטימע אירע צעטראָגט זיך מיט טרויער איבערן גאַנצן זאַל. דאָס האָט געמוזט אַריינדרינגען טיף אין דער נשמה אַריין יעדן איינציקן, און אַ סך, וואָס האָבן מיטגעוויינט אין זאַל, זיינען נישט געווען קיין אויסנאַם, ווייל איינציקע פון די וואָס זיינען געווען הינטער די קוליסן און האָבן געוואַרט אויף זייער אויפטריט, האָבן אויך נישט איינמאָל געוויינט. אפילו דער שרייבער פון די שורות האָט אויך אָפטמאָל געווישט די אויגן און מיט באַוואונדערונג געקוקט אויף ראווינה, דער געבענטשטער קינסטלערין. אמת, איך, שפּילנדיק אבישי, איינע פון די פאַראַנטוואָרטלעכסטע ראָלען, וואָס איז מיר שפּעטער פאַר־טרויט געוואָרן, האָב באַדאַרפט קומען און אָנזאָגן אַז דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן. אבישי דאַרף קומען מיט אַ געוויין. ער וויינט פון דער ווייטן, קומט אַלץ נעענטער און נעענטער, און ווען ער קומט אָן מיט אַ גרויסן געוויין אויף דער בינע, ווערט אַ יללה פון אַלעמען. עס האָט געהייסן, אַז איך האָב געהאַט אַ גרויסע סצענע צו שפּילן, אָבער אַזוי ווי מיין אויפטריט איז געווען באַלד נאָך ראווינה, האָט שוין מיין געוויין קיין גרויסן רושם נישט גע־

מאַכט. פלעג איך זיך, געוויינלעך, בלאָזן די ערשטע צייט, אַז ראווינה האָט מיך פשוט „געקוילעט אָן אַ מעסער", אָבער טיף אין האַרצן האָב איך פאָרט געפילט, אַז זי טוט עס בעסער פון מיר, אַז זי טוט עס מיט גרויס טאַלאַנט. האָב איך זיך אונטערגעגעבן און האָב זיך פאַרשוואָרן קיינמאָל מער נישט באַקלאָגן זיך אויף מיין גורל, און ראווינהן געוויס קיינמאָל נישט זאָגן וועגן דעם. אָבער גאָר אינגאַנצן אויסרייסן פון זיך דאָס געפיל האָב איך נישט געקאָנט ביזן לעצטן טאָג פון מיין שפילן מיט איר אין „הנצחי".

ווי נאָר מיין באַוואונדערונג פאַר איר שפילן איז פאַראיבער, פלעג איך איבערציִען מיין מאַנטל איבערן קאָפּ און אָנהויבן בורטשען מיין געוויין, און טאָן פלעג איך דאָס שוין אָן דעם ברען און ווילן, מיט וועלכן איך האָב אַמאָל אָנגעהויבן שפילן די ראָל. פלעג איך זיך קומען צושלעפּן אויף דער בינע און נישט קוקן אויף איר, צופאַלן צו צמחס (דעם נביאס) פיס און אַנט־שוויגן ווערן. אין דער צייט איז באַ מיר געוועז אַ געפיל ווי אימיצער זיצט אין מיר און טענהט: „וואָס וועסטו וויינען, וואָס?... גלאָט אין דער וועלט אַריין!... שוין, מען האָט שוין געהערט בעסערע באַוויינערס פון דיר"...

דער נייער „הנצחי" איז נישט אויפגעפירט געוואָרן אויף אונדזער בינע אין דעם „הבימה"־טעאַטערל, ווייל עס איז דאָרט נישט געווען קיין פּלאַץ צו בויען די דעקאָראַציעס. האָט מען געפּועלט באַ דער פאַרוואַלטונג פון „רו־סישן קאַמער טעאַטער", וואָס איז דעמאָלט געווען אויף אַ טורנע אין אייראָפּע, אַז מען זאָל אונדז געבן דעם טעאַטער פאַר דער אויפפירונג. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר האָבן אויפגעטראָטן אויף אַזאַ גרויסער בינע, מיט אַזאַ גרויסן זאַל, אָנזאָגנדיק מיט גרויסע אָפּישן וועגן אונדזער פּרעמיערע פון דעם באַנייטן „הנצחי". גייענדיק אויף פּראָבעס צום קאַמער טעאַטער, און זעענדיק די גרויסע אָפישן פון דער „הבימה" אויס־געקלעפּט אויף די ווענט, פלעגט דיין האַרץ זיך אָנפילן מיט שטאָלץ. אין רעפּערטואַר קומט צו נאָך אַ פאָרשטעלונג, אָן אמתע פאָרשטעלונג, אָדער ווי דער אַרמענער רעזשיסאָר, מטשעדעלאָוו, פלעגט זאָגן: „אין אייער רעפּערטואַר קומט צו נאָך אַ „גאַ". (אין רוסיש ווערט אַ „ה" אַרויסגערעדט ווי אַ „גימל"). דער ערשטער „גאַ", זאָגט ער, איז „גאַבימה", דער צווייטער „גאַ" איז „גאַדיבוק", און דער דריטער וועט זיין „גאַניצחי"...

אויף דער גרויסער בינע האָבן זיך די אַקטיאָרן דאָס ערשטע מאָל ווי פאַרלאָרן. איין ברעג איז אַזוי ווייט פונם צווייטן, אַ מהלך, און די סטעליע איז אַזוי הויך און די טיפענישן פון דער בינע האָבן אונדז אויסגעקוקט זייער מאָדנע. אויך דאָס וואָס די בינע איז אויפגעהויבן פון פּאַרטער איז געווען נישט גוט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס טיילט דיך אָפּ אַ מחיצה פונם צושויער, עס ווערט פאַרפאַלן די אינטימקייט צווישן דיר און דעם צושויער.

"GOLEM"

The Golem—A. Meskin

„גולם"

דער גולם — אהרן מסקין

„דער גולם" — פראָלאָג

משיח און אליהו הנביא; משיח—ח. ראווינה, אליהו הנביא—טשעטשיק־אפרותי

"GOLEM," PROLOGUE — *Messia and Eliah*

Messia—Ch. Rovina; Eliah—T. Efroti

עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ איז איבעריק. אָבער נאָך לאַנגע פּראָבן אויף דער נייער בינע מיט די נייע דעקאָראַציעס, זיינען מיר מער און מער אַריינגעצויגן געוואָרן. האָבן מיר זיך צוגעוואוינט צו דער נייער אַטמאָספער, און עס האָט אונדז שוין גאָרנישט געשטערט. די אַרבעט און צוגרייטונג זיינען אָנגעגאַנגען גאַנצע טעג. מען האָט גענייט קאָסטיומען, געגרייט פּאַרוקן און בערד און די אַרבעט האָט פאַרכאַפּט יעדן איינציקן. עס זיינען פאַרגעסן געוואָרן אַלע קריוודעס; די אַרבעט האָט אונדז פאַראייניקט. יעדער האָט זיך געפרייט מיט די אויפטוען פון טעאַטער, און אין האַרצן האָט יעדער אויפגעהערט צו טראַכטן אפילו וועגן דעם צי עס איז נויטיק געווען אויסקלייבן דוקא אָט די אויפפירונג און נישט קיין נייע, וואָס וואָלט געקאָסט דאָס זעלביקע געלט און וואָלט געבראַכט מער נוצן פאַר די אַקטיאָרן פון קאָלעקטיוו. עס איז גענוג געווען אָט די באַפרידיקונג וואָס די אַרבעט האָט ווידער צוזאַמענגענומען די כחות און ווידער געשאַפן אַ קינסטלערישע אַטמאָספער.

די באַנייטע פאַרשטעלונג איז אויפגעפירט געוואָרן און געוויזן געוואָרן דער פּרעסע, דער טעאַטראַלער מאָסקווע, און איז זייער פיין אויפגענומען געוואָרן. אמת, די אַקטיאָרן האָט עס נישט באַפרידיקט, נישט אַלס יחידים, ווייל קיין אַקטיאָרן זיינען נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן און אויך נישט אַלס קאָלעקטיוו, ווייל אין די מאַסן־סצענעס זיינען אויך קיין גרעסערע זאַכן ווי אינם „דיבוק" נישט באַשאַפן געוואָרן. בכלל איז די פאַרשטעלונג נישט געווען קיין דערהויבונג נאָכן „דיבוק", אָבער אויך, צום גליק, נישט קיין גרויסע אַראָפּנידערונג. עס איז געשאַפן געוואָרן פּראַכטפולע מוזיק, ווי איך האָב שוין באַמערקט, עס זיינען געשאַפן געוואָרן דעקאָראַציעס און קאָסטיומען, וואָס האָבן געהאַט אַ ספּעציפישן „הבימה"־סטיל, און דאָס האָט געמאַכט די פאַרשטעלונג אויף אַזויפיל אינטערעסאַנט און פאַרכאַפּנדיק, אַז עס האָט זיך געלוינט צו אַרבעטן צוליב דעם אַליין. די פּרעסע האָט אונדז געלויבט, געוויינלעך, נישט פאַר דער טעמע.

אַלזאָ, די „הבימה האָט שוין אַ רעפּערטואַר פון דריי אָוונטן. פאַרשטעלונגען, מיט וועלכע יעדער טעאַטער קאָן שטאָלצירן, ווייל יעדע איינציקע פון זיי האָט איר באַשטימטע פאָרם, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש נאָר פאַר דער „הבימה". עס זיינען שוין צוגעקומען נייע טעאַטערס, וועלכע האָבן אָנגעהויבן נאָכמאַכן דער „הבימה" און די פּרעסע פלעגט באַלד אַרויסקומען און זאָגן אָפן, אַז דעם „סטיל" האָבן זיי שוין געזען בא דער „הבימה". דאָס האָט אונדז געפרייט, צוגעגעבן מוט, ווייל עס האָט דאָך געהייסן, אַז מיר האָבן געפונען דאָס וואָס מיר האָבן געזוכט פון אָנפאַנג, נאָך דאָרטן, אויף דעם „קאָמעני מאָסט", אַרום דעם אייוועלע...

עס קומען שוין אָן ידיעות, אַז אין אייניקע שטעט אין רוסלאַנד און אין אוקראַינע, וויל מען מיר זאָלן קומען שפּילן. עס איז אמת, אַז מיר זיינען געוואָרן פּאָפּולער און יעדער ייד וואָס קומט אויף אַ באַזוך אין מאָסקווע פאַרפעלט נישט צו זען די „הבימה" און צעטראָגט עס נאָכדעם איבער די שטעט און שטעטלעך, אָבער פאַרן קאָלעקטיוו, דעם לעבעדיקן אָרגאַניזם, מיט צמחן בראש, און אויך פאַר דער „מועצה", וואָס האָט זיך שוין איינגעבירגערט אין טעאַטער, איז ווידער געשטאַנען די פראַגע: — „דער סעזאָן פאַרענדיקט זיך, דער זומער דערנעענטערט זיך, די חברים וועלן ווידער באַקומען אורלויב אויף צוויי מאָנאַטן; זיי וועלן דורכלויפן ווי אַ בליץ, און מיט וואָס וועלן די חברים אַוועקפאָרן, און ווי אַזוי וועלן זיי קומען?... וואָס וועט זיין מיטן רעפּערטואַר?... מיט דער געביידע, וואָס איז צו קליין סיי פאַר אויפפירונגען און סיי פאַר שפּילן?..."

אַזעלכע פּראָבלעמען שטייען ווידער פאַרן טעאַטער, פּראָבלעמען, וואָס רירן אָן זיין גאַנצע עקזיסטענץ. וואָלט נאָך די באַנייטע פאַרשטעלונג באַ־רעכטיקט מאַטעריעל, וואָלט מען, לכל הפחות, געקאָנט שפּילן אין מאָסקווע ביז סוף סעזאָן און דאַן אויסטיילן די פאַראויסגעזעענע פאַרדינסטן צו די חברים. אָבער צום באַדויערן האָט די פאַרשטעלונג נאָך נישט אומגעקערט אפילו אַ פערטל פון דעם, וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין איר, און די חברים האָבן שוין קיין געהאַלט נישט געקראָגן אַזוי לאַנג, אַז זיי געדענקען שוין נישט ווען זיי האָבן עס יאָ געקראָגן. און פּונקט אַזוי האָט קיין געהאַלט נישט באַקומען דער גאַנצער סטעף אונדזערער, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קריסט באַ דער טיר, וואָס פלעגט היטן די מאַנטלען, און וואָס האָט זיך אויסגעלערנט ריידן אַביסל העברייאיש. די קעכן מיט אירע זעקס קינדער, אויך אַ יונגער שייגעץ פון דאָרף, וואָס האָט געהאָלפן אויף דער בינע.

ער פלעגט זיך אַלעמאָל באַקלאָגן, וואָס ער באַקומט נישט קיין גע־האַלט. מילא, פלעגט ער זאָגן, איגנאַט אַנדרעיעוויטש באַקומט נישט, קאָן ער, לכל הפחות, אַביסל העברייאיש, אָבער איך קאָן דאָך אפילו קיין צוויי ווערטער נישט, פאַרוואָס קומט עס מיר?" פלעגן אייניקע פון אונדז שטעלן זיך אויסטענהן מיט אים: — „יאַקאָוו, אַט זעסט דאָך, מיר, די אַקטיאָרן, באַקומען אויך נישט קיין געהאַלט, דו ווייסט דאָך..." „יע"... טענהט ער ווייטער, „קאָנט איר דאָך גאָר גוט העברייאיש"... ווי־זשע", זאָגט ער, „דרעווניע יעווריייסקיע אַקטיאָרי"... (אויף דעם זייט איר דאָך העבריי־אישע אַקטיאָרן!)...

איז ער דאָך גערעכט, און מיר זיינען אויך גערעכט, און איגנאַט איז אויך גערעכט, און די קעכן איז אודאי גערעכט, ווייל, זאָגט זי, אויב מען וועט איר נישט געבן קיין דריי רובל מיט 75 קאָפּיקעס וועלן שוין מאָרגן די אַקטיאָרן נישט האָבן נאָר קאַרטאָפל מיט זופּ, נאָר עס וועט שוין

זיין, זאָגט זי, זופּ אָן גאָרנישט... אַלזאָ, די זוכענישן פון משיחן האָבן אונדז אַריינגעבראַכט אין אַ פיינער מערכה.

אין דרויסן איז אַפּריל. דער זון איז גוט, זי קייקלט זיך איבערן הימל און פרעגלט זיך פון נחת. דאָ, אונטן, וואַרימען זיך די שטיינער, פאַרשפּעטיקטע וואַסערלעך לויפן ערגעץ און ברומען שטילערהייט. די בוימער שטייען אויסגעצוואָגענע, גרייט אָנצוטאָן זיך אין שבתדיקע קליידער. מיט איין וואָרט, אין דער לופט איז ערב פּסח... און באַ דער „הבימה“ איז אַ זאָרג וועגן מצה, ווייל עס איז שוין אַ חזקה, אַז איין סדר פּראַוועט מיר אַלע צוזאַמען. עס איז שוין אַ טראַדיציע באַ דער „הבימה“, אַז אין דעם אָוונט מוזן אַלע קומען אַהער, אין גרויסן זאַל, וואו ס׳איז צוגעגרייט מצה און וויין, און דאָ פאַרברענגען ביזן טאָג אַריין. די סדרים־נעכט וועלן אויך קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווערן. עס האָט זיך אונדז געוואָלט אויפהאַלטן די טראַדיציע פון דורות, און אין דער זעלביקער צייט שאַפן עפּעס נייעס, באַשיינען דאָס מיט טעאַטראַלישקייט, מיט ניגונים. אָבער קוים רירט מען זיך צו צו די פּסח־טראַדיציעס, זיינען זיי אָנגעפילט מיט אַזויפיל טעאַטראַלישקייט, אַז מען דאַרף שוין מער נישט זוכן, זיי קומען אַליין אַרויס, און ברענגען געבוג פרייד.

אויך היינטיקס יאָר שיקט אונדז די מאָסקווער קהילה אַריין וויין און אַ גאַנצע קאָרזינע מיט מצות. אַלע קלייבן זיך צוזאַמען, עס ווערן איינגעלאַדן נאָענטע קרובים און געסט און עס הויבט זיך אָן דער סדר, מיט די קשיות, און ווער עס קאָן לייענען צווישן טעקסט, דער וואָלט געקאָנט פרעגן גאָר אַנדערע קשיות, און נישט קיין פיר, נאָר אַ סך מער. אָבער היינט איז אַ יום־טוב, היינט האָט מען זיך נישט פאַרזאַמלט צו דיסקוטירן די פּראָבלעמען, וואָס ליגן אויף יעדן איינציקן.

ווי קינדער פון איין גרויסער משפּחה, זיצט מען און מען זאָגט די „הגדה“ הויך, אויף אַ קול, און מיט אַלערליי נוסחאות. עס זיינען דאָ חסידים און מתנגדים, ליטוואַקעס, אוקראַינער און רוסישע, און יעדער זאָגט אויף זיין שטייגער. וויין מעסט מען יעדן מיט טיי־לעפעלעך און פון דעם דאַרף מען נאָך אָפּגיסן אַזויפיל מכות... אָבער מען גיט זיך אַן עצה, מען גיסט אַריין די מכות צוריק אין גלעזעלע און מיר זיינען זיך מחיה... אויף איינעם פון די סדרים האָט מען מכבד געווען וואַכטאַנגאָון מיט פרעגן די „קשיות“, און אַזוי ווי יעדע זאַך, האָט וואַכטאַנגאָוו אויך דעם מאָמענט פאַרוואַנדלט אין אַ העכסט אינטערעסאַנטן טעאַטראַלן עטיוד. מיט אַ טיפער ערנסטקייט האָט ער זיך אויפגעשטעלט, גענומען די הגדה אין האַנט און האָט אָנגעהויבן זאָגן די ווערטער „מה נשתנה“. עס איז עפּעס אַרויסגעקומען באַ אים אַ מישמאַש פון רוסישע, העברייאישע,

אַרמענישע ווערטער; ער האָט געענוג געשוויצט און מיר האָבן געלאַכט ווי קיינמאָל פריער, ביז ער האָט פאַרענדיקט.

נאָך דעם סדר ווערן צוגענומען די טישן און עס ווערט איינגעאָרדנט אַ טאַנץ מיט אַ קאָנצערט פון אייגענע כחות. אין קאָנצערט נעמען אָנטייל אַלע, ווער עס האָט נאָר אַ שטיקל טאַלאַנט צו „פאַראַדירן", נאָכקרימען, נאָכמאַכן די חברים, — אין לעבן, און אויף דער בינע. עס ווערן צונויפגעשטעלט אַקטן, צוזאַמענגעשטעלט פון אַלערליי פּיעסן און צונויפמישנדיק זיי, פלעגן אַרויסקומען פּראַכטפולע פּאַראָדיעס, וואָס פלעגן דעם עולם מאַכן לאַכן ביז טרערן. נאָכדעם פלעגט מען טאַנצן ביזן טאָג אַריין.

אָט די פּסחדיקע נעכט פלעגן אַלע מאָל זיין אַ דערפרישונג פאַר דער גרופּע. מען פלעגט וואַרטן אויף זיי ווי אויף טעג פון גאולה. אָבער היינטיקער פּסח איז אָן אויסערגעוויינלעכער. ער גיט צו אַזוי פיל האָפענונגען. ער וועט מאַכן ברייטער אונדזער האָריזאָנט.

עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז מיר האָבן אָנגענומען די באַדינגונגען צו פאָרן אויף גאַסטראָלן אין לענינגראַד באַלד נאָך פּסח. יעדער איינער האָט געוואוסט, אַז אַ קאָנטראַקט איז אונטערגעשריבן געוואָרן, און פונדעסטוועגן האָט מען זיך נישט געגלויבט.

אונדזערע פּערספּעקטיוון ווערן ברייטער... הייסט עס, אַז מיר פאָרן ווייזן זיך אין לענינגראַד?... יעדער האָט געקוקט דעם צווייטן אין די אויגן און האָט געשיינט פון גרויס פרייד. אַ וויכטיקער עטאַפּ אין לעבן פון טעאַטער, אַ וויכטיקער פאַר יעדן איינציקן פון אונדז.

מיר גאַסטראָלירן אין לענינגראַד

צום ערשטן מאָל האָט זיך די „הבימה" אַריינגעזעצט אין באַן, אין אַ באַזונדערן וואַגאָן, צו געבן גאַסטראָל־פאָרשטעלונגען אין אַ פרעמדער שטאָט. יעדער איינער איז געווען נערוועז און אָנגעשטרענגט. יעדער איז געזעסן באַם פענצטער, נאָכקוקנדיק די אָנקומענדיקע און שנעל פאַרביילויפנדיקע בוימער, הייזלעך, דעכער און קוימענס און יעדן איינציקן האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ, טראַכטנדיק וועגן די פאָרשטעלונגען אין לענינגראַד. עס איז דאָך אַ גרויסע געשעעניש פאַר דער טרופּע.

צום ערשטן מאָל פאָרן מיר אַרויס זיך באַווייזן. צום ערשטן מאָל וועט לענינגראַד זען אַ העברייאישע טרופּע שפּילן. און לענינגראַד איז דאָך די צווייטע שטאָט אין דער טעאַטער־וועלט. זי האָט דאָך אַזוינע פּראַכטפולע טעאַטערס מיט אַזעלכע וואונדערבאַרע שוישפּילער. ווי אַזוי וועט מען אונדז אויפנעמען ? ... און ווי אַזוי וועט די פּרעסע זיך אָפּרופן אויף אונדזער שפּילן ? ... און ווער איז אונדזער עולם אין לענינגראַד ? זיינען דאָרטן, לכל הפּחות, פאַראַן יידן וואָס פאַרשטייען העברייאיש ? ...

אָט די אַלע פראַגעס האָבן געעגבערט דעם מוח און דערפאַר דער טיפער שווייגן אין וואַגאָן. אָבער ווען מיר זיינען שוין געווען נעענטער צו לענינגראַד איז פאַרופן געוואָרן אַ ספּאָנטאַנע אסיפה וועגן דער דיסציפּלין אין אַ פרעמדער שטאָט און אין אַ פרעמדן טעאַטער : ווי אַזוי מיר זאָלן זיך אויפפירן, וואָס מען מעג ענטפערן די צייטונגס־לייט, (אויב זיי וועלן קומען), און וואָס מען טאָר נישט. עס ווערן שוין אין וואַגאָן איינגעטיילט די צימערן פון האָטעל, — ווער מיט וועמען זאָל שטיין צוזאַמען. עס ווערט שוין אויך איבערגעגעבן די שטונדע און פּלאַץ פון דער פּראָבע.

און אָט איז שוין לענינגראַד ! די וואונדער שטאָט, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פון פּיאָטר דעם גרויסן דורך אַזויפיל מענטשלעכע קרבנות ; די שטאָט פון אַמאָליקן רוסישן דעספּאָטיזם, דער ציטאַדעל פון אייזערנעם אַבסאָלוטיזם און מאָנאַרכיזם.

שוין אַרום וואָקזאַל קאָנט איר זען אַ גרויסן מאָנומענט, וואָס סימבאָליזירט דעם אַמאָליקן צאַריזם. דער מאָנומענט שטעלט פאָר ווי אַזוי

אַלעקסאַנדער דער דריטער, אָנגעטאָן אין שטיוול, זיצט רייטנדיק אויף אַ פערד. אין איין האַנט האַלט ער אַ נאַגייקע, מיט דער צווייטער—די לייצעס פונם פערד. דאָס פערד איז פונקט אַזוי דיק ווי דער רייטער. דעם מאָנומענט האָט מען נישט אַראָפּגענומען. מען האָט נאָר אויפגעשריבן אַן אַנדער אויפשריפט, פאַרפּאַסט פונם באַקאַנטן פּאָעט דעמיאַן בעדני. אין עטלעכע פערזן גיט ער איבער די גאַנצע געשיכטע פון דעם מאָנומענט. ער זאָגט: — „דו זיצסט אַלס אַ סטראַשידלע פאַרן רוסישן פאָלק"... נאָכדעם גייט דער יחוס זיינער: װער זיין טאַטע איז געװען, אַז אים אַליין האָט מען דערשאָסן, און מיט זיין זון האָט דאָס רוסישע פאָלק שוין אויך זיך אָפּגערעכנט. דער מאָנומענט איז אַ געלונגענע זעלבסט־קאַריקאַטור, וואָס נאָר די צאַרישע רוסלאַנד האָט געקאָנט צוטראַכטן אום צו פאַראייביקן זיך. עס איז אַזוי סימבאָליש: די נאַגייקע און דעם קייסערס גראָבער הינטן, זיצנדיק אויף דעם דיקן אָנגעברוגזטן פערד, וואָס סימבאָליזירט דאָס רוסישע פאָלק.

פון יעדן ווינקל דאָ, אין לענינגראַד, שפּאַרט אַרויס די ערשט ניט־לאַנג הערשנדיקע טיראַניי. אַ וואונדערלעכע שטאָט, וואָס ניט נאָר האָבן מיר קיינמאָל נישט געחלומט אַמאָל צו שפּילן אין איר, נאָר אין וועלכער אונדזערע טאַטעס האָבן אפילו קיין רעכט נישט געהאַט אַריינצוטרעטן מיט אַ פוס. איצט שטייען מיר דאָ, פרייע מענטשן, וואָס זיינען געקומען וויזן וואָס הייסט יידישע קונסט. מיר דאַרפן איבערצייגן די צווייטע טעאַטראַלע מעקאַ אין אונדזער גערעכטיקייט, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי יידישע קונסט, יידישע מוזיק, יידישע טענץ. עס איז דאָ אַ קוואַל, וואָס איז געוועזן ביז איצט פאַרשפּאַרט, און איצט הויבט אָן דער קוואַל צו ווערן שפּרודלדיק — און דווקא אין דעם סאַנקט־פּעטערבורג פון אַמאָל, די אַמאָליקע סטראַשידלע פון מיליאָנען רעכטלאָזע מענטשן.

דער האָטעל וואו מיר שטייען איין, איז אַן אַלטער, אַריסטאָקראַטישער, מיט אַ פּראַכטפולן רעסטאָראַן. דאָס עסן באַשטייט, געוויינלעך, פון זייער אַ באַגרעניצטן אויסוואַל, מערסטנטייל פון אייער, געמאַכט אין פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס. דערפאַר אָבער איז נאָך פאַרבליבן אַ רעשטל פון אַן אָרקעסטער, וואָס באַשטייט פון דריי פערזאָנען וואָס זעען אויס ווי אייגעמאַרינירטע פּופּן. אַ טשעליסט, הויך און דאַר, מיט פאַרחלומטע אויגן, שטעלט זיך אַוועק אין מיין ווינקל און נאָר פון דער באַוועגונג פון זיינע הענט קאָן מען זען, אַז ער לעבט און אָטעמט. דער פידלער איז אַ קורצער, מיט אַ פּאָר שיטערע האָר אויפן קאָפּ. ער פירט מיטן סמיטשיק הין און צוריק און די אויגן זיינע קוקן אויף אַ פּינטל אין דער סטעליע. דער פּיאַנע־שפּילער וואָלט געוואָלט, דאַכט זיך, אַ קלאַפּ טאָן העכער און פרייליכער מיט אַ טאָן, אָבער אים פּאַסט נישט צו איבעררייסן די שטימונג.

גייט ער נאָך נאָך זיינע קלאָגן מיטן זעלביקן ריטם, און פון דעם אָר־קעסטער, וואָס ער זאָל נישט שפּילן, באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז ער שפּילט אַ טרויער־מאַרש, — אַ מאַרש פון דער טרויעריקער פאַרגאַנגענהייט.

אַז דו גייסט אַרויס פון די פאַרשטיקטע, כאָטש פיין מעבעלירטע, חדרים, און דו פאַרלאָזסט די טיר, באַ וועלכער עס שטייט אַ באַדינער, וואָס יעדעס מאָל, ווען דו רירסט זיך צו צו דער טיר, הויבט ער אויף זיין היטל און באַגריסט דיך, — אַז דיר גיט זיך איין אַרויסרייסן זיך פון דער אַטמאָספערע אין דרויסן אַרויס, ווערט דיר לייכטער אויפן האַרצן. אַ ניי לעבן שטראָמט פון אַלע זייטן. די גאַסן זיינען געפּאַקט מיט מענטשן. אמת, מען שמייכלט דאָ נישט אַזויפיל ווי אין מאָסקווע. די פּנימער זיינען מער פאַרזאָרגט, פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן, אָבער דאָס איז אפשר דערפאַר, ווייל דער וועטער איז דאָ תמיד ווי פאַרצויגן מיט אַ נעפּל, אַ שטענדיקער טומאַן, וואָס קומט פון דעם נעוואַ־טייך.

אין אָוונט איז אונדזער פאַרשטעלונג. די שטאָט איז פאַרפלייצט מיט אונדזערע אַפישן. וואו מען טוט זיך נאָר אַ קער, אויף די ווענט און אויף די טראַמווייען, זעט מען די אַפישן; און אַלע צייטונגען זיינען פול מיט אונדזער אָנקומען. די טעאַטער־זשורנאַלן געבן אונדז דעם אויבן־אָן. מיר האָבן שוין געהאַט עטלעכע פּראָבעס אויף דער בינע. דער טעאַטער איז אַזוי שיין און אָנגענעם. די בינע איז אַזוי גרויס, אַז אונדזערע דעקאָראַ־ציעס, וואָס מיר האָבן מיט זיך געבראַכט, סיי פאַר דעם „אייביקן ייד" און סיי פאַרן „דיבוק", זעען אויס ווי שפּילכלעך. אָבער נישט קוקנדיק אויף דער גרויסקייט פון טעאַטער און פון דער בינע, ווערט פאַרט דאָ געשאַפן אַן אַטמאָספערע פון אינטימקייט.

אין אָוונט, ווען דער טעאַטער ווערט געפּאַקט פון אויבן ביז אַראָפּ, ווען די גאַנצע פּרעסע און טעאַטראַלע לענינגראַד איז פאַרזאַמלט, און עס הערשט אַ שטילקייט, וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם, הויבן מיר אָן שפּילן דעם „דיבוק". באַם ערשטן מאָמענט האָבן מיר דערהערט אַ שושקעריי צווישן עולם. דאָס זיינען אַ סך געקומען מיט פריינט און באַקאַנטע, וואָס האָבן באַדאַרפט זיין די איבערזעצער. טייל זיינען געקומען מיטן בוך און טייל זיינען אפילו געקומען מיט ווערטער־ביכער, וואָס האָבן באַדאַרפט זיי העלפן צו פאַרשטיין די שפּראַך. אָבער אַזוי ווי דער איבערזעצער איז געווען איינער אויף אַ גרופּע פון צען און יעדער האָט געוואָלט אים הערן וואָס דייטלעכער, האָט זיך אָנגעהויבן אַ הויכע שושקעריי מיט אַ בלעטערן פון ביכער. מיר האָבן אין אָנהויב נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַטייט. שפּעטער האָט זיך איינגעשטילט די שושקעריי, מען האָט, ווייזט אויס, איינגעזען, אַז דער איבערזעצער און די ביכער וועלן ווייניק וואָס העלפן, און מען האָט זיך פאַרלאָזט אויף גאָטס באַראָט.

דער אינטערעס איז געשטיגן פון סצענע צו סצענע. נאָכן ערשטן אַקט האָט דער טעאַטער געשטורעמט און באַם צווייטן אַקט, באַ די טענץ, האָבן אויסגעבראָכן אַפּלאָדיסמענטן אין סאַמע מיטן טאַנץ. נאָכן דריטן אַקט זיינען די לענינגראַדער נאָך געשטאַנען אַ לאַנגע צייט אַרום דער בינע און האָבן אַפּלאָדירט.

דאָס האָט פאַרזיכערט אונדזער דערפאָלג אין לענינגראַד. די צייטונ־גען און זשורנאַלן האָבן אונדז גראַטולירט מיט אונדזער דערפאָלג, און מענטשן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען אין טעאַטער אַריין. עס זיינען באַלד אויספאַרקויפט געוואָרן די בילעטן פאַר עטלעכע וואָכן אין פאָראויס. גע־קומען זיינען אויך אַ סך קריסטן זען די פאָרשטעלונג. דערביי פלעגן פאָרקומען קאָמישע סצענעס. עס פלעגט אַמאָל פאַרבלאָנדזשען צו אונדז אין טעאַטער אַ פּשוטער רוסישער אַרבעטער מיט זיין פאַמיליע, פלעגן זיי אָפּזיצן אַן אַקט און גאָרנישט פאַרשטיין; דערנאָך פלעגן זיי לויפן צו דער קאַסע מיט אַ טענה, פאַרוואָס דער מאָסקווער טעאַטער רעדט אַ לשון, וואָס זיי האָבן קיינמאָל נישט געהערט. פלעגט מען זיי געבן צופאַרשטיין, אַז עס איז אַזאַ מין יידישער לשון. אָבער דער רוס פלעגט טענהן, אַז ער האָט שוין אַמאָל געהערט ריידן יידיש, נאָר אַזאַ מאָדנעם לשון האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געהערט. און מען פלעגט אים דאַרפן אומקערן דאָס געלט.

אָבער צו דער קאַסע פלעגן קומען מיט טענות נישט בלויז קריסטן, נאָר אויך יידן. זיי פלעגן קומען מיט אַ טענה פאַרוואָס מען רעדט אַזאַ העברייי־איש, וואָס זיי פאַרשטייען נישט. זיי רעכענען זיך פאַר העברייער, זיי קאָנען גוט לעזן און שרייבן העברייאיש, אָבער אָט זיצן זיי אין טעאַטער און הויבן נישט אָן צו פאַרשטיין אַ וואָרט. איז איינס פון דיביידע — אָדער מען זאָל ריידן ווי מענטשן, אָדער מען זאָל אומקערן דאָס געלט. און אַז מען פלעגט איינעם אומקערן זיין געלט, פלעגט ער זיך אַרויסלאָזן פון טעאַטער אַ ברוגזער, מיט אַ שטאָך־וואָרט: „נאַ־דיר גאָר אַזאַ טעאַטער, מיט אַזאַ שפּראַך!" קוריאָזן זיינען נישט געווען זעלטן, אָבער געוויינלעך זיי־נען זיי געווען איינצלנע פאַלן. די מערסטע פון די, וואָס האָבן נישט פאַר־שטאַנען די שפּראַך, האָבן אָבער צוגעגעבן, אַז זי קלינגט שיין, און אַז די שפּראַך שטערט נישט צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט. פאַרקערט, עס העלפט אַ סך אַרויס צו פאַרשטיין די קינסטלערישע עפעקטן פון דעם שפּילן, פון רעזשי, פון אויפפאַסונג, און אַזוי ווייטער.

אָבער מערקווירדיק איז געווען דאָס, וואָס דוקא אין לענינגראַד האָט „דער אייביקער ייד" געהאַט מער דערפאָלג. געוויס איז דער „דיבוק" אַלס אַ מייסטערווערק פון רעזשי געווען גענוג אָפּגעשאַצט, אָבער אַלס אַן אויס־דרוק פון אַ נאַציאָנאַלער פאָרם, אַלס אַ באַזיס פון אַ נאַציאָנאַלן יידישן



"GOLEM"
The Maharal—Rabbi of Prague
A. Prudkin

„דער גולם"
מהרל — א. פרודקין



„דער גולם“, ערשטער אַקט

גולם, א. גענסקין; מהרל, א. פרודקין; דבורלע, פ. ליזביטש; רביצן, נ. וויניאר

"GOLEM" — FIRST ACT

The Maharal Leads the Golem Into the House

טעאַטער, האָט מען אָנגעוויזן מערסטנס אויף דער טראַגעדיע פון „אייביקער ייד״.

אין אַ סך פּרטים זיינען זיי געווען גערעכט. ערגעץ־וואו איז אין דעם געווען אַ גרויסער אמת. נישט אומזיסט האָבן מיר געזוכט משיחן, דעם קינסטלערישן משיחן, דורך דער טראַגעדיע פון „אייביקער ייד״, און נישט אומזיסט האָט דער גרעסטער לענינגראַדער קריטיקער פון יענער צייט, א. ל. וואָלינסקי, אָנגערופן די „הבימה״ „דער וואַנדערנדיקער טעאַטער״. ער האָט מיט באַגייסטערונג געשריבן וועגן דער „הבימה״ אַלס אַ טעאַטער פון נאַציאָנאַלן אויסדרוק, אַ טעאַטער, וואָס האָט קיין היים נישט, וואָס זיין גורל איז אַרומצוואַנדערן פון איין שטאָט צו דער צווייטער, און טראָגן מיט זיך דעם שטראַל פון ליכט צו אַלע פאַרוואָגלטע און צעזייטע ברידער אין דער גאַנצער וועלט.

וואָלינסקי — אַ דאַרער, מיט טיפע שוואַרצע אויגן, מיט אַ טיפּיש ייִדישן טרויער אויף זיין צעקנייטשטן פּנים, שטרענג, אַסקעטיש, פּונקט אַזוי אין אָנטאָן ווי אין אויסזען; וואָלינסקי, דער ייד, וואָס האָט זיך גע־שאַפן אַ וועלט־נאָמען מיט זיין בוך וועגן „לעאָנאַרדאָ דא ווינטשי״; וואָלינ־סקי, דער וועלט־אָנערקענטער קריטיקער און דער גרעסטער אויטאָריטעט אין טאַנץ־קונסט, וועמענס נאָמען עס ווערט אַרויסגערעדט אין לענינגראַד מיט אַזוי פיל אַכטונג; וואָלינסקי, דער ייד, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, ספּעציעל ייִדישע, — דער דאָזיקער וואָלינסקי זיצט יעצט אין זיין צימער און רעדט צו אונדז מיט באַגייסטערונג וועגן ייִדישער קונסט. ער שרייבט באַגייסטערטע אַרטיקלען וועגן דער „הבימה״, וועלכע געבן אונדז אַזויפיל מוט און גלויבן אין דער ווייטער־דיקער אַרבעט.

דאָס אַליין באַרעכטיקט דאָך אונדזער עקזיסטענץ. זאָל זיין אַז מיר וועלן נישט דערגרייכן דעם העכסטן שטאַפּל צו וועלכן מיר שטרעבן, אָבער אויב אונדז וועט זיך איינגעבן צו איבערצייגן אָט די ווייטע, אָפּגעפרעמדטע וואָלינסקיס, וואו זיי זאָלן נישט זיין, אין אונדזער ציל, וועט דאָס אַליין זיך שוין האָבן געלוינט. אונדזער אויפגאַבע איז צו אויפוועקן אָט די פאַר־שלאָפענע כחות, וואָס העלפן שאַפן פרעמדע קונסט און ווערן אַלס אייגענע קיינמאָל ניט אָנערקענט, וועקן זיי און ווייזן, אַז עס איז דאָ אַן אייגן פעלד, אמת, נאָך ניט קיין אויסגעאַקערט, אָבער אַ גרייט פעלד פאַר זייען.

אונדזערע גאַסטראָלן אין לענינגראַד האָבן געדויערט לענגער ווי מיר האָבן דערוואַרט. די טרופּע האָט אַביסל אָפּגערוט. עס פלעגן איינגעאָרדנט ווערן עקסקורסיעס אין די פּראַכטפולע צאַרישע פּאַלאַצן, וואָס זיינען איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מוזייען. אַלע היסטאָרישע און אינטערעסאַנטע

פלעצער זיינען באַזוכט געוואָרן פון דער טרופּע. די וואונדערלעכע ווייסע נעכט זיינען געווען אַזוי שיין און באַצויבערנדיק, אַז דיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ קומט פאָר אין חלום. געוויינלעך, פאַרגעסט מען אויך נישט צו האָבן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, צו באַשטימען אונדזערע ווייטערדיקע טריט. מיר מוזן וויסן, וואָס וועלן מיר טאָן אין עטלעכע טעג אַרום, ווען דער „חלום" פון די גאַסטראָלן וועט אַריבער...

אין דרויסן איז שוין זייער הייס און שטיקנדיק. שפּילן מער קאָן מען נישט, הייסט עס, אַז מען דאַרף זיך צעפאָרן אויף וואַקאַציע. אָבער מיט וואָס פאָרט מען? ... די מאַטעריעלע פראַגע איז פאַרענטפערט געוואָרן נאָר אַביסל. די גאַסטראָלן האָבן אונדז געגעבן אַ מעגלעכקייט אויסצוטיילן אַ קליינע סומע צו די חברים אויף אָוועקצופאָרן, און ווי־עס־איז דורכשטופּן דעם זומער, אָבער דאָס איז דאָך נישט אַלץ. עס שטייט נאָך די פראַגע: מיט וואָס פאַר אַ האָפענונגען פאָרט יעדער איינציקער פון אונדז אַוועק? מיט וואָס פאַר אַ פּערספּעקטיוון וועט ער לעבן? וויסן מיר דען, וואָס פאַר אַ פּיעסע עס איז אָנגענומען געוואָרן צום רעפּערטואַר? ווייסן מיר דען וואָס פאַר אַ ראָל יעדער איינער וועט שפּילן, כדי אין דער פרייער צייט צו חלומען וועגן איר? ... ניין, מיר ווייסן דאָס נישט. מיר ווייסן אפילו נישט ווער עס איז דער, וואָס וועט צוגעצויגן ווערן אַלס רעזשיסאָר צו דער „הבימה". זיצן מיר ווידער גאַנצע נעכט אין לענינגראַד. די פאַרזאַמלונגען זיינען שטורעמדיקע. די חברים האָבן שוין איצט טענות צו דער אויסדערוויילטער „מועצה", און ווידער צו צמחן, פאַרוואָס זיי טוען נישט קיין ממשותדיקע אַרבעט, פאַרוואָס זיי פאַרלאָזן זיך אַלץ אויף נסים, פאַרוואָס זיי קלייבן נישט אויס קיין רעפּער־טואַר, פאַרוואָס זיי זעען זיך נישט מיט רעזשיסאָרן. זיי ענטפערן, און עס ציינט זיך אַרויס, אַז זיי קאָנען בשום אופן זיך נישט צונויפלעבן מיט צמחן, אַז ער איגנאָרירט זיי. און צמח האַלט שוין ווידער אַ לאַנגע רעדע און באַקלאָגט זיך, אַז ער וואָלט אַ סך מער אויפגעטאָן, ווען נישט די חברים פון דער „מועצה", וואָס העלפן אים נישט, נאָר שטערן אים. און ווידער שווימט אַרויף די פראַגע וועגן דער „מועצה" און צמחן. דאָס ציט שוין אַריין אין אַ סך פאַרזאַמלונגען וואָס פירן צו אַ סך רייד, צו הייס בלוט, אָבער, פּונקט ווי די פריערדיקע פאַרזאַמלונגען פון דעם סאָרט, ברענגען זיי נישט קיין רעזולטאַטן. מען זיצט נאָר אינם גרויסן צימער פונם האָטעל, די פענצטער זיינען אָפן, די נעכט זיינען וואונדערלעך ווייס, ווי אין העלן טאָג, און מיר שוויצן, ריידן, דיסקוטירן, מידע, צעבראָכענע, און מיר זעען גאָרנישט קיין סוף צו דעם. דערווייל ענדיקן זיך די גאַסטראָלן, מיר פּאַקן איין די זאַכן און קומען צוריק קיין מאָסקווע. און קיין רעזולטאַטן זיינען נאָך נישטאָ פאַר די חברים.

מען גייט אַרום ווי אין אַ הינער־פּלעט. די טעג ציען זיך. עס איז שרעקלעך הייס. אין מאָסקווע זיצן איז אוממעגלעך, און עס איז דאָך צייט צו פאַנאַנדערלאָזן די חברים. עס ווערט אַראַנזשירט אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער מען באַשליסט צו געבן די חברים אורלויב ביז דעם ערשטן סעפּ־טעמבער, און די „מועצה" מיט צמחן דאַרפן פאַר דער צייט צוגרייטן אַ פּיעסע, אָדער עטלעכע, וואָס דאַרפן פאָרגעשלאָגן ווערן פאַר די חברים באַם צוריקקומען. עס ווערן אויסגעקליבן אַלערליי קאָמיטעטן, וואָס דאַרפן זיך פאַרנעמען דורך די וואָכן פון וואַקאַציע מיט פאַרשיידענע אָרגאַניזאַ־ציאָנעלע פראַגן, און מען צעפאָרט זיך פון מאָסקווע.

דאָס טעאַטערל ווערט פּוסט אויף די זומערדיקע מאָנאַטן. עס הערן זיך שוין מער נישט די הילכיקע קולות פון די אַרומלויפנדיקע חברים. אָבער איינער פאַרבלייבט, וואָס גייט אַרום פון חדר צו חדר, זעט אַז אַלץ זאָל צונויפגעלייגט ווערן אין אָרדענונג, אַז אַלץ זאָל צוגעדעקט ווערן. מיט ליבע און אויסערגעוויינלעכער געטריישאַפט שאַרט ער אַליין אָפּ דעם שטויב פון די טישן, דעקט זיי צו, קלייבט צונויף די קאָסטיומען. אַליין זיצט ער באַם טיש אין קאַנטאָר און ברענגט אין אָרדענונג די ביכער פון טעאַטער. דאָס איז אונדזער פאַרוואַלטער, משה הררי. דער מענטש האָט שטיל, באַשיידן, אויפגעטאָן זייער אַ סך פאַר דער „הבימה" פון יענער צייט. ער האָט עס געטאָן נישט פאַר געלט; ער האָט עס נישט באַדאַרפט. אָבער דער מענטש איז געווען אַזוי איבערגעגעבן צו דער גרופּע, צום טעאַטער, אַז ער האָט פאַרבונדן זיין גאַנצן לעבן מיטן טעאַטער. ווען איר זאָלט נישט אַריינקומען אין זאַל, באַטאָג אָדער באַנאַכט, פלעגט הררי זיין פאַרטאָן.

איינמאָל, אין מיטן ווינטער, אין אַ שנייענדיקן, פראָסטיקן טאָג, טרעף איך אים, אינמיטן גאַס, זיצנדיק אויף אַ גרויסן בענדיוג, אָנגעלאָדן מיט בענקלעך, אַ שפּיגל, אַ שאַפע; ער זיצט סאַמע אויבן־אָן אויף אַ בענקל און שמייכלט. שריי איך צו אים אַרויף: „הררי, וועמעס איז דאָס ?" „וואָס הייסט", שרייט ער, „עס איז אונדזערס! עס איז פאַר דער הבימה!" די אַלע זאַכן האָט ער ערגעץ, אין אַ רעגירונגס־פּלאַץ, אויסגעווירקט פאַר דער „הבימה" און צו זיין פרייד איז קיין גרעניץ נישט געווען. ער איז געווען אַזוי שטאָלץ וואָס צו דער „הבימהס" פאַרמעגן וועלן צוקומען נאָך אַ פּאָר בענקלעך.

הררי פלעגט זיצן מיט דער גאַנצער טרופּע ווען מיר האָבן רעפּעטירט. די טרופּע האָט געמעגט רעפּעטירן ביז אינדערפרי, איז ער געזעסן און נישט מיד געוואָרן. אמת, מען האָט געמורמלט אויף אים, אַז ערגעץ טיף אין האַרצן האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ באַהאַלטענעם געדאַנק, אַז ער אַליין וואָלט אויך געקאָנט שפּילן אויף דער בינע. אַמאָל, אין די גאָר יונגע יאָרן, האָט ער טאַקע געשפּילט, אָבער איצט רעדט ער קיינמאָל נישט וועגן דעם...

ער זיצט אין אַ ווינקל פון טעאַטער, און לאָזט זיינע אויגן נישט אַראָפּ פון דער בינע...

הררי איז געווען אַ געטרייער מיטגליד פון דער משפּחה. ער האָט זיך געפריים צוזאַמען מיט יעדן איינציקן פון אונדז, ווען עס איז געווען פרייד, און געטרויערט צוזאַמען מיט אונדז, אין מאָמענט פון צער. די „הבימה", קאָן מען זאָגן, איז געווען זיין לעבן, און גוטמוטיק איז ער געווען, מיט אַ וואונדערלעכער נשמה. ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט אָפּזאָגן אַ חבר. ווען די חברים זיינען אַרומגעגאַנגען און געזוכט אַ מענטשן באַ וועמען צו לייען אַ גמילות־חסד, האָט מען שוין געוואוסט, אַז אויב מען וועט בעטן באַ הררי, וועט ער נישט אָפּזאָגן. האָט ער נאָר געהאַט אין קעשענע, פלעגט ער אַרויסנעמען און געבן דעם חבר.

ער האָט די „הבימה" נישט פאַרלאָזט ביזן לעצטן מאָמענט. ער איז געפאָרן מיט אונדז אין איראָפּע. אין אַמעריקע איז ער אויך געווען, האָט געשריבן וועגן דער „הבימה" עטלעכע אַרטיקלען אין דער טעגלעכער פּרעסע. שפּעטער, האָב איך געהערט, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, וואוהין ס'האָט אים געצויגן זיין גאַנצן לעבן; און דאָרטן, בשעת דעם פּאָגראָם פון די אַראַבער אין 1929, איז ער ברוטאַל דערמאָרדעט גע־וואָרן, פאַרטיידיקנדיק מיט אַ ביקס אין האַנט דאָס, וואָס איז געווען זיין אידעאַל.

הררי האָט בלי שום ספק געהאַט אַ קינסטלערישע נשמה. נאָר אַזאַ מענטש, ווי ער ,האָט געקאָנט אַזויפיל מקריב זיין פאַר דעם טעאַטער און גאָרנישט דערוואַרטן פאַר זיך. נאָר הררי, מיט זיין קינסטלערישן חוש, האָט געקאָנט זיין אַזוי אויסגעהאַלטן, ביז זיין לעצטן מאָמענט.

די וואָכן פון וואַקאַציע זיינען שנעל דורכגעלאָפן, און אָט קומט אָן אַ בריוו פון הררי, און דוקא אָן אָפיציעלער, וואו מען לאַדט אונדז איין צוריקקומען אין מאָסקווע, ווייל די ערשטע פאַרזאַמלונג וועט זיין אין דעם און דעם טאָג. אפילו די שטונדע איז אָנגעגעבן געוואָרן. און צום סוף, אַ צושריפט, וואָס איז שוין באַקאַנט פון פריערדיקע, ענלעכע בריוו, אַז מן־הסתם האָבן מיר נישט אויף הוצאות אויף צוריק, זאָל מען אפילו נישט דערוועגן זיך שרייבן וועגן דעם אין אָפיס, ווייל אַזוינע בריוו זיינען שוין באַקומען געוואָרן פון ראַווינה, פון ווינאַר, און אַנדערע חברים, און מען קאָן זיי גאָר נישט העלפן; מען האָט זיי בפירוש געענטפערט, אַז מען קאָן גאָר נישט טאָן פאַר זיי. זיי מוזן קומען, אויב זיי זאָלן אפילו דאַרפן גיין צופוס, דעריבער זאָלן מיר זיך נישט מאַכן נאַריש און קומען אין צייט אָן קיין שום בריוו און טענות.

דאַרף מען זיך קלייבן אין וועג אַריין און זוכן קאָמבינאַציעס, אַזוי אַז מען זאָל טאַקע קומען אין צייט. עס ציט דיך שוין אַהין. פונקט אַזוי ווי

דיך האָט געצויגן באַם סוף סעזאָן אַוועקפאָרן, איבערלאָזן אַלץ, און פאַר־בלייבן אַליין, אַזוי ציט עס דיך איצט צוריק צום קאָלעקטיוו. עס ווילט זיך זען יעדן איינציקן; און דער חבר, וואָס דו דענקסט, אַז ער איז דיר נישט אַזוי צום האַרצן, ווערט דיר אויך איצט טייערער ווי שטענדיק. עס ווילט זיך דיר וויסן די רעזולטאַטן פון דער „מועצה". מען וויל וויסן, וואָס הערט זיך מיט צמחן: האָט ער שוין אפשר געזען אימיצן פון די רעזשיסאָרן? און דאָ שרייבט מען דיר, אַז הלוי איז געקומען פון אויסלאַנד און האָט געבראַכט אַ נייע פיעסע פאַר אונדז, וואָס וועט שטאַרק געפעלן ווערן. איז נישט קיין וואונדער, וואָס אַלע לויפן וואָס גיכער קיין מאָסקווע.

גלייך פון וואָקזאַל לויפסטו אויף „ניזשני־קיסלאָווקא" צו זען אימיצן פון די אָנגעקומענע חברים, לויפסט אַריין אין קאָנטאָר, באַגעגענסטו הרריך, וועלכער באַגריסט דיך מיט אַ ברוך־הבא, און באַלד טאַקע, איינער נאָכן אַנדערן, הויבן אָן צו קומען חברים — פאַרברענטע, אָפּגעסמאַליעטע, מוטיקע, אָבער גרעסערע קבצנים ווי פריער. דערזעענדיק זיך, האַלדזט מען זיך און מען קושט זיך ווי ברידער און שוועסטער, און די פרייד איז זייער גרויס. עס דאַכט זיך דיר, אַז ווען דו ביסט אַליין, ביסטו אַזוי עלנט, אַז ווען דו האָסט נישט די מעגלעכקייט צו זען און טרעפן זיך מיט די חברים, וואָלט דיין לעבן געווען אַזוי פּוסט.

די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג ווערט פאַררופן, און דער קאָלעקטיוו פאַר־זאַמלט זיך אויסצוהערן די נייע פיעסע און אויסצואַרבעטן פּלענער פאַרן קומענדיקן סעזאָן.

מיר רעפּעטירן לייוויקס „גולם"

אייגנטלעך איז פאַרן קאָלעקטיוו אויך היינטיקס מאָל, ווי שטענדיק, אויף אַלע פאַרזאַמלונגען, געשטאַנען איין גרויסע פּראָבלעם צו פאַרענטפערן, און דאָס איז: די פּראָבלעם פון דעם רעפּערטואַר.

די פראַגע איז געווען די וויכטיקסטע אין טעאַטער. זאָל מען געפינען דעם ריכטיקן רעפּערטואַר, וועלן פאַרשווינדן אַלע איבעריקע זאַכן. וואָלט מען געפונען אַן אָריגינעלע העברייאישע דראַמע, קאָמעדיע, טראַגעדיע, געשריבן אין אַ מאָדערנעם העברייאישן סטיל, וועגן מאָדערנע פּראָבלעמען, אָדער אַ היסטאָרישן מאָטיוו, וואָלט דאָך ממילא צונישט געוואָרן די טענה פון די, וואָס זאָגן: — „צו וואָס שפּילן טעאַטער אין העברייאיש, אַז אַלץ צו וואָס די „הבימה" נעמט זיך, מוז ערשט איבערזעצט ווערן?" אפילו דער „אייביקער ייד" האָט באַדאַרפט איבערזעצט ווערן פון יידיש. וואָלט געשאַפן געוואָרן אַ רעפּערטואַר, אַרבעט פאַר די חברים, וואָלטן אפשר אויפגעהערט די קריגערייען צווישן דעם קאָלעקטיוו און צמחן. אָבער וואו נעמט מען אַזאַ אָרגינעלן רעפּערטואַר?

מיר האָבן געזוכט ווי מיט ליכט און נישט געפונען. מיר האָבן זיך אפילו שוין געווענדט צו שנאורן, טשערניכאָווסקין, מיט אַ בקשה, אַז זיי זאָלן אַליין עפּעס שאַפן, אָדער געפינען עפּעס פאַר אונדז, אָבער מיר האָבן קיין ענטפער נישט באַקומען. אמת, טשערניכאָווסקי האָט יאָ געשאַפן אַן אָריגינעלע דראַמע „בר־כּכבא". ער האָט זי צוגעשיקט צו אונדז אַקטנווייז; מיר האָבן זי געלעזן און די טעמע איז אונדז שטאַרק געפעלן געוואָרן, אָבער עס האָט גענומען לאַנג פון איין אַקט ביזן צווייטן, און דאָ לויפט די צייט — און מיר מוזן זיך שאַפן אַ רעפּערטואַר. דאָס איז די וויכטיקסטע פראַגע, וואָס פאַרנעמט די היינטיקע אסיפה. און אָט זיצט הלוי, אַ חבר פון דער „מועצה", וואָס האָט געבראַכט מיט זיך אַ דראַמאַטישע פּאָעמע, מיטן נאָמען: „דער גולם".

מיר זיצן מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם און הערן זיך צו צו יעדן וואָרט. דער אינטערעס וואַקסט פון בילד צו בילד, און כדי נישט צו איבעררייסן די אילוזיע, די גאַנצקייט פון דער פּאָעמע, באַשליסן מיר זיך נישט רירן פון אָרט ביז מיר וועלן נישט פאַרענדיקן. ווען מיר האָבן פאַרענדיקט די

פּאָעמע, איז שוין געווען גאַנץ שפּעט. אָבער נישט קוקנדיק אויף דער מידקייט, זיינען נאָך לאַנג נאָך דעם פאַרגעקומען הייסע דיסקוסיעס וועגן דער נייער פּיעסע. עס זיינען אָנגעוויזן געוואָרן חסרונות און מעלות. מען דאַרף צוגעבן, אַז די חסרונות, וואָס די חברים האָבן געפונען, האָבן איבערגעוואויגן די מעלות, ווייל קודם־כל, האָבן די חברים געטענהט מיט רעכט, איז דאָס נאָר אַ פּאָעמע און כדי צו פאַרוואַנדלען זי אין אַ דראַמע, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט פאַר דער בינע, דאַרף מען האָבן אַ גרויסן דיכטער, וואָס זאָל, לכל הפחות, זיין נישט קלענער פונם פאַרפאַסער. צווייטנס האָבן מיר נאָך נישט אַזוינע אַקטיאָרן, וואָס זאָלן קאָנען פערזאָניפיצירן אַזוינע פּי־גורן ווי דער „גולם", דער „מהרל", „תנחום", א. אַ. וו. און דריטנס, די ערגסטע קלאָגע פון די קעגנער איז געווען דאָס, וואָס מען קאָן בשום אופן נישט פאַנאַנדערקלייבן זיך וואָס דער אויטאָר האָט געוואָלט זאָגן מיט זיין פּאָעמע. די אידייע פון דער פּאָעמע איז אונדז נישט געווען קלאָר. אָט, זאָגט איינער פון די קעגנער, לעזט איבער דעם געשפּרעך, וועט זיך אייך דאַכטן, אַז דער אויטאָר איז פאַר פיזישן כח, און אָט לעזט דאָ, וועט איר שוין זען, אַז ער איז קעגן. היינט ווער איז דער גולם ?... אַ נביא, אַ רואה ואינו נראה, מאַטעריע, אָדער גייסט ? איז תנחום משוגע אָדער קלאָר ? ווער זיינען דער אַלטער און דער יונגער בעטלער ? ווער זיינען די רוחות ?

דאָס זיינען געווען גערעכטע טענות, אָבער אָט הויבן אָן צו ריידן די יעניקע, וואָס זיינען פאַר דער פּאָעמע, און ווייזן אָן, אַז דער אויטאָר האָט אָנגעוויזן אויף עטלעכע אידייעס און לאָזט עס איבער צו אונדז אויסצו־קלייבן דאָס בעסטע. ווילן מיר, קאָנען מיר אויסטייטשן, אַז די פיזישע קראַפט איז די איינציקע, וואָס קאָן זיך קעגנשטעלן פיזישער קראַפט ; ווילן מיר, קאָנען מיר זאָגן, אַז נישט דער מהר"ל, נישט דער יונגער בעטלער, (משיח), און נישט דער מאַן מיטן קרייץ, (יעזוס), וועט ברענגען אויסלייזונג, און דערפאַר דער שטענדיקער אויסגעשריי פון תנחומען : „ווער וועט ראַטעווען ?..." און אויב מיר ווילן, קאָנען מיר דאָך שאַפן אַ טראַגעדיע פון דעם באַשעפער, פון מייסטער, פון מהר"ל. אָבער דאָס ערשטע איז נישט אָנגענומען געוואָרן, ווייל דער סוף האָט צונישט געמאַכט די טעאָריע פון פיזישער קראַפט. דאָס דריטע איז נישט אָנגענומען געוואָרן, ווייל עס וואָלט דאַן נאָר געוויזן פערזענלעכע איבערלעבונגען, און עס וואָלט געוואָרן נאָר אַ פּראָבלעם פון יחיד, פון קינסטלער צו זיין שאַפן. אמת, מיר האָבן אפילו פאַרגלייכט די טראַגעדיע פון דעם רבונו־של־עולם מיטן מענטשן און אַלץ וואָס ער האָט באַשאַפן, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אפילו דער אויבערשטער אַליין איז נאָר אַ יחיד, וועמענס איבערלעבונגען, ווי טראַגיש זיי זאָלן נישט זיין, זיינען אַלץ איבערלעבונגען פון אַ יחיד, און נישט פון כלל. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן, אַז דער צווייטער אַרגומענט

איז דער פּאַסיקסטער. מיר זאָלן לאָזן אָפן פאַר דעם עולם, פאַר דער וועלט, תנחומס אויסגעשריי: „ווער וועט ראַטעווען?" זאָל די וועלט אונדז ענטפערן. אָבער דער גאַנצער קאָלעקטיוו האָט געהאַט בלויז איין מיינונג וועגן דעם „גולם" און דאָס איז געווען, אַז די פאָרשטעלונג דאַרף און מוז אויפגעפירט ווערן פון דער „הבימה", אַז די טעמע איז אַן אָריגינעלע.

דאָ האָבן מיר געהאַט וואונדערלעכן מאַטעריאַל צו פאַנאַנדערוויקלען. אַ שטיק יידיש לעבן דורך אַ לעגענדע, וואָס איז אַזוי פאַנ־טאַסטיש און באַצויבערנדיק. די מיסטיק און די פאַנטאַסטישע בילדער אין הייל און פינפטן טורעם, האָבן געררייצט די פאַנטאַזיע פון די שוישפּי־לער. צו דעם האָט דער „גולם" געהאַט די מעלה וואָס ער האָט פאַרשפּראָכן אַזויפיל שוישפּילער די מעגלעכקייט צו ווייזן זייערע כחות, און אויף וויפיל די שפּילער זיינען שוין געווען אויסגעהונגערט נאָך אַרבעט קאָן מען זען פון דעם, וואָס אויף יעדער ראָל האָבן זיך פאַרשריבן צו עטלעכע מענטשן.

מיר האָבן נאָך לאַנג געוואויגן און געמאָסטן. אַ סך היציקע דעבאַטעס זיינען נאָך פאָרגעקומען, ביז דער „גולם" איז געוואָרן דער ציל, צו וועלכן דער גאַנצער קאָלעקטיוו האָט געשטרעבט.

דאָס ערשטע וואָס דער קאָלעקטיוו האָט באַדאַרפט טאָן איז געווען, דורכצופירן אַן אָפּעראַציע איבערן „גולם". דאָס הייסט, פאַרוואַנדלען עס אין אַ פּיעסע. ווי באַלד מיר האָבן נישט געקאָנט געפינען אַ פּאַסיקן פרעמדן פאַר דער אַרבעט, האָבן דאָס געמוזט טאָן די שוישפּילער אַליין. דאָס איז געווען אַ דעליקאַטע אָפּעראַציע, ווייל מיר האָבן געמוזט איבער־שטעלן גאַנצע בילדער און סצענעס, און איבערהויפּט צו שניידן דעם טעקסט, ווייל די פּאָעמע אַנטהאַלט וואונדערלעכע געדאַנקען, אָבער קומט איר אויף דער בינע און ווילט אַרויסזאָגן די זעלביקע געדאַנקען, ווערט עס מאָנאָטאָן, לאַנגווייליק און נישט אינטערעסאַנט. דאַרף מען קאָמבינירן אַזוי, אַז מען זאָל שניידן דעם טעקסט וויפיל נאָר עס לאָזט זיך און אין דער זעלביקער צייט, געוויינלעך, נישט פאַרלירן דעם הויפּט־געדאַנק. מען מוז יעדע שורה אַזוי דורכזיפּן און דורכטראַכטן, אַז דאָס באַזייטיקטע זאָל נישט זיין קיין שום שטערונג פאַר דער פּיעסע.

זיצט מען, ווי כירורגן, מיטן מעסער און מען שניידט; און נאָך פיינ־לעכער קומט אָן דעם אַקטיאָר צו שניידן זיין אייגענע ראָל, ווייל יעדער דענקט, אַז דוקא אָט די ווערטער, וועלכע מען שניידט אויס, זיינען די וויכטיקסטע, און טאָמער פאַרלירט ער די ווערטער, ווערט זיין ראָל בלאַס. יעדער וויל מען זאָל שניידן באַם צווייטן.

ווי ווערן פאַרטיילט די ראָלן אין אַזאַ קאָלעקטיוו ווי די „הבימה"? עס איז געווען פאַרשטענדלעך, אַז די חברים, וואָס האָבן געהאַט אַ געלעגנ־הייט צו שפּילן אין די פריערדיקע פאָרשטעלונגען, האָבן באַדאַרפט וואַרטן

"GOLEM"
Dvorele and Grand Mother:
P. Lubitch and N. Viniar

„דער גולם"
דבורהלע און די רבצין :
פּ. ליוביטש און נ. וויניאַר

"GOLEM"
Tanchum the Lunatic—Ben-Ari

„דער גולם"
תנחום — בן־ארי

ביז די ראָלן זיינען צעטיילט געוואָרן צווישן די, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן. און אויב זיי האָבן יאָ געשפּילט אין די מאַסן־סצענעס, האָבן זיי געהאַט די רעכט צו פּרובירן אַ גרעסערע ראָל אין ד ע ר פאָרשטעלונג. און די, וואָס האָבן פריער געשפּילט גרעסערע ראָלן, זיינען איצט מחויב געווען צו שפּילן אין די מאַסן־סצענעס. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז איינער האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו פאַרשרייבן זיך פאַר דער זעלביקער ראָל, וואָס זיין חבר פּרוּווט צום ערשטן מאָל. נישט נאָר איר אַליין, נאָר אויך אַנדערע האָבן געקאָנט קאַנדידירן פאַר אַ ראָל ביז עס זיינען געווען דריי אָדער פיר קאַנדידאַטן. נישט מער, דער רעזשיסאָר האָט באַדאַרפט קודם פּרוּוון פאַר דער ראָל דעם, וואָס האָט נאָך נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו שפּילן.

אַזוי, למשל, זיינען פאַר דער ראָל פון מהר״ל פאַרשריבן געוואָרן צוויי חברים. פאַר דער ראָל פון תנחום פיר. פאַר טאַדעאושן צוויי, א. אַ. וו. דער רעזשיסאָר האָט געהאַט די דעה. נאָך אַ געוויסע צאָל רעפּעטיציעס קאָן ער אויספּרובירן אַ צווייטן, אויב דער ערשטער געפעלט אים נישט; און אויב דער צווייטער געפעלט אים אויך נישט, קאָן ער פּרובירן אַ דריטן. אויב דער ערשטער איז צופרידנשטעלנדיק, קאָן אַ צווייטער אויך פּרובירן די זעלביקע ראָל, אָבער די פּריווילעגיע און איינזעעניש האָט אַלעמאָל געקראָגן דער, וואָס האָט אָנגעהויבן. דער רעזשיסאָר זאָגט צו דעם קאָלעקטיוו, אַז ער וועט אַרבעטן מיטן ערשטן, אַזוי לאַנג ביז ער וועט אים דערפירן צו אַ צופרידנשטעלנדיקער מדרגה.

דאָס זיינען אַלץ געווען נישט קיין געשריבענע תקנות, נישט קיין יוניאָן־געזעצן, אָבער דאָס זיינען קאָלעקטיווע געזעצן, וואָס אַרבעטן זיך אויס צווישן זיך. דאָס פלעגט אַלעמאָל באַשרענקען די מעגלעכקייט צו פלאַדיען סטאַרלעך, קליינע און גרויסע, אין קאָלעקטיוו. דאָס האָט אָבער נישט געהייסן, אַז דער טאַלאַנטפולער, דער פייאיקער, האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו ווייזן זיך. פאַרקערט, ער האָט אַלעמאָל געהאַט אַ געלעגנהייט צו ווייזן, אַז ער איז פייאיקער פון צווייטן. ער האָט געהאַט אַזאַ געלעגנהייט, ווייל סוף־כל־סוף, אויב מען האָט באַדאַרפט זיין הילף, פלעגט מען צו אים אָנקומען. אָבער דער קאָלעקטיוו האָט פּשוט געוואָלט פאַרמיידן די מעטאָדן פון פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, וואו עס איז שוין פאַראויס באַשטימט, אַז דער אַקטיאָר שפּילט די און די ראָל, אַז דער איז דער אָפּיציעלער קאָמיקער, דער איז דער געשוואוירענער טראַגיקער; און טאָמער איז פאַראַן אַ יונגער מענטש אין טעאַטער, קאָן ער אָפּלעבן זיינע יאָרן און נישט צוקומען צו דער בינע. דערפאַר האָט דער קאָלעקטיוו געזאָגט: — „דער און דער האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן פאַר אַ טאַלאַנטפולן קאָמיקער, אָבער עס איז נאָך דאָ איינער אין קאָלעקטיוו, וואָס איז אויך

אַ טאַלאַנטפולער מענטש. די אויפגאַבע פונם קאָלעקטיוו איז געווען נישט צו אַרויסברענגען פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, נאָר אַרויסברענגען יעדן אייג־ציקן, וואָס האָט טאַלאַנט.

דער רעזשיסאָר באָריס איליטש ווערשילאָוו, וואָס ווערט איינגעלאַדן צו רעזשיסירן דעם „גולם“, איז אַן אַנגעזעענער מענטש אין מאָסקווער קונסט־טע־אַטער, אַן איבערגעגעבענער שילער פון סטאַניסלאַווסקין, און אויך אַ שילער און אַ פּאַרערער פון וואַכטאַנגאָוון. ווערשילאָוו איז אַ ייד פון קעשעניעוו, אָבער ווייט פון יידישקייט, אַסימילירט, אַזוי אַז פאַר אים איז די לעגענדע געווען גאָר אינגאַנצן ניי. ער פילט אָבער די פּיעסע, ווייל ער־געץ ליגט פאָרט דאָס פינטעלע, וואָס מאַכט אים נאָענט אַזאַ בילד. ווערשילאָוו איז אַן אויסגע־צייכנטער פּעדאַגאָג, ווייסט די טעאָריע און די פּראַקטיק פון דעם טעאַטער, לויט אַלע דינים פון סטאַניסלאַווסקין. דאָס איז פאַר אונדז זייער וויכטיק. קודם־כל, האָבן מיר דאָך די געלעגנהייט צו דורכגיין נאָכאַמאָל סטאַניס־לאַווסקיס סיסטעם, פאַרשטאַרקן זי אין דער פּראַקטיק; און צווייטנס, וועלן מיר דאָך ריידן אייך און די זעלביקע טעאַטער־שפּראַך. אַ חוץ דעם, איז ער אַ טאַלאַנטפולער מענטש, און מיט זיין הילף וועט דער קאָלעקטיוו געוויס געפינען אַ פאָרמע פאַר דער צוקונפטיקער פאָרשטעלונג פון דעם „גולם“.

איינלאַדנדיק ווערשילאָוון רעזשיסירן דעם „גולם“, האָט דער קאָלעק־טיוו געהאַט אַ גרויסע געלעגנהייט אַ סך פון אים צו לערנען. איצט האָט יעדער איינציקער געקאָנט פאָרזיכטיק אַנאַליזירן די געדאַנקען, די געניאַלע איינפאַלן פון וואַכטאַנגאָוון. דאָס וואָס איז פריער ספּאָנטאַן פאַר־זייט געוואָרן אין זיין נשמה, האָט ער איצט געקאָנט דורכטראַכטן, אויספרו־בירן און טאָקע אַרויסברענגען אויף דער בינע. אין ווערשילאָוון האָט ער געפונען אַ וואונדערבאַרן לערער און חבר, וואָס האָט אים געהאָלפן פאַנאַנ־דערקלייבן זיך אין זיינע פאַרפּלאָנטערטע געדאַנקען און געפילן.

דאָס טעאַטערל האָט זיך ווידער פאַרוואַנדלט אין אַ לאַבאָראַטאָריע פון עקספּערימענטן און עטיודן. יעדער ווינקל איז ווידער אָפּגעלעבט גע־וואָרן. דאָ האָט דער מהר״ל געקנאָטן די ליים, שאַפנדיק דעם גולם; דאָ האָבן די בעטלער געזונגען זייער טרויער־ניגון אין פינפטן טורעם; דאָ האָט מען געאַרבעט אויף די רוחות אין הייל, וואָס האָבן געטאַנצט אַ פאַנ־טאַסטישן טאַנץ אַרום דעם גולם, און דאָ האָט טאַדעאוש זיך געצלמט מיטן יונגן מאָנאַך. קודם־כל, האָט דער רעזשיסאָר געזוכט דעם טעמפּ; געפינען דעם טעמפּ, דעם ריטם פון דער סצענע, פלעגט זאָגן וואַכטאַנגאָוו, הייסט געפינען די נשמה פון דער סצענע, און אפשר פון דעם גאַנצן בילד. און אַמאָל, געפינענדיק דעם ריטם און טעמפּ פון איין קליינער סצענע, געפינט מען אויך דעם טעמפּ פון דעם גאַנצן אַקט.

נעמט, צום ביישפּיל, די סצענע ווען דער מהר״ל שטייט באַגינען אין פעלד און קנעט די ליים. מען האָט געאַרבעט וואָכן לאַנג ביז וואַנען מען האָט געפונען דעם נויטיקן ריטם. מען האָט פּרובירט טאָג־איין, טאָג־אויס און מען האָט בשום אופן נישט געקאָנט באַשטימען, ווי אַזוי קלעפּט דער מהר״ל ליים צו שאַפן פון דעם אַ מענטשן. עס האָבן זיך געצויגן די ווער־טער, דאָס קנעטן איז געווען לאַנגווייליק, אומגלויבלעך, ניט־נאַטירלעך. נישט דער אַקטיאָר האָט געגלויבט, אַז ער קנעט ליים, פון וועלכן עס וויזן זיך סמנים פון אַ לעבן אונטער זיינע הענט, און מיר, די צושויער, האָבן עס געוויס נישט געגלויבט. עס ציען זיך דיסקוסיעס אויף שטונדן לאַנג. מען זוכט ביישפּילן פון לעבן, פון לעגענדעס, מען זוכט דעם נויטיקן געפיל, ביז מען געפינט, אַז דער מהר״ל איז ניט קיין סקולפּטאָר, וואָס שטייט באַ זיך אין סטודיאָ, האָט געגוג צייט צו טראַכטן און אַרומקוקן זיין צוקונפטיקע שאַפונג — ניין, דער מהר״ל שאַפט אויף דעם מאָמענט, ער טראַכט נישט. ער קלעפּט גאַנצע שטיקער ליים, איינע אויף די אַנדערע; ער ווייסט נאָך אַליין נישט די פאָרם פון דער צוקונפטיקער באַשעפעניש; אַלץ איז רוי. ער קלעפּט זיין געדאַנק, זיין ווילן. און אויב דער מהר״ל וועט דאָס אַלץ נעמען אין אַנבאַטראַכט, און וועט איינזינען האָבן, אַז יעדע מינוט איז טייער, — דאַן וועט דער ריטם זיין גאָר אַן אַנדערער. און מערקווירדיק: ווי נאָר די שטיקער ליים האָבן אָנגעהויבן פליען פון אונטער זיינע פינגער, איז דאָס קנעטן גאָר געוואָרן אַן אַנדערער. צוזאַמען מיט דעם, איז שוין אויך גע־פונען געוואָרן דער ריטם פון געשפּרעך צווישן אים און דעם גולם, און די גאַנצע סצענע פון פּראָלאָג איז שוין געגאַנגען נאָך דעם ריטם פון דעם מהר״ל. אָבער די שווערסטע זאַך איז געווען צו געפינען אַ מענטש־לעכע שפּראַך־פאָרמע פאַר דעם גולם, און אין דער זעלביקער צייט זאָל אין אים פאַרבלייבן דאָס פּרימיטיווע — דער ליימענער גולם.

דאָ איז אונדז זייער גוט צונוץ געקומען סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם פון פאַרווירקלעכן אַ כאַראַקטער אויף דער בינע. סטאַניסלאַווסקי האָט אונדז געלערנט, און ער חזרט עס איבער אין זיין בוך „מיין לעבן און קונסט״, — אַז אויב מען וויל ריכטיק שפּילן אַ שלעכטן מענטשן, דאַרף מען זוכן די מאָמענטן אין זיין לעבן, ווען ער איז גוט; און אויב מען וויל ריכטיק אַרויסברענגען אַ גוטן מענטשן — דאַרף מען זוכן, וואו ער איז שלעכט. ווען איר שפּילט, למשל, אַ קריפּל, דאַרף מען זען באַמיען זיך צו פאַרגעסן אַז ער איז אַ קריפּל. פאַרקערט, איר דאַרפט זיין זיכער, אַז ער האָט נישט קיין מום, וואָרים עס איז דאָך אַזוי פאַרשטענדלעך, אַז דער האָרבאַטער, לאָמיר זאָגן, גייט נישט שטענדיק אַרום אין לעבן און שרייט: „זעט, איך בין אַ האָרבאַטער!״ פאַרקערט, ער האָט אַ געפיל ווי צו באַהאַלטן דעם האָרב. דאָס הייסט פשוט, אַז די סיסטעם האָט אייך גע־

לערנט, אַז כדי צו שפּילן ריכטיק אַ קריפּל — דאַרפט איר זוכן אַ מענטשן אָן אַ מום; אַ שלעכטער דאַרף זוכן די גוטסקייט, א. אַז. וו.

דאָס איז געווען סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם. אין די געוויינלעכע טעאַ־טערס פלעגט מען טאָן פּונקט פאַרקערט. דאָרט, אַז אַן אַקטיאָר האָט געשפּילט אַ שלעכטן מענטשן, איז ער געווען שוין איינמאָל שלעכט. ער פלעגט מאָלן דעם מענטשן מיט איין פאַרב — מיט שוואַרצער פאַרב. דער שטערן איז געווען שטענדיק פאַרקנייטשט, די אויגן און די ברעמען — פאַרכמורעט. ער פלעגט נישט רײדן, נאָר שרייען, און אָפט ביזן סוף פון זיין קאַריערע. צום באַדויערן דאַרף מען זאָגן, אַז נאָך ביז איצט זיינען פאַרבליבן די אַמפּלואַ־מאַסקעס אויף דער יידישער בינע.

דער צוקונפטיקער קאָלעקטיווער טעאַטער וועט נישט וויסן פון אַזוינע מאַסקעס, וואָס מאַכן טעמפּ און פאַראַליזירן דעם שאַפונגס־ווילן אין דעם אַקטיאָר. סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם האָט פאַרן קאָלעקטיוון טעאַטער גע־עפנט אַ נייעם קוואַל. ער האָט אים אָנגעוויזן נייע וועגן ווי אַזוי צו באַפרייען זיך פון דעם אָנגענומענעם מעטאָד צו פערזאָניפיצירן געוויסע כאַראַקטערן. ער האָט אָנגעוויזן אויף זיינע פעלערן; ער האָט אים אַריינגעלייגט אין דער נשמה אַ סך קאָלירן פון פאַרבן, מיט וועלכע ער דאַרף מאָלן זיינע העלדן. דער בעסטער מוסטער פון דער נייער סיסטעם איז דער אַקטיאָר טשעכאָוו. אַן אַקטיאָר אָן אַ פיגור, אָן אַ שטימע, אָבער מיט אויסערגע־וויינלעכע פּייאיקייטן. ער האָט, למשל, היינט געשפּילט האַמלעטן אַזוי, אַז מען פלעגט זיצן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, צוקוקנדיק זיך צו די געניאַלע איינפאַלן, צו דער אויסערגעוויינלעכער גראַציע, פּלאַסטישקייט און אָריגי־נאַליטעט אין אויסטייטשונג, און אויף מאָרגן האָט ער געשפּילט נישט מיט ווינציקער טאַלאַנט דעם אַלטיטשקן קאַלעב אין טשאַרלס דיקענס' „דער גריל אויפן אויוון“.

מען קאָן ברענגען הונדערטער ביישפּילן פון אויסגעוואַקסענע וואונדער־לעכע אַקטיאָרן, אויפגעהאָדעוועטע אויף דער דאָזיקער סיסטעם, אָבער, ווי איך האָב פריער באַמערקט, אַזאַ זאַך קאָן נאָר פּאַסירן אין אַ קאָלעק־טיוון טעאַטער, וואו דער יחיד ווערט אַרויסגעבראַכט דורכן קאָלעקטיוו. אַזאַ אַקטיאָר, אַז ער רוקט זיך אַרויס, איז דאָס נישט דערפאַר, ווייל ער איז דער סטאַר־דירעקטאָר, פאַרוואַלטער, רעזשיסאָר אָדער גלאַט אַזוי אַ מענטש, וואָס האָט אַריינגעלייגט געלט אין די „ביזנעס“. ניין, אין אַ קאָ־לעקטיוון טעאַטער קאָן דאָס נישט פּאַסירן. דער קאָלעקטיוו איז דער שאַפנדיקער כח, און דער הויפּט־ראָליסט איז נאָר דער, וועמען עס איז פאַרטרויט געוואָרן אַ מער פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלע. דערפאַר, צום ביי־שפּיל, האָט באַ אונדז מעסקין געשפּילט היינט די הויפּט־ראָלע פון „גולם“,

און אויף מאָרגן האָט ער געשפּילט אַ ראָל, וואָס האָט כמעט קיין ווערטער נישט — אַ בעטלער אין „דיבוק".

די ראָל פון גולם איז געגעבן געוואָרן צו מעסקינען, בעת ער איז נאָך געווען אינגאַנצן אַן אומדערפאַרענער שוישפּילער. איז דאָך פאַר־שטענדלעך געווען, אַז אָן דער הילף פון אַזאַ פּעדאַגאָג און רעזשיסאָר ווי ווערשילאָוו, און אָן דער הילף פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו, וואָלט מעסקין קיינמאָל נישט געווען דערהויבן זיך צו דעם, וואָס ער האָט דערגרייכט מיט זיין שפּילן דעם „גולם".

אָט דערפאַר זיינען מיר געזעסן מיט ווערשילאָוון גאַנצע טעג און נעכט, דיסקוטירנדיג נישט נאָר דאָס שפּילן, נאָר אויף דעם אויסזען פונם גולם. צום אַלעם ערשטן האָט מען געזוכט, וואו ליגט דער מענטש אין דעם גולם? וואו איז ער ליכטיק אין זיין טעמפּקייט? וואו איז ער גוטמוטיק אין זיין בייזקייט? און נאָך לאַנגע דעבאַטעס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דער גולם איז אַ קינד, אַן ערשט־געבוירענער גיגאַנט, וואָס האָט אַ קאָלאָסאַלן פיזישן כח, אָבער וואָס קאָן נישט גיין אויף זיינע אייגענע פיס. ער איז נאַאיוו און שמייכלט קינדיש, אַן אומשולדיקייט אין זיינע אויגן. און אַזוי אַרום טראָט באַ טראָט, איז געשאַפן געוואָרן די פיגור פון גולם, אין וועלכער דער אַקטיאָר מעסקין האָט געמאַכט זיין קאַריערע.

די זעלביקע זאַך איז געווען מיטן משוגענעם תנחומען, וואָס איז דאָן פאַרטרויט געוואָרן מיר. עס איז, דאַכט זיך, אַזוי לייכט צו שפּילן אַ משוגענעם: מען צערייסט אויף זיך די קליידער, מען טוט אָן אַ צעשוי־בערטן פאַרוק, מען פאַרגלאָצט די אויגן, מען לאַכט אַביסל אונטער, און דיין ראָל איז פּיקס און פאַרטיק. אָבער ווי־זשע מאַכט מען, אַז דער משוגע־נער תנחום זאָל נישט זיין ענלעך צו אַלע אַנדערע משוגעים, וואָס מען האָט שוין געזען אויף דער בינע משׁשת ימי בראשית? ווי מאַכט מען אים אייגנאַרטיק? איבערהויפּט נאָך, אַז לייוויק האָט אים געגעבן ווערטער צו ריידן, וואָס עס פּאַסט זיך פאַר אַ פילאָזאָף, אַ נביא.

זיצט מען און מען טראַכט, און דיר ווילט זיך אַזוי אַרויסשפּרינגען און אַנהויבן וואַרפן מיט די הענט און מיט די פיס, גלאָצן מיט די אויגן און שלינגען ווערטער. איך טראַכט: ווען מען גיט מיר אָט די געלעגנהייט, וואָלט איך שוין באַוויזן! און איך בעט דעם רעזשיסאָר ווערשילאָוון, ער זאָל מיר געבן אַ מעגלעכקייט צו ווייזן ווי אַזוי איך שטעל מיר פאָר תנחומען. ער דערלויבט מיר. איך לויף אַרויס, איך הויב אָן צו שפּרינגען פון איין אָרט צום צווייטן, פאַל אויפן דיל, הויב זיך אויף און שפּרינג אין דער לופטן, מאַך מיט די הענט, שאָקל מיטן קאָפּ, און פילן פיל איך אַבסאָלוט גאָרנישט. אינעווייניק איז פּוסט ווי אין אַ פאַס. איך פיל, אַז אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַדעקט, און מיד בין איך ווי נאָך אַ טאָג שווערער אַר־

בעט. איך פֿאַרענדיק און גיי מיט אַ טריאומף צום טיש, זוכנדיק באַ דעם רעזשיסאָר און באַ די חברים אין די אויגן דעם איינדרוק, וואָס איך האָב געמאַכט. איך בין געווען זיכער, אַז זיי דאַרפֿן זיין באַגייסטערט, ווייל איך האָב דאָך אַזוי שווער געאַרבעט און געשריען. אָבער צוקומענדיק צום טיש, האָב איך עפּעס נישט געפֿונען קיין גרויסע באַגייסטערונג. די חברים זיינען געזעסן און געקוקט איינע אויף די אַנדערע. דער רעזשיסאָר האָט לאַנג געקוקט אויף מיר און האָט אויך קיין וואָרט נישט געזאָגט, וואָס דאָס האָט געמיינט — „בעסער זאָלן מיר שווייגן״.

מאָנאַטן לאַנג האָבן מיר געאַרבעט אויף דער ראָל. מען האָט שוין געאַרבעט מיטן צווייטן קאַנדידאַט פֿאַר דער זעלביקער ראָל, וואָס האָט פּרובירט צוזאַמען מיט מיר, און איך האָב נאָך אַלץ באַ די עטיודן און פּראָבן געמאַכט מיט די הענט און געשוויצט. נאָך מער: מיר איז איינגעפֿאַלן צוצוגעבן צו מיין משוגענעם עפּעס אַזאַ ספּעציעלע באַוועגונג מיטן האַלדז, אַזוי אַז צו מיינע אַלע חסרונות, אָדער, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, מעלות, איז צוגעקומען אַ מאָדנער שאָקלען מיטן קאָפּ. דאָס חנדל האָט שוין ווערשילאָוו גאָרנישט געקאָנט פֿאַרטראָגן, און האָט מיר שוין אפֿילו אויפֿגעהערט צו געבן רעפּעטירן. דער געדאַנק, אַז מען וועט באַ מיר אינגאַנצן צונעמען די ראָל, וואָס איז מיר אַזוי שטאַרק געפֿעלן געוואָרן, האָט מיך פּשוט קראַנק געמאַכט. איך בין נעכט נישט געשלאָפֿן. גייענדיק שפּעט באַנאַכט אַהיים פֿון פּראָבע, פֿלעג איך זיך אינמיטן גאַס אָוועקשטעלן ריידן תנחומס ווערטער. אַרום מיר פֿלעגן זיך פֿאַרזאַמלען אַ פּאָר דורכגייער, פֿלעג איך זיך דערמאָנען וואו איך בין און גיין ווייטער. זיצנדיק אין אַ ווינקל, ערגעץ פֿאַרשפּאַרט אין טעאַטערל, פֿלעג איך נישט איינמאָל שטילערהייט וויינען, ביז ווערשילאָוו פֿלעגט קומען און אָנהויבן רעפּעטירן.

אָבער וויפֿיל מיר האָבן נישט רעפּעטירט, וויפֿיל ער האָט מיט מיר נישט געטענהט, האָב איך נישט געקאָנט כאַפּן דעם טאָן און נישט פֿאַרשטאַנען ווער תנחום איז. וויפֿיל ער האָט מיך נישט געבעטן לאָזן צורו די אַלע אויסערלעכע משוגענע העוויות, האָב איך בשום אופֿן נישט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פֿון זיי, ביז ווערשילאָוו נעמט מיך פֿאַר אַ שפּאַציר און האָט מיט מיר אַן אינטימען געשפּרעך. איך בעט זיך באַ אים, ער זאָל מיר געבן נאָך אַ געלעגנהייט, נאָך איינמאָל, אפֿשר וועל איך פֿאָרט קאָנען עפּעס געפֿינען.

מיינע געבעטן ווירקן אויף אים. ער גיט מיר נאָך אַ געלעגנהייט. איך גיי אַהיים און טראַכט: „פֿאַרוואָס איז דאָס נישט גוט? אָט געדענק איך נאָך ווי איצט דעם משוגענעם פֿון אונדזער שטעטל. ער איז דאָך געווען אמת משוגע, און ער האָט אויך געוואָרפֿן מיט די הענט און געשאָקלט

מיטן קאָפּ ווען ער האָט גערעדט. איך מאַך דאָס נאָך בעסער פון אים, טאָ פאַרוואָס טויג עס נישט? און אפשר זאָל איך נישט מאַכן אַזוי שטאַרק, אפשר וועט עס דאַן יאָ ווירקן?"

קומענדיק אַהיים, האָב איך זיך פאַרשפאַרט אין חדר און האָב אָנגעהויבן רעפעטירן אַן די וואַרפּענישן. מיר האָט זיך גערדאַכט, אַז אַן דעם וועט עס טויגן אויף כפּרות, אָבער לאָמיך פּרובירן ווייזן ווערשילאָוון, וואָס איך קאָן. אויף מאָרגן שפּיל איך מייז סצענע און מאַך נישט די העויות. ווערשילאָוון געפעלט דאָס בעסער, אָבער ער בעט אינגאַנצן אָפּזאָגן זיך פון די אַלע אַרומלויפענישן און געשרייען, נאָר ריידן פּשוטע רייד, מענטשלעך. „געדענקט, זאָגט ער, דער רעזולטאַט דאַרף זיין, אַז איר זענט אַ משוגענער, אָבער ביים ריידן און באַוועגן זיך זענט איר ק ל אָ ר, ק ל אָ ר, ק ל אָ ר. געדענקט עס". איך פּרוביר די סצענע צענדליקער מאָל; עס ווערט שפּעט; אַלע פאַרזאַמלען זיך. עס איז אפילו איינגעלאַדן געוואָרן דער דעקאָראַטאָר ניוווינסקי. איך קום אַרויף אויף דער בינע אַזוי ווי אויף קידוש־השם. איך הויב אָן צו ריידן צום מהר"ל, פּשוטע רייד, מענטשלעך, און איך פיל אַן אינערלעכע וואַרימקייט. מיך באַפאַלט אַ געפיל פון אַ פאַרווייטיקטן מענטשן. דער דיאַלאָג ווערט אַלץ וואַרימער און וואַרימער. צום סוף ווערט ער אַזוי עכט, אַז ווען תנחום הויבט זיך אויף און מיט סאַרקאַזם פרעגט ער דעם מהר"ל: „ווער וועט ראַטעווען?" רייסט זיך באַ מיר אַרויס עפּעס אַ ניגון און איך לויף אַרויס מיט דעם ניגון פון דער בינע. די אַפּלאָדיסמענטן פון די חברים, דעם וואַרימען אַרומנעמען מיך פון דעם מאָלער ניוווינסקי, און דעם בליק פון ווערשילאָוון פיל איך נאָך, דאַכט זיך, איצט. עס איז געוואָרן אַ טומל פון די חברים. אייניקע זיינען צוגעלאָפן און געדריקט מיינע הענט; אייניקע האָבן געטאַנצט פון באַגייסטערונג.

איך בין געשטאַנען אַ צעטומלטער און נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. נאָר איין זאַך איז געווען פאַרשטענדלעך, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכס האָט ערשט פּאַסירט. דער גורל מיינער צו שפּילן תנחומען איז איצט באַשטימט געוואָרן.

שפּעטער, אַנאַליזירנדיק מיט ווערשילאָוון פאַרוואָס איך האָב אַזאַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט צוקומען צום מקור, האָט זיך אַרויסגעוויזן גאָר אַ פּשוטע זאַך: איך האָב פונם ערשטן מאָמענט נאָכגעמאַכט דעם משוגענעם פון מיין שטעטל, און זיך בשום אופן נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם אויסערלעכן געשטאַלט, וואָס מיין זכרון האָט געדענקט. אָבער אַזוי ווי דעם געפיל פון יענעם מענטשן, האָב איך נישט געקאָנט וויסן, האָב איך געכאַפּט דעם אויסערלעכן אויסזען, און באַ דעם בין איך געבליבן. דערפאַר האָט עס נישט געטויגט.

די דערמאָנטע עפּיזאָדן װעלן מאַכן מער בולט, פאַרװאָס מיר האָבן זיך אַזױ שטאַרק געגױטיקט אין אַזאַ לערער װי װערשילאָװ, װעלכער זאָל נאָכאַמאָל דורכגײן מיט אונדז די סיסטעם פון סטאַניסלאַװסקין.

װען די אַרבעט מיט די אַקטיאָרן איז פאַרענדיקט געװאָרן, איז מען געקומען צו דער צװײטער סטאַדיע: אײנלאַדן אַ קאָמפּאָזיטאָר און אַ דעקאָראַטאָר. די אַרבעט פון דעם רעזשיסאָר איז איצט אָנגעװענדט מער אױף דער גאַנצער פאָרשטעלונג, װי אױף די אײנצלנע אַקטיאָרן. די אינ־טערעסאַנטע אַרבעט הױבט זיך ערשט אָן.



"GOLEM"
A Beggar — A. Baratz

„דער גולם"
אַ בעטלער — א. באַראַץ



"GOLEM" — FIRST ACT
TANCHUM IN MAHARAL'S HOUSE
Tanchum — *Ben-Ari*
Maharal — *A. Prudkin*
Servant — *Sh. Brook*

„דער גולם" — ערשטער אַקט
תנחום — בן־אַרי
מהרל — א. פּרודקין
שמש — ש. ברוק

דער „גולם“ — אַ גרויסער דערפאָלג

די פּראָבן פאַרן „גולם“ ווערן אַריבערגעטראָגן אויף דער בינע. עס ווערט איינגעלאַדן דער באַוואוסטער מאַלער ניווינסקי, (דער זעלביקער ניווינסקי, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ גרויסן רושם מיט זיין קאָנסטרוקציע פאַר דער פאַרשטעלונג פון וואַכטאַנגאָווס אויפפירונג „פּרינצעסאַ טוראַנדאָט“); עס ווערט אויך איינגעלאַדן דער קאָמפּאָזיטאָר מילנער, פון לענינגראַד, צו שאַפן מוזיק. אָבער די בינעלע פון „ניזשני־קיסלאָווקאַ“ איז צו קליין. זוכט מען ווידער אַ טעאַטער.

מען געפינט ערגעץ אַ טעאַטער אויף „אַרמיאַנסקי פּערעאולאָק“, אָבער עס איז פאַרלאָזן און נישט צוגעפּאַסט, אַזוי אַז מען מוז מאַכן אַ גרינטלעכן רעמאָנט כדי עס זאָל זיין מעגלעך אַריינצוקלייבן זיך אַהין און אָנהויבן די אַרבעט; און צו דעם דאַרף מען האָבן געלט. גיט מען זיך אַן עצה אויך דאָ. מען פאַרדינגט דעם איבעריקן טייל פון דער געביידע צו אַן אָרגאַניזאַציע און מען צאָלט נאָך אונדז צו אַ היפּשע סומע. ווערט שוין ווידער לעבעדיק.

קויפט מען געהילץ, מען דינגט אַרבעטער און מען בויט איבער דאָס טעאַטערל אויף אַרמיאַנסקי אַזוי, אַז מען קאָן עס קוים דערקענען: מיט אַ גרויסער בינע, מיט אַ זאַל פון 600 פּלעצער, מיט אַ הויף, מיט אַ גרויסן זאַל צו רעפּעטירן. רייסט מען שוין ווידער אַראָפּ די צווי בלעטלעך מיטן אויפשריפט „הבימה“, מען פּאַקעוועט איין די זאַכן מיט די צווי סאַמאָוואַרן, וואָס מיר פאַרמאָגן. דאָס גאַנצע פאַרמעגן ווערט אַרויפגעלייגט אויף איין וואָגן און מיר קלייבן זיך אַריבער.

עס איז שווער צו באַשרייבן דעם לעצטן אָוונט אונדזערן אין אונדזער טעאַטערל אויף „ניזשני־קיסלאָווקאַ“. יעדער האָט אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די זאַלן, איבער דער בינע, מען האָט געגלעט די פּלעצער אינם טעאַטערל, ווי מען זאָל זיך געזעגענען אויף שטענדיק מיט יעדן ווינקעלע, וואָס איז געווען אַזוי טייער. די בינע איז געווען אָנגעוואָרפן מיט רעקוויזיט, די ווענט פון דער בינע זיינען שוין געשטאַנען הוילע. אויף די ווענט זיינען געווען אויסגעמאָלן אַלערליי פאַנטאַסטישע צייכענונגען פון אונדזערע פּיעסן, ווי מאַסקעס, נעזער, הענט, און אינמיטן איז, ווי אַ סימבאָל, געווען אויס־

געמאָלן דער וואַנדערער, שפּאַנענדיק איבער הייזער, טאָלן און דעכער. דאָס טעאַטערל איז קוים געווען באַלויכטן; אין דער טונקלקייט זיינען געזעסן די „הבימה״־שוישפּילער און געשוויגן. פון אייניקע ווינקלען האָט זיך געהערט אַ כליפּן און אַ זיפץ. דאָס האָבן זיך די „הבימה״־שפּילער געזעגנט מיט דער קליינער געביידע, אין וועלכער עס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַזויפיל ליבע. די געביידע, וואָס האָט געזען אַזויפיל פרייד און זאָרג פון די אָנפאַנגער.

ווען די געביידע אויפן „אַרמענישן פּערעאולאָק״ איז פאַרטיק געוואָרן, איז די אַרבעט פון ווערשילאָוון אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף דער בינע, און די אַרבעט פון דעם רעזשיסאָר האָט זיך ערשט איצט אָנגעהויבן. אייניקע סצענעס, וואָס האָבן זיך פריער אויסגעדאַכט זייער אינטערעסאַנט און פאַרכאַפּנדיק, האָבן אויף דער בינע קיין שום רושם נישט געמאַכט, און האָבן געמוזט אַרויסגעוואָרפן ווערן; און פאַרקערט — סצענעס, אָדער מיזאַנסצענעס, וואָס האָבן פריער אויסגעקוקט בלאַס, פלעגן מאַנכעסמאָל אָפּלעבן אויף דער בינע. אַזוי, למשל, האָט די סצענע פון מהר״ל אינם פּראָלאָג, קנעטנדיק די ליים, אויסגעקוקט נישט אינטערעסאַנט אין צימער, אָבער זייער אינטערעסאַנט שפּעטער, ווען די זעלביקע סצענע איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף דער קאָנסטרוקציע מיט דעם וועג, וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער בינע און אויבן, אויף דער פּלאַטפאָרמע, וואו דער מהר״ל איז געשטאַנען אַ האַלב־באַלויכטענער, איינגעוויקלט אין מיסטעריעזע שאָטנס.

די שווערסטע זאַך פאַרן רעזשיסאָר איז געווען צו געפינען אַ פאָרם פאַר די צוויי בעטלער, דעם יונגן און דעם אַלטן, (וואָס האָבן סימבאָליזירט משיחן און אליהו הנביא). דאָס זיינען געווען פיגורן, וואָס קומען אָן צום סוף פאָרשטעלונג אין שמאַטעס; אָבער ווי אַזוי מאַכט מען, אַז די לעגענדאַרע פיגורן, וואָס זיינען פאַרבונדן מער מיט דער פאַנטאַזיע פונם פאָלק ווי מיט דער ווירקלעכקייט, זאָלן פאַרבלייבן פאַנטאַסטישע פיגורן?... דאַרף מען זיי אָפּטיילן פון דער ערד... ווי־זשע מאַכט מען דאָס אויף דער בינע, און נאָך מיט די זייער באַגרעניצטע מיטלען, וואָס אונדזער בינע פאַרמאָגט?

מען פּרובירט אַלערליי מיטלען, ביז מען געפינט אויס, אַז אויב אויבן, אויף דער סטעליע, זאָל אויפגעהאַנגען ווערן אַזאַ וועגעלע, וואָס זאָל דורכגעפירט ווערן דורך דער לענג פון דער בינע, בשעת זיי קומען אָן, און דערביי זאָל שפּילן מוזיק, וועט עס מאַכן דעם איינדרוק, אַז דאָס קומט פאַר ערגעץ אין דער לופטן, אָדער אין הימל. אָבער אויפבויענדיק שוין דאָס „וויגעלע״, (ווי מיר האָבן עס גערופן), האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שטריק קאָנען אַמאָל נישט אויסהאַלטן און עס קאָן נאָך פּאַסירן אַן

אומגליק. האָט מען זיך באַדאַרפט אָפּזאָגן פון דעם עפעקט, און זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס דאָס „וויגעלע" איז געהאַנגען אין אַ ווינקל און אַ רעפלעקטאָר האָט באַלויכטן נאָר די צוויי אַקטיאָרן, וואָס זיינען געזעסן דאָרטן און האָבן זיך געהוידעט. אָבער אפילו דער מיטל איז אויך געווען ריזיקאַליש פאַר די אַקטיאָרן (אפרתי און ראווינה), וואָס האָבן זיך באַדאַרפט אַרויפדראַפּען אויף דעם „וויגעלע", פלעגן זיי מיט אַ שפּאַס גיין פון צימער צו צימער און זיך געזעגענען: „זייט געזונט, ברידער און שוועסטער, מיר גייען אויף קידוש־השם". עס איז געווען בלויז אַ שפּאַס, אָבער עס איז אויך געווען אַ סך אמת אין די ווערטער. מיט איין וואָרט, דאָס „וויגעלע" האָט אונדז געגעבן גענוג צרות. אָבער דער סוף איז געווען, אַז דאָס „וויגעלע" האָט מען באַדאַרפט גאָר אינגאַנצן אַראָפּנעמען. אַ שאָד, ווייל עס האָט געמאַכט זייער אַ שיינעם איינדרוק.

גאָר אינטערעסאַנט איז געווען פאַרטראַכט פון דעם רעזשיסאָר די סצענע מיט די רוחות אין הייל. דאָ איז שוין געקומען צו הילף דער דעקאָראַטאָר און דער קאָמפּאָזיטאָר. פאַר דעם רעזשיסאָר איז געשטאַנען זייער אַן ערנסטע פּראָבלעם: זאָלן די שדים און די רוחות געמאַכט ווערן אין דעם שאַבלאָנעם, אויסגעטראָטענעם וועג, ווי שדים ווערן בכלל געוויזן אויף דער בינע; אָנטאָן די אַקטיאָרן אין רויטע טריקאָ מיט הערנער און צוטשעפּען אַן עק; אַרויסלאָזן זיי אויף דער בינע מיט אַ פייפעריי און אַ געלעכטערל, — אָדער ווייזן די רוחות אַזוי, אַז עס זאָל זיין עפּעס אָריגינעלעס.

דאָ דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ווערשילאָוו האָט טאַקע שווער געאַרבעט, אָבער ער האָט די סצענע פאַרטראַכט און דורכגעפירט אויף זייער אַן אָריגינעלן אופן. קודם־כל די רוחות אַליין. זיי האָבן באַדאַרפט זיין מאַסקעס נישט פון קיין שדים, נאָר גילגולים פון פאַרשיידענע חיות און מענטשן. אַזוי זיינען דאָרט געווען מאַסקעס פון פויגלען, אַלערליי חיות; עס איז געווען אַ פּראַכטפולע מאַסקע פון אַ מענטש־סקעלעט, אָנגעטאָן אין תפילין; עס איז אויך געווען אַ געשטאַלט פון אַ פרוי, וואָס האָט געטאַנצט צוזאַמען מיט אַלע מאַסקעס, און טאַנצנדיק, פלעגט איר אַראָפּפאַלן דער פאַרוק און זי פלעגט בלייבן מיט אַ נאַקעטן קאָפּ. דאָס פלעגט מאַכן אַן אויסערגעוויינלעכן עפעקט.

די מאַסקעס, וואָס זיינען זייער געלונגען געמאָלט געוואָרן פון ניווינסקין, און אויך די קאָסטיומען און די מוזיק פון מילנערן, האָבן צוזאַמען דערפירט די סצענע פון רעזשיסאָר צו אַ סימפאָניע פון קלאַנג און באַוועגונג. עס זיינען נאָך געפונען געוואָרן פון רעזשיסאָר מאָמענטן, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דעם צושויער. סצענע נאָך סצענע ווערט פּרובירט, פיקסירט אויף דער

בינע, עס ווערן באַשטימט די אָנפאַנגען און די סופן פון די אַקטן, עס ווערט צוגעפּאַסט די מוזיק און די קאָנסטרוקציע ווערט געפּאַרבעט.

דער טעאַטער אין אַזוינע טעג אַרבעט ווי אַ פאַבריק, טאָג און נאַכט. די אַקטיאָרן אַרבעטן ביז איינדערפרי, זיינען נערוועז און אומגעדולדיק. מען לויפט צום דעקאָראַטאָר און צום קאָסטיומער, און ספּעציעל האָט מען טענות צום מאַלער און מען באַקלאָגט זיך אויף די קאָסטיומען. איינעם דאַכט זיך, אַז זיין קאָסטיום פעלט עפּעס, נאָר ער ווייסט אַליין נישט וואָס. איינע שרייט, אַז איר קלייד איז נישט אָפּגעאַרבעט אינם ריכטיקן קאָליר. אָבער מער פון אַלעמען איז אויפגערעגט מילנער. ער גייט אַרום אַ בלייכער, אַ נערוועזער. ער וויל נישט ריידן און אַז מען פרעגט אים וואָס איז געשען, טוט ער אַ מאַך מיט די הענט און שרייט, מען זאָל אים לאָזן צורו. ער קאָן זיך בשום אופן נישט באַרואיקן פון דעם, וואָס מען פאַרקירצט טיילן פון זיין מוזיק, און אייניקע זאַכן האָט מען גאָר אינגאַנצן אַרויסגענומען. אָבער דאָס איז נישט געווען דערפאַר, ווייל זיין מוזיק האָט נישט געטויגט, פאַרקערט, זיין מוזיק פאַרן „גולם" איז געווען אָריגינעל, פאָלקסטימלעך, פאַרכאַפּנדיק, און זייער גוט צוגעפּאַסט צו יעדן מאָמענט. אָבער עס זיינען געווען סצענעס, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו מאַנאָטאָן, אָדער אַזוינע בילדער,' וואָס האָבן פאַרהאַלטן דעם טעמפּ און גאַנג פון דער פּיעסע. האָט זיי דער רעזשיסאָר, בשעת פּראָבע, אַרויסגעוואָרפן. איז שוין במילא צוזאַמען מיט דער סצענע אויך פאַרקירצט געוואָרן די מוזיק. האָט דאָס מילנערן יעדעס מאָל שטאַרק פאַרדראָסן. „גאָלובטשיקי", (פלעגט ער טענהן אין רוסיש), „אויב איר טוט מיט מיין מוזיק וואָס איר ווילט, טאָ צו וואָס דאַרפט איר מיך האָבן? איך פאָר אַוועק נאָך היינט צוריק אין לענינגראַד!" און ער פלעגט טאַקע נישט קומען אויף פּראָבן אַ פּאָר טעג.

אָבער אין עטלעכע טעג אַרום פלעגט ער ווידער זיצן ערגעץ אין אַ ווינקל און זיך צוהערן צו דעם געזאַנג; און ווי באַלד נאָר ער פלעגט דערהערן אַ פאַלשן טאָן, פלעגט ער זיך אויפכאַפּן און אָנהויבן מאַכן מיט די הענט: „גאָלובטשיקי! דאָס איז דאָך נישט וואָס איך האָב געשריבן. וואָס איז דאָס פאַר אַ מוזיק? פון וואַנען האָט איר דאָס גענומען?" פלעגן מיר שוין וויסן, אַז מיר דאַרפן שוייגן און פאָלגן וואָס נאָר ער וועט הייסן, וואָרים טאָמער הויבן מיר אָן אַרגומענטירן און באַווייזן, אַז מיר זיינען גערעכט, פאַרלירן מיר אים ווידער אויף עטלעכע טעג. דאָס וואָלט געווען אַ שאָד. מיר פלעגן זיך פילן אַ סך זיכערער, ווען דער בלייכער מילנער פלעגט זיצן מיט אונדז. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צוקוקן ווי אַ קינסטלער מיט אַזויפיל טאַלאַנט היט אָפּ אַ נאָטע, אַ ניואַנס, וואָס אָן דעם, האָט זיך געדאַכט, האָט די גאַנצע מוזיק זיינע קיין שום ווערט נישט. דער ליבער, טייערער מילנער! ווי דאַנקבאַר די שפּילער דאַרפן אים זיין פאַר דעם,

וואָס ער האָט אונדז געלערנט די קונסט פון ערנסטקייט און אויפריכטיקייט. ער האָט אונדז געוויזן ווי אַזוי אַן אמתער קינסטלער פון גאָר אַ גרויסן פאַרנעם באַציט זיך צו זיין שאַפן.

די פּראָבן אויף דער בינע ווערן פאַרענדיקט. איצט פאַרבלייבט נאָר איינצושטעלן די נויטיקע ליכט־עפעקטן. מען גרייט צו די מכשירים פאַר דעם רעגן, בליץ, ווינט און אַנדערע זאַכן. עס ווערט איינגעאָרדנט אַ גענעראַל־פּראָבע. יעדער איינציקער איז אויף זיין פּאָסטן. די גענעראַל־פּראָבע איז אייגנטלעך דער ערשטער עפנטלעכער אַרויסטריט פון דער נייער פּיעסע. ניט, געוויינלעך, פאַר פּריוואַטע מענטשן, נאָר יחידי־סגולה, און היינטיקס מאָל דאַרפן מיר איינלאַדן אַ קאָמיסיע, וואָס קוקט דורך דעם רעפּערטואַר. דאָס איז אַ רעגירונגס־צענזור, וואָס קוקט דורך די פּיעסן איידער זיי ווערן עפנטלעך געשפּילט...

דער טעאַטער אויף אַרמיאַנסקי איז געפּאַקט מיט אייגענע מענטשן, ווי אויך פאָרשטייער פון דער רעגירונג. די שוישפּילער זיינען נערוועז. ווערשילאָוו, דער רעזשיסאָר, מאַכט די לעצטע צוגרייטונגען הינטער די קוליסן און אָט שטייען מיר ווידער מיט אַ נייער פּיעסע. אַ נייע פּיעסע, אַ סך נייע שוישפּילער, וואָס זיינען צום ערשטן מאָל אויף דער בינע, אַ נייע פאָרמע, טאָ ווי וועט מען דאָס אַלץ אויפנעמען?... וועלן מיר זיגן?... מיר מוזן זיגן! מיר מוזן האָבן דערפאָלג!...

און אונדזערע האָפענונגען האָבן זיך פאַרווירקלעכט. דער עולם, וואָס איז געווען אין טעאַטער, איז געזעסן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. אין אייניקע פּלעצער האָט מען אַפּלאָדירט, אין אייניקע האָט מען געלאַכט, אַלץ איז דורכגעגאַנגען גלאַט. נאָך דער פאָרשטעלונג האָט מען שטאַרק אַפּלאָדירט, אָבער ווי גרויס איז געווען אונדזער איבערראַשונג, ווען די קאָמיסיע האָט אונדז פאַרווערט שפּילן דעם „גולם". עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער קאָמיסיע איז זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן דאָס שפּילן און די אויפפירונג, אָבער נישט די טעמע פון אַ גולם, מיט אַ רבין, מיט אַ יעזוס, מיט משיחן... אָבער דאָס וואָלט נאָך אַלץ געווען צו דערליידן, ווען נישט דער אַקט פון די שדים און רוחות. דאָס, זאָגן זיי, איז גאָר אַ פינצטערע זאַך, וואָס מיט דעם איז גוט צו שרעקן קינדער, אָבער האָדעווען איצט דעם עולם מיט שדים־טענץ, מיט שדים־קאַראַהאָדן, דאָס איז גאָר נישט נויטיק.

האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען מיט דער קאָמיסיע. מיר האָבן געוואָלט זיי געבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס זיינען דאָך אייגנטלעך נישט קיין שדים, דאָס זיינען גלגולים, מאַסקעס, — אָבער קיין טענות האָבן נישט געהאָלפן. דעם גאַנצן אַקט מיט די רוחות האָבן מיר געדאַרפט אַראָפּנעמען. עס איז געגאַנגען לאיבוד אַזויפיל מי און ענערגיע, און אויך אַ סך געלט פאַר די קאָסטיומען און די איבעריקע דעקאָראַציעס. אָבער

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דאָס גראָד געווען אַ גרויסע טובה פאַר דער גאַנצער פאָרשטעלונג, ווייל דער אַקט פון די רוחות, כאָטש אַן און פאַר זיך אַ אינטערעסאַנטער, איז ער אָבער פאַרט געווען בלויז אַ סאָלאָ־אַקט, אַ קאָנצערט־נומער, און קיין גרויסע פאַרבינדונג מיטן אינהאַלט האָט ער נישט געהאַט. אדרבא, ווען דער אַקט איז אַראָפּגענומען געוואָרן, האָט זיך די גאַנצע האַנדלונג פאַרשנעלערט און די פאָרשטעלונג האָט פון דעם געוואונען זייער אַ סך.

ווען די פאָרשטעלונג איז געוויזן געוואָרן דער זעלביקער קאָמיסיע צום צווייטן מאָל, האָט זי איינגעווייליגט דורכצולאָזן די פּיעסע און אייניקע פון דער קאָמיסיע, קריטיקער פון מאָסקווער זשורנאַלן, האָבן אפילו געשריבן זייער גוטע קריטיקן.

דער גולם האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג באַם אַלגעמיינעם עולם. דער טעאַטער האָט ווידער אָפּגעלעבט. דער דערפאָלג האָט ווידער צונויפגעבונדן אונדז אַלעמען. עס האָט אונדז נאָכאַמאָל איבערצייגט אין אונדזער דערפאָלג אַלס אַ קאָלעקטיווער טעאַטער.

נאָר עס מוז דאָ באַמערקט ווערן, אַז אויב דער „גולם" האָט יאָ געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, איז דאָס געווען צו פאַרדאַנקען נישט בלויז דעם גרויסן אויפטו פון ווערשילאָוון אַלס רעזשיסאָר, ווייל אַלס אַן אויפפירונג האָט עס קיין גרויסע זאַכן נישט געהאַט. צום „דיבוק" האָט עס אודאי נישט געקענט פאַרגליכן ווערן. עס איז געווען אַ פיינע אויפפירונג, מיט וועלכער ווערשילאָוו האָט געקאָנט שטאָלצירן, ער האָט אַריינגעלייגט אַ סך ענערגיע און ליבע אין דעם און דאָס האָט מען געקאָנט זען, אָבער דאָס וואָס ווערשילאָוו האָט דערגרייכט אין „גולם" איז געווען: אַרויסצופירן אַקטיאָרן, בפרט אַזעלכע, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל געשפּילט פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן.

אַ דאַנק ווערשילאָווס פּעדאַגאָגישן טאַלאַנט, זיינען אין „גולם" אויסגעוואָקסן אַקטיאָרן, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך די פאָרשטעלונג מיט זייער שפּילן. זיי זיינען אויסגעוואָקסן צו דער שטופע פון גרויסע קינסטלער. מעסקין אין דער ראָל פונם „גולם", טשעמערינסקי און פּרודקין — ביידע אַלס דער מהר"ל. ראַווינאַ, ווידער, האָט געשיינט אַלס משיח, טשעטשיק, אפרתי, — אַלס אליהו הנביא, בערטאָנאָוו אַלס טאַדעאוש. אַ סך לויבגעזאַנגען, סיי פון די חברים און סיי פון דער פּרעסע, איז אויך אָנגעקומען אויף מיין חלק אין דער ראָל פון תנחום דעם משוגענעם.

אונדזער מאָראַלישער דערפאָלג איז פאַר אונדז געווען זייער וויכטיק, ספּעציעל ווען דעם קאָלעקטיוו האָבן פאַרלאָזן ורדי מיט זיין פרוי יואלית, און ורדי האָט פאַרנומען זייער אַ חשובן פּלאַץ אין דער גרופּע. עס האָט געהייסן, אַז ער פאָרט אין אייראָפּע נאָר אויפן זומער, אָדער פאַר אַ שטיקל צייט,

און נאָכדעם קומט ער צוריק, אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָט ער געוואָלט פאַרזוכן דעם טעם פון דער גרויסער וועלט, מיט זיינע קאָנצערטן. אַ פּיי־איקער מענטש איז ער, און אָנקומענדיק אין אַמעריקע, האָט ער שוין צוריק פאַרגעסן קומען.

אין דעם זעלביקן סעזאָן איז אויך אַוועקגעפאָרן איינער, וואָס האָט פאַרנומען גאַר אַ געהויבענעם פּלאַץ, אַלס מענטש און חבר און אויך אַלס אַקטיאָר, און דאָס איז מ. גנסין. אינמיטן פון דער אַרבעט אויפן „גולם“ איז אויך אַוועקגעפאָרן פון אונדז הלוי. דאָס זיינען אַלץ געווען חברים, וואָס האָבן פאַרנומען פירנדיקע ראָלן, חברים פון דער „מועצה“, ספּעציעל הלוי, וועלכער האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן רעזשיסאָרישע פּיי־איקייטן און וועמען עס איז שוין פאַרטרויט געוואָרן צו זיין אַ מיטהעלפער אין דער אויפפירונג פון דעם „גולם“. הלוי האָט אַרויסגעצייגט אַ באַזונדערן טאַלאַנט צו רעזשיסירן און אויך אַלס פּעדאַגאָג. ער האָט אויסגעצייכנט געקאָנט אַרבעטן מיט אַ חבר אויף אַ ראָל. איך פּערזענלעך האָב אים אַ סך צו פאַרדאַנקען פאַר זיין מיטהילף און זיינע עצות, ווען ער האָט געאַרבעט מיט מיר איבער דער ראָל פון תנחום. געוויסע פּערזענלעכע סיבות, און אויך טעאַטראַלע אַמביציע, האָבן אים געטריבן צו פאַרלאָזן דעם קאָלעקטיוו און אַוועקפאָרן אין ארץ־ישראל, וואו ער האָט טאַקע דערגרייכט דעם פאַרדינטן פּלאַץ אַלס רעזשיסאָר און אָנפירער פון דער גרופּע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אוהל“.

אַ חוץ אָט די חברים, האָבן אויך פאַרלאָזן די גרופּע אַזוינע טאַלאַנט־פולע מענטשן, ווי שושנה אביבית, צבי און מרים עליאַס, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער ראָל פון „חנן“.

די אַלע חברים און חברות זיינען געשטאַנען באַם רודער, פון אָנהויבאָן, געליטן צוזאַמען, געהונגערט צוזאַמען, און זייער אַוועקגיין, ספּעציעל איצט, ווען זיי הויבן אָן אַרויסווייזן פייאיקייטן, אין וועלכע דער קאָלעקטיוו נויטיקט זיך, — דאָס האָט געמאַכט אַ פּיינלעכן איינדרוק. עס האָט אויסגעקוקט, אַז די שיף זינקט און יעדער לויפט זיך ראַטעווען.

מען האָט זיך אָנגעהויבן פאַרלירן. יעדער האָט געקוקט אויפן צווייטן ווי אויף אַ קאַנדידאַט צו פאַרלאָזן דעם קאָלעקטיוו. עס איז פאַרלאָרן געגאַנגען דער גלויבן אין צווייטן. עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן אסיפות, נעכט און נעכט מיט ריידן, איינריידן און איינטענהן... יעדער האָט געוואָלט איבערצייגן דעם צווייטן, אַז ערשט איצט דאַרפן מיר, די איבערגעבליבענע, זיך שטאַרקער פאַרבינדן. מיט טרערן אין די אויגן האָט מען איבערצייגט, אַז דער קאָלעקטיוו מוז און דאַרף לעבן, אַז דער אידעאַל, צוליב וועלכן מיר האָבן ביז איצט געליטן און וועלן ווייטער ליידן, טאָר נישט אונטערגיין. אויפריכטיקע ווערטער, אויגן, וואָס האָבן עדות געזאָגט,

אַז יעדער איינציקער רעדט מיט האַרץ, מיט דער נשמה. און ווען עס פלעגט שוין טאָגן, פלעגט מען נאָך אַלץ זיצן און זוכן אַ וועג צו ווידער־אויפלעבונג.

און געדעכט זיינען געווען די, וואָס האָבן געזאָגט: אַט, לאָמיר זיך נאָר צעגיין, וועט דער קאָלעקטיוו, וואָס איז אויסגעוואַקסן מיט אַזויפיל מסירת־נפש, אונטערגיין, עס וועט פון אים קיין זכר נישט בלייבן. און וועמענס שולד וועט דאָס זיין? אונדזערע... ווייל מיר האָבן נישט פאַרמאָגט דעם נויטיקן מוט, די אָפּערדיקייט פאַר דעם אידעאַל, וואָס דאַרף זיין הייליקער און טייערער פון אַלע פּריוואַטע קריוודעס; און זאָל דער בנין צעשטערט ווערן, וועט אונדזער נשמה בלייבן אָן אַ תיקון, אָן אַ קינסטלערישן תיקון. מיר מוזן זיך אויפהויבן העכער פון אונדזערע קליינע טענות, מיר מוזן ראַטעווען דעם בנין און זיך אַליין.

אינדערפרי, ווען מיר צעגייען זיך, ווערט גרינגער אויפן האַרצן. דו פילסט, אַז דיין גורל איז געבונדן מיט טויזנטער פעדים צו יעדן איינציקן פון דעם קאָלעקטיוו. אַט פאַרוואָס עס הערשט אַזאַ גרויסער יום־טוב באַ די איבערגעבליבענע. מיר פילן, אַז דער קאָלעקטיוו האָט זיך געשטאַרקט, האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם צווייפל און יאוש און ווידער געוואָרן אַ טעאַטער־קאָלעקטיוו, מיט אַ סך ענערגיע, גלויבן, דיסציפּלין, און איבער־הויפּט איצט, ווען אַזויפיל קרעפטיקע שוישפילער האָבן זיך באַוויזן, האָבן מיר דאָך אַ וועלט פאַר זיך, אַ גאַנצע וועלט!...

אָט די ענערגיע איז פון דעם קאָלעקטיוו אויסגענוצט געוואָרן ווי גע־העריק. מיר האָבן געזאָגט, ווי באַלד עס זיינען נאָך דאָ אַ סך שוישפילער, וואָס האָבן נישט געקראָגן קיין אַרבעט אין „גולם", לאָמיר נעמען נאָך אַ פּיעסע, אויף וועלכער מען זאָל אַרבעטן אין דער זעלביקער צייט. מען דאַרף נישט זיצן און וואַרטן ביז מען וועט פאַרענדיקן איין פּיעסע און ערשט דאַן זוכן אַ פּיעסע פאַר אַ צווייטער גרופּע. פאַרקערט, לאָמיר נעמען צוויי אָדער דריי מיטאַמאָל. אויב מען וועט אַרבעטן מיט ענערגיע, וועט מען שוין נישט דאַרפן וואַרטן לאַנגע מאָנאַטן אויף אַן אויפפירונג. איצט, ווען די חברים האָבן שוין די געהעריקע טעכניק פון טעאַטער, קאָן מען שוין צוגיין שנעלער צו אַ פּיעסע. די חברים, וואָס האָבן די פעיִקייט צו אַרבעטן אויף אַ ראָל מיט אַ צווייטן חבר, זאָלן איצט באַקומען די געלעגנהייט.

מען נעמט זוכן אַ פּיעסע פאַר דער צווייטער גרופּע. צמח און אַנדערע חברים האַלטן, אַז די „הבימה" דאַרף שפּילן פּיעסן פון ביבלישן, העבראַישן רעפּערטואַר, איז דאָס ניט ריכטיק, ווייל אַזוי אַרום קאָן זיך דער טעאַטער פאַרוואַנדלען אין אַ טעאַטער פון היסטאָריע, אָדער, היסטאָרישע לעגענדעס. עס איז אמת, אַז די „הבימה" איז נישט קיין טעאַטער פון „שטייגער", נאָר האָט אַ געוויסע מיסיע, אָבער דאָס הייסט דאָך נישט, אַז דער טעאַטער דאַרף נאָר



"GOLEM," SECOND ACT
The Expulsion of the Jews
from the "Fifth Tower"

„דער גולם“, צווייטער אַקט
די פינפטע טורם סצענע

"ETERNAL JEW"
Avishai—Ben-Ari

„היהודי הנצחי"
אבישי—בן־אַרי

לעבן אויף לעגענדעס. לאָמיר נעמען צייטיקע פּראָבלעמען. מען קאָן גאַנץ פיין אויפפירן אַ פּיעסע פון איצטיקן יידישן לעבן און עס זאָל זיין נישט ווינציקער העראָאיש. זיינען אַ סך מסכים געווען.

באַ די געשפּרעכן פלעגט שוין אַרויפשווימען די פראַגע פון שפּראַך. עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז מען וואָלט באַדאַרפט אַמאָל פונדעסטוועגן פּרובירן צו שפּילן אין יידיש אויך. פאַרוואָס זאָל מען דאָס נישט טאָן? קודם־כל וואָלט מען דאָך אונדז געקאָנט פאַרשטיין. עס וואָלטן געקומען מער מענטשן און מיר וואָלטן טאַקע געוואָרן גרויסע מיוחסים באַ דער יידישער סעקציע. מ י ר וואָלטן דאָך דאַן געוואָרן דער ערשטער יידישער מלוכה־טעאַטער! אָבער עס זיינען אויך געווען אַזוינע, וואָס האָבן געזאָגט, און מיט רעכט, אַז קיין שום קאָמפּראָמיסן קאָנען נישט זיין. אָט די צוויי־שפּראַכיקייט — צו שפּילן היינט אין העברייאיש און מאָרגן יידיש, וואָלט אַזוי צעטומלט די אַקטיאָרן, אַז זיי וואָלטן נישט געוואוסט אויף וועלכער וועלט זיי זיינען. מיר דאַרפן שפּילן נאָר אויף איין שפּראַך: העברייאיש אָדער יידיש.

די פראַגע פון שפּראַך איז ווידער איינגעשטילט געוואָרן אויף אַ לאַנגער צייט. אָבער קיין רעפּערטואַר איז סיי אין יידיש און סיי אין העברייאיש נישט געווען, ספּעציעל אַזאַ פּיעסע, ווי צמח האָט געוואָלט פאַר דער גרופּע. ער האָט געזוכט אַ פּיעסע, וואָס זאָל זיין ביבליש, ווי אויך מאָדערן; עס זאָל האָבן אַן אידייע, אַ וועלט־אידייע. אָבער אַלעמאָל, ווען די „הבימה" פלעגט זיך צורירן צו אַ וועלט־פּראָבלעם, איז דאָס געווען וועלט־שמערץ. דערפאַר פלעגט אפילו דער הומאָר באַ דער „הבימה" זיין דורכגעוועבט מיט טרויער.

צמח, מיט דער גרופּע, האָט לאַנג געזוכט אַ פּאַסיקע פּיעסע, און האָט זי, ווייזט אויס, געפונען. ווידער אַ לעגענדע, אַ שיינע לעגענדע, פּראַכטפול אָנגעשריבן. עס איז שוין, ווייזט אויס, אַזאַ גורל געווען. אָבער וואָס טוט מען פּאָרט, אַז קיין צייטיקע דראַמע איז נאָך פּאָרט נישט אָנגעשריבן געוואָרן? „וואַרט צו", פלעגט צמח זאָגן, „דאָס נייע יידישע לעבן בויט זיך ערשט; אָט וועט קומען איינער מיט טאַלאַנט, און וועט אונדז געבן אַ דראַמע פון ברויזנדיקן לעבן אין ארץ־ישראל, אָדער פון דעם נייעם, איבערגעבויטן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד. דאַן וועלן מיר האָבן אַ רעפּערטואַר". יאָ, האָבן מיר געטראַכט, די „הבימה" וועט עס דעמאָלט געוויס שפּילן, אָבער איצט וואָס טוט מען?... און מיר באַשליסן אויפצופירן די ביבלישע דראַמאַטישע לעגענדע „יעקבס חלום", פון ריכאַרד בער האָפמאַן.

„יעקבס חלום" אונטער סטאַניסלאַווסקיס רעזשי

נאָך יעדער פאָרשטעלונג, וואָס די הבימה פלעגט אויפפירן מיט בערד און פאות, מיט קאַפּאָטעס, מיט יאַרמעלקעס — פלעגט שטענדיק קומען אַ שטימונג פון אַן אינערלעכן פּראָטעסט, און אויף פאַרזאַמלונגען, ווען מען פלעגט אַמאָל אָנצייכענען דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער גרופּע, האָט מען טאַקע אָפן פּראָטעסטירט קעגן אַזעלכע פּיעסן. די טענה איז געווען, אַז די „הבימה" איז ניט דער טעאַטער, וואָס דאַרף שפּילן נאָר טיפּיש־יידישע פּיעסן, פאַרקערט, די אויפגאַבע פון דער גרופּע דאַרף זיין צו שפּילן וועלטלעכן רעפּערטואַר; און אויב שפּילן יידישע טעמעס, דאַרף מען אויסקלייבן נאָר היסטאָרישע זאַכן, אָדער, בעסער געזאָגט, העראָאישע.

איך האָב שוין אין אַן אַנדער פּלאַץ באַמערקט וועגן דעם קאָנפליקט, אָבער דאָ וויל איך זיך אָפּשטעלן לענגער, ווייל אָט די דיסקוסיעס האָבן באַשטימט דעם ווייטערדיקן גורל פון דעם טעאַטער.

די צווייטע גרופּע, די שטאַרקערע, פלעגט זאָגן, אַז קודם־כל דאַרף די „הבימה" זיין אַ נאַציאָנאַלער טעאַטער, און נאַציאָנאַל הייסט, אַלע פאָרמען פון פאָלק, נישט נאָר „טאָגעס" פון די צייטן פון חורבן בית־המקדש, פערסישע כאַלאַטן, טערקישע יאַרמעלקעס, לאַטעס פון גלות, אָדער לאַנגע גאַליציאַנער פאות מיט פוילישע לאַנגע קאַפּאָטעס. מיר קאָנען זיך נישט אָפּטרייסלען פון אַ פאָרמע, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַט אָדער האָט עס איצט, וואָרים מיט וואָס זיינען די יידן פון ירושלים וויכטיקער פאַרן נאַציאָנאַלן טעאַטער, ווי, אַ שטייגער, די יידן פון בוכאַרע? די טענה, אַז מיר דאַרפן פאַרשענערן אונדזער געשיכטע, אַרויסברענגען איר רעאַלקייט, מיט די מלחמות, איז דאָך נישט וויכטיק, ווייל העראָאיזם קאָן מען דאָך אויך געפינען באַ די שפּאַנישע יידן פון דער אינקוויזיציע; מען קאָן געפינען העראָאישע אויפטואונגען באַ די יידן פון כמעלניצקיס צייטן, און אפילו באַם היינטיקן יידישן פאָלק קאָן מען געפינען אַזוינע מאָמענטן, וואָס זאָלן זיין נישט ווייניקער וויכטיק ווי יענע היסטאָרישע, און אפשר נאָך וויכטיקער. ווייל יענע האָבן געקעמפט מיט געווער קעגן שונאים, און היינט קעמפט דער ייד קעגן זיינע שונאים אַ הילפלאָזער, אָן קיין שום געווער.

די גרופּע, וואָס האָט באַדאַרפט אָנהויבן אַרבעטן מיט צמחן בראש, האָט אויסגעקליבן „יעקבס חלום״, ווייל קודם־כל איז דאָס פון וועלט־רע־פּערטואַר און אין דער זעלביקער צייט — יידיש, היסטאָריש, לעגענדאַריש; און צווייטנס, האָט די גרופּע אין „יעקבס חלום״ געהאַט אַ מעגלעכקייט צו־טרעטן צו אַ צווייג פון טעאַטער, וואָס איז ביז איצט געווען אַבסאָלוט פרעמד פאַר דער „הבימה״, און דאָס איז: אָפּערע.

אַ גליקלעכער צופאַל האָט געבראַכט דערצו, אַז סטאַניסלאַווסקי, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון זיין טורנע איבער אַמעריקע און אייראָפּע, זאָל באַווייליגן צו אויספירן די פאָרשטעלונג. דאָס איז פאַר אונדז געווען ממש אַ גליק. האָבן סטאַניסלאַווסקין אַלס רעזשיסאָר, נאָר פאַר דער „הבימה״ — דאָס הייסט, אַרבעטן אויף אַ ראָל אונטער זיין השגחה — דאָס קאָן נאָר פאַרשטיין אַן אַקטיאָר, אין וועלכן עס איז פאַרזייט גע־וואָרן דער טיפער רעספּעקט און כמעט פאַרגעטערונג פון אַזאַ געניאַלן מענטשן ווי וואַכטאַנגאָוו. אַרבעטן אונטער סטאַניסלאַווסקין, איז די העכסטע שטופע, צו וועלכער אַן אַקטיאָר האָט געקאָנט שטרעבן באַם אַנטוויקלען זיינע כחות.

סטאַניסלאַווסקי, דער מענטש מיט זילבער־ווייסע האָר, אַ שוישפּילער ביז די שפּיצן פון די פינגער, אַ מענטש, וואָס האָט אַזויפיל געגעבן דער טעאַטער־וועלט, אַנערקענט אין גאַר דער וועלט, אַלס דער באַשאַפער פון אַ נייער שיטה אין טעאַטער — אָט דער גרויסער סטאַניסלאַווסקי איז אויף די רעפּעטיציעס אַן אמתער חבר. גיט ער דעם אַקטיאָר אַן אויפגאַבע, און דער אַקטיאָר מאַטערט זיך, שוויצט, קאָן עס נישט פאַרווירקלעכן, זיצט ער מיט אַ פּאָר גרויסע רחמנות־אויגן, ווי ער וואָלט זיך בעטן: „נו, טייערער, ווענד אָן דיין גאַנצע ענערגיע, אפשר וועסטו עס בייקומען״. און אַזוי, מיט גוטן, פלעגט ער צוגיין צו יעדן איינציקן, און אַז ער פלעגט ווייזן ווי מען דאַרף עפּעס טאָן, פלעגט ער עס נישט טאָן מיט אַ זיכערקייט פון אַ גרויסן מייסטער, נאָר ער פלעגט אַרויפגיין אויף דער בינע און זאָגן: „לאָמיר פּרואוון אָט אַזוי״. און נישט איינמאָל פלעגט ער זיך אָפּשטעלן אינמיטן און אַ זאָג טאָן: „ניין, אַנטשולדיקט, דאָס וואָס איך האָב געוויזן איז זייער שלעכט, לאָמיר פּרואוון אַנדערש. אפשר איז דאָס געווען אַזאַ מעטאָד פון דעם מייסטער, כדי צו מאַכן לייכטער דעם אָנפאַנגער, אָבער דער צוגאַנג איז געווען אַ האַרציקער און אַ ווירקזאַמער.

אָבער סטאַניסלאַווסקי פלעגט דערגרייכן רעזולטאַטן, נישט נאָר דורך זיינע מעטאָדן פון פּראַקטישער קינסטלערישער דערציאונג, נאָר אויך דורך די געשפּרעכן וועגן טעאַטער, וועגן קונסט בכלל, וועגן ליטעראַטור, וועגן גרויסע שוישפּילער, וועגן זיין אייגענעם לעבן אין קונסט, זיינע וועגן, זיינע

צווייפלונגען, אַנטוישונגען און דערגרייכונגען. דורך די געשפּרעכן האָבן מיר זיך אויך געקאָנט באַקענען מיט זיין „סיסטעם", און ווי אַזוי ער איז געקומען צו איר. אונטער סטאַניסלאַווסקין פלעגט דער אָנפאַנגער ווערן זיכערער אין זיך און פלעגט עפענען זיין האַרץ. ער פלעגט צוזאַמען מיט סטאַניסלאַווסקין פּרובירן צו געפינען דעם נויטיקן אויסדרוק אָדער שטי־מונג, און איר האָט באַדאַרפט זען דעם שמייכלענדיקן פּנים, די גוטמוטיקע אויגן פון דעם גרויסן לערער, בשעת דער אָנפאַנגער פלעגט אַרויפקומען אויפן ריכטיקן וועג. אַזוי ווי אַ קינד, וואָס געפינט אַ שפּילכל, אַזוי פלעגט ער זיך איינעסן מיט זיין בליק אין דעם שילער און קלייבן נחת.

סטאַניסלאַווסקיס געשפּרעכן ווירקן אויפן מענטשן עטיש, מאָראַליש און דערציערעריש. אפילו אַזאַ איינער, וואָס וויל נישט און קאָן נישט זיין קיין אַקטיאָר, וועט זיך צוהערן צו אים מיט גרויס אינטערעס, ווייל אין זיינע רייד האַנדלט זיך נישט בלויז וועגן טעאַטער, — עס האַנדלט זיך וועגן נשמה, וועגן עסטעטישע געפילן. זיין ריידן דערהויבט דעם מענטשן, און מאַכט אים ווירדיקער. אומזיסט האָבן זיך אויף אים אַרויפגעוואָרפן מיט אַטאַקעס די אָנהענגער פון אַנדערע טעאַטער־שולעס און געזאָגט, אַז סטאַניסלאַווסקי גריבלט זיך צופיל אין דער נשמה, אַז ער פאַרשקלאַפט דעם אַקטיאָר. זיי האָבן געטענהט, אַז מען דאַרף נישט האָבן קיין „נשמות" און „איבערלעבונגען" ; מען דאַרף דעם אַקטיאָר פון דעם באַפרייען, דער אַקטיאָר דאַרף זיין אַקטיאָריש, טעאַטראַליש און מער גאָרנישט.

סטאַניסלאַווסקי האָט געוואוסט וועגן אָט די טענות און דיסקוסיעס, אָבער ער האָט געשמייכלט און קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט די באַשולדיקונג, אַז ער „פאַרשקלאַפט" דעם אַקטיאָר. פאַרקערט, ער האָט געוויזן, אַז זיי, די קעגנער זיינע, מאַכן פון דעם אַקטיאָר אַ מאַריאָנעט, וואָס טאַנצט אויף אַ שטריקל, בעת ער, סטאַניסלאַווסקי, וויל אים געבן אינהאַלט און לעבן אויף דער בינע. און סוף־כל־סוף האָבן טאַקע די עקסטרעמיסטן, נאָך יאָרן פון עקספּערימענטן, זיך געמוזט אומקערן צו די מעטאָדן פון סטאַניס־לאַווסקין.

אין „יעקבס חלום", פון ריכאַרד בער האָפמאַן, האָבן די שוישפּילער געהאַט פאַר זיך פּראָבלעמען: פאָרצושטעלן, אין ערשטן און צווייטן אַקט, דעם פּרימיטיוון מענטשן—עשיו'ן,יעקב'ן,עשיו'ס ווייבער, קנעכט—און אין דריטן אַקט שפּילן מלאכים און וואַסערן און שטיינער וואָס רעדן. אַזאַ פאָרשטעלונג איז אַ סך אָפּהענגיק פון דעם מאַלער און קאָמפּאָזיטאָר. וואָרים אין אַן אַנדער פאָרשטעלונג קאָנען אַמאָל די אַקטיאָרן אָנווייזן דעם וועג צו דעקאָ־ראַציעס און מוזיק, אָבער דאָ מוז דער וועג פאַר די אַקטיאָרן אָנגעוויזן ווערן פון דעם מאַלער אָדער קאָמפּאָזיטאָר. דער מאַלער ר. פאַלק איז צוגע־צויגן געוואָרן צו שאַפן דעקאָראַציעס און מילנער, וואָס האָט געשריבן

מוזיק פאַרן „גולם“, איז אויסגעקליבן געוואָרן צו שאַפן די מוזיק אויך פאַר דער פאָרשטעלונג.

און ווידער האָט זיך דער טעאַטער פאַרוואַנדלט אין אַ בינשטאָק. מען האָט געבויט טרעפּ, קאָלאָנעס, שטיינער, מען האָט גענייט קאָסטיומען, מען זינגט אַריעס, מלאכים אין זילבער־קאָסטיומען און מיט פליגלען שפּאַצירן אַרום, און מען וואַרט אויף די רעפּעטיציעס, וואָס קומען שוין פאָר אָן סטאַניסלאַווסקין, ווייל ער איז קראַנק געוואָרן און די אַרבעט האָט איבערגענומען ב. מ. סושקעוויטש, אַ רעזשיסאָר פון צווייטן קונסט־טעאַטער. סושקעוויטש איז אַ באַגאַבטער שוישפּילער און רעזשיסאָר, אָבער אַ קאַלטער לונג־און־לעבער. ער קומט צוגיין, פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָסל, און לאָזט דעם רויך אין דער לופט פאַרטראַכטערהייד. אפשר האָבן זיך אין זיינע געדאַנקען געטראָגן וואונדערלעכע פאָרשטעלונגען און איינפאַלן, אָבער ער האָט נישט געקאָנט זיי אַרויסברענגען, און זיין פאַנטאַזיע איז נישט געווען קיין אָנצינדנדיקע. קאַלט, טרוקן פלעגט ער אָפּשטעלן די אַקטיאָרן, געבן זיי עצות ווי צו שפּילן, קאַלט פלעגן די אַקטיאָרן אים אויסהערן און אָן אַן איבעריקן אינטערעס פלעגן זיי איבערחזרן די סצענעס. אין אַזוינע פאַלן איז דער רעזשיסאָר גאָר אַ שטערונג פאַרן אַקטיאָר. דער אַקטיאָר ווערט נישט אינספּירירט, ער שאַפט נישט. איז די פאָרשטעלונג אַרויסגעקומען אַ צוויייענדיקע. אין ערשטן און צווייטן אַקט — לעבעדיקע מענטשן, קאָכיקע, פול מיט אימפּעט און טעאַטראַלער נשמה; און אין דריטן אַקט, וואָס איז כמעט אינגאַנצן דורכגעפירט געוואָרן פון דעם נייעם רעזשיסאָר, איז אַרויסגעקומען אַן אָפּערע, די מענטשן זיינען געשטאַנען מיט אָנגעטאָנענע פליגלען, מען האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און מען האָט געזונגען ווערטער, וואָס זיינען פון איינמאָל צום צווייטן מאָל אַלץ פרעמדער געוואָרן. די סצענע האָט גיכער אויסגעקוקט ווי אַ מיטינג פון מלאכים, וואָס האָבן עפּעס געזונגען, עפּעס געשריען, אָבער קיין איינדרוק האָבן זיי נישט געמאַכט; און ווען נישט מילנערס וואונדערלעכע מוזיק, וואָלטן די רעזולטאַטן געווען זייער טרויעריקע.

אָבער איין זאַך האָט אויפגעטאָן דער דריטער אַקט פון „יעקבס חלום“, און דאָס איז, וואָס מען האָט צום ערשטן מאָל בייגעקומען די פאָרמע פון אָפּערע. דער עקספּערימענט פון דראַמאַטישער האַנדלונג אין פאָרמע פון געזאַנג איז אַ גוואַלדיקע פּראָבלעם, ניט נאָר אין אַ דראַמאַטישן טעאַטער, נאָר אפילו אין אַ ריין מוזיקאַלישן. אין דעם האָבן זיך אויסגעצייכנט עטלעכע אַקטיאָרן מיט זייערע שטימען. אַזוי, צום ביישפּיל, איז גאָלאַנד מיט זיין פּראַכטפולער שטים אויסגעוואָקסן צו דער מדרגה פון אַן ערשטקלאַסיקן זינגער, האָט שפּעטער פאַרלאָזן די „הבימה“, און איז אָנגענומען געוואָרן אין דער בערלינער אָפּערע. עס זיינען אויך אויסגעוואָקסן בנימין צמח, אַלס דער שטן, נחום צמח, אַלס עשיו, מרים גאָלדינא און חנהלע הענדלער.

„יעקבס חלום" האָט נישט געבראַכט די דערלייזונג, וואָס מיר האָבן דערוואַרט, נישט קינסטלעריש און געוויס נישט מאַטעריעל. עס איז צוגעקומען נאָך אַ פּיעסע צום רעפּערטואַר, עס זיינען נאָך אויסגעוואָקסן אַקטיאָרן, אָבער קיין אויסוועג איז נאָך אַלץ נישטאָ. עס גייט אַוועק נאָך אַ ווינטער און אָט קומט שוין אָן דער זומער־סעזאָן, מיר וועלן זיך ווידער צעפאָרן, און ווידער צוריק קומען — אָבער צוליב וואָס קומען מיר?

עס שווימט אויף ווידער די פראַגע „ו ו א ו ה י ן ג י י ע ן מ י ר? צ ו ל י ב ו ו אָ ס?" ערגעץ טיף אין דיר ליגט אַ ספק, וואָס עסט דיין געמיט. ו ו א ו ה י ן ג י י ע ן מ י ר? א י ז ד אָ ס ד ע ר ר י כ ט י ק ע ר ו ו ע ג? ספקות עגבערן דעם מוח. יעדע נאַכט קומט מען זיך צוזאַמען, כדי צו פרעגן אימיצן און אפשר זיך אַליין, וואוהין מיר גייען קינסטלעריש? מיר פילן, אַז מיר גייען די גאַנצע צייט קעגן שטראָם. אַרום אונדז שטראָמט אַ ניי לעבן, נייע אידייען ווערן פאַרווירקלעכט, דאָס יידישע לעבן ווערט אינגאַנצן איבערגעקנאָטן. כמעט יעדער טעאַטער האָט אַרויסגעזאָגט זיין נייעם אני־מאמין. דער מאָסקווער יידישער קאַמער טעאַטער האָט זיין פּאָליטישן פּנים, — נאָר איין־און־איינציק טעאַטערל איז פאַרעקשנט, שפּילט העברייאיש און האָט נישט קיין פּאָליטישע צורה. דאָס טעאַטערל שפּילט היסטאָרישע לעגענדעס און ווייסט אַליין נישט וואוהין עס גייט. קומען אין מאָסקווע אין אַ צייט, ווען עס דאַכט זיך, אַז אַן ענטפער אויפן לעבן איז שוין געפונען געוואָרן, קומען און פרעגן אין אַ פּיעסע: מי יציל? („ווער וועט ראַטעווען"?) דאַרף מען האָבן מוט. און נישט איינמאָל פלעגן באַ אָט די ווערטער זיך אויפהויבן בחורים און מיידלעך און אויסשרייען דווקא אין העברייאיש: „אנחנו", און פאַרהילכן דעם זאַל מיטן געזאַנג פון „א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל".

דאָס האָט באַוויזן, אַז דער עולם האָט געפונען אַן ענטפער פאַר אונדז. און אַן עולם פלעגן מיר אַלעמאָל האָבן אַ פרייען, אַ צאַפּלדיקן, אַן ענערגישן, וואָס האָט אונדז פאַרשטאַנען און וואָלט אונדז אויף די הענט געטראָגן, ווען מיר גיבן זיך דעם ענטפער אויף דער פראַגע „מי יציל?"

אויף די פאַרזאַמלונגען שטעלן מיר זיך אַליין די פראַגע: ווער זיינען מיר, און וואוהין גייען מיר? וואו ענדיקט זיך אונדזער מיסיע אַלס קינסטלער, און וואו הויבט זיך אָן אונדזער געזעלשאַפטלעכער לעבן אַלס מענטשן? דאָס זיינען אַלץ אַזעלכע פראַגן, וואָס אַ טעאַטער, אַ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, מוז קלאָר פאַרענטפערן. זיינען מיר אַ קאַסטע, וואָס האָט זיך איינגערעדט צו שפּילן העברייאיש, וואָס האָט פאַרשטאָפּט די אויערן און צוגעמאַכט די פענצטער, וויל נישט אַריינלאָזן קיין לופט פון גאַס, פון דער נייער זינגענדיקער גאַס, וואָס רעדט קלאָר און פשוט, וואָס האָט אַן ענטפער צוגעגרייט פאַר אונדז? צי אפשר זיינען מיר קעגנער פון סאָוועטן־

לאַנד? אויף דער לעצטער פראַגע וואָלט מען נישט באַדאַרפט ענטפערן, ווייל קיינער וואָלט זי נישט געפרעגט. יעדער פון אונדז איז געווען מער ווי אַ פריינט פון סאָוועט־רוסלאַנד; יעדער וואָלט געוויס אַוועקגעגעבן זיין לעבן צו פאַרטיידיקן די מאַכט, וואָס האָט אים געגעבן פולע מענטשלעכע פרייהייט, סיי אַלס מענטש און סיי אַלס ייד. די באַציאונג צו אונדז איז געווען ווי צו פריינט, און דאָך האָט מען נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס האַלט אונדז אָפּ פון אויפגעבן די עקשנות פון שפילן אויף פרעמדע לשונות, אויפגעבן דעם לעגענדאַרישן, נישט־לעבעדיקן רעפערטואַר, אויפגעבן און אָנהויבן שפילן פאַר דער מאַסע, האָבן אַ טור איבער רוסלאַנד און ווערן אַ געהויבענער מחותן אומעטום. אפשר זיינען געווען אַזוינע צווישן אונדז, וואָס האָבן געוואָלט פרעגן אויף די פאַרזאַמלונגען: „וואָס וועט זיין? ווי לאַנג וועלן מיר אַרומוואַנדערן פון איין טעאַטער אין צווייטן? וואו איז אונדזער היים? און וואו איז דער סוף?" דעם סוף האָט מען נישט געזען. מען פלעגט זיצן אַלע צוזאַמען, אומעטיקע. אימיצער האָט געשפילט אויף דער פיאַנע, און אין די שויבן האָבן געקלאַפּט טרויעריק טראָפּנס רעגן . . .

אָט די אַלע פאַרצווייפלונגען פלעגן אַרויסגעזאָגט ווערן אויף די טרויער־פאַרזאַמלונגען, ווי מיר האָבן זיי גערופן. און שפעט ביינאַכט פלעגן זיך ווי־דער אַנטוויקלען הייסע דיקוסיעס וועגן דער שפראַך, און עס פלעגט קלאָר ווערן איין זאַך, אַז מיר שפילן העברייאיש נישט דערפאַר ווייל מיר פראָווען צו־להכעיס, נאָר ווייל עס איז אונדזער מיסיע. יעדער מענטש האָט זיין מיסיע אין לעבן, און יעדער טעאַטער האָט עס געוויס. מיר האָבן אַ מיסיע צו ברענגען אויף דער בינע אַ שפראַך, וואָס איז דורך טויזנטער יאָרן פאַרט נישט טויט געוואָרן. מיר דאַרפן זי אויפלעבן. מיר דאַרפן קאָנען אויף דער שפראַך אויסדריקן געדאַנקען פאַר דער ו ו ע ל ט, נישט נאָר פאַר די יידן. מען איז אונדז שולדיק אַ חוב, וואָס מען מוז אונדז באַצאָלן און מיר וועלן עס מאָנען. געוויס איז לייכט צו גיין מיטן שטראָם, אָבער מיר ווילן אויס־דריקן אונדזערע געדאַנקען אויף דער שפראַך, וואָס פליסט פון אונדזער נאַציאָנאַלן קאַמף. זיינען מיר טאַקע אַזוי וואַקלדיק? האָבן מיר נישט גענוג מוט צו טאָן, וואָס עס איז אויף אונדז געשיכטלעך אַרויפגעלייגט געוואָרן?

דאָ איז אפשר אַמפּלאַץ איבערגעבן וואַכטאַנגאָווס באַציאונג צו דער העברייאישער שפראַך. קודם־כל איז אים דער קלאַנג און דער ריטם שטאַרק געפעלן געוואָרן. מיט אָט דער שפראַך, פלעגט ער זאָגן, קען מען אַזוי וואונדערלעך איבערגעבן אייערע געפילן אויף דער בינע, ווייל זי האָט אַן אייגנאַרטיקן ריטם, אַזויפיל ניואַנסן. ווען איר רעדט, דאַכט זיך מיר, אַז איר זינגט. וואַכטאַנגאָוו איז געווען אין דער שפראַך פאַרליבט. איך געדענק ווי אַרבעטנדיק אויפן „דיבוק", פלעגט ער די געשפרעכן פון

די אַקטיאָרן דערפירן כמעט צו אַ געזאַנג. אויף אָט דער שפּראַך, פלעגט ער ניט איין מאָל זאָגן, דאַרף יעדערער פון אייך קענען אָנשרייבן נאָטן צו דער ראָל וואָס איר שפּילט, אַזוי אַז ווען איר זיינט שוין פאַרטיק מיט די ווערטער, דאַרפט איר זי קענען אויך אויסזינגען.

אויף דעם געביט האָט ער געמאַכט אַ סך עקספּערימענטן מיט די שויש־פּילער, און האָט דערגרייכט וואונדערלעכע רעזולטאַטן. שפּעטער, ווען וואַכטאַנגאָוו האָט זיך באַקענט מיט ביאַליקס שריפטן, איז ער געוואָרן אַזאַ אַנהענגער פון דער שפּראַך, אַז ער האָט זיך גענומען מיט התמדה לערנען העבּרעאיש, און האָט דערגרייכט גוטע רעזולטאַטן. אין וואַכטאַנגאָווס מוזעאום אין מאָסקווע געפינען זיך אַ סך העברייאישע ביכלעך פאַר אָנפאַנגער, פּאַפּירן, העפטן פאַרשריבענע מיט העברייאישע ווערטער און באַמערקונגען. דאָס אַלץ זאָגט עדות אַז ער האָט אַ סך מי אָוועקגעגעבן צו אויסלערנען די שפּראַך גרינטלעך.

איך געדענק, ווען מיר האָבן אים געשטעלט די פראַגע, צי ס׳איז אים לייכטער צו אַרבעטן מיט די גרופּעס וואָס ריידן רוסיש, האָט ער געענטפערט, אַז פאַרקערט: ס׳איז אים לייכטער צו אַרבעטן מיט אונדז און מיט די איבעריקע איז אים שווערער. יענע באַהאַלטן זיך אונטער די פאַרשטענדלעכע ווערטער, האָט ער געזאָגט, זיי קענען גרינגער אָפּנאַרן סיי אים און סיי זיך אַליין, אָבער מיר קענען אונדזערע געפילן הינטער די ווערטער ניט באַהאַלטן, מיר מוזן אָנפילן די ווערטער מיט געפיל, ווען ניט, וועלן זיי בלייבן טויטע ווערטער; דער ריכטיקער געפיל מאַכט שוין די ווערטער אויך פאַרשטענדלעך.

אָט די באַציאונג פון וואַכטאַנגאָוו צו אונדזער שפּראַך, האָט אין אונדז נאָך דאַן פאַרשטאַרקט דעם גלויבן, אַז דער אויסוואַל פון דער העברייאישער שפּראַך איז ניט געווען קיין שטער אויפן וועג פון אונדזערע צוקונפטיקע קינסטלערישע דערגרייכונגען. די שפּראַך איז געווען אַן אינסטרומענט מיט וועלכן מיר האָבן באַדאַרפט דערגרייכן נאָך אַ גרעסערן קינסטלערישן אויסדרוק.

דאָס איז, דאַכט זיך, געווען די לעצטע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער מען האָט דיסקוטירט די שפּראַך־פראַגע. מער האָט מען זיך צו דער פראַגע שוין נישט אומגעקערט. די מינאָריטעט האָט זיך אונטערגעגעבן. מיר זיינען פאַרשטאַרקטע אַרויסגעקומען מיט דעם לאָזונג, אַז העברייאיש איז די שפּראַך, אויף וועלכער די „הבימה" דאַרף און מוז שפּילן!

אין אַזוינע נעכט פלעגן מיר זיך טרייסטן און זאָגן, אַז מיר שאַצן נישט אָפּ אונדזער אַרבעט דערפאַר, ווייל מיר האָבן נישט קיין סביבה, וואָס זאָל אונדז געבן מוט. דערפאַר די פאַרצווייפלונג און יאוש. לאָמיר נאָר אַרויספאָרן אויף אַ טור איבערן לאַנד, אָדער גאָר אפשר איבער אייראָפּע און אַמעריקע, דאָרטן וואו עס לעבן די קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן! מיר

SHOLOM ALEICHEM
Author of the "Deluge"

שלום עליכם
דער מחבר פון „מבול"



א גרופּע הבימ'ניקעס אין לענינגראַד ארבעטנדיק אין דעם פילם פון שלום-עליכם'ס „מבול"
1טע רייע, אויבן, שטייען — ב. שניידער, בן־חיים, תמימה.
2טע רייע — בערטאָנאָוו, נ. צמח, ח. ראווינה, איטקין און באַראַץ.
3טע רייע — בן־ארי, נ. ווינִיאר, ווארשאווער און טשעטשיק־אפרותי.

THE GROUP IN LENINGRAD *Filming Sholom - Aleichem's "Deluge"*

וועלן קומען צו זיי מיט אַ נײַ וואָרט, מיט נײַע דערגרייכונגען. דאָרט וועט מען אונדז קאָנען אָפּשאַצן.

דער אמת איז, אַז מיר וואָלטן אין רוסלאַנד אויך געקאָנט מאַכן אַ טורנע. יעדע שטאָט און שטעטל האָט וועגן אונדז געהערט. עס האָבן זיך אַרומגעטראָגן לעגענדעס וועגן דער „הבימה" צווישן די אַרבעטער, אַזוי גוט ווי צווישן דער אינטעליגענציע. ליטוואַקאָוו דערציילט אין זײַן בוך וועגן דעם מאָסקווער יידישן קאַמער טעאַטער, אַז קומענדיק מיטן טעאַטער ערגעץ אין אַ שטאָט, אין ווײַס־רוסלאַנד, האָט מען טאַקע פּײַן אויפגענומען דעם טעאַטער, אָבער, באַמערקט ער סאַרקאַסטיש, „דער באַלעבאַטישער עולם איז אַרויס ברוגז, פאַרצאָרנט. נײַן, דער איינציקער יידישער טעאַטער איז פאָרט די „האַבימאַ". יענע, זאָגט מען, שפּילן פאַרן אמתן יידישן עולם. ווען י ע נ ע וואָלטן געקומען צו אונדז צו גאַסט".

אין אוקראַינע, אין ווײַס־רוסלאַנד איז דער נאָמען פון דער „הבימה" געוועזן אַזוי גרויס, אַז יעדע שטאָט וואָלט זיך געבענטשט צו האָבן די „הבימה" בײַ זיך. אויף דער „הבימה" האָט געוואַרט נישט נאָר דער „באַלעבאַטישער עולם", נאָר אויך דער פּראָלעטאַרישער.

אַזאַ טורנע וואָלט די „הבימה" געוויס אָפּגעפרישט. אָבער מיר זײַנען נישט געפאָרן. נישט מען האָט געוואָלט אונדז אַרויסלאָזן, נישט מיר האָבן געוואָלט ווײַזן די משונהדיקע טרופּע איבער דער יידישער סאָוועטישער וועלט. דער איינציקער וועג, דער גאָלדענער וועג, דאָס איז ערגעץ דאָרטן ווײַט אַריבער ימען, ווײַט, דאָרטן וואו מען וועט אונדז פאַרשטיין, וואו אונדזער מיסיע וועט אָפּגעשאַצט ווערן, וואו אונדזער שפּראַך וועט מער פאַרשטאַנען ווערן, — און וואו אונדזער הונגער און נויט וועלן גע־מינערט ווערן.

אָבער עס איז דאָך אַזוי ווײַט! מיר דאַרפן נאָך אַזוי פיל אַרבעטן! מיר האָבן דאָך נישט קיין גרויסן רעפּערטואַר, און מיר דאַרפן נאָך אַזויפיל לערנען! מיר דאַרפן ווערן אַ טעאַטער מיט לייטן גלייך.

דער סעזאָן ווערט אָפיציעל פאַרמאַכט. מען באַשליסט אָנצונעמען דעם פאַרשלאַג פון סאָוועט־קינאָ, צו אויפפירן שלום־עליכמס „מבול". די דירעקציע קלייבט אויס די שוישפּילער פון דער טרופּע, און דער סעזאָן איז געשלאָסן. אַ העלפט אַקטיאָרן פאַרן קיין לענינגראַד זיך באַטייליקן אין דעם פילם „מבול" און די איבעריקע צעפאָרן זיך אויף וואַקאַציע.

דאָס טעאַטערל ווערט ווידער פּוסט. די דעקאָראַציעס ווערן צונויפגענומען אין איין פּלאַץ. דער גוי, וואָס היט דעם טעאַטער, און וואָס איז שטענדיק אַזאַ בייזער, ווערט גוטהאַרציק, דריקט יעדן די האַנט און שרײַט נאָך יעדן איינציקן אין זײַן ספרדישן העברייאיש: שאַלאָם! שאַלאָם! רבותי־טשיקי! שאַלאָם לאַכעם, חביבי־טשיקי!

די „הבימה" אין אַ פילם פון שלום-עליכמס „מבול"

די גרופּע, וואָס האָט באַדאַרפט אָנטייל-נעמען אין דעם פילם דער „מבול", פון שלום-עליכם, איז אָפּגעפאָרן קיין לענינגראַד. די „הבימה" האָט נישט געהאַט קיין שום דעה אין דער קינסטלערישער אויפפירונג פון פילם. די איינגעלאַדענע אַקטיאָרן זיינען געווען גאַסטראָליאָרן, וואָס זיינען אַליין געקומען, אָדער וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פון קאָלעקטיוו „מאַכן אַ דזשאַב". עס זיינען, אמת, געווען פאַר-האַנדלונגען, אַז דער גאַנצער קאָלעקטיוו זאָל איבערנעמען אויף זיך די קינסטלערישע אַרבעט, נאָר די באַאַמטע פון „סאָווקינאָ" האָבן, ווייזט אויס, געוואָלט אַליין האָבן די דעה איבער דעם פילם, אַזוי אַז מיר זיינען געווען בלויז גאַסטראָליאָרן.

מיר פלעגן קומען נאָר דאַן, ווען מען האָט אונדז באַדאַרפט און דאָ האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט צו איבערצייגן זיך, אויף וויפיל די קונסט פון שפּילן פאַרן לייוונט איז פאַרשיידן פון שפּילן אויף דער בינע. ספּעציעל אין די שטומע בילדער, די איינציקע, וואָס האָבן דאַן עקזיסטירט. דאָס שפּילן איז, דאַכט זיך, דאָס זעלביקע, און דאָך פאַרשיידן. אויף דער בינע, וואו איר שטודירט אייך אייער ראָל מיט אייערע חברים מיטשפּילער, קאָנט איר אַרויסברענגען שטריכן און איבערלעבונגען, וואָס זאָלן אָפּשפּיגלען פאַרשיידענע מאָמענטן אין דעם לעבן פון דעם מענטשן, וואָס איר שטעלט פאָר, בעת דער לייוונט פיקסירט באַלד אַלץ, וואָס איר קאָנט געבן אין דעם איינעם מאָמענט. אויף דער בינע קאָנט איר זיך צוגרייטן צום מאָמענט פון אייער שטאַרקער סצענע, אָבער איר קאָנט דאָס נישט טאָן אויפן לייוונט, ווייל דאָרט קומט איר שוין אַ פאַרטיקער. עס פאָדערט זיך אַ גוואַלדיקע טעכניק פון דערפאַרענע שוישפּילער; און אויב איר האָט עס נישט, זיינט איר געצוואונגען צו אָנקומען צו מיטלען פון "נאָכצומאַכן", אַזוי אַז שרעק, למשל, פלעגט זיך אויסדריקן מיט אַ געמאַכטער פאַרוואונדערונג אויפן פנים, און מען פלעגט ציען מיט די נאָזלעכער, כדי צו ווייזן נערוועזיטעט.

חוץ דעם מוז מען דאָך אין אַ פילם זיין וואָס מער „רעאַליסטיש". אַזוי, צום ביישפּיל, האָב איך באַדאַרפט, אַלס מאַלקין, (דער אייגנטימער פון רעסטאָראַן אין פּעטערבורג), אַריינקוקן אין אַ פאַרפרוירענעם פענצטער,

און כדי דאָס מאַכן רעאַליסטישער, האָט דער רעזשיסאָר געפֿאָדערט, אַז איך זאָל אַריינדריקן מיין נאָז אין דעם פֿאַרפֿרוירענעם פֿענצטער. אַזוי, זאָגט ער, וועט אויסקומען נאַטירלעכער... האָב איך געקוועטשט די נאָז אַזוי לאַנג, ביז איך האָב דורכגעקוועטשט די גלאָז פֿון פֿענצטער, און דערביי, אויף אַ גאַנץ „נאַטוראַליסטישן" אופֿן צעקרעלט די נאָז... אָדער, צום ביישפּיל, מאַלקין טראָגט זופּ צו זיינע קליענטן; דאַרף מען דאָך זען, אַז פֿון דער זופּ זאָל גיין אַ פּאַרע; טראָגט מען דעם טעלער מיט קאָכיקער וואַסער, און אַז דיר בריט די האַנט און דו ווילסט אַריבערטראָגן דעם טעלער אין דער צווייטער האַנט, פֿאַרגיסטו און בריסט אָפּ די פֿינגער. דאָס געפֿעלט גראַדע דעם רעזשיסאָר, עס איז, זאָגט ער „נאַטירלעך"... האָבן מיר זיך געוויצלט מיטן רעזשיסאָר, וואָס ער האָט נישט קיין סצענע, וואו מען דאַרף דערהרגעט ווערן, אָדער דערשאָסן ווערן... וואָס הייסט, זאָגט ער, ס'איז נישטאָ? ס'איז דאָ...

דער רעזשיסאָר האָט זייער ווינציק דערפֿאַרונג געהאַט אין טעאַטער בכלל און אין פֿילם בפֿרט. עס איז געווען זיין ערשטע גרויסע אַרבעט, האָט ער נישט געוואוסט פֿון וואַנען אָנצוהייבן און מיט וואָס צו ענדיקן. אים האָט אַרויסגעהאָלפֿן איינער, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַ פּריוואַטע פֿילם־סטודיאָ און די רעגירונג האָט זי צוגענומען בײַ אים און אים אָנגעשטעלט אַלס אַ „ספּעץ". דער געהילף־רעזשיסאָר איז געווען אַ גוי, וואָס האָט אַמאָל פֿיינט געהאַט יידן. אָבער אין די לעצטע יאָרן האָט זיך אין אים אַריינגעכאַפּט אַ „דיבוק" פֿון יידן־ליבע. און כאָטש ער איז געווען געליימט אויף בײדע פֿיס און מען האָט אים באַדאַרפֿט פֿירן אין אַ וועגעלע, האָט ער פֿונדעסטוועגן געהאָפֿט, אַז אָט דער פֿילם וועט אים ברענגען צו וועלט־באַרימטקייט. צו דעם איז ער געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון שלום־עליכם. ער האָט אָנגעקוואָלן פֿון יעדער זאַך, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט יידישע מנהגים; ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט פֿאַרשענערן דאָס יידישע לעבן, פֿאַרקערפּערן אין דעם פֿילם אַלץ, וואָס האָט נאָר אַ שייכות געהאַט מיט יידישקייט.

אין יענע צייטן האָט מען אָבער אין לענינגראַד נישט געקענט געפֿינען די אַלע אַטריבוטן, וואָס מען האָט באַדאַרפֿט פֿאַרן דעמאָלטדיקן פּראָווינציעלן אָדער שטאָטישן לעבן. פֿאַר דער שול האָט מען, למשל, באַדאַרפֿט ספֿר־תּורות מאַנטעלעך, ספֿרים און אַנדערע מכשירים. אָבער דער גוי האָט נישט גערוט, ביז אַלץ איז געווען אויפֿן פּלאַץ. און איינמאָל, נאָך אַ גאַנצער נאַכט אַרבעט, ווען די אויגן זיינען מיר, פֿון די לאָמפּן, אַזוי רויט געוואָרן, אַז איך האָב געמיינט, אַז איך ווער בלינד — אָט דעמאָלט האָט דער גוי מיך געוואָלט פֿילמירן, ווייל גראָד דעמאָלט האָבן אים מיינע אויגן אויסגעזען ווי אמתע יידישע אויגן...

איר האָט באַדאַרפט זען, ווי דער גוי האָט זיך געריבן די הענט פון נחת, ווען ער פלעגט ריידן וועגן דעם „פּאָגראָמשטשיק“, וואָס מיר וועלן ווייזן אין דער „סינאַגאָגע“. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם פּאָגראָם אין שול פון שטעטל, ווען אַנאַ קומט אַהין ריידן. עס זיינען אַנגאַזשירט געוואָרן אמתע קאָזאַקן מיט פערד, פּאָליציי מיט קאָקאַרדעס און נאַגייקעס, און גלאַט כוליגאַנעס. דעם טאָג האָט די סטודיאָ אויסגעקוקט ווי אַן אמת שטעטל אין די צאַרישע צייטן. אַקטיאָרן, פאַרגרימירטע אַלס כוליגאַנעס און פּאָליצייסקע מיט וואָנצעס, זיינען געוואָרן די הויפּט־מחותנים. קודם־כל האָט מען זיי באַדאַרפט קאָרמענען און צוזאָגן זיי אַלערליי גליקן, ווייל טאָמער זאָגן זיי זיך אָפּ צו מאַכן דעם „פּאָגראָם“ אין שול, אַזוי ווי דער גוי וויל, איז זיין גאַנצע קאַריערע אין קאָן. דער געהילף־רעזשיסאָר האָט געזאָגט, אַז אַ פּאָגראָם דאַרף מען ווייזן אַזוי, אַז עס זאָל אויפטרייסלען, עס זאָל זיין עכט און אויסגעהאַלטן.

און אָט קומט אָן דער פּאָגראָם. יידן מיט בערד שטייען אין טליתים און דאַווענען. די פּאָליציי, קאָזאַקן און כוליגאַנעס גרייטן זיך. די קאַמערע־לייט וואַרטן. אַ פייף פון רעזשיסאָר און עס הויבט זיך אָן אַן עכטע אַטאַקע. די קאָזאַקן און די פּאָליצייסקע זיינען, ווייזט אויס, אַריין אין דער ראָל און האָבן אָנגעהויבן אויף אַן אמתן צו פאַנאַנדערטראָגן די ווענט־לעך פון דער שול. זיי האָבן אָנגעהויבן שמייסן אויף אַן אמתן די סטאַ־טיסטן, וואָס האָבן פאַרמאַסקירט זייערע עכט־רוסישע פּנימער מיט לאַנגע בערד און פּאות. און וויפיל דער רעזשיסאָר האָט נישט געפייפט און גע־שריען, האָט עס נישט געהאָלפן. די חברה זיינען אַזוי אַריין אין דער ראָל, אַז עס איז זייער שווער געווען זיי אָפּשטעלן...

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן זיי זיינען געווען עטלעכע, וואָס האָבן די אַרבעט נישט געדאַרפט רעפּעטירן... די סצענע איז אויסגעקומען הונדערט פּראָצענט רעאַליסטיש...

דערפאַר אָבער האָבן די סטאַטיסטן קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט צו אָנטיילנעמען אין אַנדערע מאַסן־סצענעס. מיר ווילן נישט טראָגן קיין בערד, פלעגן זיי שרייען, מיט זייער עכט־רוסישער אויסשפּראַך: „אי ניע דאַדים סעביאַ פּאָראַט“. (און מיר ווילן זיך נישט לאָזן שמייסן).

דער גוי אין וועגעלע האָט אָנגעקוואָלן. „איי וועלן מיר זיי ווייזן“, פלעגט ער זאָגן. ועמען האָט ער געוואָלט ווייזן? און פאַרוואָס האָט ער געוואָלט ווייזן? דאָס האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען.

די דאָזיקע רעזשיסאָרן האָבן דעם פילם צו קיין גרויסן טאָלק נישט גע־בראַכט. דער אָנגעשטעלטער פון רעגירונג, וואָס האָט באַדאַרפט אויפפּאַסן אויף דער אידעאָלאָגיע און פּאָליטישער צורה פון פילם, האָט דערפאַר גע־בראַכט אַן אַנדערן, אַ מער דערפאַרענעם פילם־דירעקטאָר. אָבער יענער האָט

אויך גאַרנישט געקאָנט אויפטאָן. ער האָט גענומען פילמירן, האָט גענומען אַ סך בילדער, אָבער צו קיין טאָלק האָט ער זיך אויך נישט געקאָנט דערשלאָגן.

האָט מען געבראַכט אַ דריטן און דאָס מאָל איז עס געווען דער באַקאַנטער רעזשיסאָר פון „הבימה", וואָס האָט געשטעלט דעם „גולם" — ווערשילאָוו. ער האָט אַריינגעבראַכט אַ פּלאַנמעסיקייט. דער „מבול"-פילם האָט קיין קינסטלערישע דערגרייכונגען נישט געהאַט און קיין קינסטלערישע אויפגאַבן אודאי נישט. כוונות האָט אָבער דער פילם געהאַט גוטע, און אַלס פּרואוו צו שאַפן דעם ערשטן יידישן פילם זיינען ווערט געווען אַט די אַלע עקספּערימענטן.

אין פאַרלויף פון אַט דער פילמירונג האָבן מיר, די אָנטיילנעמער, געלעבט ווי קיינמאָל פריער. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון אַקטיאָרן. די גאַנצע צייט האָבן מיר געוווינט אין האָטעלן און האָבן זיך געקאָנט פאַרגינען זאַכן, פון וועלכע מיר האָבן פריער נישט געחלומט. דער גוי האָט אָנגעקוואָלן פון אונדז. ער האָט אונדז שטאַרק ליב באַקומען, און האָט זיך אפילו אויסגעלערנט אַ סך העברייאישע ווערטער, אָבער ריכטיק פלעגט ער זיי קיינמאָל נישט אַרויסריידן. אַזוי, למשל, פלעגט ער זייער ליב האָבן אונדזער ליד „הבה נגילה". ער פלעגט זיך בעטן באַ אונדז: „רבותי-טשיקי דאַוואַיטע ספּאָיאָם גאַוואַ מאַגילאַ" קינדערלעך, לאָמיר זינגען הבה מאַגילאַ! („מאַגילאַ איז אין רוסיש — אַ קבר).

ווי אַזוי דער פילם איז אַרויסגעקומען, ווייסן מיר עד היום נישט. מיר האָבן קיינמאָל דעם פילם נישט געזען, נישט שטיקלעכווייז און נישט אינגאַנצן. אָבער מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז קיין גרויס מייסטערווערק וועט עס נישט אַרויסקומען.

מאַטעריעל איז די „הבימה" פון דעם פילם אַביסל יאָ געהאָלפן געוואָרן. דאָס רעכט, אַז כמעט אַ העלפט פון דער טרופּע זאָל זיך באַטייליקן אין דעם פילם, איז געקויפט געוואָרן פון דעם קאָלעקטיוו, אַזוי אַז דאָס גאַנצע געלט, וואָס מען האָט געקראָגן, האָט באַלאַנגט צום קאָלעקטיוו און נישט צו קיין איינצלנע, און די סומע, וואָס מען האָט באַקומען, איז פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן גלייך צווישן אַלעמען, סיי די וואָס האָבן אָנטיילגענומען און סיי די וואָס האָבן ניט אָנטיילגענומען. אַנדערש האָט מען זיך נישט פאָרגעשטעלט אין אַ קאָלעקטיוון טעאַטער. און אויב מען פלעגט זען, אַז אימיצער איז נישט צופרידן, אַז ער דרייט מיט דער נאָז, פלעגט מען אים געבן צו פילן, אַז מיר זיינען נישט אויסן צו האָדעווען „סטאַרס" און „סטאַרעלעך"; מיר זיינען נישט קיין קאָאָפּעראַציע, אין וועלכער דער „סטאַר" קומט אַריין, טוט אַ מאַך מיט דער פעלערינע, שניידט אָפּ אַ געוויסן פּראָצענט פאַר זיין אַרבעט און די איבעריקע אָנטיילנעמער כאַפּן שיריים פון „מאַרקעס". דאָס

איז אפשר דער וועג פון אַ פּראָפעסיאָנעלער טרופּע, וואָס דאַרף מאַכן געלט, אָבער נישט פון אַ קאָלעקטיוו פון קינסטלער. דער קאָלעקטיוו האָט אַ קינסטלערישן געשטאַלט און אַ געזעלשאַפטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

און טאָמער האָט איינער זיך געהאַלטן פאַר אַן „אויסדערוויילטן", פלעגט ער פאַרלירן אַלעמענס צוטרוי און פלעגט אָפּשניידן זייער שלעכט. אַזאַ איינעם פלעגט מען אַוועקשטעלן אויף זיין פּלאַץ.

אַזוי, צום ביישפּיל, פלעגן זיך אייניקע שוישפּילער באַטייליקן אין גרויסע קאָנצערטן אין מאָסקווע, און שפּעטער מיט אַ צייט פלעגט מען זען, אַז מאַנכע פון זיי ווייזן אַרויס סימנים פון אַ קאָנצערטאַנט. אַזעלכע פלעגט מען אינגאַנצן פאַרבאָטן אָנטיילצונעמען אין קאָנצערטן, סיידן די „מועצה" האָט געגעבן דערויף אַ ספּעציעלע דערלויבעניש.

אָט אַזוינע ענערגישע און שטרענגע מיטלען האָבן געמוזט אָנגענומען ווערן, ווייל עס איז נויטיק געווען צו אָנהאַלטן די דיסציפּלין פון אַ קאָלעקטיוון טעאַטער, און נישט לאָזן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ גרופּע בעל־מלאכות. דער גייסט פון „אויסדערוויילקייט" האָט געמוזט אויסגעריסן ווערן, ווייל די „פּעסט" פון אַזאַ באַציאונג ווי טראָגן אויף זיך די „טאָגע" פון אַן אויסדערוויילטן, איז זייער געפערלעך, ספּעציעל פאַר יונגע אָנפאַנגענדיקע שוישפּילער.

דער קאָלעקטיוו איז געשטאַנען העכער פון דעם יחיד, און אויב דער יחיד פלעגט זיך דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה פון זיין חבר, אויב ער איז געווען מער טאַלאַנטפול, איז עס געווען דער דערפּאָלג פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו.

געוויס זיינען געווען אַזוינע, וואָס האָבן געזאָגט אין דער שטיל: „עס איז צו שטרענג. וואו איז דער אינדיווידואַליזם? טעאַטער איז דאָך נישט קיין קאַסטע, נישט קיין קאָאָפּעראַטיוו פון אַרבעטער, וואו יעדער באַקומט גלייך. דער טעאַטער איז דאָך געבויט אויף טאַלאַנט, אויב איך האָב מער טאַלאַנט פון דיר, דאַרף איך באַקומען מער, אויב נישט אין געלט, איז, לכל הפחות, אין אָנערקענונג". פונדעסטוועגן פלעגן זיי מורא האָבן צו ריידן הויך וועגן דעם. זיי האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זייער פּלאַץ איז שוין נישט דאָ, אין קאָלעקטיוו, נאָר ערגעץ אַנדערש, דאָרטן וואו מען וועגט רעקלאַמע אויפן וואָג און מען מעסט זי אויפן סענטימעטער... אַ קאָלעקטיווער טעאַטער מוז געבויט ווערן גאָר אויף אַנדערע יסודות ווי אַלע אַנדערע גרופּן־טעאַטערס.

קאָלעקטיוויזם שאַפט אַ קינסטלערישע אַטמאָספערע אין טעאַטער, און „סטאַריזם" שאַפט אַ געדריקטע שטימונג. ווי גרויס „דער שטערן", דער „אויסדערוויילטער" זאָל נישט זיין, וועט ער קיינמאָל נישט שאַפן אַזאַ אַטמאָספערע אין טעאַטער; ער וועט קיינמאָל נישט אַרויסברענגען

אַזוי שאַרף און קינסטלעריש די אידייע פון דער פאַרשטעלונג, ווי דאָס טוט אַ קאָלעקטיווער טעאַטער. אַ קאָלעקטיווער טעאַטער גיט אַ מעג־לעכקייט יעדן איינציקן צו אַנטיילנעמען אין דער שעפערישער אַרבעט. אַלע האָבן איין־איינציקן אידעאַל, צו וועלכן זיי שטרעבן.

אַזוי האָבן מיר פאַרשטאַנען אַ קאָלעקטיוון טעאַטער. מיר האָבן אין ערגעץ נישט געקאָנט נעמען קיין געזעצן פאַר אַ קאָלעקטיוו, ווייל מיר זיינען דאָך אייגנטלעך געווען די ערשטע צו שאַפן אַזאַ טעאַטער. אפילו אין מאָסקווע איז געווען אַ זעלטנהייט צו געפינען אַזאַ טעאַטער מיט אַזאַ שטרעבונג. און ווער ווייסט, אפשר איז ער טאַקע ביז איצט אחד במינו. און אפשר איז מעגלעך געווען צו באַשאַפן אַזאַ טעאַטער בלויז אין מאָסקווע, בלויז אין אַ צייט פון קאָלעקטיוויזם, פון רעוואָלוציע, אין אַ צייט, ווען דער יחיד האָט זיך אונטערגעגעבן די אינטערעסן פון גאַנצן כלל. ענטפערן אויף דעם איז שווער, אָבער איינס איז זיכער: אַ קאָלעקטיוון טעאַטער קאָנען נישט שאַפן קיין פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן מיט אַ לאַנגן סטאַזש, וואָס האָבן שוין פאַרזוכט דעם טעם פון „אַפּלאָדיסמענטן", פון רעקלאַמעס מיט גרויסע אותיות. אַזוינע אַקטיאָרן וועלן נישט קאָנען ביי־קומען דעם נסיון פון גרויסע בוכשטאַבן אויף די אַפישן. אַז איינער פון אָט דעם מין קומט אַריין אין אַ טעאַטער, פילט ער, אַז ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן, אַז ער טוט אַ טובה. אָבער אפילו אַזאַ מין אַקטיאָר דאַרף דער קאָלעקטיוו צונעמען מיט אָפענע אָרעמס, און שאַפן פאַר אים אַ חברשע ספערע.

אין „הבימה"־קאָלעקטיוו איז אָנגעקומען אַן אַקטיאָר מיט אַ נאָמען אויף דער רוסישער בינע: דאָס איז געווען בערטאָנאָוו. אין דער פּראָווינץ האָט ער געשטורעמט, אין „הבימה"־קאָלעקטיוו האָט ער וועגן אַלע זיינע דערפאָלגן פאַרגעסן. ער האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ בעטלער אין צווייטן אַקט פון „דיבוק" און האָט דערנאָך יאָרן־לאַנג געשפּילט קליינע ראָלן צוזאַמען מיט אַלע יונגע שוישפּילער. דאָס האָט אָבער בערטאָנאָוו, דעם טאַלאַנטפולן שוישפּילער, נישט גע־שטערט צו ווערן אַן איבערגעגעבענער קאָלעקטיוויסט און פאַרנעמען זיין פאַרדינטע פּאָזיציע אַלס שוישפּילער אין דער „הבימה".

איך געדענק אויך אַ רירנדיקן מאָמענט ווען אסתר־רחל קאַמינסקאַיאַ איז איינמאָל איינגעלאַדן געוואָרן אין דער „הבימה" בייצוזיין אויף אַ פּראָבע. אסתר־רחל קאַמינסקאַיאַ האָט דעמאָלט גאַסטראָלירט איבער רוסלאַנד, האָט זיך געוואָלגערט אין די וואָגאָנעס, אַרומפאָרנדיק פון איין שטעטל אין צווייטן. פּלוצים איז זי אָנגעקומען אין מאָסקווע מיט אַ טרופּע. די „יידישע קולטור־ביוראָ" פלעגט זי אַרומשיקן פון איין פּלאַץ צום צווייטן און דער־פאַר פלעגט זי באַקומען אַ פּאַיאָק און קליידער.

אין מאָסקווע האָט אסתר רחל קאַמינסקאַיאַ געשפּילט אין „ערמיטאַזש" טעאַטער, אַ זומער־טעאַטער, אַזוי אַז דער ווינט האָט געיאָגט דורך אַלע שפּאַרונעס; און אַ קעלט איז געווען אין מאָסקווע דאַן, אַז סכנת־נפשות. דער זאַל איז, ווי געוויינלעך, נישט געהייצט, און ווען מען הייצט, וואָלט מען דען געקאָנט אָנהייצן אַ „דרויסן"? אָט אַזוי האָט די טרופּע געשפּילט.

אין איינעם פון אַזוינע טעג איז זי געקומען צו אונדז אין טעאַטערל. קאַמינסקאַיאַ איז געווען מיד, אירע אויגן האָבן אַרומגעוואַנדערט אין צימער פון איין בילד אויף דעם צווייטן. און זי האָט אויף אַלץ געקוקט מיט באַוואונדערונג. מיט יעדן איינעם איז זי געווען פריינטלעך, מוטערלעך. און ווען ס'איז אויפגעקומען די פראַגע וועגן דעם, וואָס מיר האָבן איינגעאָרדנט ספּעציעל צוליב איר, האָט זי נישט געקאָנט באַהאַלטן איר פרייד, און אירע אויגן זיינען געווען אָנגעפילט מיט טרערן. שפּעטער האָט זי גערעדט אַ סך און האַרציק. ווען טאַקע קומען אַ צייט, זאָגט זי, ווען שוישפּילער, יידישע שוישפּילער, וועלן האָבן אַ היים? אַן אייגענע היים, אַ שטענדיקן פּלאַץ, וואו זיי זאָלן זיך אויסלעבן קינסטלעריש? ווען טאַקע קומען אַ צייט, ווען מען וועט נישט דאַרפן אַזוי אַרומוואַגלען, ווי זי איצט?...

זי האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ, און מען האָט געפילט, אַז עס איז איר גרינגער. זי פאַרענדיקט: „אַה, קינדער, קינדער, ווען איך בין אַביסל אינגער, וואָלט איך אַלץ איבערגעלאָזט און אָנגעהויבן פּראָבירן מיט אייך, אָט אַזוי ווי איר דאָ איצט"... און אַז זי האָט גערעדט, האָבן מיר פאַר זיך געזען, נישט קיין גרויסן סטאַר פון דער יידישער בינע, נישט קיין קינסטלערין מיט אַ וועלט־נאָמען, נאָר אַ קינד, וואָס האָט געבענקט נאָך אַן אייגן שטיקל ווינקל, אַ שטענדיקן, אַ זיכערן... מיט טרערן אין די אויגן האָט זי אויף דער עלטער דערזען דאָס, וועגן וואָס זי האָט געחלומט אפשר איר גאַנצן לעבן.

אָט דאָס איז געווען דער כח פון אַ קאָלעקטיוו, און דאָס איז געווען די באַציאונג פון אַ גרויסער שוישפּילערין צו אַ קאָלעקטיוו.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער זיינען מיר אין וואַרשע געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ און מיט טרערן אין די אויגן אויפן קבר פון אסתר־רחל קאַמינסקאַיאַ. מיר הערן נאָך אירע ווערטער: „אַה, קינדער טייערע, ווען איך בין אינגער, וואָלט איך דאָך געווען איצט מיט אייך"...

דער קבר איז שוין פאַרוואַקסן מיט גראָז, און נאָר די מצבה שטייט הויך און דערציילט וועגן דער גרויסקייט פון אַ גרויסער שוישפּילערין, אַ שוישפּילערין, וואָס האָט נישט געהאַט קיין „היים". און דאָ שטייט אַ גאַנצער קאָלעקטיוו מיט דער האָפענונג צו האָבן אַ היים, אַ קינסטלערישע היים. וועט ער עס האָבן?

א גרופּע הבימה׳ניקעס אין לענינגראַד צוזאַמען מיטן מאָלער ר. פאַלק

A PART OF THE HABIMA GROUP in Leningrad with the Designer R. Falk

A SCENE FROM SHOLOM ALEICHEM'S PHOTOPLAY "THE DELUGE"

א סצענע פון שלום עליכם׳ס „מבול“ דער רעוואָלוציאָנער — א. מעסקין
דער פּראָוואָקאַטאָר — טשעטשיק־אפרותי מאַלקין — בן־אַרי

מייערכאָלד און אײַזנשטיין

דער סעזאָן הויבט זיך ווידער אָן מיטן אַלטן רעזשיסאָר, און וואָס ס'וועט ווייטער זײַן, ווייסן מיר אַליין נישט. מיר פילן בלויז, אַז אויף אונדזער פראַגע קאָן ענטפערן נאָר אַ גרויסע געשעעניש אין אונדזער טעאַטער. עס וואָלט באַדאַרפט קומען אַ גרויסער מייסטער מיט אַ נײַעם שוואונג, מיט נײַע אידייען, ער זאָל פאַר אונדז ווידער אַנטפּלעקן אַ קוואַל, פון וועלכן מיר זאָלן קאָנען שעפּן און פון וועלכן מיר זאָלן קאָנען לערנען. זאָל דער גרויסער מייסטער אַ מאַך טאָן מיטן שטעקעלע און דער קאָלעקטיוו וועט ווערן געזונט גײַסטיק.

ווער־זשע איז דער יעניקער, וואָס קאָן פירן ווײַטער? דער איינציקער, ווי אונדז האָט זיך געדאַכט, איז געווען מייערכאָלד. יעדע פאָרשטעלונג זײַנע איז געווען אַ געשעעניש אין מאָסקווע.

מיר באַשליסן, אַז מייערכאָלד דאַרף און מוז צוגעצויגן ווערן צו דער „הבימה"; ער מוז אונדז ברענגען די ישועה. און ווי גרויס איז די פרייד, ווען מייערכאָלד נעמט אָן די אײַנלאַדונג. ער קומט צו אונדז אין טעאַטער זיך דורכריידן. דער קאָלעקטיוו איז אײַגנטלעך צוגעגרייט פאַר מייערכאָלדס שיטה. זײַן סיסטעם איז געבויט אויף פיזישער קולטור. לויט מייערכאָלדן דאַרף קיין איין־איינציקע באַוועגונג פון אַקטיאָר נישט זײַן איבעריק, און צוליב דעם דאַרף דער אַקטיאָר זיך אַנטוויקלען פיזיש, אַזוי אַז צו יעדער צײַט זאָל ער קאָנען נוצן זײַן קערפּער אין יעדער מעגלעכער באַוועגונג. די טעאָריע פון ביאָ־מעכאַניקע לייקנט אָפּ די אַלערליי „איבערלעבונגען", „נשמות", „טראַכטענישן", „זוכענישן" א. אַ. וו. דער אַקטיאָר, לערנט מייערכאָלד, דאַרף זײַן מער זשאָנגלאָר, אַקראָבאַט, קלאָון און געוויס אַקטיאָר־אַגיטאַטאָר; דורך אָט די אַלע מיטלען דאַרף ער וועקן אין האַרצן פון צושויער די געהעריקע שטימונג אָדער אומרואיקייט.

מייערכאָלד האָט געזאָגט, אַז די סיסטעם פון זײַן לערער סטאַניסלאַווסקי, מיט אירע באַגרעניצטע מיטלען פון איבערלעבונגען, וואָס ווירקן נאָר אין אַ צימער (ער האָט זיי טאַקע אַזוי אָנגערופן „צימער־איבערלעבונגען") איז געווען גוט פאַר דעם אַמאָליקן עולם, וואָס איז געווען פאַרטאָן אין קליינע אינטערעסן; אַז בלויז די כלומרשטדיקע אינטעליגענציע מיט אירע

אינטימע איבערלעבונגען האָט זיך געקאָנט באַנוגענען מיט אַזוינע מעטאָדן. אָבער איצט, ווען אין טעאַטער איז געקומען אַ נייער סאָרט צושויער, אַ פרישער, אַן ענערגישער, אַ רעוואָלוציאָנערער, דאַרף מען צוגיין צו דעם צושויער מיט אַנדערע מעטאָדן. בײַ סטאַניסלאַווסקין, האָט מייערכאָלד געזאָגט, אַנטוויקלט מען אַזוי דעם אַקטיאָר, אַז ער גריבלט זיך אַזויפיל אין דער נשמה מיט אירע איבערלעבונגען, ביז ער פאַרגעסט גאָר אַז ער האָט אַ קערפּער. מייערכאָלד האָט אָוועקגעשטעלט זיין סיסטעם אין קעגנזאַץ צו סטאַניסלאַווסקיס; ער האָט געוואָלט אינגאַנצן אָפּשאַפן דעם „אינערלעכן געפיל" און, ווי אויף צו־להכעיס, אַריבער צו דער אויסערלעכער פאָרמע. ער האָט אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין אַקטיאָר זיין גוף. דאָס, האָט ער געזאָגט, איז דער כלי־זין. די מאָטאָ פון אַקטיאָר דאַרף זיין: אַקראָבאַטיקע, גימנאַסטיקע און אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט ספּאָרט.

אַ חוץ דעם, האָט מייערכאָלד דער ערשטער געוואַגט צו צעררייסן די טראַדיציע פון זיין פאַרשקלאַפט צום מחבר. ער האָט דער ערשטער געזאָגט, אַז דער רעזשיסאָר און אַקטיאָר זיינען מיטשעפער מיטן מחבר, אַזוי אַז זיי קאָנען אויסטייטשן דעם אָדער יענעם מחבר אַזוי ווי זיי פאַרשטייען. ער האָט באַלויכטן יעדע פאָרשטעלונג סאָציאַל און פּאָליטיש. ער האָט געזאָגט: אויב דער טעאַטער איז אַ טריבונע, פון וועלכער מען דאַרף אויפוועקן דעם צושויער, דאַרף מען דאָס טאָן נישט מיט קיין לעבלעכע עסטעטישע מיטלען, און מען דאַרף נישט פאַרשטעלן די בינע מיט פּאַסיווע דעקאָראַציעס, וואָס שטייען ווי טויטע, בלויז צו שאַפן אילוזיע. מען דאַרף נישט האָבן ליכט בלויז צו שאַפן אַ שטימונג, מען דאַרף נישט האָבן מוזיק כדי אַקאָמפּאַנירן די אינערלעכע איבערלעבונגען. אויב דעקאָראַציעס, ליכטעפעקטן, מוזיק זיינען נויטיק דעם טעאַטער, דאַרפן זיי דינען אַלס דינאַמישע אַקאָרדן אָנצופילן דעם ספּעקטאַקל. ער האָט געזאָגט: נעמט צו דאָס „פייגן־בלעטל" (דעם פאָרהאַנג), וואָס פאַרשטעלט דעם טעאַטער פון עולם! עפנט ברייט די בינע, צעעפנט די טירן, זאָלן אַלע קומען און זען וואָס עס טוט זיך בײַ אייך הינטער די קוליסן. האָט נישט קיין מורא פאַרן צושויער, טיילט זיך נישט אָפּ פון אים; פאַרקערט, צינדט אים אָן מיטן זעלביקן דינאַמיט, מיט וועלכן איר, רעזשיסאָרן, אַקטיאָרן און מוזיקער, צינדט אָן די פאָרשטעלונג.

אַלץ איז בײַ מייערכאָלדן געוואָרן באַוועגלעך אויף דער בינע. נישט נאָר זיינען די דעקאָראַציעס געוואָרן באַוועגלעך, נאָר ער האָט זיי פאַרוואַנדלט אין אַ גאַנצער מאַשין, וואָס האָט זיך געדרייט און געררוישט. געוויינלעך איז אַלץ געווען קאָנטראָלירט פון אַ געניטער האַנט, וואָס ווייסט וואָס ער וויל און אין די ערשטע אויפפירונגען איז ער געגאַנגען אַזוי ווייט מיט זיין דינאַמישקייט, אַז ער האָט איינגעפירט אמתע אויטאָמאָבילן, וואָס פלעגן קומען צופאָרן אויף דער בינע. און מען פלעגט שיסן פון אמתע

ביקסן, אַזוי אַז דער צושויער פלעגט אָפט אָפזיצן אַ גאַנצן אָוונט און נישט פאַרשטיין וואָס עס קומט דאָ פאָר.

מייערכאָלד איז געווען אין די ערשטע אויפפירונגען עקסטרעם, אָבער אַזוי האָט געפאָדערט די צייט פון רעוואָלוציע. אַזאַ טעאַטער איז נויטיק געווען; אַ טעאַטער, וואו דער האַרעפּאַשניק און דער סאָלדאַט זאָלן געפינען אַ באַרעכטיקונג פאַר דעם, וואָס זיי טוען איצט, פאַר איבערבויען אַ וועלט, פאַר אויסוואָרצלען אַ לעבנס-שטייגער, וואָס איז איינגעוואָרצלט דורך הונדערטער יאָרן. דער סאָלדאַט שטאַרבט אויפן שלאַכטפעלד פאַר אַן אידייע, און דאָ קומט ער אין טעאַטער און זעט, אַז נישט נאָר איז מען מסכים מיט אים, נאָר מען ווייזט אים בפירוש פאַרוואָס ער טוט עס.

מען האָט באַשולדיקט מייערכאָלדן, אַז ער איז געוואָרן פלאַקאַטיש ביליק, אַז ער האָט פאַרוואַנדלט דעם טעאַטער אין אַגיטאַציע. אויף דעם האָט ער געענטפערט, אַז ער איז נישט געוואָרן ביליק, פאַרקערט, פון געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפונקט זעצט ער פאָר די מיסיע פון מאָסקווער קונסט-טעאַטער. אויב דער מאָסקווער קונסט-טעאַטער האָט מיט די פיעסן פון גאָרקין און טשעכאָוון געוואָלט עפּעס זאָגן דער מאַסע מיט מיטלען, וואָס זיינען געווען צוגענגלעך אין דער צאַרישער צייט, וויל ער היינט טאָן דאָס זעלביקע, נאָר אָפן און מיט אַנדערע מיטלען. אין דעם פּראָצעס פון אַנטוויקלען נייע אידייען מוז מען ווערן עקסטרעם און אַביסל איבערטרייבן.

מייערכאָלד האָט מיט דער צייט צוגענומען אָט דעם גאַנצן קלאַפּער-געצייג פון דער בינע און האָט זיך פאַרטיפט אין דער אינערלעכער פאָרמע פון דער פאָרשטעלונג, האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיטן אַקטיאָר אינדיווידועל. אַזוי איז שוין אַרויסגעקומען די פאָרשטעלונג פון אָסטראָווסקיס „ליעס" אַ געלייטערטע, מיטן טיפן שטעמפל פון דעם גרויסן מייערכאָלד. ער האָט אויסגעטאָן דעם אַקטיאָר פון זיין „פּראָז-אָדיאָזשדאַ", (אַזאַ מין אַרבעטער-קאָסטיום פאַר אַלע שפּילער און פון איין קאָליר). דאָס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, ווייל דער אַקטיאָר האָט פאַרלאָרן דעם צורת-אַקטיאָר, און מען האָט נישט געקאָנט אונטערשיידן ווער זאָגט דאָס, ווען און פאַרוואָס. דער אַקטיאָר בא מייערכאָלדן האָט שוין באַדאַרפט זיין אַן אמתער אַקטיאָר.

די שיטה פון סטאַניסלאַווסקין און וואַכטאַנגאָוון וואָלט צונויף-געקומען אויך אין מייערכאָלדס טעאַטער, אָבער וואָס מייערכאָלד האָט נאָך געפאָדערט פון אַקטיאָר איז זיין סוביעקטיוון צוגאַנג באַם פאַנאַנדערקלייבן זיך אין זיין ראָל. דער אַקטיאָר האָט באַדאַרפט זיך זאָגן: אָט דער מענטש, וואָס איך גיי פאָרשטעלן, וואָס איז מיין באַציאונג צו אים? ער האָט אַריינגעבראַכט דעם סאָציאַלן עלעמענט, נישט נאָר אין די פאָרשטעלונגען, נאָר אין יעדן איינצלנעם אַקטיאָר. אָבער מייערכאָלד, מיט אַלע זיינע

נייע מעטאָדן, מיט אַלע זיינע נייע עקספּערימענטן, איז אַלעמאָל געווען פריש שעפעריש און אָריגינעל. ער האָט שטענדיק עפּעס געזאָגט, און דערפאַר, פאַרשטייט זיך, די פריידן פון אונדז אַלעמען.

מיר האָבן זיך געגרייט אַלע אים באַגעגענען. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָבן מיר געוואַרט אויפן מאָמענט, ווען ער וועט קומען צו אונדז. ער איז געקומען אָבער נאָר אויף אַ קורצער צייט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַזוי פאַרנומען, אַז ער קאָן נישט אויפנעמען קיין נייע אַרבעט.

מיר האָבן זיך געווענדט דאַן צו אייזנשטיינען, וואָס איז געווען אַן אָפּ־טער גאַסט באַ די „הבימה״־פאַרשטעלונגען. ער איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אַזוי באַרימט, אָבער ער האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסווייזן גוואַלדיקע פייאיקייטן מיט דעם טעאַטער „פּראָלעטקולט״. אָבער אויך ער איז געווען פאַרנומען.

האָבן מיר זיך געווענדט צו קורבאַסן, דעם באַקאַנטן רעזשיסאָר פון קיעוו, און ער איז געקומען. מיר האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן און אויך ער האָט אונדז נישט געקאָנט ברענגען עפּעס נייעס. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַרבעט, וואָס ער טוט אויף אין קיעוו מיט זיין אוקראַינישן טעאַטער, איז ניי פאַר אוקראַינע, אָבער דאָ זיינען מיר אַוועק אַ סך ווייטער. און די צייט שטייט נישט, דער ווינטער סעזאָן איז אין פולן ברען, יעדער טעאַטער האָט אַ נייע פאַרשטעלונג, און מיר פילן, אַז מיר ווערן פאַרגליווערט. מיר מוזן גיין ווייטער. נישט נאָר צווינגט אונדז דערצו די געשאַפענע רעפּוטאַ־ציע, נאָר זיין אין יענער צייט אין מאָסקווע, וואו יעדעס טעאַטערל איז געווען אַ לאַבאָראַטאָריע, און נישט גיין ווייטער, האָט געהייסן פּשוט זעלבסטמאָרד. עס האָט געהייסן, אַז מיר גייען געזעלשאַפטלעך אונטער, מיר זינקען מאָ־ראַליש, אויב מיר ווייזן נישט עפּעס נייעס.

עס איז דאַן אָנגעגאַנגען צווישן טעאַטערס אַ שטילער געוועט, ווער וועמען וועט אַריבעריאָגן קינסטלעריש. אין אַזאַ אַטמאָספערע קאָנט איר נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן אויף נסים. און דאָ איז אויסגעוואָקסן אַ טעאַטער, וואָס האָט אונדז דעריאָגט. דאָס איז דער ייִדישער קאַמער טעאַטער. דער ייִדישער קאַמער טעאַטער האָט געהאַט איין גרויסע מעלה איבער אונדז, וואָס ער האָט געהאַט אַ גרויסן רעזשיסאָר, אין דער צייט, וואָס מיר האָבן ערשט באַדאַרפט אָנקומען צו גרויסע קינסטלער נאָך הילף. גראַנאָווסקי האָט געשאַפן דעם טעאַטער מיט זיינע אייגענע כחות און קינסטלערישע דערגרייכונגען. גראַנאָווסקיס פאַרשטעלונגען האָבן פאַרמאָגט אימפּעט, פרייד. ליכט און קלאַנג האָבן זיך פאַראייניקט און האָבן אָנגעפילט דאָס טעאַטער.

די „הבימה״־אַקטיאָרן זיינען געווען באַגייסטערט פאַר דער נייער פאָר־מע, פאַר דעם געוואָגטן אופן ווי גראַנאָווסקי האָט אויסגעטייטשט שלום־

עליכמען און גאָלדפאַדענען, אָבער מיר זיינען נישט מסכים געווען מיט דעם מעטאָד. מיר זיינען אפשר געווען מסכים מיט די רעזולטאַטן, אָבער נישט מיט די מעטאָדן.

גראַנאָווסקיס אַ פאָרשטעלונג איז געווען אויסגערעכנט מאַטעמאַטיש. יעדע זאַך אויף דער בינע האָט זיך באַוועגט אין ריטם. אַלץ האָט געלעבט, אָבער דערפאַר האָבן די אַקטיאָרן נישט געשפילט קיין גרעסערע ראָל פון דער דעקאָראַציע. פאַרקערט, אַמאָל האָט זיך אויסגעוויזן, אַז נישט דער קאָסטיום איז געניייט געוואָרן פאַרן אַקטיאָר, נאָר די דעקאָראַציע איז געבויט געוואָרן פאַר אים, נאָר אַז דער אַקטיאָר איז דאָ אויף דער בינע צו דערגאַנצן די אַלע זאַכן. עס איז פּשוט געווען ווי מען נעמט מאַריאָנעטן און מען דרייט זיי אָן לויטן ווילן פון רעזשיסאָר. אַזאַ איינדרוק האָבן די „הבימה"־אַקטיאָרן באַקומען.

דער אַקטיאָר, אַלס יחיד, פלעגט איינגעזונקען ווערן אין אַ ים פון קאָליר, ליכט און פאַרב, אַזוי אַז ער האָט שוין קיין אייגנאַרטיקע פונקציע נישט געהאַט. זיין גורל פלעגט באַשטימט ווערן אין קאַבינעט פון דעם רעזשיסאָר. ער האָט באַדאַרפט שטיין אַט אַזוי ווי דער רעזשיסאָר האָט אָנגעצייכנט, און אַזוי האָט ער באַדאַרפט אויסזען.

אַזאַ טעאַטער איז דער „הבימה" געווען פרעמד. אַזאַ טעאַטער אַנטוויקלט דעם רעזשיסאָר, אָבער נישט דעם אַקטיאָר. דער אַקטיאָר באַטייליקט זיך נישט אין אויסאַרבעטן די פאָרשטעלונג, זיין עצה איז אָן איבעריקע, ער לערנט זייער ווינציק. היינט, וואָס פאַר אַ קינסטלערישע באַפרידיקונג קאָן האָבן דער אַקטיאָר, אַז ער נעמט נישט קיין אָנטייל אין דער שעפערישער אַרבעט ?

נישט קוקנדיק, וואָס די רעזולטאַטן זיינען געווען גלענצנדיקע, האָבן אָבער די מעטאָדן פון גראַנאָווסקין דעם „הבימה"־שוישפּילער קיינמאָל נישט צוגעצויגן. אויך די אַקטיאָרן פון יידישן קאַמער טעאַטער פלעגן זייער אָפט פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ באַהאַנדלונג. אין דער שטיל האָבן זיי געוויס געבענקט נאָך די מעטאָדן פון דער „הבימה". גראַנאָווסקי האָט דעם אַקטיאָר געהאַלטן נאָר פאַר אַ מאַטעריאַל צו אויספילן געוויסע רעזשיסאָרישע אויפגאַבעס, און נישט מער. ער האָט דעם אַקטיאָר נישט געגעבן קיין קינסטלערישע פרייהייט. האָבן זיך טאַקע זייער ווינציק אַקטיאָרן אַנטוויקלט מיט אַן אייגענעם פּרצוף. מען האָט שוין באַדאַרפט זיין אויסערגעוויינלעך טאַלאַנטפול, ווי וואַפסי און זוסקין, כדי אַרויסקריכן פון דעם שווערן יאָך פון דעם רעזשיסאָר־דיקטאַטאָר און אָנצייכענען אייגענע וועגן פון שפּילן.

צווישן דער „הבימה" און יידישן קאַמער טעאַטער איז תמיד אָנגעגאַנגען אַ געוויסע קינסטלערישע אַמביציע, ווער וועט וועמען אַריבעריאָגן ?

אָבער דעם יידישן קאַמער טעאַטער איז געווען אַ סך לייכטער צו קריגן שטימונג אַרום זיך. ער איז געוואָרן דער נאַציאָנאַלער יידישער טעאַטער, דער שפיגל פון מאָסקווע. די פרעסע, סיי די רוסישע, סיי די יידישע, האָט אים געלויבט אין הימל אַריין. דער קאַמער טעאַטער האָט געהאַט אַ סביבה אַרום זיך. דער אַרבעטער, וואָס האָט אפשר נישט אַזוי פאַרשטאַנען די אַקראָבאַטישע אויסטייטשונג פון רעזשיסאָר, איז אָבער פאַרכאַפט געוואָרן פון דער פאַרביקייט, פון די טענץ און געזאַנגען, וואָס זיינען אויסגענוצט געוואָרן אויף אַ וואונדערלעכן אופן. עס זיינען אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אַלע יידישע פאָלקס־לידער, וואָס זיינען באַאַרבעט געוואָרן פון אַזעלכע וואונדערלעכע קאָמפּאָזיטאָרן ווי יוסף אחרון, אַלעקסאַנדער קריין און פולווער. קריינס וואונדערלעכע אָראַטאָריע צו פרצס „באַנאַכט אויפן אַלטן מאַרק“ האָט ממש פאַרכאַפט דעם צושויער.

אָבער אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן, אַז דער צושויער, אַוועקגייענדיק פון טעאַטער, האָט געזונגען די לידער פון טעאַטער, אָבער שפעטער האָט עס אויף אים נישט איבערגעלאָזט קיין רושם. ערגעץ טיף אין האַרצן איז געווען פוסט. די „הבימה“־פאָרשטעלונגען, דאַקעגן, זיינען אַריינגעדרונגען טיף אין האַרצן. דער עולם פלעגט אפשר באַ אונדז נישט פאַרכאַפט ווערן פון דער לעבעדיקייט און פאַרביקייט אויף דער בינע, אָבער דערפאַר איז דער איינדרוק אים פאַרבליבן אויף אַ סך וואָכן און חדשים. דאָס איז דערפאַר, ווייל אין „דער הבימה“ האָט יעדער אַקטיאָר געווירקט מיט זיין פערזענלעכקייט. אָט דערפאַר פלעגן די טיפן פון דער בינע באַגלייטן דעם צושויער אַ לאַנגע צייט.

נאָך אַ קאָנקורירנדיקע מעלה האָט געהאַט דער קאַמער טעאַטער מיט דעם, וואָס ער האָט גערעדט אויף יידיש. האָבן מיר זיך מיטן קאַמער טעאַטער נישט געוואָלט פאַרמעסטן אין געזעלשאַפטלעכע כחות, אָבער אין קינסטלערישן זין האָבן מיר שטענדיק געפילט, אַז ווען מיר האָבן די גינסטיקע רעזשיסאָרישע כחות, און די פאַסנדיקע פיעסע, וואָלטן מיר געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.

מיר האָבן געזוכט אַ רעזשיסאָר ווי מיט ליכט, און נישט געפונען; און קיין פיעסע איז אויך נישט געווען. האָט זיך דער קאָלעקטיוו אָנגעהויבן שטאַרק זאָרגן. עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די פאַרזאַמלונגען און מען האָט געזוכט אַן אויסוועג. אַזוי קאָן ווייטער נישט אָנגיין. מיר האָבן געפילט, אַז דער קאָלעקטיוו דאַרף אָננעמען נייע פאָרמען, אָבער וואָס פאַר אַ פאָרמען, האָט דער קאָלעקטיוו נישט געוואוסט. איין זאַך האָט מען יאָ געוואוסט, אַז ווייטער קאָן מען אַזוי נישט גיין.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר פאָרן אַוועק. דעם נעקסטן סעזאָן וועלן מיר שוין דעם טעאַטער נישט עפענען. מיר וועלן אַרויספאָרן פון

רוסלאַנד. אָבער איידער מיר פֿאָרן אַרויס, דאַרפֿן מיר צוגרייטן נאָך אַ פֿאָרשטעלונג, לכל הפּחות, נאָך איינע.

מיר האָבן געזוכט אַ פּיעסע, וואָס זאָל זיך לאָזן לייכט אויפֿפֿירן, און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער אַמעריקאַנער קאָמעדיע „דער מבול" פֿון א. בערגער.

מיר פּאַרלאָזן סאָוועטן־פּאַרבאַנד

דער „מבול" איז געווען די לעצטע פּאַרשטעלונג, וואָס מיר האָבן אויפגעפירט אין מאָסקווע, די לעצטע אַרבעט, אויף וועלכער מיר האָבן געאַרבעט מיט התמדה, מיט דעם זעלביקן אימפּעט און איבערגעגעבנקייט, וואָס אַ פּאַרשטעלונג דאַרף האָבן. דאָס לעצטע מאָל, וואָס די „הבימה"־שוישפּילער זיינען געזעסן, שטודירט צוזאַמען און דאָס האָט געהייסן זיך פאַרנעמען מיט קינסטלערישער שעפערישער אַרבעט.

אין אַזוינע טעג פלעגט אינגאַנצן פאַרשווינדן דער פּעסימיזם, דער יאוש, און זיין פּלאַץ פלעגט פאַרנעמען מוטיקייט, פריילעכקייט און געזאַנג. שעפערישע אַרבעט פלעגט אָפּשטופּן אַלע זייטיקע זאַכן. עס איז נישט געווען קיין צייט פאַר קיין אַנדער זאַך, ווען מען האָט באַדאַרפט זיצן באַם טיש און שטודירן, אָדער שטיין אויף דער בינע און פּרובירן. פאַר דער „הבימה" זיינען די חדשים פון אַרבעט איבער אַ פּאַרשטעלונג אַלע מאָל געווען אַ סך מער שעפעריש ווי די פּאַרשטעלונג גופא. דער שוישפּילער האָט געהאַט אַ סך מער קינסטלערישן פאַרגעניגן פון דעם פּראָצעס, ווען ער האָט געאַרבעט אויף זיין ראָל, איידער פון דער ראָל, ווען ער האָט זי שוין געשפּילט אויף דער בינע. אויף די פּראָבן האָט ער געניצט זיין פאַנטאַזיע, דאָרטן איז ער געווען דער מייסטער פון דעם געשטאַלט, וואָס ער פלעגט אויספאַנטאַזירן. אמת, מען האָט באַדאַרפט און געקאָנט אויף יעדער נייער פּאַרשטעלונג אויסגעפינען נייעס פאַר דער ראָל, אָבער עס האָט שוין נישט געהאַט דעם טעם.

דער „מבול" האָט געדאַרפט געבן אַ מעגלעכקייט די „הבימה"־שוישפּילער צום ערשטן מאָל זיך אָנטאָן אין אייראָפּייאישע קליידער אויף דער בינע. די האַנדלונג קומט פאָר ערגעץ אין אַ שטאָט אויפן ברעג פון טייך מיסיסיפּי. עס קלייבן זיך צונויף אין „באַר" (שענק) פאַרשיידענע מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט ליב. עס זיינען דאָ שפּעקולאַנטן, אַדוואָקאַטן, בירזשע־הענדלער, אַלטע אַקטיאָרן און דערפינדער. ווען זיי פאַרזאַמלען זיך אין „באַר", זעען מיר זיי זיצן באַזונדער, יעדער — אַ וועלט פאַר זיך. מען רעדט זיך דורך נאָר פון יוצא־וועגן. מען שטעכט זיך מיט ווערטלעך און עס דערגייט צו געשלעגן. אָבער אָט זאָגן אָן די צייטונגען, אַז אַ שטורעם קומט אָן און

ALEXANDER MOISSI　　　　אַלעקסאַנדראָ מאָאיסי

אלעקסאַנדרא מאָאיסי (זיצט צווישן ראַווינה און צמחן אין דער ערשטער ריי) מיטן הבימה קאָלעקטיוו נאָך א פאָרשטעלונג פון „דיבוק“ אין מאָסקווע.

ALEXANDER MOISSI—With the Habima Troupe After a Performance of the "Dybbuk" in Moscow

אַז די מיסיסיפּי־וואַסערן הויבן זיך. די סכנה דערנעענטערט זיך. מען פאַרמאַכט די לאָדן, די טירן, עס ווערט איבערגעריסן דער טעלעפאָן, טע־לעגראַף און צום סוף די עלעקטריק. אַלע פאַרזאַמלטע זיינען זיכער, אַז די גאַנצע שטאָט איז פאַרפלייצט און נאָך אַ מאָמענט וועט עס זיי, צוזאַמען מיטן „באַר", ערגעץ פאַרטראָגן און זיי וועלן אומקומען.

אין אַזאַ סכנה ווערט די חיה אין מענטשן אָפּגעקילט. פאַרן טויט ווערט יעדער אַ בעל־תשובה און יעדער גיט זיך אָפּ חשבון־הנפש: פאַרוואָס אייגנטלעך האָב איך פיינט אַ צווייטן? וואָס איז, מישטיינס געזאָגט, דאָס גאַנצע לעבן? און די אַלע פאַרזאַמלטע טומלען שוין נישט, מען גייט אַרום אַרומגענומען ברידערלעך, אויב שטאַרבן, איז אַלע צוזאַמען. מען קושט זיך אפילו מיטן באַדינער, דעם נעגער. דער באַלעבאָס ווייַנט מיט ביטערע טרערן, מען זאָל טרינקען און עסן, וואָס עס איז נאָר פאַרבליבן, ווייל סיי־ווי־סיי וועלן מיר דאָך שטאַרבן.

דער עולם שיכורט זיך אָן, מען הוליעט, מען האַלדזט זיך און מען קושט זיך ביז מען ווערט אַנשלאָפן. און אַז מען כאַפּט זיך אויף שוין ניכטערע, גלויבט מען זיך אַליין נישט, אַז מען לעבט. עס טוט פּלוצים אַ קלונג דער טעלעפאָן. אַלע טוען זיך אַ לאָז: יעדער וויל זיין דער ערשטער. מען גייט צו צו דער טיר צוהערן זיך ווי עס האַלט מיטן „מבול" און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז קיין מבול איז גאָר נישט געווען. עס איז געווען אַ שטורעם, און באַלד ווערט ליכטיק. איינער פאַרגעסט דעם צווייטן און מען לויפט צום אַרויסגאַנג. די חיה האָט זיך אין מענטשן ווידער אַנטפּלעקט, ער קאָן שוין ווידער דעם צווייטן נישט אָנקוקן און דער באַלעבאָס האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז זיין גאַנצער ווייַן איז אויסגעטרונקען געוואָרן, שטעלט ער צו אַ חשבון דער קאָמפּאַניע, אַז עס ווערט זיי פינצ־טער אין די אויגן. יעדער צעגייט זיך אין זיין נאָרע, נישט נאָר מיטן גוף, נאָר אויך מיט זיין נשמה.

דאָס איז דער אינהאַלט. ווי אַזוי האָט די „הבימה" געוואָלט אויפ־פירן דעם „מבול"? די טעמע איז אַן אַלמענטשלעכע, דאָס איז די נאַטור פון יעדן מענטשן, ווער ער זאָל נישט זיין. אָבער כדי צו געבן דעם „מבול" אַ ספּעציפיש יידישן לבוש, האָבן מיר געוואָלט אַריבערטראָגן די האַנדלונג פון אַמעריקע ערגעץ נעענטער צו אונדז, און די האַנדלונג זאָל פאַרקומען נישט אין אַ „באַר", נאָר, לאָמיר זאָגן, אין אַ שענק אָדער אין אַ הויז, וואו עס זיינען נאָר פאַרזאַמלט יידן. עס זיינען שוין געפונען געוואָרן טיפּן פאַרשיידענע, עס זיינען אפילו געשאַפן געוואָרן נגונים, ספּעציפיש יידישע, אָבער באַ די פּראָבן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט נאָר וועט די פאַר־שטעלונג פון דעם נישט געווינען, נאָר זי קאָן אַ סך פאַרלירן. די אָפּעראַציע

וואָלט אפשר דורכגעגאַנגען דערפאָלגרייך, אָבער דער פּאַציענט וואָלט געשטאָרבן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר וואָלטן געדאַרפט שאַפן אַ נייעם טעקסט פאַר דער פּיעסע, און די רעזשיסאָרן פון דעם „מבול", ווערשילאָוו און טעלעשעווא, האָבן געמוזט זיך אומקערן צום אָריגינאַל, און נישט מאַכן קיינע ענדערונגען. פון דעם עקספּערימענט זיינען נאָר פאַרבליבן די יידישלעכע נגונים, וואָס האָבן זייער שיין געקלונגען, אָבער וואָס האָבן בשום אופן זיך נישט צוגעפּאַסט צו דעם אָריגינעלן „מבול". און דערפאַר פלעגט מען אונדז אַלעמאָל פרעגן, נאָך דער פאָרשטעלונג: זאָגט מיר, פאַרוואָס זינגט איר יידישע נגונים אין „מבול"? ווי קומען אויפן מיסיסיפּי טייך חסידישע נגונים?... גיי דערצייל אַלעמען, אַז דאָס איז אַן איבערבלייבעכץ פון אַן עקספּערימענט;

מיטן „מבול" האָט זיך די „הבימה" איבערצייגט, אַז עס זיינען שוין דאָ אַקטיאָרן, וואָס קאָנען נעמען אַן אייראָפּייאישן רעפּערטואַר, און שפּילן פונקט אַזוי איבערצייגנדיק ווי אין די ספּעציפיש יידישע און היסטאָריש־לעגענדאַרישע פּיעסן.

די פאָרשטעלונג, דער „מבול", איז כמעט אינגאַנצן געבויט געוואָרן אויף דעם שוישפּיל פון דעם אַקטיאָר. דער אַקטיאָר האָט געקאָנט מאַכן אינטערעסאַנט און פאַרכאַפּנדיק די פאָרשטעלונג און האָט אויך געקאָנט מאַכן פון איר אַ פולשטענדיקן דורכפאַל. קיינע רעזשיסאָרישע טריקס זיינען נישט גענוצט געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט געהאָלפן אַרויסברענגען צום ערשטן מאָל נייע שוישפּילערישע כחות. חיהלע גרובער, צום ביישפּיל, האָט זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל אין אַ גרויסער און פאַראַנטוואָרטלעכער ראָל, אין וועלכער זי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר איינער פון די טאַלאַנטפולסטע שוישפּילערינס פון דער „הבימה". באַראַץ און א. וויניאר, אַלס דער באַדינער „טשאַרלי", האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך פלינקייט; איטקין, אַלס סטרעטאָן, איז געווען אויסגעצייכנט, און באַזונדערס האָט אַרויסגעשיינט, צום ערשטן מאָל אין אַ פאַראַנטוואָרטלעכער ראָל, בענקשניידער, אַלס פרעיזער. מיר מיט בערטאָנאָוו, איז אויסגעקומען צו שפּילן צוויי געסט אין „באַר"; ער אַלס אַקטיאָר און איך אַלס דער דערפינדער נאָרדלינג. צום ערשטן מאָל איז מיר אויסגעקומען צו שפּילן אַ קאָמישע ראָל, וואָס איר הויפּט־קאָמיזם באַשטייט נישט נאָר אין אויסזען, נאָר אויך אין די ווערטער. נאָרדלינג האָט אַ מאָנאָלאָג פון אַ נאַאיוון דערפינדער פון אַ טעלעסקאָפּ. אָבער איך הויב אָן צו דערציילן די געשיכטע, און איך האָב אַריינגעבראַכט אַזויפיל קאָליר אין דעם מאָנאָלאָג, וויפיל עס איז געווען מעגלעך, אָבער ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב אָפּגעקנאַקט דעם מאָנאָלאָג און בין געבליבן מיט

אַן אָפּענעם מויל וואַרטן אויף אַ געלעכטער, אָדער אפילו אַפּלאָדיסמענטן, און נישט נאָר האָב איך נישט געהערט קיין געלעכטער, נאָר קיין שמייכל האָט קיינער נישט געטאָן. איינער איז געזעסן אין דער ערשטער ריי מיט אַזאַ אויסדרוק, ווי איך זאָל אים געווען אָפּגיסן מיט קאַלטע וואַסער. פון ווייטיק האָב איך זיך געלאָזט לויפן הינטער די קוליסן, טרערן האָבן מיך געשטיקט און איך האָב קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסריידן. עס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן: דו אַרבעטסט אַזויפיל אויף אַ ראָל, און צום סוף פאַרשטייט מען דיך גאָר נישט!

איך בין זיכער, אַז אַ סך אַקטיאָרן פון „מבול" האָבן די זעליבקע זאַך געפילט. און אפשר שפּיל איך שלעכט? אפשר איז שולדיק מיין שפּילן אין דעם וואָס מען לאַכט נישט? אָבער אָט שפּילן אַנדערע אַקטיאָרן זייער גוט, און מען לאַכט אויך נישט. שפּעטער האָבן מיר זיך צוגעוואוינט צו דעם, מיר האָבן אין משך פון שפּילן געפונען פאַרשיידענע פּאַנטאָמימעס אַריבערצוטראָגן די קאָמישע סיטואַציעס איבער דער ראַמפּע.

מער פון אַלעמען איז געווען אויפגעבראַכט דער, וואָס האָט געשפּילט דעם אַקטיאָר אויף די ערשטע פאָרשטעלונגען. זיין נאָמען איז געווען פּערסיק. קיין טאַלאַנט האָט ער אפשר נישט פאַרמאָגט, אָבער אַ באַציאונג האָט ער געהאַט צו דער בינע. ער, אַלס „אַקטיאָר", האָט אויך געהאַט אַ מאָנאָלאָג און צום סוף, ווען דער עולם האָט באַדאַרפט לאַכן און נישט געלאַכט, איז ער צוגעגאַנגען צו דער ראַמפּע, אַריינגעקוקט טיף אין טעאַ־טער און געוואַרט. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש מיט מיר און גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער אויף אַלעמען, ספּעציעל אויף די יידן, וואָס לערנען זיך ניט העברייאיש. לאַכן פון אים האָט מען נישט געטאָרט, ווייל לויט דעם פּיפּקען זיינעם מיט דער ליולקע אין מויל האָט מען געקאָנט זען, אַז מען איז נישט „זיכער מיטן לעבן".

דער „מבול" האָט אָבער געבראַכט אַ סך פרייד דער „הבימה". די פאָר־שטעלונג איז געווען אַנדערש ווי אַלע אַנדערע. עס איז געווען אַ פריילעכע פאָרשטעלונג.

די טעאַטער־אַדמיניסטראַציע האָט דערווייל געגרייט זיך צום אָפּפאָרן. צמח איז געפאָרן קיין בערלין און ריגע און האָט געקראָגן אַן אַנטרעפּעניאָר נישט נאָר מיט געלט, נאָר אויך מיט באַציאונג צו דער „הבימה". דאָס איז מ. א. גפן. האָט מען באַדאַרפט זיך אַביסל אויסקליידן, צוגרייטן זיך צום וועג, און אָט קומט אָן אונדזער געזעגענונגס־פאָרשטעלונג אין מאָסקווע. מיר האָבן געשפּילט דעם „דיבוק" צום 300טן מאָל. דער טעאַטער איז אַזוי געפּאַקט, אַז עס איז נישטאָ וואו אַ ריר צו טאָן זיך און די קאַסע איז באַלאַגערט. די גאַס איז פאַרפּלייצט פון מענטשן. אַ סך פריינט, פאַר־ערער פון דער „הבימה" שטייען אין דרויסן און קאָנען נישט אַריין,

עס איז געוואָרן אַזאַ גערדערנג, אַז מען האָט געמוזט אַרויסרופן מיליציע צו האַלטן אָרדענונג.

די פאָרשטעלונג איז געשפּילט געוואָרן פּונקט ווי צום ערשטן מאָל, מיט וואַכטאַנגאָוון. די זעלביקע ערנסטע שטימונג, די זעלביקע האַרץ־קלאַפּעניש.

אין די גאַרדעראָב־צימערן הערשט אַזאַ אומרואיקייט, אַז מען קאָן זיך קוים פאָרשטעלן. יעדער איינער איז פאַרטיפט אין זיך; יעדער איינער פילט, אַז מיט דער פאָרשטעלונג ווערט פאַרענדיקט אַ פּעריאָדע אין זיין לעבן; אַז עס רייסט זיך איבער אַ פאָדים, וואָס האָט פאַרשאַפט אַזויפיל פרייד.

יעדער איינער האָט פאַראויסגעזען עפּעס אַנדערש אויפן וייטן אומ־באַקאַנטן וועג. עס האָט זיך נישט געוואָלט איבעררייסן דאָס לערנען, איבערלאָזן די טויזנטער פריינט, די וואַרימע באַציאונג פון דער גאַנצער טעאַטער־וועלט, און אַ שרעק האָט מען געקאָנט זען אין יעדנס אויגן, אַ שרעק פאַר דאָס אומאָבוואוסטע. חברים, וואָס האָבן געמוזט פאַרבלייבן אין מאָסקווע און וואָס זיינען געווען פאַרבונדן אַ סך יאָרן מיטן טעאַטער, זיינען געשטאַנען הינטער די קוליסן און געוויינט. זיי האָבן פאַרלאָרן אַלץ... און ווען צמח האָט פאַרענדיקט זיין געזעגענונגס־רעדע פאַרן פאָר־האַנג, און אַ בלייכער אַרויף צו אונדז אויף דער בינע, האָט די מוזיק אָנגע־הויבן שפּילן „מפּני מה". די טענער האָבן זיך געצויגן לאַנגזאַם הינטער די קוליסן אין טעאַטער אַריין, דער עולם האָט מיטגעזונגען דעם ניגון. פון אַ סך פּלעצער האָבן זיך געטראָגן כליפּערייען. עס האָט געשטיקט אין האַלדז. די געדאַנקען זיינען געווען ערגעץ אויף ביזשני קיסלוואָסקי פּערעאולאָק, וואו מיר זיינען אַמאָל געזעסן און געשלונגען די ווערטער פון וואַכטאַנגאָוון.

אַזאַ פאָרשטעלונג איז זעלטן צו זען. עס איז נישט קיין שפּיל, עס איז אַ „זיי־געזונט", וואָס קאָן נישט איבערגעגעבן ווערן מיט ווערטער, נאָר בלויז דורך געפיל און געזאַנג. ווען דער פאָרהאַנג איז געפאַלן, נאָכן לעצטן אַקט, האָבן מיר נאָך אַלץ געהערט געשרייען אין רוסיש, העברעיי־איש און יידיש. פריינט און פאַרערער זיינען געקומען הינטער די קוליסן געדריקט די הענט און געהאָלפן פּאַקן די זאַכן. דערביי פלעגן זיי נייגעריק פרעגן, ווען קומען מיר צוריק? מיר האָבן געענטפערט, אַז מיר פאָרן אויף אַ טורנע נאָר אויף אַ האַלבן יאָר, העכסטנס אויף אַ יאָר, און מיר קומען צוריק.

דאָס איז נישט געווען קיין ענטפער גלאַט אין דער וועלט אַריין. מיר האָבן געגלויבט באמונה שלמה, אַז מיר קומען צוריק. מיר האָבן זיך גאָר אַנדערש נישט פאָרגעשטעלט. די סאָוועטישע מאַכט האָט אונדז

נישט נאָר באַוואָרנט מיט פּאַספּאָרטן יעדן איינציקן, נאָר אויך מיט ספּע־ציעלע דערלויבענישן פאַר אונדזערע צימערן, וואָס זאָלן נישט צוגענומען ווערן בײַ אונדז, בעת מיר וועלן זײַן אַוועקגעפאָרן.

אין עטלעכע וואָכן אַרום זײַנען די דעקאָראַציעס געווען פאַרפאַקט. מיר זײַנען געווען גרייט יעדן טאָג פאַרלאָזן מאָסקווע. צווישן די אַלגעמיינע אַפּישן איז דער „הבימה"־פּלאַץ געווען ליידיק. מיר האָבן שוין אפילו נישט געהאַט קיין פּלאַץ וואו צו פאַרזאַמלען זיך. דעם 24טן יאַנואַר, 1926, זײַנען מיר שוין געווען אויף אַ באַן, וואָס האָט אונדז באַדאַרפט פירן „זאַ גראַניצו" אין אויסלאַנד — ריגע. דער באַן־הויף איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן, פריינט, אייגענע און קרובים. דער וואַגאָן איז געווען געפּאַקט מיט פאַרערער, יונגע מאָלער, שוישפּילער, פּאָעטן, וואָס פלעגן זיך אויסלעבן מיט דער „הבימה", און איצט זײַנען זיי פאַרבליבן אַליין. נאָך אַ מאָמענט און מיר פאַרלאָזן מאָסקווע. די באַן רירט זיך, סאָפּעט, און הוסט, און ס'איז איר שווער אַרויסצורייסן זיך פון די מאַסן וואַגאָנען אַרום און אַרום. דורכן פענצטער זעט מען גאָרנישט. אַ פינצטערער חלל. נאָר פון ערגעץ הערט זיך דער באַוואוסטער טרויעריקער רוסישער נגון: „סוכאַיו יאַ קאָראַטשקאַי פּיטאַלאַס". דער ניגון ווערט אַלץ שטילער און שטילער, מ'הערט נאָר דעם טאַקט פון די רעדער, וואָס פרעגן „וואוהין?" וואוהין? וואוהין?" מיר זיצן אַלע און שווייגן.

שפּעט באַנאַכט זײַנען מיר אָנגעקומען צו דער גרעניץ. די רוסישע וועכטער האָבן אונדז אַלעמען אַראָפּגענומען פון וואַגאָן, מען האָט אונדזערע זאַכן זייער ווינציק אונטערזוכט, און ווען זיי זײַנען פאַרטיק געוואָרן מיט אַלעמען, האָבן זיי אונדז נאָך געהאַלטן. מיר האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טראַכטן פון אַזאַ העפלעכקייט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די וועכטער האָבן זיך דערוואוסט, אַז עס פאָרן אַקטיאָרן פון מאָסקווע, בעטן זיי, מען זאָל פאַר זיי אימפּראָוויזירן אַ קאָנצערט. וואָס־זשע גיט מען זיי? סיידן אָפּשפּילן זיי אַ סצענע פון „אייביקן ייד"?... פונדעסטוועגן האָט גאָלאַנד פאַר זיי געזונגען אַ פּאָר רוסישע לידער, איינער האָט עפּעס דע־קלאַמירט, און מיר האָבן זיך גוט־ברודעריש געזעגנט מיט זיי.

אין אַ שטונדע אַרום זײַנען מיר צוגעפאָרן צו דער לאַטווישער גרעניץ. אין וואַגאָן איז פינצטערלעך. מיר זײַנען פאַרשלאָפן. מען קוקט דורך בײַ אונדז די פּאַספּאָרטן און מיר זײַנען שוין אין אויסלאַנד. עס זײַנען געקומען ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענטן פון ריגע אונדז באַגעגענען. דער קאָרעספּאָנ־דענט האַלט אַ ביכעלע אין האַנט און פאַרשרײַבט אַלץ, וואָס ער הערט. אונדז איז נישט געווען פאַרשטענדלעך פאַרוואָס וויל ער דווקא ריידן מיטן דירעקטאָר, אָדער נאָר מיט די, וואָס שפּילן די הויפּט־ראָלע. מען גיט אים צו פאַרשטיין, אַז עס זײַנען נישטאָ קיין דירעקטאָרן, עס זײַנען נישטאָ

קיין הויפּט־ראָליסטן. אמת, עס איז דאָ אַ מנהל, עס איז דאָ אַ „מועצה“, אָבער זיי זיינען אַלע חברים פון איין גרויסן קאָלעקטיוו. „טאַקע“? האָט זיך גע־וואונדערט דער באַברילטער קאָרעספּאָנדענט. „וואָס מיינט איר?“ האָט ער שוין גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין, ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז מיר באַקומען אַלע איין געהאַלט, אַז אַלע שפּילן קליינע און גרויסע ראָלן. דער קאָרעספּאָנדענט האָט עס אויסגעהערט, אָבער ער האָט זיך געשמייכלט אין וואָנצע, ווי איינער רעדט: „איר מעגט זיך ריידן פון קאָלעקטיוו, שמאָלעקטיוו, אָבער מיר וועלן שוין שרייבן, וואָס מען דאַרף“.

עס האָט שוין געטאָגט, ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין ריגע. דער וואָק־זאַל איז געשלאָפן. עטלעכע מענטשן זיינען געקומען אונדז באַגעגענען און צווישן זיי אונדזער אימפּרעסאַריאָ דער גוטמוטיקער מ. א. גפן, וואָס האָט, אגב, געבראַכט די „הבימה“ נישט אַזוי צוליב געשעפט, ווי צוליב איר נאַ־ציאָנאַל־קולטורעלן ווערט. מען האָט אונדז אָפּגעפירט אין האָטעלן, און איבער די גאַסן זיינען שוין געהאַנגען גרויסע ריזיקע אַפישן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט אונדזער ערשטע פאָרשטעלונג אין ריגע.

ריגע — אונדזערע ערשטע גאַסטשפּילן אין אייראָפּע

דער רעגן קלאַפּט טרויעריק אויפן פענצטער אין האָטעל. לאַנגזאַם און ספקדיק קומט אָן אַ נייער טאָג. דו ליגסט מיט אָפענע אויגן און קוקסט אויף דעם פאַרכמורעטן הימל. אַ געמיש פון פרייד און ספקות אין דיין האַרצן. דו טראַכסט: אָט ביסטו, הבימהניק, שוין אין אויסלאַנד, דאַרפסט באַגעגענען די מאַסע, פאַר וועלכער דו האָסט געבראַכט נישט נאָר קונסט, נאָר אויך אַ מיסיע צו פאַרשפּרייטן אויף דער גאַנצער וועלט. דו, אידישער קינסטלער־אינטעליגענט, מענטש פון דער נייער עפּאָכע, פאַרשטייער פון אַ נייעם לעבן, אויב דיין אויפגאַבע איז נישט קונסט לשם קונסט, נאָר אויך אַ געוויסע מיסיע, טאָ אין וואָס באַשטייט זי, אָט די מיסיע? וואָס איז אָט דאָס נייע וואָרט, וואָס דו וועסט זאָגן מיט דיין קונסט די טויזנטער און טויזנטער מענטשן, וואָס וועלן קומען דיך זען שפּילן?

אָט די פראַגע איז געשטאַנען שאַרף און בולט פאַר אַ סך פון די הבימהניקעס. און נאָך שאַרפער איז זי געוואָרן, ווען מען איז אַרויס אין דער גאַס און מען האָט דערפילט דעם גרויסן אומגעדולד און פיבער, מיט וועלכן די יידן האָבן געוואַרט אויף די „הבימה"־פאַרשטעלונגען. מען האָט געפילט אַ גרויסן יום־טוב אין שטאָט; מען האָט געפילט, אַז דער עולם ריכט זיך אויף אַ געשעעניש.

געוויינלעך האָבן געהאָלפן שאַפן די שטימונג אָט די אַלע קאָרעספּאָנדענטן, וואָס האָבן אונדז באַגעגענט. נישט נאָר די יידישע, נאָר אויך די לאַטווישע צייטונגען האָבן געשריבן אַ סך וועגן די קומענדיקע גאַסטראָלן, און געוויס אַ סך גוזמאות, זאַכן נישט געשטויגענע, אום צו שאַפן דעם געהעריקן אינטערעס. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט מען געשריבן, אַז די הבימהניקעס זיינען פרום. מען עסט נישט אָן היטלען, און נאָר כשר. זיינען שוין גרופּעס געשטאַנען אַרום רעסטאָראַן, וואו די הבימהניקעס האָבן געגעסן, צו זען מיט די אייגענע אויגן, ווי זעען אויס אַקטיאָרן וואָס זיינען פרום, און דערצו רעדן זיי נאָך העברייאיש ווי מאַמע־לשון. אמת, אַ סך זיינען אויך געבליבן אַנטוישטע, זעענדיק פּשוטע בשר־ודמס, וואָס עסן

נאָך דערצו אָן היטלען און קיין עין־הרע מיט אַזאַ אַפּעטיט, ווי נאָך אַ גרויסן הונגער . . .

ריגע איז, דאַכט זיך, נאָענט און דאָך אַזוי ווייט פון סאָוועט־רוסלאַנד. אָט דאָרטן, איבערן גרעניץ, האָט מען באַ די מיליאָנען יידן צוגעמאַכט די קרעמלעך, דעם איינציקן קוואַל פון פרנסה. מען האָט באַ זיי צוגענומען דאָס שטעקעלע, מיט וועלכן זיי פלעגן דרייען, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין; מען האָט גענומען מנחם־מענדלען און מען האָט אים געזאָגט: נישט נאָר ביסטו גייסטיק באַפרייט געוואָרן אין דעם נייעם רוסלאַנד, נאָר דו קאָנסט און דאַרפסט באַפרייט ווערן פיזיש; קאָנסט ציען דיין חיונה פון וועלכער סאָרט אַרבעט דו ווילסט נאָר. אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט מען געזאָגט דעם יידן: קודם־כל ביסטו אַ מענטש און נאָכדעם קאָנסטו זיין אַ ייד, אַ גוי, אַ טאָטער. אָבער דאָ, אין ריגע, זאָגט מען: קודם־כל ביסטו אַ ייד, און נאָכדעם אַ מענטש.

אין ריגע זיינען די פאָרמען פון דעם יידישן לעבן כמעט ווי נישט פאַרענדערט געוואָרן, און מען האָט אויף אונדז געקוקט ווי אויף מענטשן, וואָס קומען פון הרי־חושך. אָט די ספּעציפישע באַציאונג האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם אינטערעס באַ דעם ריגער יידנטום, און דאָס האָט געהאָלפן צו שאַפן די יום־טובדיקע אַטמאָספערע, אַזוי אַז די בילעטן פאַר אַלע פאָרשטעלונגען זיינען אויסגעפאַרקויפט געוואָרן אין פאָראויס.

עס איז אוממעגלעך צו פאַרגעסן דעם ערשטן אָוונט. מיר שפּילן אין שענסטן טעאַטער, וואָס ריגע פאַרמאָגט. די בינע איז אַזוי גרויס, אַז דער גאַנצער מאָסקווער „הבימה"־טעאַטער וואָלט זיך געקאָנט באַקוועם צעלייגן אויף אָט דער ריזיקער בינע. געוויינלעך איז שטרענג פאַרבאָטן ווען עס איז פון קאָלעקטיוו אַריינצוקוקן אין דעם „אויג" פון פאָרהאַנג, אָבער היינט מעג מען. דאָס האַרץ קלאַפּט אַזוי שטאַרק, און טוסטו אַ קוק אין „אויג", פאַרדרייט זיך דער קאָפּ. דער באַלויכטענער זאַל איז נישט נאָר אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, נאָר יעדער מעגלעכער שטיי־פּלאַץ איז פאַרנומען, און עס דאַכט זיך דיר, אַז מענטשן הענגען אין דער לופטן. דו פילסט דעם ציטער פון דעם עולם, דער עולם איז גרייט פאַרכישופט צו ווערן, און באַ אַזויגע אומשטענדן פילט דער קינסטלער, אַז ער באַהעפט זיך מיט זיין גאַנצער נשמה מיטן עולם.

דער גאַנצער קאָלעקטיוו איז פאַרגרימירט, שטייט הינטער די קוליסן, און אויף דער בינע. עס איז דאָך אַ יום־הדין, היינט איז די ערשטע באַגעגעניש מיט אָט דעם לאַנג דערוואַרטעטן עולם. אָט דער עולם, וואָס דאַרף מיט אונדז פאַרקניפּט און פאַרבונדן ווערן דורך קינסטלערישע פעדים; דער עולם, פאַר וועלכן דו האָסט זיך מקריב געווען, געזעסן און געלערנט, הונגער געליטן, צו ברענגען אים דאָס קינסטלערישע וואָרט, און דיין מיסיע.

מיכאיל אלעקסאנדראָוויטש טשעכאָוו
„צאַר איוואַן דער שרעקליכער"

MICHAIL ALEXANDROWITCH TCHEKHOV
as the Tzar Ivan the Terrible



THE MOSCOW JEWISH STATE THEATRE
Scene: *The Witch, by A. Goldfaden*
Staged by A. Granovsky

דער מאָסקווער אידישער מלוכה-טעאטער
א סצענע פון א. גאָלדפאַדענס „די קישעפמאַכערן“
אויפגעפירט פון א. גראַנאָווסקי

אין אַזוינע מאָמענטן איז שווער צו טראַכטן. דו גיסט זיך איבער דער סטיכיע, די אַרומיקע אַטמאָספערע פאַרכאַפּט דיך, און דער דערפאָלג באַם סוף פון יעדן אַקט איז אומבאַשרייבלעך. אַלס קינסטלער ביסטו אין דעם מאָמענט הונדערט פּראָצענט צופרידן, ווייל דער טויזנט־קעפּיקער עולם שטייט און אַפּלאָדירט דיר לאַנג און האַרציק. אויסגעשרייען ספּעציעל פון דער גאַלעריע פאַרהילכן דעם זאַל. היינט זיינען דאָך פאַרזאַמלט פאַרשיידענע ריכטונגען, פאַראַן דאָ נאָענטע פריינט, ליב־האָבער פון קונסט בכלל און פריינט פון העברייאישן וואָרט, ציוניסטן, וואָס באַטראַכטן אונדזער דערפאָלג פאַר זייער אויפטו, און אַנטי־ציוניסטן, וואָס קוקן אויף אונז ווי אויף פינצטערלינגען, וואָס זיינען געקומען צו פאַרשפּרייטן לשון־קודש. עס זיינען אויך געווען פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס האָבן געקוקט אויף אונדז, ווי אויף אַ דערגרייכונג פון דעם נייעם רוסלאַנד, און אַזוינע, וואָס האָבן געקוקט אויף אונדז ווי אויף נאָך אַ „סאָוועטסקען בלאַף״.

אין ערשטן מאָמענט, אַז זיי האָבן פאַרגעסן אָן פּאָליטיק און זיינען געווען אונטער דעם קינסטלערישן איינדרוק פון דער פאָרשטעלונג, האָבן אַלע אַפּלאָדירט; אָבער שפּעטער האָבן זיך שוין געהערט אויסגעשרייען פון פריינט און קעגנער.

ווען מען האָט אַרויפגעטראָגן אויף דער בינע דעם ריזיקן בוקעט מיט בלומען פון דעם סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר, וואָס איז געווען אין טעאַטער, האָט זיך דער טעאַטער פאַרוואַנדלט אין אַ דעמאָנסטראַציע פאַר און קעגן דער „הבימה״, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט; עס האָט געהערשט אַזאַ טומל, אַז מען האָט נישט געקאָנט אפילו אויסהערן די באַגריסונגען פון די פאָרשטייער פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס.

די שטימונג פון דער פאָרשטעלונג און נאָך דער פאָרשטעלונג האָט אָבער נישט פאַרקלענערט דעם רושם פון דער „הבימה״. פאַרקערט, עס האָט צוגעגעבן נאָך אַ גרעסערן אינטערעס. די פּרעסע איז אַרויס מיט אָפּשאַצונגען, וואָס האָבן געלויבט די פאָרשטעלונגען אין הימל אַריין. און דאָס האָט אונדז פאַרזיכערט אַ דערפאָלג, נישט נאָר אין ריגע, נאָר אויך אין די דערבייאיקע לענדער. יעדע פאָרשטעלונג איז געווען אַ טריאומף. דער גרויסער מאַטעריעלער דערפאָלג האָט אונדז אויך געגעבן אַ מעג־לעכקייט זיך אָנטאָן ווי געהעריק און אַוועקוואַרפן די קליידער, וואָס האָבן שוין נעבעך געמוזט אָפּרוען אַביסל... און שיך האָבן מיר אין ריגע איבערגעלאָזט אַזוינע, וואָס האָבן שוין געהאַט אַ פאָרמע פון וואָס איר ווילט, אָבער נישט פון קיין שיך. הכלל, מיר האָבן זיך אויסגעקליידט און שיין אויסגעפּוצטע פלעגן מיר גיין אויף די באַנקעטן, וואָס פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס האָבן געמאַכט פאַר דעם קאָלעקטיוו.

דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, וואָס מיר האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון אינדיווידועלע קריטיקן. דער קריטיקער האָט נאַטירלעך נישט געקאָנט אויסרעכענען אַלע נעמען פון די אָנטיילנעמער אין דער פאָרשטע־לונג, כאַפּט ער אַרויס די הויפּט־פיגורן פון דער פאָרשטעלונג און גיט זיין מיינונג, און די איבריקע רופט ער אויס „עם כל הנערים״. דער וואָס ווערט דערמאָנט, פרייט זיך, דער וואָס שפּילט אַ קלענערע ראָלע, אָדער גאָר אין אַנסאַמבל, ווערט געקריוודעט און ער טראַכט: ווי באַלד מען באַמערקט מיך נישט, הייסט עס, איך בין נישט וויכטיק; טאָ צו וואָס דאַרף איך זיך אַזוי אָנשטרענגען צו שפּילן מיט אַזאַ אויפריכטיקייט, מיט אַזויפיל טעמפּעראַמענט? ער הויבט אָן צו קוקן אויף דעם, וואָס ווערט דערמאָנט, מיט השד, מיט אייפערזוכט. און דער קאָלעקטיוו, אַלס אַ גאַנצער, הויבט אָן ליידן פון דעם. די קריטיק, ווי איר שטייגער, איז געוואוינט צו קריטיקירן איינצלנע מענטשן, אַרום וועלכע די טרופּע איז מערסטנטייל אַ צופעליקע; די קריטיק, ווי עס שיינט, האָט קיינמאָל נישט געהאַט צו טאָן מיט אַ קינסטלערישן קאָלעקטיוו, וואָס איז דערצויגן געוואָרן מיטן געדאַנק, אַז עס זיינען נישטאָ קיין גרויסע און קליינע ראָלן. מען האָט געפילט, אַז אָט די קריטיקן דעמאָראַליזירן דעם קאָלעקטיוו. מיר האָבן געפילט, אַז עס רוקט זיך אָן אַ שונא אויף אונדז, אָבער מיר האָבן זיך נישט געקאָנט העלפן. דאָס איז געווען דער וועג פון דעם טעאַטער אין אויסלאַנד, — אַ וועג וואָס פירט צום יחיד.

שפּעטער, אין אַמעריקע, זיינען מיר געקומען פּנים־אל־פּנים מיט גאָר טרויעריקע פאַקטן וועגן דעם. אָבער דאָ, באַם סאַמע אָנהויב פון אונדזער טורנע, האָט אונדז די געזעלשאַפט צוגעטראָגן אַ פּראָבלעם, וואָס מיר מוזן קעמפן מיט דעם, אָדער עס וועט אונדזער קאָלעקטיוו שטעלן אין אַ גרויסן נסיון. יעדן טאָג פלעגט די פּראָבלעם פאַרנעמען מער און מער פּלאַץ. שפּעטער, אין אַנדערע שטעט, האָבן שוין אפילו אָנגעהויבן פאַר־קומען פאָרוואורפן פון קאָלעקטיוו צו דער „מועצה״ און פון דער „מועצה״ צו צמחן, און וואָס ווייטער מיר זיינען געפאָרן, אַלץ מער האָבן די פאַר־שטייער פון אָרגאַניזאַציעס און די פּרעסע אונטערגעשטראָכן יחידים. ס׳איז אויסגעקומען אַזוי, אַז דער קאָלעקטיוו איז אויך עפּעס, נאָר דער עיקר איז דער און דער, אָדער די און די.

מיר געדענקט זיך אפילו אַן עפּיזאָד, וואָס וועט בולטער כאַראַקטעריזירן די באַציאונג צו אונדזערע יחידים און סתם מיטגלידער פון קאָלעקטיוו: מיר קומען אָן אויף אַ סטאַנציע פון איינער פון די גרויסע שטעט אין ליטע. אַ סך מענטשן קומען אונדז באַגעגענען. מוזיק שפּילט. עס קומט אונדז אַראָפּנעמען פון באַן אַ קאָמיטעט פון פיר. עס האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז די ערשטע באַם אַרויסגאַנג פון וואַגאָן זיינען געשטאַנען שניידער און איך.

איך בין געווען אַנגעטאָן אין אַ ברייטן פוטער, שוין דריי מאָל אָן איבער־געניצעוועטן, אָבער אָן איינדרוק האָט ער געמאַכט פון אַ „וויכטיקן" פוטער. אַזוי ווי מיר זיינען געווען די ערשטע, האָבן אונדז די דעלעגאַטן אונטער־געכאַפּט אונטער די הענט. זיי האָבן גערעדט צו אונדז זייער פריינטלעך און מיט אַ סך ליבשאַפט און זאָרג פאַר אונדזער געזונט. זיי זאָגן אונדז דערביי, אַז ווער ווער, נאָר מיר צוויי וועלן מוזן איינשטיין ביי זיי אין הויז. נו, טראַכטן מיר, אָט דאָס הייסט אויפגענומען. זיי פרעגן נישט ווער מיר זיינען, וואָס מיר זיינען, אַבי מיר זיינען נאָר קינסטלער פון דער „הבימה". דערוויייל טוט איינער אַ שמייכל צו שניידערן און זאָגט: „איר פאַרשטייט, מר. צמח". זאָגט שניידער: „אַנטשולדיקט, איך בין נישט צמח". ווערט אים נישט גוט, און ער ווענדט זיך שוין צו מיר, ווי ער וואָלט פרעגן: אפשר איר? און איך זאָג: „צמח איז דאָרטן". די דעלעגאַטן האָבן אונדז אָנגעקוקט ווי גזלנים און זיינען אונטער די הענט נישט געוואָרן...

די פאָרשטעלונגען אין ריגע האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ גרעסערן דערפאָלג, ווי מיר האָבן דערוואַרט. מיר האָבן געשאַפן אַ יום־טובדיקע שטימונג אין שטאָט. אונדז איז געלונגען אַריינצוברענגען יום־טובדיקייט אין די גרויע טעג פון די טויזנטער מענטשן. אַרומבלאָנדזשענדיק איבער די קרומע, שמאָלע געסעלעך פון ריגע, צוזעענדיק די אָרימקייט און גרוי־קייט פון לעבן; צוזעעענדיק די לאַנגע שערענגעס מיט פאַרשטייפטע ליפּן און איינגעדאַרטע פנימער, האָסטו נישט־ווילנדיק געטראַכט: אפשר ליגט אונדזער מיסיע אין דעם, וואָס מיר ברענגען אַריין אַ שטיקל פרייד אינם גרויען לעבן פון אָט די אַלע דערשלאָגענע מענטשן?

און מיר פאָרן קיין קאָוונע.

דערפֿאָלג און צווייפֿל

דער טריאומף פֿון דער „הבימה“ איז געשטיגן פֿון טאָג צו טאָג, און אונדזער אָנקומען אין אַ שטאָט איז פּשוט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יום־טוב. נישט נאָר פֿלעגן טויזנטער מענטשן קומען אונדז באַגעגענען באַ די וואָקזאַלן מיט מוזיק, געזאַנג און בלומען, נאָר אין אייניקע שטעט, ווי אין ביאַליסטאָק, צום ביישפּיל, האָבן די יידן אין אַ פּשוטן מיטנוואָך פֿאַרמאַכט די קלייטן, זיך אויסגעפּוצט אין יום־טובדיקע קליידער און אָנגעפֿילט די הויפּט־גאַסן אין אַ געהויבענער שטימונג. און אפֿשר איז עס די ביאַליסטאָקער מער אָנגעגאַנגען דערפֿאַר, ווייל מיר האָבן דאָך פֿאָרט געצויגן אונדזער יחוס פֿון ביאַליסטאָק.

מיר זיינען אַזוי צוגעוואוינט געווען צו טרעפֿן באַ די וואָקזאַלן הונדערטער און אַמאָל טויזנטער מענטשן, אַז איינמאָל, אָנקומענדיק אין אַ שטאָט אין פּוילן, און זעענדיק, אַז דער וואָקזאַל איז באַלאַגערט מיט טויזנטער מענטשן, און אַז אַ חוץ דעם שטייען אויסגעשטעלט שערענגעס סאָלדאַטן מיט ביקסן, מיט מוזיק פֿון עטלעכע אָרקעסטערס, האָבן מיר געטראַכט: אויף אַזאַ קעניגלעכן קבלת־פּנים האָבן מיר זיך שוין נישט גערעכנט. וואָס־וואָס, נאָר סאָלדאַטן אַרויסשיקן, דאָס איז שוין צופֿיל פֿאַר אונדז. עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז די פּוילישע רעגירונג זאָל אָפּגעבן אַזאַ כבוד יידישע אַקטיאָרן. נאָר וואָס דאַרף מען אַ סך טראַכטן, אָט זעט איר דאָך... מען שרייט צו אונדז, מען וואַרפֿט היטלען אין דער לופֿטן, און מיר קוקן אַרויס פֿון די פֿענצטער און שמייכלען גוטמוטיק און ווייסן נישט וואָס צו טאָן אין אַזוינע געהויבענע מאָמענטן. דערווייל, אַזוי ווי מיר ווילן אַרויסשלעפּן אונדזערע פּעקלעך פֿון וואַגאָן און לויפֿן אין האָטעל זיך אַרומוואַשן און אָפּרוען, לאָזט דער קאָנדוקטאָר גאָר נישט אַרויס. ער זאָגט גאָרנישט, ער טוט נאָר אַ בורטשע אין זיינע צוויי לאַנגע וואָנצעס עטלעכע ווערטער, וואָס עס דאַרף הייסן: „זיצט און פֿלאָנטערט זיך נישט אונטער די פֿיס“.

צו אונדזער אַנטוישונג איז גאָר קיין גרעניץ נישט געווען, ווען מען האָט אונדז שפּעטער דערציילט, אַז אין דער זעלביקער צייט, וואָס מיר זיינען אָנגעקומען, איז אויך געקומען פּילסודסקי מיטן שטאַב... דער סוף

איז געווען, אַז מען האָט אונדז געהאַלטן אין וואַגאָן ביז דער גאַנצער פּאַראַד איז פאַראיבער און ערשט נאָכדעם זיינען מיר שוין געפאָרן מיט די פּעקלעך גלייך אין טעאַטער, צו גרימירן זיך.

דער ענטוזיאַזם איז געווען אַזוי גרויס, אַז די שולן פלעגן באַפרייען די קינדער פון לערנען אויף דער צייט וואָס די „הבימה" איז געווען אין שטאָט. אַזוי, צום ביישפּיל, איז אין קאָוונע פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ יום־טוב. אין קיין שטאָט אויף דער וועלט וועט מען ניט פאַרגעסן די טורנע האָבן די „הבימה"־אַק־טיאָרן זיך נישט געפילט אַזוי גליקלעך, ווי אין קאָוונע. די באַגעגעניש האָט אונדז גערירט ביז טרערן, די קינדער אַרום וואָקזאַל, די ליבע פון די אומבאַקאַנטע און דאָך אַזוי נאָענטע מענטשן איז באמת געווען רירנדיק. עס ווערט דיר אַזוי גוט אויפן האַרצן, דיר דאַכט זיך, אַז דיינע ביז אַהעריקע ספקות זיינען געווען איגנאַנצן איבעריק. זע, וויפיל ליבע מען וויזט דיר אַרויס! הייסט עס, אַז דיין מי, דיינע קרבנות זיינען נישט אומזיסט געווען. אָט איז זי, די מאַסע, וואָס וואַרט אויף דיר און שאַצט דיך אָפּ.

מען אָרדנט איין די הבימהניקעס נישט אין קיין האָטעל. ניין, דאָס וואָלט געווען, פאַר קאָוונער יידן, אַ באַליידיקונג. מען צעכאַפּט זיי אין פּריוואַטע הייזער, און מען וויזט זיי אַרויס אַזויפיל ליבשאַפט, וואָס מען קאָן דאָס גאָר נישט אָפּשאַצן.

די פאָרשטעלונגען אין קאָוונע זיינען נישט געווען קיין פּשוטע פאָר־שטעלונגען פון אַקטיאָרן פאַר צושויער. יעדער פון אונדז האָט זיך געפילט ווי אַ שליח־צבור פון דעם עולם, וואָס איז געזעסן אין געפּאַקטן טעאַטער און האָט באַדאַרפט אַליין שפּילן. דעם זאַל האָבן אָנגעפּאַקט יונגע מענטשן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען יעדן וואָרט, וואָס די אַקטיאָרן האָבן אַרויסגערעדט אויף דער בינע. אויך די עלטערע האָבן פאַרשטאַנען און אויפגעכאַפּט די העברייאישע שפּראַך בעסער ווי אין אַלע אַנדערע שטעט. פון דעם וועט לייכט זיין צו פאַרשטיין די פרייד פון די אַקטיאָרן. מיר האָבן אויפגעלעבט און האָבן געשפּילט מיט אַ סך ברען. מיר האָבן דערפילט דעם וואונדערלעכן געפיל פון איינעם וואָס איז געווען אַ זאַאיקע, און פּלוצים האָט ער אָנגעהויבן ריידן מיט מענטשן גלייך. יעדעס וואָרט, יעדע סצענע האָט אויפגעלעבט.

געוויס האָבן די הבימהניקעס אַלע מאָל געוואוסט, וואָס פאַר אַ מאַכט עס האָט דאָס וואָרט בכלל, און ספּעציעל דאָס וואָרט אויף דער בינע. אָבער יעצט האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט אין דעם זיך צו איבערצייגן. דאָ וויל איך דערמאָנען דעם עפּיזאָד פון אַ ראָל, וואָס איז שוין דערמאָנט געוואָרן. איך געדענק, מיר האָבן געשפּילט דעם „מבול" אין קאָוונע. איך האָב געשפּילט די ראָל פון נאָרדלינג, דעם דערפינדער פון אַ טעלעסקאָפּ. קומט מיר אויס

צו דערציילן אויף דער בינע וועגן מיין דערפינדונג. דער מאָנאָלאָג איז אַ קאָמישער, ספּעציעל ווען איך פאַרענדיק. דערוואַרט איך אַ געלעכטער פון פּובליקום. אָבער צום באַדויערן האָב איך פון פּובליקום קיינמאָל פריער קיין געלעכטער נישט אַרויסגערופן. זעלטן ווען פלעגט איינער אַרויסשיסן אַ געלעכטער. די איבעריקע האָבן געקוקט אויף מיר און גאָרנישט, ווי נישט זיי מיינט מען. מיט דער צייט האָב איך אויסגעאַרבעט אַזוינע קאָמישע פּאַנטאָמימעס, וואָס האָבן שוין געמוזט אַרויסרופן געלעכטער. און פּלוצים, שפּילנדיק אין קאָוונע, האָט צום סוף פון מאָנאָלאָג אויסגעבראָכן אַזאַ האַרציקער געלעכטער, אַז איך אַליין האָב זיך שטאַרק צעלאַכט. אַ חוץ ליבע און האַרציקייט האָט אונדז קאָוונע געשאָנקען אַ נייע נשמה, גלויבן, נצחון און מוט.

די נצחונות פון דער „הבימה" האָבן אונדז געפרייט. מיר פלעגן איינ־נעמען שטעט, דערוואַרימען די הערצער פון טויזנטער מענטשן, און האָבן גע־קראָגן אַ סך קינסטלערישע דערפאַרונג.

אין וועג האָבן מיר געדאַרפט אַ סך אַרבעטן. אמת, עס איז שווער צו אַרבעטן, ווען מען פאָרט אַרום פון איין שטאָט אין דער צווייטער, פון איין מדינה אין דער אַנדערער. באַ אַזאַ צושטאַנד איז פאַרשטענדלעך וואָס דער קאָלעקטיוו האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט אַ סך ניט־קינסטלערישע זאַכן. די רעצענזיעס מיט די קריטיקן האָבן אָנגעהויבן פאַר־נעמען אַ חשובן פּלאַץ אין די דיסקוסיעס. עס האָבן זיך אָנגעהויבן הערן אומצופרידענע שטימען פון חברים, וועמענס בילדער זיינען נישט אַריין אין צייטונג אָדער פּראָגראַם. דאָס זיינען שוין געווען קליינלעכע, אַנטי־קאָלעקטיווע און איבערהויפּט נישט קיין קינסטלערישע אַמביציעס.

אין אַזאַ אַטמאָספערע האָט ווידער אויפגעלעבט די פראַגע פון צמחן און קאָלעקטיוו. עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן פאַר־זאַמלונגען דורך די נעכט. דער קאָלעקטיוו איז געווען פאַרטראָטן באַ דער „מועצה" פון דריי חברים. צמח האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט מסכים זיין מיט דעם, וואָס ער קאָן אַליין נישט טאָן דאָס וואָס ער וויל. ער האָט באַדאַרפט, לויט דעם באַשלוס פון קאָלעקטיוו, נעמען דירעקטיוון פון דער „מועצה". אויף די נייע פאַרזאַמלונגען איז שוין במילא אַרויפגעשוואומען די פראַגע: וואוהין גייען מיר איצט? מיר האָבן זיך געפרעגט: נו, אַט זיינען מיר שוין אין אויסלאַנד, מיר האָבן זיך באַגעגענט מיט די טויזנטער וואָס האָבן געוואַרט אויף אונדז, אָבער וואָס האָבן מיר זיי געבראַכט? וואָס וועלן מיר איצט טאָן? האָבן מיר אַ היים, וואוהין צו קומען? קאָנען מיר קומען צוריק אין מאָסקווע און שפּילן אויף העברייאיש? קאָנען מיר בלייבן אַ וואַנדער־טעאַטער? קאָנען מיר פאַרבלייבן אין איינע פון די לענדער און פאַרזעצן אונדזער אַרבעט? ניין. מיר דאַרפן

אַ היים, אַ שטענדיקע היים, מיט דער סביבה, וואו מיר זאָלן זיך קאָנען אויסלעבן קינסטלעריש, אויב נישט, וועלן מיר דעמאָראַליזירט ווערן אַזוי, אַז נאָכן טור וועט קיינער אין קאָלעקטיוו נישט בלייבן.

ווידער לאַנגע נעכט פון דיסקוסיעס. די באַגייסטערונג, וואָס האָט אונדז אַלעמען אַרומגעכאַפּט באַם אָפּפאָרן פון מאָסקווע, האָט זיך נישט באַרעכטיקט. מיר ווערן אויסגעמאַטערט און אַ חוץ דעם זעען מיר נישט קיין מאָרגן פאַר זיך. אַלץ איז פאַרנעפּלט. דער רוף, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַ ספּעציעלן קאָמיטעט צו קלייבן געלט פאַר אַ בנין פאַר דער „הבימה", איז נישט געגאַנגען ווייטער פון די פאַר באַגייסטערטע ענטוזיאַסטן. און צו דעם האָט דער שגעלער אָפּפאָר פון איין פּלאַץ אויפן צווייטן אַלעמאָל איבערגעלאָזט די אַרבעט אינמיטן.

דער אויסערלעכער יום־טוב פון דער „הבימה" האָט אָנגעהאַלטן פּשוט דערפאַר, ווייל עס איז נישט געווען קיין צייט זיך אַרומקוקן. די גאַסטראָלן אין פּוילן, עסטרייך, דייטשלאַנד, פראַנקרייך א. אַז. וו. זיינען אָנגעגאַנגען מיט אַזאַ דערפאָלג און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז עס איז אוממעגלעך געווען צו ענטפערן אויף די אַלע אָנגעווייטיקטע פראַגן, וואָס איינער דעם צווייטן פלעגט שטעלן באַ די נאַכטיקע פאַרזאַמלונגען אין אַלע שטעט און לענדער. און וואָס מער אַ פאַרזאַמלונג, אַלץ טיפער פלעגט ווערן דער ריס צווישן קאָלעקטיוו און צמחן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ תהום איז געשאַפן געוואָרן צווישן אונדז און קיינער קאָן דעם תהום נישט אַריבער־שפּאַנען. צייטנווייז האָט זיך געדאַכט, אַז דעם תהום האָבן געשאַפן קליינ־לעכקייטן און זאָלן אָט די קליינלעכקייטן נאָר פאַרשווינדן, וועט שוין במילא קיין תהום נישט זיין. אָבער די קליינלעכקייטן באַם טורנע, באַ אַן אומ־פּראָדוקטיווער צייט, זיינען נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן און דעם תהום טיפער געמאַכט.

קיין ענטפער, וואוהין מיר וועלן גיין, וואו וועט זיין אונדזער היים, האָבן מיר נישט געקאָנט געפינען. אָבער דער טעאַטער, אַלס אַזעלכער, דאַרף עקזיסטירן. דער טעאַטער האָט געזאָגט אַ ניי וואָרט, האָט אויפגע־הויבן דעם קולטורעלן מצב פון טעאַטער אויף אַן אומגעהויערער הויך. דאָס האָבן צוגעגעבן, נישט נאָר די באַגייסטערטע אַרטיקלען פון יידישע און אַנדער־שפּראַכיקע צייטונגען, וואָס מיט זייער וואָרט רעכנט זיך דער טעאַטער אין דער גאַנצער וועלט, נאָר אויך אָט די פרייד און באַגייסטערונג, וואָס די „הבימה"־פאָרשטעלונגען האָבן אַרויסגערופן באַם גרויסן עולם, וואָס פלעגט אויסקויפן די בילעטן איידער די „הבימה" איז נאָך אָריינגע־פאָרן אין אַ שטאָט.

די מאַסע האָט דערזען דעם ערנסט, די פרייד אויף דער בינע, די ליכט, די קאָסטיומען, די מיסטיק, די טענץ. דער עולם האָט זיך אָנגע־

זעטיקט מיט די פאַרבן פאַרן אויג און מוזיק פאַרן אויער. צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן דאָס, וואָס אין דער „הבימה“ זײַנען געזונגען געוואָרן אַ סך פאָלקס־מעלאָדיעז, וואָס זײַנען דעם עולם גוט באַקאַנט געווען. אָבער די הויפּט־קראַפט פון די „הבימה“־פאָרשטעלונגען (וואָס פלעגן מאַכן אַלעמאָל אַ רושם סיי אויפן פײַנשמעקער און סיי אויף „עמך“, איז געלעגן אין דעם, וואָס זיי זײַנען רעזשיסירט געוואָרן פון איין האַנט, מיט איין אויסגעהאַלטע־נער אידייע, און אויך ווײַל די שאַפונג פון די „הבימה“־אַקטיאָרן און רע־זשיסאָרן איז געבויט געוואָרן נישט אויף ר אַ צ י ע, ד. ה. אויף אויס־גערעכנטקייט פון דעם אָרגאַניזירטן פאַרשטאַנד, נאָר אויף ע מ אָ צ י ע, ד. ה. אויפן געפיל. און וואָס מער די פאָרשטעלונג, אָדער די סצענע, איז געבויט געוואָרן אויף אמתע געפילן, אַלץ מער האָט זיך עס איבערגעגעבן דעם צושויער, נישט קוקנדיק אויף די נײַע פאָרמען פון קאָלעקטיוון־צוזאַמענ־שפּיל, פון די קאָנסטרוקטיווע דעקאָראַציעס, ליכט־עפעקטן א. אַז. וו.

דער געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס יעדער איינציקער פון קאָלעקטיוו האָט צו דעם עולם אין זאַל, און אויך זײַן מיסיע פאַר דער גאַנצער וועלט, האָבן אָנגעשטעקט יעדן איינציקן, וואָס האָט געזען די פאָר־שטעלונגען.

אָט די מיסיע האָבן מיר שטענדיק דורכגעפירט, און איר ווירקונג האָבן מיר געפילט נאָך יעדער פאָרשטעלונג. מיר האָבן עס געפילט אין דער באַגייסטערונג פון די וואָס פלעגן נאָך דער פאָרשטעלונג איבערבלײַבן אין זאַל, צו־לויפן צו דער בינע, פּאַטשן בראַוואָ אַ לאַנגע צײַט. פון קינסט־לערישן שטאַנדפּונקט האָבן מיר אונדזער מיסיע, דאַכט זיך, דערפילט. אָבער וואָס מער מיר פלעגן זיך טרעפן פּנים־אל־פּנים מיט דער מאַסע, אַלץ מער האָבן מיר געזען, אַז אונדזער געזעלשאַפטלעכע מיסיע פילן מיר נישט אויס. מיר האָבן נישט געבראַכט קיין פּיעסן, וואָס זאָלן אַ חוץ קינסטלערישע פּראָבלעמען, אויך ווײַזן געזעלשאַפטלעכע. מיר האָבן נישט אָנגערירט דעם סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דעם יידן פון הײַנט. און דאָס איז דאָך אַזוי נויטיק פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן טעאַטער, ספּעציעל אין אַזאַ צײַט, ווען דער אַלטער סאָציאַלער לעבן פון דעם יידן ווערט אויסגעוואָרצלט, און ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן, וואוהין צו גיין.

אין פּוילן זײַנען שוין דאַן אַרומגעגאַנגען יידן מיט אַ געפיל, אַז אַ מיליאָן פון זיי זײַנען דאָרט איבעריק, אינגאַנצן איבעריק, אָן קיין שום האָפענונגען. אַ קיילעכדיקער מיליאָן יידן דאַרף נישט ווערן. דו האָסט מיט דײַנע אייגענע אויגן אַרײַנגעקוקט אין די ברייטע הויפן אַרומגערינגלט מיט חורבות; דו האָסט געזען די אויגן פון די יידן, וואָס גייען און לויפן איבער די גאַסן פון וואַרשע, לאָדז, לעמבערג, מיט אַזאַ אומזיכערן און שרעקנדיקן קוק; דו האָסט געזען דעם יידן, וואָס לויפט נאָכן וואָגן, וואָס

ב. מ. סושקעוויטש דער רעזשיסאָר פון „יעקבס חלום“

B. M. SUSHKEWITCH, *Director of "Jacob's Dream"*



"JACOB'S DREAM"
Satan — Benjamin Zemach

„יעקבס חלום"
דער שטן — בנימין צמח

האָט פאַרנומען זיין ביסל פאַרמעגן פון קלייט פאַר שטייערן ; ער ברעכט מיט די הענט און שרייט אויף אַ קול : גיט מיר אָפּ מיין האָב־און־גוטס. אָט אַזוינע ביל־דער און נאָך טויזנטער אַזוינע דאָ און אין אַנדערע לענדער האָט דיין אויג געזען. דו גייסט אין טעאַטער זיך גרימירן און די בילדער פאַרפאָלגן דיך. אימיצער קוקט אַריין אין שפּיגל און לאַכט דיר אין פּנים אַריין : געדענקט, עס וועט קומען אַ צייט און פון דעם קינסטלער וועט מען מאָנען אַ דין־וחשבון : וואָס האָסטו געטאָן צו פאַרגרינגערן די ליידן און פּיין פון די, וואָס האָבן געליטן ? האָט דער קאָלעקטיוו געזאָגט אַ וואָרט ? ניין ! אַלץ וואָס דו האָסט געטאָן איז פרעגן : „מי יציל״ ? ווער וועט ראַטעווען ? און דאָס איז דאָך אייגנטלעך וואָס די טויזנטער פרעגן. די פראַגע דאַרף דער קינסטלער פּרובירן פאַרענטפערן, אויב ער פילט אַ געזעלשאַפטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אָט אַזוי האָבן געטראַכט אַ סך פון אונדז. מיר האָבן געטראַכט פון די פּראָבלעמען פון יחיד און קאָלעקטיוו און זייער באַציאונג צו דער געזעלשאַפט, צו דער נייער צייט ; פון אונדזער סאָציאַלער ראָל אַלס קינסטלער פון דעם מאָ־דערנעם יידישן טעאַטער. אָבער די „הבימה״ האָט גאָרניט נישט געקאָנט העלפן. מיר זיינען אַליין געווען אין אַזאַ לאַגע, וואָס האָט געשטעלט די פראַגע פון קאָלעקטיוו בולט און שאַרף : וואָס טוען מיר ווייטער ? און ווידער אַ פאַרזאַמלונג ביז אינדערפרי. ווידער טרערן באַ יעדן איינציקן אין די אויגן. אָט ערשט האָט זיך געדאַכט, אַז קיין שום אויסוועג איז נישטאָ, אַז מיר האָבן פאַרלאָרן דעם מוט און גלויבן, און אָט אויפריכטיקע טרערן, וואָס איבערצייגן איינער דעם צווייטן, אַז מיר מוזן גיין ווייטער, אַז מיר דאַרפן גלויבן איינער אין צווייטן. לאָמיר נאָכאַמאָל זוכן און אַרויסרייסן דאָס שלעכטע פון אונדז. לאָמיר געפינען דאָס גוטע. זאָל יעדער פון אונדז זיך פאַרטיפן און פאַרשטיין, פאַרשטיין זיך אַליין. און אַז מיר וועלן דערפילן דאָס גוטע אין אונדז, וועט אונדזער האַרץ געלייטערט ווערן, און מיר וועלן ווידער קאָנען גיין ווייטער.

אין אַזוינע מאָמענטן ווערסטו געלייטערט. דאָס קליינלעכע אין דיר ווערט דערשראָקן, באַהאַלט זיך און עס קומט דאָס גרויסע, דער אידעאַל, וואָס מאַכט דיך פאַרגעסן אָן אַלץ. אין אַזוינע מאָמענטן שטרעקסטו אויס דיין האַנט ווי אַ תקיעת־כּף צו דיין חבר און דו באַשליסט צו גיין ווייטער, פאַרענדיקן דעם טור, נאָך שטאַרקער זיך צונויפבינדן צוליב דעם אידעאַל, וואָס דו האָסט אָנגעהויבן און דו מוזט פאַרזעצן.

די קריטיק און איר ווירקונג אויף דער „הבימה"

אין מאָמענטן פון דערהויבונג האָט זיך געדאַכט, אַז דער קאָלעקטיוו קאָן ביישטיין אַלע שטרויכלונגען און כל־זמן דיינע אויגן באַגעגענען זיך מיטן צווייטנס אָן חשד, אָן דעם סודותדיקן בליק, וואָס עס דאַכט זיך, אַז דער צווייטער באַהאַלט פון דיר, דאַן ווען דיין האַרץ איז אָפן, בויט יעדער באַ זיך וואונדערלעכע פּלענער פאַר דער צוקונפט, נישט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַרן גאַנצן קאָלעקטיוו. יעדער טראַכט: זאָלן זיך שוין ענדיקן די באַנקעטן, דער טומל, די גאַנצע טורנע, ווען מיר געפינען ערגעץ אַ פּלאַץ אַ רואיקן, מיט אַ קליינעם טעאַטערל. עס וועט זיך געוויס געפינען איינער אַ מעצענאַט, וואָס וועט אונז אויסבויען אַ טעאַטערל, און מיר וועלן צוציען צו דער טרופּע די בעסטע שוישפּילער, מאַלער, דראַמאַטורגן, מוזיקער, און מיר וועלן קאָנען שפּילן, פאָרשן, זוכן דעם וועג וואָס מיר האָבן נאָך ווייט נישט געפונען. און אפשר וועט אונדז טאַקע געלינגען צושאַפן אָט דעם וועג צו דער העברייאישער טראַגעדיע, וואָס וואָלט באַדאַרפט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דעם נביא, אַרומפאָרן פון פּלאַץ צו פּלאַץ, פון שטאָט צו שטאָט און מיט אונדזער וואָרט טאָן דאָס זעלביקע, וואָס ביאַליק האָט געטאָן, אַרויסשרייענדיק אין זיין „לעצטן וואָרט“:
„מיר וועלן טרייסטן, בעטן, וויינען, וועקן“.

אין אַזעלכע מאָמענטן פון דערהויבונג, האָט דער קאָלעקטיוו געפילט, אַז דאָס קאָן און דאַרף געטאָן ווערן. און נישט נאָר מיר אַליין וועלן דאָס טאָן אין דעם טעאַטערל, וואָס וואָלט באַשאַפן געוואָרן, נאָר יעדער פון אונדז וואָלט באַדאַרפט אַוועקגיין אין אַנדערע לענדער, וואו נאָר עס איז דאָ אַ יידישער ישוב, וואו נאָר עס איז דאָ אַ האַרץ וואָס בענקט, און גרינדן אין יעדן לאַנד אַ „הבימה“.

ווי נאַאיוו, און ווי פאַנטאַסטיש עס קלינגען איצט די וואונדער־לעכע חלומות! מען האָט געוועבט ווייטער דעם חלום און מען האָט זיך געזאָגט, אַז אָט די אַלע „הבימהס“ פון דער וועלט וואָלטן באַדאַרפט זיין וואַנדער־טרופּעס. מען טאָר זיך נישט אַוועקזעצן אין איין לאַנד, נייך, מען דאַרף אַרומוואָגלען און אין אַ געוויסן חודש אין יאָר זיך צונויפקומען אין ארץ־ישראל, און דאָרט ווייזן אונדזערע דערגרייכונגען.

די אמתע מאַטיוון פון אונדזערע שיינע חלומות זיינען געלעגן אין דער נויטווענדיקייט פאַר פּראָדוקטיווער און קינסטלערישער אַרבעט. עס האָט זיך געבענקט נאָך דעם טעאַטערל אויף ניזשני קיסלאָווסקי, עס האָט זיך געוואָלט אַוועקזעצן און אַרבעטן, גיין ווייטער. און דאָס איז אויפן טור געווען כמעט ווי אוממעגלעך.

אויב די גאַסטראָלן האָבן דעם קאָלעקטיוו נישט געבראַכט קיין קינסט־לערישע צופרידנקייט, האָט אָבער דאָס אויג און דאָס האַרץ זיך אָנגעפילט מיט נייע איינדרוקן, נייע איבערלעבונגען. אַ סך פון אונדז, וואָס זיינען געווען דאָס ערשטע מאָל אין אויסלאַנד, האָבן זיך באַקענט מיטן לעבן פון די לענדער בכלל און מיטן יידישן לעבן בפרט, מיטן טעאַטער־לעבן, מיט פּערזענלעכקייטן. דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַ רושם און עס וואָלט באַדאַרפט אויסגענוצט ווערן שפּעטער אויף דער בינע. אמת, דער טעאַטער אין אויסלאַנד אַלס אַ גאַנצער האָט נישט געקאָנט איבעראַשן נאָך סאָוועט־רוסלאַנד, מיט אירע פאַרשיידענע עקספּערימענטן און דערגרייכונגען, נאָר דערפאַר האָבן מיר אין אַלע לענדער געזען וואונדערלעכע שוישפּילער, וואָס האָבן געקאָנט דינען אַלס אַ מוסטער פאַר אונדז און וואָס צו דערגרייכן זייער טעכניק פון מייסטערשאַפט, האָבן מיר אפילו חלומען נישט געקאָנט.

די „הבימה" האָט אין יעדן לאַנד איבערגעלאָזט אַ טיפן איינדרוק, וואָס האָט זיך שפּעטער אָפּגערופן נישט נאָר אויף די פאָרשטעלונגען, נאָר אויך אויף נייע אָרגאַניזירטע גרופּעס אויפן שטייגער פון דער „הבימה". וואָס איז נוגע דעם יידישן טעאַטער אין אַלע לענדער, וואו מיר זיינען געווען, איז ער געשטאַנען אויף גאָר אַ נידריקער שטופע. אפילו אינדיווידועלע שוישפּילער זיינען קיין סך נישט פאַרבליבן, ווייל זיי זיינען כמעט אַלע זיך צעלאָפן קיין אַמעריקע.

דער „הבימה"־קאָלעקטיוו האָט אויך אַ סך געקאָנט לערנען פון די קריטיקן, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין אַ גאָר גרויסער צאָל. מיר האָבן זיי געלעזן און אַ סך פון זיי געלערנט. עס איז אָבער אויך געשריבן געוואָרן אַ סך מליצה, וואָס האָט קיין ווערט נישט געהאַט. און קריטיק איז געווען אין דער „הבימה" אַ זאַך, וואָס איז אַריינגעגאַנגען אין די לימודים. קריטיק און זעלבסט־קריטיק ברענגען אומגעהויערע נוצן דעם אַקטיאָר, ווען ער שטודירט אַ ראָל אַליין, אָדער ווען ער קריטיקירט אַ צווייטנס ראָל.

סטאַניסלאַווסקי איז געווען קעגן נעגאַטיווער קריטיק. ער פלעגט זאָגן: „חסרונות געפינען קאָן יעדער, אפילו דער וואָס פאַרשטייט נישט אַזוי גוט דעם פאַך. אָבער לויבן און געפינען מעלות, קאָן נאָר דער, וואָס ווייסט אויסגעצייכנט דעם טעאַטער".

די „הבימה" האָט נאָך געהאַפּט אַרויסצוגעבן אירע אייגענע קריטיקער. דער טעאַטער־קריטיקער, וואָס וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון די רייען פון דער

„הבימה", וואָלט נישט געווען ווי אַן אָנגעשטעלטער פון אַ צייטונג אָדער זשורנאַל, נאָר ער וואָלט אויסגעפילט די פונקציע פון אַ קריטישן אויג פאַר די אַקטיאָרן. ווי באַלד דער קריטיקער וואָלט געקאָנט יעדן שוישפּילער, און זיין אַרבעט, וואָלט ער אויך געקאָנט אָנווייזן אויף זיין וואוקס אָדער אָפּגעשטאַנענקייט. ער וואָלט זיך נישט נאָר געקאָנט טיילן מיטן עולם וועגן זיין שפּילן, נאָר אויך וועגן די אורזאַכן, פאַרוואָס דער און דער אַק־טיאָר איז אָפּגעשטאַנען. דאָס איז אַלץ גערעט געוואָרן וועגן אַ טעאַטער, וואָס זיין עולם איז בלויז פאַראינטערעסירט נישט נאָר מיטן טעאַטער־וואוקס, נאָר אויך מיטן וואוקס פון יעדן שוישפּילער, וואָס גיט אַוועק זיין ענערגיע און זייי גאַנצן לעבן דעם טעאַטער.

אָט פאַרוואָס די „הבימה"־שוישפּילער האָבן אַלעמאָל זיך צוגעהערט צו די ערנסטע קריטיקן וועגן די פאָרשטעלונגען בכלל און וועגן דעם שפּילן פון די אַקטיאָרן בפרט. געוויינלעך זיינען די קריטיקן וועגן דער „הבימה" נישט אָפּגעגאַנגען אָן קוריאָזן. איינער פון די קוריאָזן האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון, און ער איז זייער כאַראַקטעריסטיש: אין דער שטאָט ל., אין ליטע, זיינען מיר געקומען נאָר אויף צוויי פאָרשטעלונגען. מיר עפענען מיטן „דיבוק". אין טעאַטער איז געווען קאַלט און אויף דער בינע איז געווען ממש אַ פראָסט. די בטלנים זיצן, זינגען און ציטערן פון קעלט. דער פאַרהאַנג ציט זיך פאַנאַנדער, און מיר זעען ווי פון דער סופ־ליאָר־בודקע קריכט אַרויס אַ גרויסע קאַץ אַ שוואַרצע, גייט זיך אַזוי באַלע־באַטיש צו צום ארון־קודש, טוט אַ שמעק, געפעלט איר נישט, קומט זי צו צו די בטלנים, קוקט אַריין יעדן אין די אויגן, און דערזעענדיק אונדזערע איבערגעשראָקענע אויגן, האָט זי זיך אָוועקגעשטעלט אינמיטן דער בינע, אויפגעהויבן די מאָרדע צו דער סטעליע ווי זי זאָל אַ גענעץ טאָן, און האָט באַשלאָסן, אַז זי האָט דאָ נישט וואָס צו טאָן, און איז זיך אַוועק צוריק אין דער בודקע. מיר, די בטלנים זיינען געזעסן און האָבן געציטערט שוין נישט פון קעלט, נאָר פון שרעק. מיר דאַרפן זינגען און ריידן, אָבער קיינער קאָן נישט עפענען דאָס מויל. פּלוצים צעלאַכט זיך איינער, באַלד — אַ צווייטער און נאָך אים — אַ דריטער, אַזוי אַז מען בייסט די פינגער נישט אויסצו־שיסן אין אַ היסטעריקע. די סצענע האָבן מיר געמוזט דורכלאָזן, און אונדז צו הילף איז געקומען חנן, וואָס פירט ווייטער די סצענע. אָבער טשיקאַווע איז געווען דאָס, וואָס אויף מאָרגן פרי, לעזן מיר אין אַ צייטונג אַזאַ זאַך: מילא דער „דיבוק" איז פאַר זיך אַ גרויסע זאַך און די אַקטיאָרן זיינען אויך פיין, אָבער די רעזשי, וואָס האָט צוגעטראַכט אַזאַ וואונדערלעכע סצענע אַרויסצולאָזן אַ שוואַרצע קאַץ, וואָס האָט געגעבן דעם גאַנצן מיסטישן טאָן פון דער גאַנצער פאָרשטעלונג, דאָס, זאָגט ער, איז אַ געניאַלער איינפאַל פון אַ גרויסן רעזשיסאָר...

צו וואָס פּאַר אַ קאַטעגאָריע מען קאָן צושרייבן אַזאַ קריטיק, ווייס איך ניט. אָבער זעט נאָר, צוליב דעם וואָס דעם קריטיקער איז געפעלן געוואָרן דער „איינפאַל", איז באַ אים רעכט געווען, אַז די „הבימה" שלעפּט אַזש פון מאָסקווע אַ לעבעדיקע שוואַרצע קאַץ... דער פאַקט, וואָס איך האָב דאָ איבערגעגעבן, איז נישט ניי אין טעאַטער. אַ צופעליקע זאַך אויף דער בינע האָט נישט איינמאָל געמאַכט אַ רושם נישט נאָר אויפן עולם, נאָר אפילו אויפן געניטן קריטיקער.

דעם פאָלגנדיקן פאַל האָט אונדז דערציילט סטאַניסלאַווסקי, און ער גיט עס איבער מיט אַלע איינצלהייטן אין זיין בוך „מיין לעבן אין קונסט". ער דערציילט וועגן אַ פּרעמיער־פאָרשטעלונג פון אַ פּיעסע, וואָס האָט געהאַט אַ סצענע, ווען מען קלינגט די קלויסטער־גלאָקן און די אַקטיאָרן דאַרפן אַרויסלויפן און עפּעס אויסשרייען. די סצענע האָט באַדאַרפט מאַכן אַ טרויעריק־מיסטישן רושם. אָבער וויפיל ער האָט זיך נישט געמאַטערט מיט די אַקטיאָרן, איז די סצענע דאָך נישט אַרויסגעקומען ווי ער האָט געוואָלט. בשעת דער פאָרשטעלונג דערהערט זיך פּלוצים אַ באַסאָווע שטימע פון הינטער די קוליסן. דאָס האָט אַ בינע־אַרבעטער עפּעס אַרויסגעזונגען צופעליק אויפן קול. דער עפעקט איז געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס פּובליקום האָט זיך אַזש פון די בענקלעך אַ הויב געטאָן. סטאַניסלאַווסקי אַליין זאָגט, אַז אפילו אויף אים האָט עס זייער שטאַרק געווירקט. עס האָט געקלונגען ווי אַ באַסאָווע שטימע פון יענער וועלט, און עס האָט געשאַפן פּונקט די שטימונג, וואָס ער האָט לאַנג געזוכט. ער איז באַלד געלאָפן הינטער די קוליסן, אויפגעזוכט דעם מזלדיקן שלים־מזל, אים גראַטולירט, און זינט דעמאָלט איז ער נישט נאָר באַמערקט געוואָרן פון דער קריטיק, נאָר ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער אָנטיילנעמער אין דער פאָרשטעלונג. אגב, ווערנדיק אַן אַקטיאָר, האָט דער זינגער אָנגעהויבן טרינקען און איז געקומען צו אַזאַ שטופע, אַז ער האָט שוין נישט געקאָנט אויסזינגען קיין נאָטע. מען האָט אים געוואָרנט, געבעטן, אָבער ס'איז געווען פאַרפאַלן. זיין קאַריערע האָט ער פאַרענדיקט ווי אַ שיכור.

איך דערצייל עס, כדי צו ווייזן, אַז אויף דעם קריטיקער, פּונקט ווי אויף דעם צושויער, קאָן אַמאָל מאַכן אַ רושם אַ זאַך, וואָס דעם רעזשיסאָר האָט זיך וועגן דעם אפילו נישט געחלומט.

שפּילנדיק אין בערלין, האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט זיך בעסער און נעענטער צו באַקענען מיט אַזוינע פּערזענלעכקייטן ווי ריכאַרד בער האָפמאַן, פאַרפאַסער פון „יעקבס חלום", און מיט אלעקסאַנדראַ מאָאיסי, וואָס איז געווען אַן אָפטער אַריינגייער אין דער „הבימה" ווען ער האָט גאַסטראָלירט אין מאָסקווע. מיר האָבן זיך אויך באַקענט מיט די מעטאָדן פון ריינהאַרדטן, וועגן וועלכן מיר האָבן געהערט אַזויפיל. צוקוקנדיק זיך

צו ריינהאַרדטס מעטאָדן, ווילט זיך מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן אים, דעם מייסטער פון ספעקטאַקל, און די מעטאָדן פון דער „הבימה", וואָס זיינען אַ דירעקטע אָפשפּיגלונג פון די וועגן פון סטאַניסלאַווסקין און וואַכטאַנגאָוון. ווען דו זעסט די פאַרשטעלונגען פון ריינהאַרדטן, טראַכסטו, וואָס פאַר אַ גאון דער עסטעטישער טעאַטער האָט אַרויסגעבראַכט! וואָס פאַר אַ וואונדערלעכער באַשעפער פון קאָליר, קלאַנג און ריטם! וואָס פאַר אַ מייסטער צו דעקאָרירן די בינע אַזוי, אַז דער צושויער זאָל גאָר פאַרגעסן, אַז ער זיצט אין אַ טעאַטער!

פונקט דאָס פאַרקערטע טוט מייערכאָלד און טיילוויז האָט עס געטאָן וואַכטאַנגאָוו. זיי זיינען געקומען און אַראָפּגענומען די שלייערס, געלאָזן כמעט אַ נאַקעטע בינע, און אויב שוין יאָ דעקאָרירט, איז עס געווען נאָר מיטן צוועק צו זאָגן דעם עולם: „געדענק, דו זיצסט אין טעאַטער". ריינהאַרד ווייזט די מאַסע, כדי אונטערצושטרייכן די טראַגעדיע פון דעם יחיד, בשעת וואַכטאַנגאָוו און מייערכאָלד ווייזן די יחידים, כדי אונטערצושטרייכן די טראַגעדיע פון דער מאַסע. דערפאַר איז, צום ביישפּיל, די מאַסע אין „דאַנטאָנס טויט" כמעט פּאַסיוו, בשעת באַ וואַכטאַנגאָוון איז די מאַסע תמיד אַקטיוו און בולט. דער אונטערשייד ליגט אין דעם סאָציאַלן צוגאַנג פון די גרויסע מייסטערס פון דער בינע. ריינהאַרדט פאַרנעמט זיך נישט מיט קיין סאָציאַלע פּראָבלעמען. ער זאָגט: קונסט לשם קונסט, ריינע עסטעטישע קונסט. וואַכטאַנגאָוו, מייערכאָלד, אייזענשטיין זאָגן: ניין, די צייט פון אַזאַ קונסט איז פאַראיבער, מען קאָן זיך נישט פאַרגינען אָוועקזעצן זיך אין אַ וועלט פון פלאַמען און וואַרטן, מיר ווילן נייע סיסטעמען און נייע באַגריפן וועגן שאַפן. עס קומט איצט פאַר אַן איבערשאַצונג פון ווערטן אין דעם סאָציאַלן לעבן. פאַרוואָס זאָל די קונסט בלייבן טויב? פאַרוואָס ווילט איר אָוועקשטעלן די בינע אָן אַ זייט?

סטאַניסלאַווסקי האָט געבויט דעם טעאַטער אויף סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע יסודות. ער האָט געשאַפן דעם אַנסאַמבל־טעאַטער, וואָס האָט געהאַט קינסטלערישע אַמביציעס, און יעדער מיטגליד פון אַנסאַמבל האָט בייגעטראָגן צום וואוקס פון דעם טעאַטער. אָבער ריינהאַרד האָט שטענדיק אַרומגערינגלט זיך מיט ערשט־קלאַסיקע שוישפּילער, און דאָך ביז איצט נישט געשאַפן דעם פּערמאַנענטן אַנסאַמבל. דאָס איז דערפאַר, ווייל דער טעאַטער פון ריינהאַרדן האָט נישט געהאַט קיין סאָציאַלן באַזיס, אויף וועלכן ער זאָל בויען זיין צוקונפט.

אין בערלין איז אונדז אויך אויסגעקומען צו באַקענען זיך נאָענט מיט דעם געניאַלן פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין. איך דערמאָן דאָס נישט נאָר כדי צו פאַרצייכענען די באַציאונג פון דעם וואונדערלעכן מענטשן צו אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט קונסט, בפרט נאַציאָנאַלער קונסט, נאָר אויך צו

אונטערשטרייכן אַ געוויסע טעאַטראַלע פּראָבלעם. שטעלט אייך פאָר, ווען אימיצן פון אונדז וואָלט אויסגעקומען שפּילן די ראָל פון „פּראָפעסאָר איינשטיין". נישט נאָר איינשטיין, נאָר אַן אַנדער וועלט־באַרימטע פּערזענלעכקייט. ווי טרעט מען צו צו אַזאַ ראָל? דער אַקטיאָר פון דעם אַלטן טעאַטער האָט פאַר אַזעלכע ראָלן געהאַט זיין פּאַרטיקן שטאַמפּ. ער וואָלט געוויס אָנגעטאָן אַ ווייסן פּאַרוק מיט אַ גאָר גרויסן שטערן, וואָלט אַרומגעגאַנגען פאַרחלומט (ווייל ער האָט דאָך צו טאָן מיט די שטערן אין די הימלען). ער וואָלט זיך פאַרגרימירט, לכל הפחות, ווי ירמיהו הנביא... און אָט שפּילן מיר אין בערלין און מען זאָגט אונדז, אַז איינשטיין קומט אין טעאַטער. די אַקטיאָרן זיינען שטאַרק נערוועז, מען וואַרט מיט אומגעדולד. און אַזוי אַרומלויפנדיק אַהין און צוריק הינטער דער בינע, זעען מיר, אַז איינער מיט אַ ווייסן קאָפּ האָר, מיט אַ גלאַטן פּנים און צוויי קינדערשע אויגן באַקוקן די בוטאַפּאָריעס פון דעם „אייביקן ייד", און האַלטנדיק די חפצים, באַטראַכט ער זיי ווי אַ קינד, און מיר דערוויסן זיך, אַז דאָס איז איינשטיין. מיר ווילן אים אַרויפפירן אויף דער בינע און ער וויל נישט גיין. יעדער וויל אים געבן אַ האַנט, אָבער איר דאַרפט נישט וואַרטן, ווייל ער לויפט אייך אַנטקעגן און באַגריסט אייך. ער פרעגט אייך אַזוינע זאַכן, וואָס איר וואונדערט זיך, ווי קומט עס צו איינשטיינען, דעם וועלט־באַרימטן פּראָפעסאָר. און דאָ אייגנטלעך ליגט דער גאַנצער סוד פון געניאַליטעט. צו שפּילן איינשטיינען איז נישט גענוג אָנצוקלעפּן אַ ווייסן פּאַרוק מיט וואָנצעס, נאָר דער עיקר, באַהערשן אָט די נאַאיוויטעט, זיין פּשטות. ווען אַן אַקטיאָר קאָן זיך איינלעבן אין דעם נאַאיוון קינדערשן שמייכל, ווען ער קאָן אָנשטעלן אַ פּאָר נאַאיווע אויגן אויף אייך און קוקן אויף דעם שטיקל דעקאָראַציע מיט דעם גרעסטן וואונדער פון דער וועלט, דאַן וואָלט דער אַקטיאָר שוין געקאָנט פּרובירן צו שפּילן איינשטיינען. בכלל וואָלט זיך יעדער אַקטיאָר געשעצט גליקלעך צו פאַרמאָגן אָט דעם קינדיש־נאַאיוון בליק, אָט דעם ערנסט און די פּשוטקייט פון איינשטיינען, נאָך וועלכע אַקטיאָרן יאָגן זיך און ווילן דערגרייכן אויף דער בינע.

נישט איינמאָל איז סטאַניסלאַווסקין אויסגעקומען אין זיינע געשפּרעכן מיט אונדז צו דערציילן ווי אַזוי ער האָט מיט מאָסקווינען, וואָס איז איצט דער וועלט־באַרימטער ־שוישפּילער פון דעם מאָסקווער קונסט־טעאַטער, געאַרבעט אויף זיין ערשטער גרויסער ראָל „צאַר פיאָדאָר". לויט די היסטאָרישע פאַקטן, לויט די בילדער פון באַרימטע מאָלער, איז צאַר פיאָדאָר געווען אַ בייזער, מיט אַ טייפלישן בליק אין די אויגן, און אַלס אַזעלכער איז ער אויך פאַרגעשטעלט געוואָרן פון שוישפּילער, וואָס האָבן געשפּילט די ראָל. האָט דאָ סטאַניסלאַווסקי געהאַט אַן אויפגאַבע צו ברעכן די טראַדיציע פון פאָרשטעלן אַזאַ טיפּ, און האָט באַדאַרפט שאַפן

אַ נייעם צאַר. נאָך לאַנגע מאָנאַטן האָט זיך מאָסקווינען, מיט דער הילף פון סטאַניסלאַוואַסקין, איינגעגעבן אַ „צאַר", וואָס איז נאָך נישט געזען געוואָרן אויף דער רוסישער בינע. וואָס האָט מאָסקווין געפונען אין דעם נייעם „צאַר"? ער האָט געפונען דעם מענטשלעכן טאָן פון אַ שוואַכלינג, אַ קרענקלעכן מענטשן, וואָס האָט געטראָגן דעם יאָך פון אַזאַ לאַנד. און וואָס פשוטער מאָסקווין פלעגט זאָגן צו אירינאַ: „זאָג מיר, אירינושקאַ, בין איך צאַר אָדער נישט?" אַלץ אַ שטאַרקערן איינדרוק האָט עס געמאַכט. איר האָט פאַר זיך געזען דעם טראַגישן „צאַר", דעם שוואַכינקן „פיאָדאָר", וואָס ציטערט פאַר יעדן, קוקט מיט מורא אויף יעדן צי מען וויל באַ אים נישט צונעמען די מאַכט. און ווי פאַלש און נאַריש קוקן אויס די פילע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשפילט די זעלביקע ראָל, אָבער שטענדיק מיטן בייזן טייוולשן בליק, מיט אַ פאַרקרימטן מויל, מיט אויגן, וואָס אָט קריכן זיי אַרויס פון שטערן; און נישט קוקנדיק אויף אָט דער בייזקייט און שטרענגקייט, זעט מען, אַז די גאַנצע זאַך איז נישט מער ווי אָנשטעל; אַז זאָל דער אַקטיאָר אָנגיין אַזוי מיט דער איינפאַרביקייט פון זיין שפילן, וועט ער אין צווייטן אַקט קראַנק ווערן און אין דריטן וועט ער מוזן אַוועקשטאַרבן—פון צופיל אָנשטרענגונג.

די טורנע האָט די „הבימה"־שוישפילער געבראַכט אַ סך נוצן. די טעכניק פון יעדן שוישפילער האָט זיך אויפגעהויבן אויף אַ גרעסערער שטופע. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט שפילן 8 און 9 מאָל אַ וואָך, וואָס מיר האָבן עס פריער קיינמאָל נישט געטאָן. מיר האָבן קיינמאָל נישט געשפילט יעדן אָוונט און צו דעם נאָך ספעציעלע מאַטינע־פאָרשטעלונגען. מען דאַרף צוגעבן, אַז וואָס איז נוגע טעכניק, אָדער בעסער געזאָגט, בינע־רוטין, ווי אויסלערנען שנעל אַ ראָל, אַריינפאַלן צופעליק אין אַ צווייטנס ראָל, שפילן מיט אַ סופליאָר — דאָס האָט יעדער אַקטיאָר פון יעדן יידישן טעאַטער געקאָנט בעסער פון די „הבימה"־שוישפילער, און דאָס איז געווען אונדזער חסרון. מיר האָבן באַקעמפט די מעטאָדן פון אַלטן יידישן טעאַטער, מיר זיינען געווען קעגן סופליאָר, וואָס זיצט דאָרט איןביידל און שרייט דיר אין אויער אַריין ווערטער, און אַמאָל שרייט ער העכער פון אַקטיאָר — קעגן אַזוינע מעטאָדן האָבן מיר געקעמפט, אָבער אין אַן עת־צרה דאַרף דער אַקטיאָר דאָס אויך קאָנען קעמפנדיק פאַר אַ בעסערן יידישן טעאַטער, האָט די „הבימה" קיינמאָל נישט געקעמפט קעגן דעם אַקטיאָר פון דעם אַלטן יידישן טעאַטער. ניין, פאַרקערט, זי האָט אַלעמאָל מיטלייד געהאַט מיט אים, צו וואָס פאַר אַ צושטאַנד די אומשטענדן האָבן אים געבראַכט. שטענדיק אַ פאַרוואָגלטער, אַן אָרימער און הונגעריקער, פלעגט ער זיך אַרומשלעפן איבער דער וועלט, ווי אַ ציגיינער, און שפילן יעדן טאָג אַן אַנדער פיעסע. און טאָמער איז קיין פיעסע נישט געווען, האָט מען זיך



"DELUGE" — H. BERGER
Lizi — H. Grober

„דער מבול" פון ה. ברגר
ליזי — חיהלע גרובער



„דער מבול“ פון ה. ברגר
דער טאַנץ פאַרן אונטערגאַנג

"DELUGE" — H. BERGER
Scene from Second Act

א. פּרודקין, חיהלע גראַבער, בנא שניידער, ד. איטקין און בן־ארי
אויבן: א. וויניאַר.

צונויפגעלייגט מיט כחות און מען האָט צוזאַמען געשאַפן, לויטן זכרון, די נויטיקע פּיעסן, און דער סופליאָר האָט נאָך צוגעגעבן זיין פּראָזע אויך. אָט אַזוינע מעטאָדן זיינען אומווירדיק פאַר אַן אַקטיאָר, און ווען נישט די אומשטענדן, וואָלט דער אמתער קינסטלער פון אָט די טרופּעס קיינמאָל אויף דעם נישט איינגעגאַנגען. דעם אמתן קינסטלער ציט אַלעמאָל צו שענערס, צו בעסערס, און אינסטינקטיוו, אויב ער האָט אפילו נישט גע־לערנט און שטודירט קיין טעאַטער־פּראָבלעמען, ציט אים צו אמתן טעאַ־טער. אָבער אָט די אומשטענדן האָבן אַנטוויקלט אַ געוויסע טעכניק, וואָס עס קומט שטאַרק צוניץ יעדן אַקטיאָר אויף יעדער בינע. די טעכניק פון די „הבימה״־שוישפּילער איז אין דעם זין געווען באַגרעניצט, און דערפאַר האָט די טורנע אים געגעבן אַ סך מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען זיין טעכניק אין אַ פּראָפעסיאָנעלן זין. די דאָזיקע דיסציפּלין און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרטרייבן אינגאַנצן די נאָך פאַרבליבענע דילעטאַנטישקייט.

אָבער אַלס קינסטלער, זיינען מיר געגאַנגען צוריק. דער קאָלעקטיוו האָט דאָס דערפילט. קיין אויסוועג איז, דאַכט זיך, נישט געווען.

די געזעלשאַפט האָט אויף אונדז געקוקט ווי אויף וואונדער־קינדער. מען האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אונדז ווי מיט גרויסע קינסטלער, מען האָט אונדז פאַרגעשטעלט אַלס די פּיאָנערן פון דעם ערשטן העברייאישן טעאַטער, וואָס טוט אויף פאַר דער העברייאישער קולטור און איר אַנט־וויקלונג אַ קאָלאָסאַלע דערציאונגס־אַרבעט, און דאָס איז דוקא געווען אמת. די באַנקעטן האָבן אונדז אַרויסגעוויזן אַ סך אַכטונג און ליבע, אָבער נאָך די באַנקעטן פלעגן מיר בלייבן מיט זיך אַליין, עלנטע, נישט אויפגעמונ־טערטע. מיר האָבן דערוואַרט, אַז מיר וועלן זיך טרעפן מיט מענטשן, וואָס וועלן אונדז זאָגן: „נו, „הבימה״־שוישפּילער, איר האָט אייערס אָפּגעטאָן, איר זענט מיד צו שלעפּן ווייטער דעם יאָך פון מאַרטירערטום, פון נויט. מיר וועלן דאָס איצט איבערנעמען אויף אונדז, ווייל מיר דאַרפן דאָס, ווייל מיר גאַרן נאָך דעם. מיר דאַרפן עס האָבן פאַר אונדז, פאַר אונדזערע קינדער און פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור״. אָבער במקום דאָס פלעגט מען האַלטן לאַנגע רעדעס. די רעדעס פלעגן פאַרגעסן ווערן, און צוזאַמען מיט די רעדעס זיינען מיר אויך פאַרגעסן געוואָרן.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די רעדע פון דעם פירער פון פּוי־לישן יידנטום, יצחק גרינבוים. דאָס איז געווען אויף אַ באַנקעט. ער האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגט אין דער הויך דאָס, וואָס מיר האָבן אַלע גע־טראָגן אויפן האַרצן. זיין רעדע האָט ער פון גרויס אויפרעגונג נישט געקאָנט אפילו ענדיקן. ער האָט געפירט דעם פּאַראַלעל פון דעם גאַנצן קולטורעלן לעבן פון די יידיש־פּוילישע מאַסן. ער האָט רירנדיק אָנגעוויזן ווי די מאַסן האָבן אונדז אויפגענומען, ווי די אָרימקייט איז גרויס, נאָר מען גיט אַוועק

דאָס לעצטע צו קומען זען און הערן אונדז. און צום סוף פרעגט ער, וואָס־זשע קאָן געטאָן ווערן פאַר אייך? איר האָט געבראַכט פרייד צו די עלנטע, און איך ווייס, אַז איר אַליין זוכט פון אונדז פרייד. איר דאַרפט עס איצט האָבן מער ווי אַנדערע.

דער באַנקעט האָט זיך דאָן פאַרענדיקט אין גאָר אַ טרויעריקער שטימונג. ערגעץ־וואו אין אַ ווינקל איז געשטאַנען דער גרויסער דיכטער שאול טשערניכאָווסקי, און מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל האָט ער געוואָלט פאַרטרייבן די געשאַפענע שטימונג, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. מיר אַליין האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס האָט געשאַפן אָט די שטימונג. מיר האָבן געטראַכט: אפשר קומט דאָס פון דעם, וואָס מיר אַליין ווייסן נישט ווער מיר זיינען? אפשר איז אין דעם שולדיק דאָס, וואָס מיר זיינען נישט אַרויסגעוואָקסן פון דער מאַסע? דער קאָלעקטיוו איז געגאַנגען און געפאָרן, געטריבן בלויז פון אינערציע. דער ריס צווישן צמחן און דער „מועצה“, אין קאָלעקטיוו איז געוואָרן אַלץ גרעסער, און אין אַזאַ צעריסנקייט פון אינערלעכע צוויפלענישן און יאוש זיינען מיר אָפגעפאָרן קיין אַמעריקע.

די „הבימה" אין אַמעריקע

אויף דער שיף ווערט דער קאָלעקטיוו מער דיסציפּלינירט, מער פאַראייניקט. יעדער איז פאַרטיפט אין זיך, יעדער שטייט באַזונדער אין די ווינקעלעך פון דעם ריזיקן דעק און מען גיט זיך אָפּ חשבון־הנפש. יעדער איז פאַרזאָרגט וועגן דער צוקונפט פון קאָלעקטיוו. אַמעריקע איז דאָך דער לעצטער פּונקט פון דער טורנע; טאָמער געפינען מיר נישט קיין מאַטעריעלע און מאָראַלישע שטיצע אין „דעם גאָלדענעם לאַנד", וועט דאָך אונדזער אַנטווישונג ברענגען אַ קאַטאַסטראָפע דעם קאָלעקטיוו.

אָבער יעדער איז כמעט ווי זיכער, אַז באַם אַריבערשפּאַנען דעם שוועל, וועלן זיך שוין געפינען מענטשן, וואָס וועלן קאָנען ווי געהעריק אָפּשאַצן אונדזער אַרבעט און וועלן אונדז העלפן פאַרווירקלעכן אונדזער חלום פון אַן אייגענעם ווינקל. אויב מיר האָבן נישט געקאָנט גאַרנישט אויפטאָן אין אייראָפּע, איז דאָס פאַרשטענדלעך — ווייל דאָרטן זיינען די יידן פאַרט אין גרויס נויט, אָבער דאָ, אין לאַנד פון „חלב ודבש"...

אָט די האָפענונגען האָבן פאַרשטאַרקט דעם גלויבן, און אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער שיף, זאָגן מיר: „די קריוודעס, וואָס קומען פאָר אין קאָלעקטיוו, מוזן אָפּגעשטעלט ווערן. מיר מוזן קומען אין נייעם לאַנד מיט פאַראייניקטע כחות, נישט צעשפּליטערטע. איר פאָרט זיך פאַרנעמען מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט, טוט עס דאָ אויף דער שיף: זוכט פּיעסן, גרייט צו פּלענער פאַר דעם צוקונפטיקן טעאַטער „הבימה", וועלכן איר האָט געוואָלט אַלע אייערע יאָרן. מיר פאָרן אַריין אין לאַנד, צו ברידער, וואָס וועלן וויסן ווי צו פאַרווירקלעכן אונדזער חלום".

דער ייד אין קיילעכדיקעברילן, וואָס פירט אונדז קיין אַמעריקע, אַ טיפּישער אַמעריקאַנער אָלרייטניק, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו נעמען אונדז פון פּאַריז, זיצט אויף אונדזערע פאַרזאַמלונגען און נישט נאָר פאַרשטייט ער נישט די שפּראַך, נאָר ווען מען דערציילט אים דעם עצם ענין, וואָס מיר פאַרהאַנדלען, קוועטשט ער מיט די פּלייצעס, ווישט די ברילן און פאַרשטייט נישט וואָס דאָ קומט פאָר. ער הויבט נישט אָן צו פאַר־

שטיין, וואָס הייסט קאָלעקטיוו. בכלל ווייסט ער נישט וועגן טעאַטער, אָבער דאָ הויבט ער גאָרנישט אָן צו וויסן ווער איז דאָ דער „סטאַר", ווער — דער בוף־קאָמיקער, ווער איז דער טראַגיקער. און אַז מען זאָגט אים, אַז אַזאַ זאַך איז נישטאָ באַ אונדז, צעלאַכט ער זיך: וואָס הייסט נישטאָ קיין סטאַר? אַר יו קרייזי?" און ווייזט אָן מיט די פינגער אויף זיין שטערן, מען זאָל בעסער פאַרשטיין וואָס „קרייזי" מיינט.

דער מענעדזשער, וואָס פירט אונדז, איז אייגנטלעך אַ ביזנעסמאַן אין ניו יאָרק און אַזוי ווי עס איז אים געגאַנגען גוט, האָט ער זיך מיישב געווען, ער וועט אַריינגיין אין די „הבימה"־ביזנעס. ער וועט געבן געלט דעם גלאַוונעם אימפּרעסאַריאָ. אונדזער אימפּרעסאַריאָ איז, דרך אגב, געווען דער באַקאַנטער ס. יוראָק. ער האָט די „הבימה" געזען שפּילן אין פּאַריז, און מיר זיינען אים אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט אונדז באַלד אַנגאַזשירט. אָבער געשיקט נאָך אונדז האָט ער אָט דעם יידן, וואָס האָט, ווייזט אויס, אויך געהאַט אַ פינאַנציעלן אינטערעס. און אַזוי אַרום איז ער געפאָרן אָנקוקן די „סחורה", וואָס ער פירט איצט קיין אַמעריקע.

ער איז אַ געשעפטסמאַן. ביזנעס איז ביזנעס. ער דאַרף ברענגען די סחורה גאַנץ און זגן, אַז זי זאָל נישט קאַליע ווערן... זעט ער, אַז די אַקטיאָרן זאָלן נישט אַרויסגיין אויפן דעק אָן אַ מאַנטל, און טאָמער איז אַ גרויסער ווינט, גייט ער שוין צו און זעט, איר זאָלט זיין צוגעדעקט און דער קאָלנער זאָל זיין אויפגעשטעלט. און מיר טראַכטן: אָט דאָס הייסט אַמעריקע. דאָס איז אויף דער שיף אַזוי, היינט וואָס־זשע וועט שוין זיין, אַז מיר וועלן קומען? . . .

אַז איר זעט פון וויטן די פרייהייט־סטאַטוע, פילט איר זיך גליקלעך, נישט נאָר דערפאַר וואָס איר זענט שוין אין אַמעריקע, נאָר אויך דערפאַר, וואָס אַרומפאָרנדיק איבער די לענדער אין אייראָפּע, זייענדיק אין די, אַזוי־גערופענע, דעמאָקראַטישע און פרייע לענדער, פילט מען נישט פריי; עפּעס פלעגט שטענדיק הענגען איבערן קאָפּ און פרעסן אַזוי שווער, נישט קוקנדיק אויף דעם כבוד, וואָס די רעגירונגען און קינסטלער פלעגן צוטיילן דער „הבימה". עפּעס איז געווען אין דער לופט נישט קיין פרייעס, נאָר פאַרקערט — פאַרשפּאַרטקייט. אָט דערפאַר דאָס קלאַפּן פון האַרצן, ווען דאָס פייער ברענט אַזוי ווייט און פריי, און זאָגט דיר אָן, אַז עס וואַרט אויף דיר — ליכט און פרייהייט!

אָט איז שוין דער ברעג. מיר קלייבן די פּעקלעך. מען נעמט פון אונדז בילדער, אין פאַרשיידענע פּאָזעס. דער באַברילטער מענעדזשער איז אַרום אונדז ווי אַ גענעראַל אויפן שלאַכטפעלד. די פאָטאָגראַפערס שיקט ער אַהער, די אַקטיאָרן הייסט ער זיך אויסזעצן אַזוי. דערהויפּט נעמט ער „פּיקטשורס" פון די סטאַרס. די איבעריקע דאָרטן, זאָגט ער, באַדערן אים נישט.

און דערהויפּט שרייט ער, מען זאָל שמייכלען. „וועריבאַדי, סמאַיל! סמאַיל!" שמייכלט מען. די מוזיק אויף דער שיף שפּילט. אַ שטופּעניש, אַ געדרענג. אַלע צעגייען זיך און אונדז פאַרנעמט מען מיט די פּעקלעך אויף אַן אַנדער שיפל. איצט, טראַכטן מיר, וועט מען אונדז מיט פּאַראַד פירן אין שטאָט אַריין. מען פירט אונדז צו צו אַן אינדזל, און מען זאָגט אונדז, אַז דאָ וועלן מיר שוין נעכטיקן. מען פירט אונדז אַריין. אַ גענויע אויג ציילט אונדז איבער, מען קלעפּט אונדז אָן נומערן און מיר קומען אַריין מיט פּאַראַד אין ריזיקן זאַל, וואו נאָך טויזנטער מענטשן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן וואַרטן אויף זייער גורל, אַריינגעלאָזן צו ווערן אין לאַנד אָדער געשיקט ווערן צוריק.

מענטשן אין ריזיקן זאַל זיינען אַ מאַסע, אָבער יעדער איז פאַר זיך באַזונדער. אַזוי ווי חיות אין אַ שטייג. מען גייט פון איין ברעג זאַל צום צווייטן. יעדער ווייסט שוין דעם צווייטנס צרות אויף אויסנווייניק. מען רעדט שוין אפילו נישט, עס איז שטיל. אינמיטן זאַל — אַן אימפּראָוויזירטע בינע. עס ברענען חנוכה־ליכטלעך. יידן זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און קוקן אויף די פייערלעך פון די ליכטלעך. אַ חזן זינגט „הנרות הללו". אַ פרוי, מיט אַ קינד אויף דער האַנט, וויינט אויפן קול. איר קול טראָגט זיך איבערן זאַל, הילכט אָפּ אין יעדן ווינקעלע און הויכט אויס די נשמה מיט אַ קרעכץ. אָט זיצן זיי, די שטענדיקע וואַנדערער, מיט יאָמער פון דורות...

אַרום אַ ריזיקן פענצטער מיט גראַטעס, שטייען מענטשן — חיות אין שטייג — און קוקן אַרויס אין דער פינצטערער נאַכט. פון ווייטנס זעט מען ריזיקע בערג, איינע אויף די אַנדערע. די בערג זיינען באַלויכטן מיט טויזנטער עלעקטרישע לאָמפּן. אָט די בערג זיינען אַ מאַגנעט. עס קוקט אויס ווי אַ מעשהלע פון טויזנט און איין נאַכט. די ליכט פינקלען, פינטלען פון דער ווייטנס, ווי זיי רייצן זיך מיט דיר: דו זיצסט פאַרשפּאַרט אויפן וואַסער...

די הבימהניקעס מישן זיך צונויף מיטן עולם. עס איז דער אינדזל פון טרערן. יעדער מענטש איז דאָ עלנט. יעדעס האַרץ איז דאָ אָנגעַ־ווייטיקט. אָט וואו דיין פּלאַץ איז, דו „הבימה"־קינסטלער! אָט ווען דו קאָנסט מיט דיין וואָרט אויפוועקן אָדער באַשטראַלן און געבן האָפענונג אָט די אומגליקלעכע, דאַן וואָלסטו געקאָנטריידן וועגן אַ מיסיע. אָבער אויב דו ביסט פונקט אַזוי עלנט ווי די אַלע, אויב דו האָסט קיין וואָרט פון טרייסט, טאָ וואָס איז דיין מיסיע, „הבימה"־קינסטלער?

עס איז שוין גרויסער טאָג, ווען מען באַפרייט אונדז, און מיר פאָרן אַריין אין ניו יאָרק. די פאַר מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט אויף אונדז, האָבן אונדז וואַרעם באַגריסט און מען האָט אונדז אָפּגעפירט אין אַ האָטעל.

מיר זיינען אין גאָלדענעם לאַנד, אין אַ שטאָט, וואו יעדער שטיקל ערד איז אַ רענדל. אין לאַנד, וואו אונדזער חלום דאַרף זיך פאַרווירקלעכן: דער חלום, אַז די זאָרג פאַר נויט און הונגער וועט פון אונדז אַראָפּגענומען ווערן, מען וועט אונדז באַפרייען פון דעם יאָך און אונדז לאָזן דערפילן אונדזער קולטורעלע און נאַציאָנאַלע מיסיע, וועגן וועלכער די יידישע וועלט האָט אַזויפיל גערעדט.

די פאָרשטעלונגען אין ניו יאָרק זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פרייד. די ענגלישע און יידישע פרעסע האָט נישט אויפגעהערט צו לויבן אונדזערע פאָרשטעלונגען. אַלע האָבן מודה געווען, אַז עס איז עפעס אַזוינס, וואָס זיי האָבן ביז איצט נישט געזען. עס זיינען געווען אויך אַזוינע, וואָס האָבן געשריבן, אַז אַלץ וואָלט געווען גוט, נאָר די משוגענע העויות אונדזערע, וואָס מיר מאַכן סיי אין שפילן, סיי אין גרים, מאַכן קאַליע איינגאַנצן די פאָרשטעלונג. אַזאַ אָפּשאַצונג איז אויך געווען צו דערוואַרטן, ווייל דאָס גאַנצע שפילן, די דעקאָראַציעס, קאָסטיומען און גרימען פון דער „הבימה" זיינען געווען פרעמד דעם עולם און אַ סך טעאַטער־קריטיקער, סיי יידישע, סיי ענגלישע. עס איז כדאי צו ציטירן אייניקע פון זיי. צום ביישפיל, אב. קאַהאַן שרייבט וועגן דער „דיבוק"־פאָרשטעלונג: „אין געוויסע באַציאונגען מאַכט די „הבימה" זייער אַ גוטן איינדרוק, צום ביישפיל, עס פילט זיך אַ מערקווירדיקע ערנסטקייט אין זייער שפילן, אַן אויפריכטיקע קינסטלערישע התלהבות, וועלכע איז אימער סימפּאַטיש, די געזאַנג און מוזיק פון זייער פאָרשטעלונג איז זייער אינטערעסאַנט". אב. קאַהאַן האָט זיך וואַרים באַצויגן צו אונדז אויך אַלס אַנסאַמבל, אָבער ווען ער איז צוגעקומען צום שפילן, דעקאָראַציעס און באַוועגונגען, האָבן זיי צו אים, אַלס אַן אָנהענגער פון שטרענגען רעאַליזם אין יעדער פאָרמע פון קונסט, ספּעציעל אויף דער בינע, נישט אַפּעלירט, און ער שרייבט מיט אַ סאַטירישן טאָן: „עס איז פאַראַן אַ גאַנצע גמרא וועגן דעם, וואָס דאָס אַלץ באַטייט. די פראַגע איז נאָר, וויפיל פון די צוזעער זיינען לומדים אויף אַזאַ גמרא, אויך וויפיל פון די אינטעליגענטע טעאַטער־באַזוכער פון דער וועלט האָבן איר געלערנט און וועלן איר לערנען? די בינע איז אויסגעשטאַטעט אויף דעם זעלביקן משוגענעם שטייגער ווי פילע פון די פנימער זיינען פאַרשמירט. אַ מגן־דוד, צום ביישפיל, זעט אויס ווי אַ פיגור, וואָס אַ קינד פון דריי יאָר האָט אויסגעגראַבלט. עס הענגט אַ טראַנטע, עס ליגט אַ שמאַטע, דאָס הייסט אַז דאָס שולכל איז אַן אָרימע. עס איז אָבער קיין שולכל נישט און ווען מען דאַרף בלאָזן שופר (בשעת מען לייגט דעם „דיבוק" אָריין אין חרם) איז דער שופר נישט ווי אַלע שופרות, נאָר עפעס ווי אַ ווילדע מאַכערייקע, ענלעך צו אַ גריך־שוואַרצער כאַלעווע, ווי איינער פון די אָנוועזנדע האָט באַמערקט: פאָרט וואָס וואָלט געאַרט, ווען זיי וואָלטן געבראַכט אַן

אמתן שופר? אָבער אַ געווײנלעכער שופר שמעקט מיט הײנט און דיזער שפּיל איז גאָר אַ צוקונפטיקער".

וועגן דעם זעלביקן „דיבוק" האָט אויך געשריבן דר. אַלעקסאַנדער מוקדוני. נישט נאָר אַ פרײנט פון דער „הבימה" בכלל, נאָר אײנער, וואָס האָט געזען די ערשטע טריט פון דער „הבימה" אין מאָסקווע אויף ניזשני־קיסלאָווסקי, און אויך אַ גרויסער אָנהענגער פון די „הבימה"־מעטאָדן. אַנאַליזירנדיק יעדע בילד באַזונדער, קומט ער צום אויספיר, אַז דער „דיבוק" איז פול מיט פילאָזאָפיע און פּאַטאָס, און ער זאָגט: „אַזאַ טעאַטראַלע שאַרפקײט, אַזאַ טעאַטראַלע דערהויבנקײט, אַזאַ טעאַטראַלע פּילזײטיקײט, אַזאַ טעאַטראַלע גאונות זע איך צום ערשטן מאָל". דאָ שטעלט דר. מוקדוני דעם טראָפּ אויף דער טעאַטראַלישקײט: דאָס וואָס מיר האָבן געזוכט צו דערגרײכן; און דאָס איז אײגנטלעך דאָס נײע וואָרט, וואָס וואַכ־טאַנגאָוו האָט געזאָגט אין „הבימה". רײדנדיק ווײטער מיט באַגײסטערונג וועגן די פאָרשטעלונגען און וועגן די „הבימה"־באַוועגונגען, זאָגט דר. מוקדוני: „יעדע באַוועגונג ציט זיך אין וואונדערלעכע ליניען צום כסא הכבוד... אַלץ באַוועגט זיך און ציט זיך צו גרויסער מאַלערישער קאָמפּאָ־זיציע... עס פאַרכאַפּט באַם אָטעם, דאָס האַרץ שפּרינגט אין ברוסט־קעסטל און אינגאַנצן ווערסטו פאַרגאַפּט".

אָט אַזוי האָט געשריבן דר. מוקדוני, וואָס האָט דערזען אָט דאָס נײע, וואָס מיר האָבן געפונען. ער האָט עס אַלײן געזוכט די גאַנצע צײט — און געפונען באַ אונדז.

וועגן דער זעלביקער פאָרשטעלונג האָט געשריבן מ. אַלגין: „עס איז נישט קײן רעצענזיע, נאָר אַ לויב־געזאַנג דער „הבימה" בכלל און דעם מאָדערנעם טעאַטער בפרט". ער שרײבט: „וואָס האָט דער „הבימה"־שאַ־פער געטאָן מיטן דיבוק? ער האָט אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרצן און געזאָגט: וואָס טויג מיר „דיבוק", גיב מיר טעאַטער. האָט ער זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן אויף אַזאַ הויך, וואו דאָס ספּעציפיש דיבוקשע איז געוואָרן אומ־וויכטיק, עס איז אָפּגעפאַלן, זיך פאַרוואַנדלט אין זײן היפוך. אָט די בטלנים, וואָס זיצן אין בית־המדרש און זינגען? אַזוינע בטלנים זײנען גאָר אויף דער וועלט נישטאָ און גוט אַזוי... דאָס איז דאָך אַ לײוונט פון אַ מאָ־דערנעם קינסטלער, זײ נעמען זיך טאַנצן אַ ריקודל און פון אומבאַקאַנטע טיפענישן קומט היץ, קומט לײדנשאַפט, קומט אַ כוואַליע פון עקסטאַז, הויבט זיך העכער, שפּרײזט זיך העכער, פּלײצט, פאַרגיסט, פאַרכאַפּט, פאַרטרינקט". און ווײטער: „ווער זאָגט, אַז סאָציאַלע מאָטיוון אין קונסט זײנען אומפאַר־אײנבאַר? טוט אַ קוק אויף די בעטלער־סצענעס. בעטלער! יאָ, אָפּגעריי־סענע, קרומע, לאָמע, שמאַטעס, קוליעס. מען קאָן זיך נישט פאָרשטעלן קײן גרעסערן עקל, אָבער וואָס איז געוואָרן אין האַנט פון קונסט!" און

אַלגין פאַרענדיקט זיין רעצענזיע: „אין גרויסן, אין גאַנצן, בלייבט די אויפפירונג אַ קונסט־איבערלעבונג פון ערשטן גראַד, די אַרבעטער, וואָס ווילן זיך באַקענען מיט מאָדערנער טעאַטער־קולטור, דאַרפן גיין זען די „הבימה".

עס איז אַ שאָד, וואָס דער פּלאַץ דערלויבט מיר נישט צו געבן אַנדערע אידישע און ענגלישע קריטיקן. דאָס ציטירטע וואָלט געגעבן אַ גאַנץ בילד פון דעם באַגריף, וואָס די מערסטע טעאַטער־קריטיקער האָבן געהאַט וועגן מאָדערנעם טעאַטער. דורך די רעצענזיעס וואָלט מען אויך געקאָנט זען דעם קינסטלערישן מצב, סיי פון דעם יידישן און סיי פון דעם ענגלישן טעאַטער.

דער ענגלישער טעאַטער, אַ דאַנק דעם וואָס ער איז שטאַרק קאָמערציאַליזירט געוואָרן, האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן טעאַטער אַלס אַ קינסטלערישע אינסטיטוציע. עס איז דאָך נישט געווען קיין איין גרופּע אָדער אַנסאַמבל, וואָס זאָל שטענדיק שפּילן צוזאַמען. עס איז נישט געווען קיין איין קאָאָפּעראַטיווע גרופּע, און וועגן אַ קאָלעקטיוו האָט מען אפילו נישט געטראַכט. די טרופּעס דאַן, ווי איצט, ווערן, מיט איינציקע אויסנאַמען, צונויפגעשטעלט פון איינעם וואָס ריזיקירט זיין געלט אויפצופירן אַ פּיעסע. ער איז, אַזוי צו זאָגן, דער קינסטלערישער לייטער פון דער פאָרשטעלונג, ווייל ער האָט אַריינגעלייגט דאָס געלט. און די אַקטיאָרן זיינען טאָג־אַרבעטער, וואָס באַקומען זייער געהאַלט לויט דער צייט, וואָס מען פאַרנעמט בא זיי. און כדי דאָס מאַכן מער נאַטירלעך, שטעלט מען צונויף אַקטיאָרן און אַקטריסעס לויט די כאַראַקטערן פון דער גאַנצער פאָרשטעלונג. נישט נאָר זעט מען שוין, אַז די אַקטיאָרן זאָלן זיך צופּאַסן צו דער און דער ראָל, נאָר אויב מען דאַרף אַ קאַליקע, לאָמיר זאָגן, זוכט מען שוין מיט ליכט אַ בעל־מום, ער זאָל פאַרנעמען די ראָל. דאַרף מען איינעם מיט אַ צעהאַקטן נאָז, וועט מען שוין זוכן, נישטערן ביז וואַנען מען וועט אים געפינען. וועט איר דאָך זאָגן, אַז עס נישט קינסטלעריש. צוליב וואָס, וועט איר פרעגן, דאַרף מען גרים, פאַרוקן א. אַז. וו.? וואָס קאָן מען שוין דערוואַרטן פון דעם אַקטיאָר, אַלס קינסטלער, אַז מען ברענגט פאַרטיקע, פון לעבן פאַרגרימירטע? איז דאָס טעאַטער? ניין, עס איז הונדערט פּראָצענט נאַטוראַליזם, וואָס האָט מיטן עצם טעאַטער ווייניג וואָס צו טאָן. עס האָט צו טאָן מיט פאָטאָגראַפיע, מיט שלעכט קאָפּירן דאָס לעבן. איך זאָג שלעכט, ווייל וויפיל איר זאָלט נישט וועלן קאָפּירן, וועט איר נישט קאָנען, ווייל דאָס לעבן איז פאָרט ריינער און אמתער ווי אַ קאָפּיע. אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס מערסטנטייל זיינען די פּיעסן אויף דער אַמעריקאַנער בינע פון טאָג־טעגלעכן לעבן. קיין גרויסן קינסטלערישן ווערט האָבן זיי נישט. קיין מאָראַל פּריידיקן זיי נישט און געוויס זיינען זיי ווייט פון אידייעס, ווייל יעדע אידייע, האָט אונדז געלערנט וואַכטאַנגאָוו, מוז האָבן איר

„דער מבול" פון בערגער
דערפינדער נאָרדלינג — בן־אַרי

"DELUGE" — H. BERGER
Nordling the Inventor — Ben-Ari



"DELUGE" — H. BERGER
Scene from Third Act

„דער מבול“ פון ה. ברגר
פאַרצווייפלונג

בנא שנײדער, פּראָזער; **א. וויניאַר**, טשאַרלי; **דוד איטקין**, סטרעטן, **א. פּרודקין**,
ביר; **חיהלע גראבער**, ליזי; **בן־אַרי**, נאָרדלינג. אויבן: **צבי פרידלאַנד**, אָ׳ניל.

פאָרמע, און יעדע פּיעסע, וואָס וויל אַרויסברענגען אַ געוויסע אידייע, דאַרף האָבן איר קינסטלערישע פאָרמע. און קיין פאָרמע איז נישטאָ וואו קיין אידייע איז נישטאָ. און עס איז נישטאָ דער קינסטלער, דער רעזשיסאָר, וואָס זאָל געבן דער פאַרשטעלונג אַ קינסטלערישן תיקון. און ווייל די פאַרשטעלונגען האָבן נישט קיין פאָרמע, קאָן דאָך שוין קיין רייד נישט זיין וועגן ספּעציעל טעאַטראַלע פאָרמען. און ווייל עס זיינען נישטאָ קיין טעאַט־ראַלע קאָלעקטיוון, ווענענס ציל עס איז נישט נאָר שפּילן טעאַטער, נאָר אויך פאַרנעמען זיך מיט געזעלשאַפטלעכע, סאָציאַלע פּראָבלעמען, האָט דער אַמעריקאַנער טעאַטער, דער פּראָפעסיאָנעלער, נאָר איין ציל, און דאָס איז: געשעפט. און אַלס אַ קאָמערציעלע אונטערנעמונג דאַרף מען פּראָ־דוצירן זאַכן, וואָס דער ברייטער עולם פאַרלאַנגט. און דער המון פאַר־לאַנגט — פאַרווייַלונג, אונטערהאַלטונג.

איז עס שוין נישט קיין חידוש, וואָס אַלע פּיעסן אויף „בראָדוועי״, די טאָן־געבערין פאַר דער גאַנצער אַמעריקאַנער טעאַטער־וועלט, אונטערשיידן זיך נישט מיט זייער רעזשי איינע פון די אַנדערע. איר קאָנט באַזוכן צען טעאַטערס איינע נאָך די אַנדערע און איר וועט זיך נישט פאַנאַנדערקלייבן וואָס אין וועלכן טעאַטער מען שפּילט. דאָס איז דערפאַר, ווייל קיין טעאַטער האָט נישט זיין אייגענעם פּנים, זיין אייגענעם אויסדרוק. ווייל מען שפּילט נישט קיין טעאַטער דאָרט, נאָר, כ׳וואָלט געזאָגט, מען לייענט פאַר פאַרן עולם די אָדער יענע פּיעסע. דער אַקטיאָר איז דאָ אייגנטלעך אַ גוטער פאָרלעזער, אָדער אַ שלעכטער פאָרלעזער, אָבער נישט מער.

דאָס איז נאָך בולטער געוואָרן פאַר די לעצטע יאָרן, ווען עס האָבן זיך אָרגאַניזירט אייניקע קאָלעקטיוון און קאָאָפּעראַטיווע גרופּעס, וועמעס אויפגאַבע עס איז שוין געוואָרן נישט נאָר שפּילן טעאַטער, נאָר אויך צוגעבן זייער אייגענע אויסטייטשונג דער אויפפירונג — זייער סאָציאַלן, געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן צוגאַנג. דאָס האָט באַוויזן, אַז דער טעאַטער און דער שוישפּילער זיינען נישט געהאָרכזאַמע קנעכט פון דעם מחבר, אַז זיי ווילן נישט פאָטאָגראַפירן אויף דער בינע אָט דאָס לעבן וואָס מען האָט באַשטעלט, נאָר אַז דער טעאַטער בכלל, און דער טעאַטער־קאָלעקטיוו בפרט, האָט אויך אַ פונקציע: צו געבן זיין אייגענע אויסטייטשונג, זיין אידייע און דעריבער אויך זיין אייגענע פ אָ ר מ ע.

ווער דאַרף געבן אָט די פאָרמע? דער רעזשיסאָר צוזאַמען מיטן קאָ־לעקטיוו. איך שטרייך אונטער ק אָ ל ע ק ט י ו ו, ווייל נאָר אַ טעאַ־טער־קאָלעקטיוו קאָן אַנטוויקלען זיין רעזשיסאָר, קאָן אַנטוויקלען אַן אַק־טיאָרן־טרופּע, וואָס זאָל זיין קינסטלעריש פאַרבונדן מיט איין קינסטלערישן ווילן און אידעאָלאָגיע. אַזאַ טעאַטער פּילט אויס אַ קינסטלערישע פונקציע אין דעם אַלגעמיינעם קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דער פּראָפעסיאָנעלער אַמעריקאַנער טעאַטער, אויף די יסודות ווי ער איז געבויט איצט, פילט נישט אויס אַזאַ פונקציע, ווייל די אַקטיאָרן זיינען איינע די אַנדערע פרעמדע מענטשן. וועט דען איינפאַלן אַט דער צופעליקער גרופּע מענטשן צו פרעגן באַ דעם באַלעבאָס, וואָס פירט אויף די פּיעסע: „זאָגט אונדז, וואָס איז די אידייע פון דער פּיעסע, אין וועלכער איך וועל מיטווירקן?" מען וואָלט אַזאַ אַקטיאָר געוויס אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם. אָבער אַזאַ פראַגע אין אַ קאָלעקטיוון טעאַטער וואָלט געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע און אַ נויטווענדיקע. ווייל פון דער פראַגע וואָלט געווען אָפּהענגיק די אידייע פון דער פאָרשטעלונג, און די טעאַטראַלע פאָרמע.

אַט דאָס איז נאָך ביז איצט, מיט אַ קליינער אויסנאַם, די מדרגה פון דעם אַמעריקאַנער טעאַטער. און ווען די „הבימה" איז אָנגעקומען קיין ניו יאָרק, האָט געהערשט נאָך אַ גרעסערע פּרינציפּנלאָזיקייט, אידייענלאָזיקייט און פאָרמלאָזיקייט. אמת, אין דער לופט האָבן שוין געבלאָזן נייע ווינטן. דער בעסערער באַלעבאַטישער עולם האָט געבראַכט דעם גילד טעאַטער. דער קראַך און די קריזיס־יאָרן האָבן געבראַכט דעם „גרופּ" טעאַטער, דעם יוניאָן טעאַטער, אַלערליי קאָלעקטיוון און גרופּעס, מיט אַן אייגענעם צוגאַנג און אידעאָלאָגיע. אין דער לענג און ברייט פון אַמעריקע האָבן זיך פאַרשפּרייט אָרגאַניזירטע גרופּעס. אַ סך פון זיי מיט אַ פעסטן ווילן צו פאַרטרייבן מיט דער צייט די וואולגאַריטעט און די מיטלמעסיקייט פון אַמעריקאַנער טעאַטער. און אַט די טעאַטערלעך האָבן נאָך זייער לעצטן וואָרט נישט געזאָגט. ערגעץ־וואו בויט זיך אַ נייער אַמעריקאַנער טעאַטער, אַ געזעלשאַפטלעכער טעאַטער, וואָס וועט אַרויסנעמען דעם איצטיקן טעאַטער פון דעם נידעריקן מצב, אין וועלכן ער געפינט זיך.

די „הבימה"־פאָרשטעלונגען אין ניו יאָרק אויף דעם טעאַטראַלן בראָדוועי האָבן אַרויסגערופן אַ שטורעם מיט דיסקוסיעס, קריטיקן און אַלערליי אָפּשאַצונגען, גוטע און שלעכטע. אייניקע האָבן געלויבט אין הימל אַריין, אַנדערע האָבן שטאַרק געטאַדלט. מיט איין זאַך האָט זיך די „הבימה" יאָ געקאָנט גראַטולירן און דאָס איז, וואָס עס זיינען נישט געווען קיין פּאַרעווע רעצענזיעס. מען האָט נישט געקאָנט אַוועקגיין פון די „הבימה"־פאָרשטעלונגען קאַלטבלוטיק. אַזאַ זאַך איז נישט געווען. אָדער איר זענט אַוועק באַגייסטערט, אָדער איר האָט אַ שפּיי געטאָן און געזאָגט: משוגע! און אַט דאָס איז אַ גרויסער פאַרדינסט. מיר האָבן אָנגערעגט דעם צושויער. צו דעם, האָט געזאָגט וואַכטאַנגאָוו, דאַרף יעדער טעאַטער שטרעבן. און מיר האָבן געהאָפט, אַז אונדזערע צוקונפטיקע פאָרשטעלונגען וועלן נאָך מער פאַרשטאַרקן אַט די ליבע אָדער פיינטשאַפט צו אונדז. אַט לאָזט אונדז נאָר צעפירן די הענט, וועלן מיר שוין ווייזן וואָס מיר קאָנען. מיר וועלן

אזוי לאַנג פּראָפּאַגאַנדירן אונדזערע נייע פּאָרמען, ביז מיר וועלן סוף־כל־סוף אַלעמען געווינען אויף אונדזער זייט!

אָט דאָס זיינען געווען די גוטע כונות באַם אָנקומען און באַם אָנהויבן די גאַסטראָלן. אָבער שוין די ערשטע פּאָר וואָכן, שפּילנדיק אין מאַנספּילד טעאַטער, פּלעגט דער עולם קומען ווינציקער און ווינציקער. די מאַסע איז נישט געקומען, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די „הבימה" איז געווען דוקא שטאַרק פּאָפּולער. מען האָט אויף דער „איסט־סייד" זיך שטאַרק אי־בערגענומען מיט אונדזערע קריטיקן און מיט דער אָנערקענונג, וואָס מיר האָבן געקראָגן אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע, אָבער דער פאָלקס־מענטש האָט מורא געהאַט פאַר אַ סך זאַכן. קודם־כל — לשון קודש. אָבער נישט נאָר לשון קודש, נאָר מען פּלעגט דערציילן, אַז מיר שפּילן גאָר תרגום־לשון, געמישט מיט גמרא. צווייטנס, האָט מען דערציילט, אַז מיר וויינען אַ סך אין אונדזערע פּיעסן. אָבער דאָס ערגסטע איז, וואָס אונדזער שפּילן איז אַ מאָדנער, אַ פוטוריסטישער. דאָס הייסט, אַזוי וועט מען ערשט שפּילן אין דער צוקונפט, פאַר אונדזערע קינדס־קינדער. אָבער מיר? ווייס איך וואָס, וואָס קאָנען מיר פאַרשטיין?

און זיי זיינען טאַקע געזעסן אין דער היים. און דאָס האָט געמאַכט דעם אימפּרעסאַריאָ מרה־שחורהדיק און אָנגעצויגן. מיר זיינען געווען אַנ־טוישט, אָבער נאָך נישט געפאַלן. מיר האָבן נאָך אַלץ געהאָפט, אַז ווען מיר וועלן קומען נעענטער צום עולם, וועט ער קומען און ער וועט אָפּשאַצן.

דעם „גולם" האָבן מיר שוין געשפּילט אויף דער איסט־סייד, און עס דאַכט זיך, אַז אָט איז געשען אַ נס: דער טעאַטער איז געפּאַקט יעדע נאַכט. מיר דאַרפן נאָך שפּילן צוויי וואָכן, אָבער מיר שטייען צוויי מאָנאַטן אין דעם זעלביקן טעאַטער. דער אימפּרעסאַריאָ שמייכלט. אַ גוטער סימן. אויף אַ מאָמענט דאַכט זיך, אַז מיר וועלן אַזוי שפּילן דעם גאַנצן סעזאָן. דער „גולם" האָט פאַראינטערעסירט, ווייזט אויס, מער פון אַלץ מיטן אינהאַלט. די פאַבולע האָט צוגעצויגן אַ סך מענטשן, אָבער נישט גענוג עס זאָל דויערן אַזוי לאַנג.

דער באַברילטער ייד, וואָס האָט אונדז געפירט אַזוי פאַרזיכטיק קיין אַמעריקע, איז אונטער די הענט נישט געוואָרן. ער איז פאַרשוואונדן גע־וואָרן. מען האָט איבערגעגעבן אין זיין נאָמען, אַז ער וואָלט פונדעסטוועגן איינגעשטעלט זיין גאַנץ פאַרמעגן אויף דער „הבימה", ווען מיר מאַכן „העפּי ענדינגס" (פריילעכע שלוסן) צו אונדזערע פּיעסן. דעם פּלאַן זיינעם ווי מען זאָל עס מאַכן, האָט ער קיינעם נישט אַנטדעקט...

און די גרופּע איז שוין איבערגעגאַנגען פון איין אימפּרעסאַריאָ צום צווייטן. איינער האָט אונדז געפירט אויף דער פּראָווינץ, וואו די מענטשן זיינען אַ סך האַרציקער. די סענסאַציע איז געגאַנגען צוזאַמען מיט אונדז.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז די געשעפטן דאַרפן גיין גוט, אָבער דער מענעד־זשער, וואָס האָט אונדז געפירט אויף דער פּראָווינץ, וואָס האָט גענומען די „הבימה" אַלס אידעאַליסט און מאַרטירער, צו „וויזן אַמעריקע וואָס מיר פאַרמאָגן", פלעגט אַרומגיין מיט אַ פּיפּקע אין מויל, פלעגט פּיפּקען, פּיפּקען, און אַז מען פלעגט אים דערמאָנען וועגן געלט, פלעגט ער פאַרבייסן די פּיפּקע נאָך שטאַרקער צווישן די ציין און פלעגט עפּעס אַ בורטשע טאָן אונטערן נאָז מיט אַזאַ מינע, אַז ס'פלעגט דורכנעמען דורך און דורך. דאָס איז אין שלעכטע טעג, אָבער אין גוטע, ווען אויף דער קאַסע פלעגט הענגען אַ בלעכל — „אויספאַרקויפט", פלעגט ער טאַקע פּיפּקען, אָבער זייער גוטמוטיק, פלעגט לויפן הינטער די קוליסן, פלעגט אַרומכאַפּן יעדן איינ־ציקן, שיטן קאָמפּלימענטן און שרייען: „גרעיט! גרעיט! (גרויס! גרויס!). ער פלעגט גאָר קיין ווערטער נישט געפינען. און „טייערינקע", פלעגט ער זיך בעטן, ווען איר הערט אויף וויינען! „פאָר גאַדס סעיק, דאָנ'ט קראַי!" און אַלץ וועט זיין וואונדערבאַר. אָלרייט, זאָגט ער, כ'פאַרשטיי, איך בין אויך אַ ייד, איך גיי אפילו אין שול יום־כפור, אָבער אַזאַ וויינען, אַזאַ יאָמער! איר פאַרטרייבט דאָך דעם עולם פון טעאַטער. דער אַמעריקאַנער ייד האָט פיינט אַז מען וויינט. הערט אויף וויינען און איר זענט גרעאַטעוועט!"

יאָ, פלעגן מיר טענהן, ווי זאָלן מיר נישט וויינען, אַז דער בית־המקדש ווערט חרוב?... ער פאַרטראַכט זיך... „בית־המקדש? „די וועילינג וואָל?" יאָ, אמת, מען מוז... נו, וויינט... וויינט... דער סוף איז געווען, אַז נאָך דער טורנע האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט שטאַרק ליב די „הבימה" און ווען ער האָט נאָך געלט, וואָלט ער ווייטער געפאָרן... ער האָט זיך געזעגנט מיט אונדז און מער האָבן מיר אים נישט געזען.

די חלומות פון די הבימהניקעס זיינען צערונען געוואָרן. מער פאַר־צווייפלט ווי ווען עס איז, האָט מען זיך אומגעקערט צוריק קיין ניו יאָרק.

מען זוכט אַ צימער, אַ מיטאָג וואָס ביליקער און עס איז נישטאָ פון וואָס צו שפּאָרן. מען האָט געפילט, אַז די שיף גייט אונטער. דאָס איז, דאַכט זיך, די לעצטע כוואַליע, מיר טרינקען זיך און קיינער קומט נישט צו הילף, נישט נאָר מיט מאַטעריעלער הילף, נאָר אפילו נישט מיט קיין עצה. אין אַזוינע מאָמענטן ווייזט זיך דיר אויס, אַז די שטאָט איז אַ וואַלד און די מענטשן אין איר זיינען ווילדע חיות, וואָס יעדער וואָלט דיך גערן פאַרצוקט.

קיין אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען האָבן מיר נישט. די חברים פון „מועצה" לויפן אַרום פון איין פלאַץ צום צווייטן. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אין אַזאַ צייט האָבן זיך די אינערלעכע באַציאונגען צווישן צמחן און קאָלעקטיוו נאָך שטאַרקער פאַרשאַרפט. דער קאָלעקטיוו האָט באַשולדיקט צמחן אין שטערן

אונדז. צמח האָט באַשולדיקט די „מועצה“ פאַר דעם כאָאָס און פאַרצווייפּ־לונג — הכלל, די באַציאונגען זיינען זייער פאַרשאַרפט געוואָרן.

דאָ איז שוין נישט געווען קיין פראַגע וועגן מיינונג־פאַרשיידנהייטן. עס איז שאַרף געשטאַנען די פראַגע באַ יעדן איינציקן פון אונדז — לעבן אָדער טויט. אַט אויף דער פראַגע האָבן מיר באַדאַרפט ענטפערן אויף אַ ספּעציעלער פאַרזאַמלונג אין האָטעל אַנסאָניאַ אין ניו יאָרק — אונדזער לעצ־טע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג.

די צעשיידונג

דער לעצטער אַקט פון דער דראַמע, וואָס הייסט „הבימה‟־קאָלעקטיוו, האָט זיך אָפּגעשפּילט אין ניו יאָרק, זומער 1927. אַ ריזיקער זאַל. די גרופּע איינזאַמע מענטשן זיצן צוזאַמען אין אַ ווינקל און שווייגן... פון ערגעץ הערט זיך דזשעז־מוזיק, וואָס קלאַגט, בעט און מאָנט. עס איז שפּעט באַנאַכט. מידע פּאָרלעך שאַרן מיט די פיס, און טאַנצן, טאַנצן אָן א זין און אָן אַ ציל. פון דרויסן הערט זיך דאָס גערויש פון אויטאָמאָבילן, טראַמווייען און עלעווייטערס, און דאָ, אין זאַל, זיצן מיר און שווייגן. מען וואָלט דוקא געוואָלט ריידן, טענהן, אָבער מען קאָן נישט. מען האָט אפילו מורא צו קוקן איינער אויפן צווייטן. יעדער זעט פאַר זיך זיין לעבן אין טעאַטער, פאַר וועלכן ער האָט אַזויפיל מקריב געווען. ער זעט דעם קאָלעקטיוו און זיינע חלומות: דעם ענטוזיאַזם, די פריידן און צרות, די מאַטעריעלע דחקות און אָרימקייט און די גייסטיקע ריזן, וואָס האָבן אונדז רייך געמאַכט אויפן גאַנצן לעבן... יעדער האָט געזען זיך אַלס תלמיד, אַלס אָנפאַנגער אויף ניזשני קיסלאָווסקי פּערעאולאָק 6, וואו עס איז אויסגעחלומט געוואָרן דער אידעאַל פון אַ נייעם טעאַטער...

און אָט האָבן מיר דעם טעאַטער, דעם וועלט־אָנערקענטן, גע־בראַכט — פאַר וועמען? דאַרף מען האָבן אָט דעם נייעם נאַציאָנאַלן טעאַ־טער? וואָס ווייטער? אָט האָט זיך געענדיקט די סענסאַציע און עס איז קיינער נישט מיט דיר, אַרום דיר, וואָס זאָל דיר אפילו מיט אַ וואָרט טרייסטן אָדער קוראַזש צוגעבן. און וואָס מער פראַגן דו פרעגסט באַ זיך אַליין, וואָס מער דו גייסט אַוועק מיט דיינע געדאַנקען וועגן דיין לעבן מיטן קאָלעקטיוו, אַלץ מער שטיקן דיך טרערן, קאָנסט דעם קאָפּ נישט אויפהויבן. טרערן רינען אונטער דעם ריטם פון דער דזשעז־מוזיק און דעם שאַרן מיט די פיס. און קאָנסט קיין וואָרט נישט ריידן.

און אַז דער שטילשווייגן איז איבערגעריסן געוואָרן און די חברים האָבן גענומען ריידן, האָט מען שוין גערעדט מיט אַזויפיל האַרץ, מיט אַזויפיל ווייטיק, אַז מען האָט געקאָנט פילן, אַז דאָס רעדט מען פאַר די לאַנגע שעהן פון פיין.

די גאַנצע גרופּע איז געווען צעטיילט אין צוויי לאַגערן. איינע, די מאַיאָריטעט, איז געווען פאַר אַ „מועצה", מיט צמחן אַלס אָנפירער. עס הייסט, דער גורל פון טעאַטער דאַרף און מוז אָנגעפירט ווערן ווייטער ווי ביז איצט, פון די חברים. און וואָס די באַשלוסן זאָלן נישט זיין, מוז מען זיך אונטער־וואַרפן. די צווייטע, די מינאָריטעט, איז בעשטאַנען פון צמחן מיט א קליינער גרופּע חברים, וואָס האָט געטענהט, אַז אַזוי קאָן עס ווייטער ניט גיין: דער טעאַטער מוז געפירט ווערן פון צמחן אַליין און די „מועצה" זאָל אָפּגעשאַפט ווערן. און כדי שאַרפער מאַכן זיינע טענות, האָט צמח געוויזן אלס ביישפּיל דעם פאַרצווייפלטן צושטאַנד פון טעאַטער אין דעם מאָמענט. דאָס, האָבן געטענהט חברים, איז דערפאַר, וואָס דו, צמח, האָסט נישט נאָר נישט געזען צו העלפן, נאָר דו האָסט געשטערט. ניין, האָט ער ווידער געטענהט זיינס, מען קאָן נישט פירן אַ טעאַטער מיט אַ גאַנצער „מועצה", איך זאָל שטענדיק זיין אָפּהענגיק פון אייערע אסיפות.

האָט מען, מיט רעכט, געענטפערט, אַז די „מועצה" וואָלט אַלעמאָל צוגעשטימט צו יעדער זאַך, וואָס איז לטובת דעם קאָלעקטיוו.

— הייסט עס, איר ווילט קאָנטראָלירן?

— ניין, נישט קאָנטראָלירן, נאָר העלפן פירן דעם טעאַטער ווייטער, מיט די פאַרטרעטער פון קאָלעקטיוו.

אָט אויף דער טעמע, פּונקט ווי אין מאָסקווע, פּונקט ווי אין גאַנץ אייראָפּע, איז די פאַרזאַמלונג אָנגעגאַנגען. מען האָט געבעטן, מען האָט געמוסרט. אָט האָט זיך געדאַכט, וועט אַלץ פאַרריכט ווערן, עס וועט אָפּגעשאַפט ווערן די מחיצה, די נאַרישע קליינע מחיצה, וואָס טיילט אונדז פאַנאַנדער. אָט וועט מען ווידער ווערן איינס. די הערצער וועלן ווערן אָנגעפילט מיט פרייד און מיר וועלן מיט ענטוזיאַזם און גלויבן אין זיך זעלבסט טראָגן ווייטער דעם טעאַטער.

אָבער עס איז נישט געשען. מען איז אַריינגעקראָכן אין אַ לוזשע און מען האָט נישט געקאָנט אַרויס. אפשר, ווען עס זאָל דאַן געווען זיין מיט אונדז אַן אייגענער מענטש, וועמען דער גורל פון דעם „הבימה"־קאָלעקטיוו זאָל געווען אָנגיין מער ווי די פאָרשטעלונג; ווען עס קומט איינער און וואָלט זיך צוגעהערט צו אונדז, צו אונדזער פאַרצווייפלונג און געזאָגט איין וואָרים וואָרט, וואָלט עס מער געווירקט אויף אונדז ווי די צענדליקער גרויסע באַנקעטן, וואָס עס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין אונדזער כבוד, מיט די הונדערטער רעדעס, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן וועגן „אונדזער נאַציאָנאַלן טעאַטער", „אונדזער קולטור", מיט די עצות, וואָס מען האָט אונדז געגעבן. מערסטנטייל פלעגן זיך ענדיקן די רעדעס מיט אַ ווינטשעוואַניע, מיר זאָלן שוין וואָס שנעלער אַוועקפאָרן... האָבנ־דיק אין זינען אונדזער טובה, ווייל אַמעריקע איז נאָך נישט גרייט אויף

אזאַ טעאַטער. עס איז צו גוט, עס איז צו ראַפינירט, מיר מוזן וואָס שנעלער זיך ראַטעווען...

אמת, עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פאָרגעשלאָגן אַ פּלאַן מיר זאָלן פאַרבלייבן דאָ, אָבער עס איז געווען אַ קול קורא במדבר. די באַנ־קעטן פלעגן זיך ענדיקן, די רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן אין אַ סך שפּראַכן, וואָס האָבן זייער שיין געקלונגען. אָבער איצט זיצן מיר אליין, מיר קאָכן זיך אין אונדזער אייגענעם סאָק, אַליין מיטן יאוש און צווייפל, און קיינער איז נישטאָ מיט אונדז...

מען מוז צוגעבן, אז אַט דער יאוש האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע, און אפשר די דאָמינירנדיקע ראָלע, אין דער פראַגע: יאָ „מועצה", נישט „מועצה"; צמח ,אָדער נישט צמח. דער יאוש וועגן דער צוקונפט פון טעאַטער, די שפּראַך־פראַגע, די סאָציאַלע פּאָזיציע פון דעם טעאַטער — דאָס אַלץ האָט ערגעץ־וואו געטליעט אין האַרצן. מען האָט געהאָפט, אַז אימיצער וועט קומען און צונישט מאַכן די ספקות.

מיר האָבן געטראַכט: ווען דער טעאַטער וואָלט געווען נישט קיין סענסאַציע, נאָר אַ נויטוועבדיקייט, וואָלטן זיך דאָך געפונען די יחידים, וואָס וואָלטן איצט געווען מיט אונדז. און ווען זיי וואָלטן געקומען, וואָלטן אַלע ספקות און אַלע טענות פאַרשוואונדן. זיי וואָלטן נאָך אפשר קלאָר געמאַכט פאַר אונדז דעם וועג, אָבער עס האָט זיך געדאַכט, אַז קיינער דאַרף אונדז נישט...

אויסגעמאַטערטע פון אַ גאַנצער נאַכט ריידן, מיט אויגן פאַרוויינטע, מיט הערצער אַנגעווייטיקטע, ווי קינדער וואָס פאַלן, הויבן זיך אויף און לויפנדיק האַלטן זיי איין דעם געוויין זייערן ביז זיי דערזעען די מוטער — אַזוי האָבן מיר זיך אַרויסגעריסן פון זאַל. יעדער באַזונדער, ווער אין צימער און ווער אין גאַס. אַליין מיט זיך וועט אפשר גרינגער ווערן...

מער האָבן זיך די חברים אַלס אַ גאַנצע גרופּע קיינמאָל נישט פאַר־זאַמלט. די מערהייט האָט באַשלאָסן פאַרלאָזן אַמעריקע. די מינדערהייט, מיט צמחן, זיינען פאַרבליבן. די גרופּע, וואָס האָט געלייגט דעם פונדאַ־מענט פון דעם בנין, אים דעם נאָמען געגעבן, אויסגעשטאַנען צוזאַמען נויט און הונגער, פרייד און טרויער — די גרופּע, וואָס האָט דעם אלף־בית צוזאַמען געלערנט באַ דער אייוועלע און פייער, אויסגעשמידט דעם קומענדיקן קאָלעקטיוו „הבימה", דער קאָלעקטיוו, וואָס האָט דערמעגלעכט צו ברענגען דעם טעאַטער צו קינסטלערישע דערגרייכונגען, — יאָ, די דאָזיקע גרופּע האָט זיך מער קיינמאָל שוין צוזאַמען נישט געטראָפן. זי איז פאַנאַנדערגעריסן געוואָרן אויף צווייען. און ווען מען פרעגט באַ די חברים, וואָס זיצן, מיט די פּעקלעך, אין דריטן קלאַס פון דער ריזיקער שיף, ווען מען פרעגט זיי, אָדער באַ די וואָס זיינען פאַרבליבן אויפן ברעג, פאַר־

דער הבימה קאָלעקטיוו אויפן שיף ביים אָנקומען אין אַמעריקע

THE HABIMA GROUP ARRIVES IN NEW YORK



דער עולם אויף א פאָרשטעלונג פון דער „הבימה“ אין ארץ ישראל
AN ENTHUSIASTIC AUDIENCE OF THE HABIMA IN PALESTINE

וואָס איז פאָרגעקומען אָט די צעשיידונג, וואָלטן זיי אייך ניט געקאָנט ענטפערן. קיינער האָט עס אבער אפילו נישט געפרעגט.

די שיף האָט זיך אַוועקגעגליטשט פון ברעג און ביסלעכווייז אָנגעהויבן זיך דערווייטערן. אַ מחיצה האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן איין גרופּע און דער צווייטער. זיי, אויף דער שיף, מיט אַ באַרעכטיקטן חשד צו די וואָס זיינען באַוואוסטזיניק פאַרבליבן מיט צמחן, און די פאַרבליבענע, אַ חוץ צמחן, מיט אַ פאַרדרוס, וואָס זיי זיינען ווי אָפּגעשניטן געוואָרן, ווי זינדיקע, און אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ פיינטלעכן לאַגער.

ווער איז געווען גערעכט? געוויס האָט די גרופּע, וואָס האָט פאַרלאָזן אַמעריקע, געהאַט רעכט צו האָבן אַ חשד אויף די פאַרבליבענע, און האָבן טענות, אָבער אַוועקזעצן אַלעמען אויף איין באַשולדיקונגס־באַנק און אַוועקשטעלן אַ שטעמפּל „זינדיק" — אויף דעם האָבן זיי קיין מאָראַלע רעכט נישט געהאַט. זיי וואָלטן נאָר באַדאַרפט אויף איין מינוט אַוועקשטעלן זיך אין דער לאַגע פון די פאַרבליבענע, און אַלץ וואָלט פאַרענטפערט געוואָרן.

די שיף האָט זיך אָנגענומען מיט כח, האָט זיך אַוועקגעלאָזט שנעלער און ווייטער אין ים. עס האָט זיך געוואָלט נאָכשרייען די פראַגע: ווער האָט צעריסן די גרופּע און פאַרוואָס?... טאַקע פאַרוואָס? הערט זיך אַ שטומער געשריי פון דער שיף, און עס ווערט ווידער שטיל. די שיף ווערט אַלץ קלענער און קלענער, קוים וואָס מען זעט זי. מיר שטייען אַליין באָם ברעג, קוקן אין טיפן וואַסער אַריין. דער ווינט זינגט אויס, דאַכט זיך, דעם לייט־מאָטיוו פון „הבימה" דעם — „מפּני מה"?... און אַז די מעלאָדיע ווערט פאַרענדיקט, הערן מיר פון ווייט וואַכטאַנגאָווס לאַקאָנישע פראַגע: טייערע מיינע, וואו זענט איר איצט?

ווער קאָן אונדז ענטפערן, וואו מיר זיינען איצט, און ווער קאָן וויסן וואוהין מיר גייען?

אונדזערע פּרוּוון אין אַמעריקע

די פֿאַרבליבענע חברים זיינען אינגיכן אָרגאַניזירט געוואָרן פֿון צמחן. ער האָט זיך ווידער אָנגענומען מיט ענערגיע. ער האָט אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט, וואָס האָט באַדאַרפֿט שטיצן די גרופּע — מאָראַליש און מאַטעריעל. לויט די אויסזיכטן האָט זיך געדאַכט, אַז נישט נאָר וועט ער דאָ קאָנען אָרגאַניזירן אַ גרופּע, לויט דעם מוסטער פֿון דער „הבימה“, נאָר ער וועט קאָנען פֿאָרזעצן די אַרבעט.

איך וואָלט נישט געזאָגט, אַז אַלע חברים זיינען מיטן גאַנצן האַרצן געווען מיט צמחן און זיינע פּלענער. זיי האָט זיך געדאַכט, אַז אַט הויבן זיי זיך אויף און פֿאָרן אַוועק צו דעם קאָלעקטיוו, צו וועלכן זיי באַלאַנגען. אָבער אַז קיין פֿאַרזוך צוזאַמענברענגען די חברים איז נישט געמאַכט געוואָרן פֿון קיינעם, האָבן זיי זיך איבערגעגעבן דער אַרבעט מיט דעם זעלביקן ברען און אימפּעט.

דאָס טעאַטערל אויף גרענד סטריט, די „נעיבאָרהוד פּלעיהאַוז“, איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַבאָראַטאָריע, וואו מען האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט. שריפֿטשטעלער, פּעדאַגאָגן, כלערליי טוער האָבן די ערשטע צייט ווי אויפֿגעלעבט. אין דער פּרעסע האָט מען אָפּגעגעבן אַ סך פּלאַץ אונדזערע פּלענער צו שאַפֿן אַ פּערמאַנענטן טעאַטערל, וואָס זאָל גיין אין די זעלביקע דרכים, ווי די „הבימה“ איז געגאַנגען ביז אַהער. נאָך אַלעמען, זיינען מיר איצט ווידער געוואָרן פּיאָנערן. מיר זיינען די ערשטע צו פֿאַרווירקלעכן די חלומות פֿון דער „הבימה“, צו גרינדן אין יעדן גרויסן יידישן צענטער אַ „הבימה“. און מיר זיינען געווען גליקלעך, וואָס מיר קאָנען עס טאָן, וואָס אויף אונדזער גורל איז אויסגעפֿאַלן צו טאָן די שווערע אַרבעט, און אַלס פּיאָנערן זיינען מיר ווידער געווען גרייט אויף קרבנות. אויב מיר דאַרפֿן אָנהויבן פֿון אָנהויב, וועלן מיר עס טאָן. דערווייל איז נאָר דאָ געלט אויף דעם טעאַטער און אויף איין פֿאָרשטעלונג, וועלן מיר דערווייל צו־וואַרטן, צוהונגערן אביסל, מיר זיינען דאָך אויף דעם ספּעציאַליסטן...

די חברה לאָזט זיך אַרויס זוכן אַ דירה אין דעם אָרימסטן געגנט פֿון ניו יאָרק. קיין טייערע דירות זיינען דאָ כמעט נישטאָ, אָבער מיר נעמען אַ דירה, וואו אַ פֿענצטער מיט ליכט איז אַ לוקסוס, און דערצו דאַרף מען די דירה באַהייצן מיט קוילן.

כדי צו קאָנען עפענען דעם סעזאָן וואָס שנעלער, האָבן מיר באַשלאָסן צו באַנייען „יעקבס חלום״, וואָס איז שוין געשפּילט געוואָרן פריער פון דער גאַנצער גרופּע. מיר האָבן עס געטאָן, כדי צו געבן אַ מעגלעכקייט דעם עולם קומען זען אַ פאָרשטעלונג, אַזוי שנעל ווי מעגלעך און מיר זאָלן דערווייל אָנגיין מיט אונדזער אַרבעט איבער נייע פּיעסן.

ווער איז דער עלעמענט, וואָס מיר האָבן דערוואַרט ער זאָל קומען צו אונדז אין טעאַטער? מיר האָבן נישט געקאָנט דערוואַרטן דעם ברייטן יידישן עולם, וואָס פילט אָן טאָג-טעגלעך די יידישע טעאַטערס אין אַלע טיילן פון ניו יאָרק. אָבער מיר האָבן דערוואַרט דעם אינטעליגענטן יידישן און העברייאישן לעזער, די טעאַטראַלן און דעם פאָרטגעשריטענעם אַרבעטער־עולם, און איבערהויפּט דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט.

מיר האָבן נישט געשפּילט יעדן טאָג, אָבער מיר האָבן אין זינען געהאַט, אַז ווען דער רעפּערטואַר וועט פאַרגרעסערט ווערן, וועט מען געוויס אָנהייבן שפּילן יעדן טאָג. אָבער דערווייל איז דאָס טעאַטערל נישט געפּאַקט, און וואָס ווייטער ווערט אַלץ שוואַכער. די הוצאות דערווייל גייען אָן, די אַקטיאָרן לייגט מען אָפּ דעם געהאַלט פון וואָך צו וואָך, אָבער פאַרן טעאַטער און די בינע־אַרבעט דאַרף מען באַצאָלן. האָט מען געצאָלט ביז — עס איז געקומען אַ טאָג, ווען דאָס טעאַטערל אויף גרענד סטריט האָט מען נישט געעפנט.

אַ קליינע מודעה האָט אָנגעזאָגט, אַז צוליב געוויסע סיבות האָט זיך דער טעאַטער צייטווייליק צוגעמאַכט, אָבער מיר האָבן שוין געוואוסט, וואָס עס הייסט „צייטווייליק״...

וואָס זיינען געווען די סיבות, וואָס מיר האָבן נישט אויסגעהאַלטן אפילו איין ווינטער אין אָט דעם קליינעם טעאַטערל? קודם־כל לאָמיר זוכן די שולד באַ זיך. זיינען מיר געווען שולדיק? יאָ, מיר האָבן אפשר באַדאַרפט עפענען דעם טעאַטער מיט אַ נייער פּיעסע. מיר האָבן נישט באַדאַרפט נעמען דעם טעאַטער אַזוי ווייט, ספּעציעל ווען מיר האָבן פון דער געגנט, אַ געדיכט־באַפעלקערטע יידישע געגנט, קיין מנין יידן נישט גע־קאָנט דערוואַרטן. און דאָס וויכטיקסטע איז, וואָס צמחס אָרגאַניזאַציע־פייאיקייטן און זיינע מעטאָדן זיינען געווען אפשר גוט פאַר מאָסקווע, אָבער נישט פאַר ניו יאָרק. עס איז אויך אַ פאַקט, אַז אפילו דער בעסערער י י ד י ש ע ר טעאַטער, וואָס האָט געהאַט די פּריווילעגיע פון שפּראַך און רעפּערטואַר, איז אויך שטענדיק געווען אַ מאַטעריעלער דורכפאַל. דאָס זיינען די אויסערלעכע כחות, וואָס האָבן בייגעטראָגן צו אונדזער דורכפאַל. אָבער דער עולם, ספּעציעל דער עולם, וועלכן מיר האָבן דערוואַרט, איז אויך געווען שולדיק.

שטעלט אייך פֿאָר, ווען די אַלע הונדערטער תּלמוד־תּורות, און שולעס, וועמעס אויפֿגאַבע עס איז צו פֿאַרשפּרייטן און לערנען העברייאיש, ווען אַלע יידישע סענטערס און געזעלשאַפֿטן זאָלן געווען דורכפֿירן אָוונטן מיט דער גרופּע, וואָלט די גרופּע געלעבט גאַנץ באַקוועם און דער טעאַטער וואָלט נאָך געקאָנט אָפּשפּאָרן אויף אַ נייער פֿאַרשטעלונג. נאָר אַט די אַלע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן אַ האַנט אָן אַ האַנט נישט אַ קלאַפּ געטאָן און די בענעפֿיטס, אויף וועלכע אַלע יידישע טעאַטערס זיינען אָנגעוויזן, זיינען פֿון די זעלביקע אָרגאַניזאַציעס גענומען געוואָרן אין אָפּערעטן־טעאַטערס, וועלכע האָבן זיי געגעבן גרויסע פּראָפֿיטן און פּיעסן, וואָס אַפּעלירן צו דער ברייטער מאַסע.

דער גרויסער אונטערשייד, וואָס איז שטענדיק געווען צווישן דער „הבימה" און דעם יידישן טעאַטער, איז געווען דער, וואָס מיר זיינען געווען פֿאַרשטענדלעך בלויז פֿאַר „יחידי־סגולה", פֿאַר אויסדערוויילטע, בעת דער יידישער טעאַטער האָט שטענדיק אַפּעלירט צו דער מאַסע. אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט גערעדט אויף אַ פֿאַרשטענדלעכער שפּראַך, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן צום געשמאַק פֿון המון. און דער דורכשניטלעכער עולם, וואָס איז נישט שטאַרק דערצויגן אין הלכות טעאַטער־פּראָבלעמען, האָט געפּאָדערט אַלץ אויף אַמאָל. די פּעריאָדע פֿון גאָרדין און קאָברין, מיט זייער מאָראַל און מוסר־השׂכל, איז שוין לאַנג פֿאַראיבער. אַט די נאָוואַטאָרישע עפּאָכע, פֿון וועלכער עס זיינען אַרויסגעקומען אַזוינע ריזן ווי זיגמונד מאָגולעסקאָ, י. פּ. אַדלער, דוד קעסלער, מאָסקאָוויץ, בערטע קאַליש, קעני ליפּצין און אַנדערע, אַט די עפּאָכע איז פֿון לאַנג פֿאַראיבער און עס איז געקומען די צייט פֿון אָפּערעטע, וואָס האָט איר אויסגעדראָשענעם אינהאַלט, איר שאַבלאָנע טראַדיציע און אפֿילו איר געוויסן טעאַטראַלן שטאַמפּ.

דער אינהאַלט פֿון די אָפּערעטעס, אויב ער איז געווען אַ לאָגישער מענטשלעכער אינהאַלט, האָט קיין פּרעטענזיעס נישט געהאַט אויף מאָראַל. עס האָט באַדאַרפֿט זיין פֿריילעך. די „פּראָזע" איז געזאָגט געוואָרן נישט צוליב דעם, מען זאָל איבערגעבן די געשעענישן, נאָר מערסטנטייל צוליב דעם, מען זאָל אַרויספֿירן די גרופּע אָדער איינצלנעם אַקטיאָר, ער זאָל קאָנען אויסזינגען אָדער אויסטאַנצן און אַמאָל אויספּייפֿן זיין נומער. אַזאַ סאָרט טעאַטער האָט צוגעצויגן די מאַסע, וואָס האָט זיך גריבלען נישט געקאָנט און נישט געוואָלט. אָבער עס האָבן זיך אויך אַנטוויקלט וואונדערלעכע אַקטיאָרן אויף דעם געביט. אַ נייער סאָרט רירעוודיקער, זאָרגלאָזער יידישער אַקטיאָר, וואָס האָט אונטערהאַלטן דעם עולם, געטאַנצט, געשפּרונגען, גערעדט ווערטער, אַלץ צוליב איין זאַך: צו פֿאַרוויילן דעם עולם. און דאָס האָט ער דערגרייכט. אמת, דער מהות פֿון טעאַטער, דער יסוד פֿון טעאַטער, סיי פֿאַר דעם אַקטיאָר און סיי פֿאַר דעם צושויער, איז

נישט פאַרוויילונג לשם פאַרוויילונג. אין אַקטיאָר ליגט באַהאַלטן אַ געוויסע מאָראַלישע פאַרפליכטונג צום צושויער. ער וויל שטענדיק עפּעס זאָגן מיט זיין פאַרוויילונג, און דער צושויער מוז באַקומען מער ווי פאַרוויילונג, ווי אָפּגעשטאַנען ער זאָל נישט זיין. אויב מען זאָל צוגיין מיט אַזאַ מאָס צום צושויער און אַקטיאָר פון דער אָפּערעטע, וועט שוין פאַרשטענדלעך זיין, פאַרוואָס דער צושויער, די מאַסע, האָט אויפגעהערט אַזוי שטאַרק פּאַטראָניזירן אפילו אַזוינע טעאַטערס און עס וועט אויך פאַרשטענדלעך זיין פאַרוואָס יעדן בעסערן שוישפּילער פון אָט דער בינע האָט געצויגן צו דער בעסערער יידישער בינע. יעדער שוישפּילער און אַ סך פון זיי מיט אַ וואונדערלעכער טעכניק און מיט טאַלאַנט, איז גרייט אויף קרבנות, אַבי ער זאָל נאָר קאָנען זיך ווייזן אַלס שוישפּילער אין בעסערן רעפּערטואַר.

דער בעסערער יידישער שוישפּילער, ווען ער גייט אַרויס אויף דער גאַס, אַראָפּנעמענדיק דעם שמינק און קליידער, און קוקט זיך צו צום לעבן, צו די ספּעציפיש־יידישע און אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, פילט ער און ווייסט, אַז ער וואָלט געקאָנט און געדאַרפט אויספּילן אַן אַנדער פונקציע אויף דער בינע, אַז זיין פּראָפעסיע אונטערשיידט זיך פון אַן אַנדערער מיט דעם, וואָס זי איז פאַרבונדן מיט טויזנטער פעדים מיטן געזעלשאַפטלעכן און סאָציאַלן לעבן, אַז ער טראָגט אַ געוויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער געזעלשאַפט, פאַר דער מאַסע, וואָס קומט אים הערן. דאָס אַלץ ווייסט און פילט אינסטינקטיוו דער יידישער שוישפּילער, אָבער די אומשטענדן האָבן אים געפאַנגען און האַלטן אים מיט קייטן. ער איז אין אַ פאַרכישופטן קרייז, פון וועלכן ער פּלאָנטערט זיך לאַנגזאַם, אָבער זיכער, אַרויס. אָבער דערווייל האָבן אָט די טעאַטערס פאַרנומען דעם אויבן־אָן, און די „הבימה“־גרופּע האָט אפילו נישט אין זינען געהאַט צו קאָנקורירן מיט זיי. זיי זיינען געווען צוויי באַזונדערע וועלטן. און ווען די „הבימה“ שפּילט אפילו אין יידיש, וואָלט זי אויך קיינמאָל נישט געקאָנט צוציען דעם יידישן עולם, וואָס פלעגט אַזוי גערן גיין אין די אָפּערעטן־טעאַטערס.

וואָס איז נוגע דעם בעסערן יידישן טעאַטער, איז ער געווען און איז נאָך ביז איצט פאַרטראָטן פון מאָריס שוואַרצן. שוואַרץ איז דער גרינדער און קינסטלערישער לייטער פון דעם קונסט־טעאַטער, וואָס האָט דורכגעפירט אין די יאָרן פון זיין עקזיסטענץ פּראַכטפולע פאָרשטעלונגען. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער קונסט־טעאַטער האָט נישט זיין באַשטימטן פּנים. מערסטנטייל איז ער אַ נאַטוראַליסטישער און רעאַליסטישער טעאַטער, אָבער די פאָרשטעלונגען זיינען קיינמאָל נישט אויסגעהאַלטן אין סטיל. די „הבימה“ האָט געוויס געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף שוואַרצן. ווייל שוין נאָך דער

„הבימהס" אָפּפֿאָרן, האָט מאָריס שוואַרץ אויפֿגעפֿירט פּיעסן, וואָס האָבן געהאַט אַ דירעקטע פֿאַרבינדונג מיט דער „הבימה". מאָריס שוואַרץ האָט ליב צו מאַכן עקספּערימענטן, אָבער גייט קיינמאָל נישט אויף איין באַשטימטער ליניע און דערפֿאַר קאָן איין פֿאָרשטעלונג האָבן עטלעכע סטילן. זיינע רעאַליסטישע פֿאָרשטעלונגען האָבן גאָר קיין פֿאָרם נישט, און דעריבער זיינען אַלע ענלעך איינע אויף די אַנדערע. זיין צענטראַלע אידייע איז לחלוטין נישט אויסגעהאַלטן אין סטיל.

די פּראַכטפֿולע פֿאָרשטעלונג פֿון „דער צענטער געבאָט" מיט ברוך אַראַנסאָנס וואונדערלעכע דעקאָראַציעס און קאָסטיומען און די „כעלמער חכמים", וואָס איז געשפּילט געוואָרן מיט יאָרן שפּעטער, דאָס זיינען דאכט זיך געווען די איינציקע פֿאָרשטעלונגען וואו שוואַרצן האָט זיך איינגעגעבן צו זיין אויסגעהאַלטן אין פֿאָרם פֿון אָנהויב ביזן סוף. עס איז געשאַפֿן געוואָרן די האַרמאָניע צווישן דעם מאַטעריאַל פֿון מחבר און שוואַרצעס אויסטייטשונג. אָבער אַ פֿאָרשטעלונג, וואָס מען שטעלט ערלעך און מען שפּילט זי אויף אַ נאַטוראַליסטישן, רעאַליסטישן אָדער מאָדערנעם שטייגער, שאַפֿט נאָך נישט קיין קונסט-טעאַטער, ווייל אַן אמתער קונסט-טעאַטער קאָן געשאַפֿן ווערן נאָר פֿון אַ קאָלעקטיוו, וואָס האָט זיין אָנגעצייכנטן וועג, קאָן אויסאיבן זיין פֿאָרמע און פֿאַרנעמען זיין פּלאַץ אַלס אַ קולטורעלע אינסטיטוציע, וואָס האָט אַ ווירקונג אויף דער געזעלשאַפֿט פֿאַר וועמען דער טעאַטער עקזיסטירט.

מאָריס שוואַרצן וועט זיך איינגעבן מיט זיין ענערגיע צו שאַפֿן אַ קאָלעקטיוו פֿון יונגע טאַלאַנטפֿולע שוישפּילער, וואו מען וועט זיי דערציען נישט נאָר צו שפּילן גוט טעאַטער, נאָר וואו מען וועט שטודירן די טראַדיציעס פֿון די מייסטערס פֿון דער יידישער בינע, און וואו די דערפֿאַרונג פֿון די עלטערע און אָנערקענטע וועט זיי גרינטלעך איבערגעגעבן ווערן. ווען אַזאַ גרופּע וועט געשאַפֿן ווערן, מיט אַן אייגענער אידעאָלאָגיע, מיט אַ מיסיע, דאַן וועט געשאַפֿן ווערן דער ערשטער קאָלעקטיווער טעאַטער, וואָס וועט שוין במילא זיין קינסטלעריש אין אינהאַלט. דאָס וועט זיין אַ געמיינשאַפֿטלעכע פּלאַטפֿאָרמע פֿאַר דעם קינסטלער-רעזשיסאָר, פֿאַר זיינע מיטשעפֿער, מיטבויער און שוישפּילער. אַזאַ קאָלעקטיוו דערהויבט דעם פּירער און רעזשיסאָר און אויך די אויפֿפֿירונגען צו אַן אמתער קינסטלערישער מדרגה.

די אידייע צו שאַפֿן אַ פּערמאַנענטן טעאַטער „הבימה" איז פֿולשטענדיק דורכגעפֿאַלן. די גרופּע האָט זיך צעזייט איבער ניו יאָרק און איבער גאַנץ אַמעריקע. אייניקע זיינען צוגעצויגן געוואָרן אַלס רעזשיסאָרן און אָנפֿירער פֿון גרופּעס און סטודיאָס, וואָס האָבן זיך ערשט אָרגאַניזירט. אַזוי איז

בענאַ שניידער צוגעצויגן געוואָרן צו דער „פּרייהייט דראַמאַטישער סטו־דיאָ“, וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס „אַרטעף“, און אויסגעוואַקסן אַלס פּייאיקער רעזשיסאָר, וואָס האָט דערפירט די סטודיאָ צו אַ גרויסער קינסטלערישער מדרגה.

היהלע גראַבער האָט זיך פּאַרפולקאָמט אין אירע קאָנצערט־אויפטרע־טונגען און געהאַט גרויס דערפאָלג.

בנימין צמח האָט זיך פּאַרפולקאָמט אין טאַנץ און פּאַנטאָמימע און האָט דערגרייכט אויף דעם געביט גוטע רעזולטאַטן. נחום צמח איז צוגע־צויגן געוואָרן פון אַ גרופּע אין קאַליפאָרניע. אויך די אַנדערע חברים האָבן זיך איינגעאָרדנט, אויב נישט מאַטעריעל, האָבן זיי אָבער געהאַט אין אַ געוויסער מאָס קינסטלערישע באַפרידיקונג. יעדער אויף זיין שטייגער האָט זיך געראַטעוועט פון אונטערגאַנג. די נויט איז געווען גרויס. מען איז געווען באַליידיקט, מאָראַליש דערשלאָגן. די גרויסע שטאָט האָט דיך אויס־געשפּיגן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דיין גאַנצער ענטוזיאַזם, דיין קענטעניש, דיינע קרבנות, זיינען געווען אומזיסט. האָט מען שטאַרקער פּאַרביסן די ליפּן פון ווייטיק און מיט די לעצטע כחות אָנגעהאַלטן זיך אָן דעם, וואָס האָט געגעבן אַ קינסטלערישע באַפרידיקונג.

די עטלעכע חברים, וואָס זיינען פּאַרבליבן אין ניו יאָרק, זיינען געווען צעזייט און צעשפּרייט, אָבער פון צייט צו צייט פלעגן מיר זיך צוזאַמענ־קומען, טראַכטן, חלומען צוזאַמען און זוכן וועגן ווי צו שטעלן זיך אויף די פיס, ווי אַזוי אָפּלעבן דאָס וואָס מען האָט פאַרלאָרן.

עס זיינען געווען צייטן, ווען מיר האָבן אָפּגעשפּאָרט צו עטלעכע דאָלאַר, זיך צוזאַמענגעלייגט, געשאַפן אַ פאָנד פון אַ מיזערנער סומע, כדי לייגן דעם פונדאַמענט פאַר אַ נייער פאָרשטעלונג. מיר האָבן געלעזן פּיעסן און, נישט קוקנדיק אויף אונדזער דערשלאָגנקייט, האָבן מיר אונדזערע קינסט־לערישע אַמביציעס נישט פאַרקלענערט, נאָר, פאַרקערט, פיל פאַרגרעסערט. מיר האָבן דוקא געוואָלט שפּילן „שיילאָק“, לויט דער אויסטייטשונג, וואָס מיר האָבן אַמאָל געוואָלט אין דער „הבימה“, אונטער דער רעזשי פון סטאַניסלאַווסקין. מיר האָבן איינגעלאַדן ריכאַרד באָלעסלאַווסקין אַלס רעזשי־סאָר, מיר האָבן שוין אפילו געמאַכט פּראָבן, אָבער מער ווי באַ דעם וואונטש זיינען מיר נישט געבליבן.

פון די פאַרזאַמלונגען איז אונדז קלאָר געוואָרן איין זאַך, אַז אויב מיר ווילן שפּילן אין ניו יאָרק, מוזן מיר בייטן די שפּראַך. נישט בייטן, נאָר שפּילן אין צוויי שפּראַכן. אָבער אפילו צו שטעלן אַ פאָרשטעלונג אין יידיש דאַרף מען דאָך אויך געלט.

מיט אונדזער גורל האָט זיך פאַראינטערעסירט לעאָן פּרוזשאַנסקי, אַ גרויסער ליבהאָבער פון טעאַטער בכלל און פון דער „הבימה“ בפרט. האָט

ער זיך מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן אַוועקצושטעלן די גרופּע אויף די פּיס. האָבנדיק אַזאַ שטיצע מיט אַזאַ ענטוזיאַזם פון אַזאַ מענטשן, האָט די גרופּע באַשלאָסן אויפצופירן „פּרינצעסין טוראַנדאָט", פון קאַרלאָ גאָצצי, אונטער דער רעזשי פון דעם ערשט־אַראָפּגעקומענעם רוסישן רעזשיסאָר באָריס גלאַגאָלין. די פאָרשטעלונג האָט באַדאַרפט געשפּילט ווערן אין יידיש.

פּרוזשאַנסקי האָט אויף זיך גענומען צו פינאַנסירן די פאָרשטעלונג. ער האָט פאַרוואַנדלט זיין אָפיס אין אַ טעאַטער־ביוראָ. ער האָט מיט אַ ברייטער האַנט און מיט זיין גוטמוטיקן כאַראַקטעריסטישן שמייכל געצאָלט פאַר אַלץ. מיט זיין באַציאונג האָט ער געשאַפן אַזאַ אַטמאָספערע, אַז די גרופּע האָט ממש אויפגעלעבט. מיר האָבן געאַרבעט מיט חשק, און דער וואונדערלעכער מאָלער באָריס אַניספעלד האָט מיט אַ סך ענטוזיאַזם גע־מאָלן די דעקאָראַציעס פאַר דער פאָרשטעלונג.

די פאָרשטעלונג איז שלעכט באַאַרבעט געוואָרן פון גלאַגאָלינען און נאָך ערגער אויפגעפירט געוואָרן. ער האָט גענוצט אלערליי טעאַטראַלע פּרינציפּן, א מישמאַש פון טעאַטער־סטילן. די אַקטיאָרן זיינען געווען צעטומלט. און ווען די פאָרשטעלונג איז אויפגעפירט געוואָרן אין מאַנהעטען אָפּערע הויז, האָט מען געזען פּראַכטפולע דעקאָראַציעס, קאָסטיומען און גרימען. אייניקע שוישפּילער האָבן זיך ווי עס איז אַרויסגעדרייט פון דעם שווערן טעקסט און זיי האָבן עפּעס וואָס געשאַפן. די איבעריקע זיינען פאַרזונקען געוואָרן אין אַ ים פון רייד, פון מאָדנע באַוועגונגען און דער עולם האָט זיך נישט געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן אין קיין איינער פון די סצענעס.

די פאָרשטעלונג „פּרינצעסין טוראַנדאָט" איז דורכגעפאַלן. לעאָן פּרו־זשאַנסקי האָט נאָך געפּרואווט זי אַרויספאַרבעטן אויף „בראָדוועי". מיר האָבן זי געשפּילט אַ גאַנצע וואָך, אָבער אפילו פּרוזשאַנסקי מיט זיין גוטמוטיקן אָפּטימיזם און גלויבן איז מיד געוואָרן צו דעקן דעם דעפיציט, און מיר האָבן אויפגעהערט צו שפּילן.

די פאָרשטעלונג איז דורכגעפאַלן, אָבער אַלס אַן עקספּערימענט איז עס נישט אָפּצושאַצן. קודם־כל האָבן מיר געשפּילט אין יידיש צום ערשטן מאָל און דער עולם האָט זייער האַרציק אויפגענומען אונדזער איבערגאַנג פון העברייאיש צו יידיש. מיר האָבן דערפילט צום ערשטן מאָל, ווי וויכטיק עס איז, אַז דער עולם זאָל פאַרשטיין די שפּראַך. מיר האָבן דערפילט, וואָס פאַר אַ מעכטיקער אינסטרומענט די שפּראַך איז. איידער מיר זיינען אַרויף אויף דער בינע, האָבן מיר געשליפן און געטאָקט יעדעס וואָרט, אַזוי אַז עס זאָל זיין ליטעראַריש און עס זאָל קלינגען ריכטיק. דער צוגאַנג איז געווען אַן ערנסטער, און ווען עס זאָל נאָר געווען קומען אַן עולם, וואָלט די פּיעסע „פּרינצעסין טוראַנדאָט" געווען אַ גלענצנדיקער אָנהויב. פון אָט דער פאָרשטעלונג וואָלטן מיר געקומען צו גרעסערע דערגרייכונגען.

„שיילאק” אין דער „הבימה” — ארץ ישראל, 1936,
אויפגעפירט פון פראָפ. לעאָפּאָלד יעסנער.

"Shylock" performed by the "Habima" in Palestine, **1936,**
under the Direction of Prof. Leopold Yessner.

עקספערימענטאלע גרופעס אנגעפירט פון בן־ארי אין ניו יאָרק. און פילאדעלפיע

אָבער דער עולם איז נישט געקומען און אונדזער ענטוזיאַזם, ווי אויך פּרו־זשאַנסקיס גוטע, האַרציקע כונות, זיינען צונישט געוואָרן.

דער דורכפאַל פון „פּרינצעסין טוראַנדאָט״ האָט, דאַכט זיך, געבראַכט דעם לעצטן קלאַפּ דער קליינער אָרגאַניזירטער גרופּע. די קריזיס־יאָרן, וואָס האָבן די לאַגע געמאַכט נאָך ערגער, האָבן אונדזער גרופּע פאַנאַנדער־געטראָגן אין פאַרשיידענע ווינקעלעך פון אַמעריקע.

די „הבימה" און אַנדערע טעאַטער-טעאַריעס — אַ סך-הכל

די „הבימה", וואָס איז אַוועקגעפאָרן פון אַמעריקע, האָט זיך באַזעצט אין ארץ ישראל, וואו זי אַרבעט און שאַפט פלייסיק פאַר די לעצטע יאָרן. עס זיינען אויפגעפירט געוואָרן אַ סך נייע פיעסן. אונטער אַזעלכע גינסטיקע אומשטענדן האָבן זיך אַנטוויקלט אייגענע רעזשיסאָרן און אַ סך אַקטיאָרן זיינען אויסגעוואַקסן. דער באָדן, די סביבה האָט געווירקט אַזוי, אַז דער טעאַטער האָט זיך צעבליט און איצט בויט מען פאַר זיי אַ געביידע. זיי האָבן פאַרענדיקט דעם עטאַפּ פון וואָגלעניש, און קאָנען זיך איצט אָפּגעבן מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט, אַרומגערינגלט מיט אַכטונג, ליבע און אָנערקענונג.

אונדז איז נאָך, ווייזט אויס, נישט באַשערט צו האָבן רו. מיר זוכן, אַרבעטן אונטער נישט גינסטיקע אומשטענדן, מיר זעצן פאָר, יעדער אויף זיין אופן, די קענטעניש, וואָס מיר האָבן דערוואָרבן אין די יאָרן פון דער־פאַרונג. מיר פערזענלעך איז אויסגעקומען אין ניו יאָרק און אין פאַרשיי־דענע שטעט איבערן לאַנד אָנצופירן דראַמאַטישע סטודיאָס. איך בין אויך געווען פאַרבונדן מיטן ענגלישן טעאַטער „טאַי" און מיט דעם „קריי־איטיוו טעאַטער" אין פילאַדעלפיע, וואו איך האָב כמעט אַ יאָר צייט געהאַלטן לעקציעס און צום סוף אויפגעפירט אין ענגליש דעם „דיבוק" און „אַמע־ריקאַנער חסידים" פון חנא גאָטעספעלד.

און איצט וועל איך פּרובירן אונטערציען אַ סך־הכל פון די אַלע דער־פאַרונגען און פּראָבלעמען, וואָס איך האָב אָנגעזאַמלט אין פאַרבינדונג מיט דער „הבימה". איך וועל דאָס טאָן אין דער פאָרמע פון שאלות און תשובות.

— וואָס פאַר אַ מעטאָדן דאַרף מען באַנוצן, ווען מען וויל שטעלן אַ פּיעסע לויט די מעטאָדן פון וואַכטאַנגאָוון?

— וואַכטאַנגאָווס מעטאָדן זיינען נישט קיין פאַרגליווערטע, דאָגמאַטישע פאָרמולען, לויט וועלכע מען קאָן קומען אַ קוק טאָן אין בוך, צונויפמישן, און לויט דעם רעצעפּט אַוועקשטעלן אַ פאָרשטעלונג. וואַכטאַנגאָוו האָט אָנגעוויזן אַ וועג לויט וועלכן מען קאָן גיין, זוכן און געפינען, אָבער ער האָט קיינמאָל זיך נישט אָפּגעשטעלט און האָט זיך נישט צופרידנגעשטעלט

מיט זיינע טעאַטראַלע דערגרייכונגען. וואַכטאַנגאָווס זשעני איז נאָך געווען אין פּראָצעס פון אַנטדעקן נייע טעאַטראַלע אמתן. איך בין זיכער, אַז ווען וואַכטאַנגאָוו לעבט איצט, וואָלט ער דעם „דיבוק" געשטעלט אַנדערש, ווי ער האָט אים געשטעלט אין דער „הבימה".

אָבער עס זיינען פאַראַן ספּעציפיש וואַכטאַנגאָווישע אייגנשאַפטן, ווי, צום ביישפּיל, זיין צוגאַנג צום אַקטיאָר און זיין אויסטייטשונג פון דער פּיעסע, און די, וואָס האָבן געאַרבעט מיט אים, קאָנען פּרובירן אַנווענדן אָט די אייגנשאַפטן. אָבער באַם אַנווענדן אָט די מעטאָדן, זענט איר פריי אַלס קינסטלער צו גיין אייער אייגענעם וועג. איר קאָפּירט נישט וואַכטאַנגאָוון, איר שאַפט אַליין.

— וואַכטאַנגאָוו איז געווען סטאַניסלאַווסקיס שילער און טרייער אָנ־הענגער פון זיין סיסטעם. אין וואָס באַשטייט, אין קורצן, סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם ?

— סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם איז געבויט אויף דעם לאָזונג : „דער צושויער דאַרף פאַרגעסן, אַז ער זיצט אין טעאַטער". צוליב דעם, האָט דער אַקטיאָר געדאַרפט זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון זיין אייגענעם איך און ווערן איינס מיט דער נשמה פון דעם העלד. ער דאַרף לעבן דאָס לעבן פון דעם העלד, וואָס ער שטעלט פאָר. ער דאַרף זיך פאַרהיפּנאָטיזירן אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען , סיי פיזיש, סיי גייסטיק, אינגאַנצן זיך איבערגעבן די איבערלעבונגען פון צווייטן. אויפן אויסערלעכן אויסזען פון אַקטיאָר האָט מען קיין געוויכט נישט געלייגט, ווייל לויט סטאַניסלאַווסקין ווערן די באַוועגונגען פון אייער קערפּער סיי־ווי־סיי אויספילן די געהעריקע פונק־ציעס פון אייער נשמה־צושטאַנד. דאָס איז געווען די ערשטע סטאַדיע פון סטאַניסלאַווסקיס טעאָריע פון איבערלעבונגען. שפּעטער אָבער, אין דער צייט ווען ער האָט געלערנט מיט דער „הבימה", פלעגט ער זאָגן, אַז דער שוישפּילער דאַרף טאַקע איבערלעבן, אָבער שטענדיק דאַרף ער פאַרמאָגן אַ געוויסן קאָנטראָל ערגעץ אונטערן באַוואוסטזיין, וואָס זאָל שטענדיק קאָנען אונטערזאָגן : דאָס קאָנסטו טאָן און דאָס טאָרסטו נישט. האָט עס געהייסן, אַז סטאַניסלאַווסקי האָט מסכים געווען מיט סאַלוויני, וועלכער האָט געזאָגט, אַז „דער אַקטיאָר לעבט אויף דער בינע מיט אַ צווייענדיקן לעבן ?"

סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט דורך אַ סך יאָרן פון דערפאַרונג, און האָט געהאַט זיינע שטופן פון אַנטוויקלונג. עס זיינען געווען אפילו אַ סך מאָמענטן, ווען סטאַניסלאַווסקי, אין פּראָצעס פון זוכן, פלעגט זיך אַליין ווידערשפּרעכן. סטאַניסלאַווסקי, אין זיינע פּראָבן מיט אונדז, פלעגט הויפּטזעכלעך ווען אַרויסקריגן די אינערלעכע איבערלע־בונגען פון דעם אַקטיאָר. פלעגן זיין אַזוינע, וואָס האָבן געמאַכט אַ געוויסן

עטיוד, וואו דער רעזולטאַט האָט געדאַרפט זיין שרעק, פלעגט דער אַק־טיאָר אַרויסגיין אויף דער בינע, און כדי צו אַרויסקריגן דעם געפיל פון שרעק, פלעגט ער ווי איינריידן זיך אַליין — „שרעק זיך, שרעק זיך, דאַרפסט מורא האָבן". און וואָס מער דער אַקטיאָר פלעגט זיך ווּעלן איינריידן די שרעק, פלעגט ער קאָמישער ווערן, ווייל זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פלעגט אַוועקגיין אויף טראַכטן „מען דאַרף זיך שרעקן".

מען קאָן נישט קומען, פלעגט סטאַניסלאַווסקי זאָגן דעם אַקטיאָר, אויף דער בינע און זיך צווינגען „שרעקן", „לאַכן", „וויינען". דעם געפיל, די איבערלעבונג, דאַרפט איר אַריינּנאַרן ווי אַ געניטער פישערמאַן פאַר־נאַרט אַ פישל. דער ווערימל, וואָס דאַרף צוציען דעם געפיל פון איבער־לעבונג דאַרף זיין דער געדאַנק, און דער „האַטשיק", וואָס וועט אַריינכאַפּן דאָס פישעלע — דעם געפיל, דאַרף זיין די האַנדלונג אָדער אַקציע אויף דער בינע. „וואַרט קיינמאָל נישט", וואָרנט ער די סטודענטן, „ביז דער געפיל וועט קומען, האַנדלט אַזוי שנעל ווי מעגלעך. דער אמתער געפיל וועט שוין קומען פון אייער האַנדלונג".

אַלע עקספּערימענטן, וואָס סטאַניסלאַווסקי פלעגט דורכמאַכן און אויס־פּרובירן אין משך פון זיין גאַנצער קאַריערע אַלס רעזשיסאָר און אַקטיאָר, זיינען געווען צו אַנטוויקלען די טעכניק פון איבערלעבונגען. אויב דאָס איז דער קוואַל פון וועלכן דער אַקטיאָר האָט געקאָנט שעפּן אמתן שאַפן, האָט ער זיין גאַנצן לעבן געווידמעט צו געפינען די געהיימע וועגן, וואָס פירן צו דער נשמה. סטאַניסלאַווסקי האָט געשאַפן אַ געוויסן מעטאָד, וואָס העלפט דעם פּייאיקן אַקטיאָר־אָנפאַנגער צו דערגרייכן די נויטיקע רעזולטאַטן. זיינע געניאַלע אַנטדעקונגען ווערן אַן אַלף־בית פאַר יעדן אַקטיאָר, צו וועלכן טעאַטער ער זאָל נישט געהערן, אין וואָס פאַר אַ פּיעסע ער זאָל נישט שפּילן, — העראָאישע, פאַנטאַסטישע אָדער רעאַליסטישע, דער צוגאַנג וועט זיין דער זעלביקער. ביז סטאַניסלאַווסקין איז קיין אַלף־בית פון שוישפּיל־קונסט נישט געווען. עס זיינען געווען געניאַלע מוסטערס פון שוישפּיל־קונסט, גרויסע גייסטער, אָבער זיי פלעגן פאַרשווינדן, און צוזאַמען מיט זיי זייער הויכע טעכניק.

סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם איז געווען די איינציקע, וואָס האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט צו ווירקן אויפן צושויער עמאָציאָנעל און דורך ריין קינסטלערישע מיטלען. וואַכטאַנגאָוו, אַלס געטרייער שילער פון סטאַ־ניסלאַווסקין, איז אויך געווען אַ געטרייער נאָכפאָלגער, אָבער ער איז אַוועק ווייטער. ער האָט גענומען טאַקע נאָר דעם אַלף־בית און האָט געשאַפן אַ נייע שפּראַך אין טעאַטער. ער האָט פאַרגעזעצט און האָט געפונען, לויט סטאַניסלאַווסקיס מיינונג, דאָס וואָס ער אַליין האָט געזוכט אין משך פון יאָרן און האָט נישט געפונען.

— ווי ווייט איז וואַכטאַנגאָוו געגאַנגען צוזאַמען מיט סטאַניסלאַווסקין, און וואו האָבן זיך זייערע וועגן צעשיידט?

— וואַכטאַנגאָוו האָט גענומען פון סטאַניסלאַווסקיס מעטאָד:

1) די קאָנצענטראַציע.

2) די באַרעכטיקונג פאַר יעדער מינוט, וואָס איר געפינט זיך אויף דער בינע.

3) אויפדעקן דעם געדאַנק פון דעם מחבר, לייענען צווישן די שורות.

4) שאַפן די ביאָגראַפיע פון דעם כאַראַקטער פון דעם מאָמענט פון זיין קומען אויף דער בינע און ווייטער, ד. ה. דערגאַנצן דאָס לעבן פון דעם כאַראַקטער.

5) אויסראָטן מיטן וואָרצל פאַרשימלטע אַקטיאָרישע שטאַמפּן.

נאָר ווען עס איז געקומען צום מאָמענט, ווען סטאַניסלוואַסקי און זיינע אָנהענגער האָבן געזאָגט, אַז די בינע און די צושויער זיינען איין גרויסע פאַ־מיליע, וואו מען לעבט זיך צונויף צוזאַמען; אַז דער צושויער און אַקטיאָר דאַרפן אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז זיי זיינען אין טעאַטער — דאָ האָט זיך וואַכ־טאַנגאָוו געשיידט מיט סטאַניסלאַווסקין. וואַכטאַנגאָוו איז אַריבער אויף זיין נייעם וועג, זיין נייעם לאָזונג.

— וואָס איז אָט דער נייער לאָזונג?

— קודם־כל ברענגען דעם טעאַטער זיינע ספּעציפישע טעאַטראַלע אייגנשאַפטן, וואו דער אַקטיאָר זאָל ווידער פאַרנעמען דעם אויבן־אָן. ער זאָל ווידער ווערן דער מייסטער, און דער צושויער זאָל זיצן אין טעאַ־טער און זאָל אויף איין מאָמענט נישט פאַרגעסן, אַז ער זיצט אין טעאַטער.

דאָ האָט שוין נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן סטאַניסלאַווסקיס לאָזונג פון אַבסאָלוטער פיזישער און גייסטיקער איבערלעבונג פון אַקטיאָר, נאָר פאַרקערט, דער אַקטיאָר האָט געדאַרפט לעבן אַ צווייענדיקן לעבן אויף דער בינע. עס האָט באַדאַרפט אויסזען ווי דער אַקטיאָר וואָלט געזאָגט דעם צושויער: אין דעם מאָמענט ווייז איך, נאָר איך, דער אַקטיאָר, ווייס וועגן דעם. אָט זעט, איך וויש אויס די טרערן און זעט, נישט נאָר וויש איך אָפּ די טרערן, נאָר קוקט זיך צו ווי איך טו עס. דער טראָפּ איז גע־לייגט געוואָרן נישט אויף דעם „וואָס", נאָר אויף דעם „ווי אַזוי".

אין קאָמעדיע האָט וואַכטאַנגאָוו דערפירט דעם אַקטיאָר צו דער וויר־טואָזיטעט פון דעם קאָמעדי דעל־אַרט, ווי ער האָט עס געטאָן אין „פּרינ־צעסין טוראַנדאָט". אין דראַמע האָט ער דערפירט דעם אַקטיאָר און די גאַנצע פאָרשטעלונג צו אַ ספּעציפיש אייגנאַרטיקער טעאַטראַלער פאָרמע, ווי ער האָט עס געטאָן אין „דיבוק".

דער אַקטיאָר, לויט וואַכטאַנגאָוון, האָט באַדאַרפט ווערן איינס מיט זיין אויסטייטשונג און סאָציאַלן צוגאַנג. נישט נאָר דאַרפט איר שטרעבן צו שפילן גוט, צו זיין אויסגעצייכנט, נאָר מען דאַרף פילן אייער באַציאונג צום כאַראַקטער בפרט און צו דער גאַנצער געשיכטע בכלל. קיין איין ראָל קאָן נישט געשפילט ווערן אָן אייער אייגענעם, פערזענלעכן צוגאַנג. קיין איין אויפפירונג קאָן נישט אויפגעפירט ווערן אָן דעם פערזענלעכן צוגאַנג פון רעזשיסאָר. אָט אַזוי האָט געשאַפן וואַכטאַנגאָוו אַ טעאַטראַלע פאָרמע. דער גרונט־פרינציפ פון וואַכטאַנגאָווס אויסטייטשונג און צוגאַנג צו דער אָדער יענער פיעסע איז געווען דער מאָדערנער צוגאַנג. און אַזוי אַרום האָט יעדע פאָרשטעלונג געקאָנט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מאָדערנער, מיט אַלע אירע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פאָליטישע פראָבלעמען.

— וואָס איז די טעאָריע פון מייערכאָלדן, און וואו באַגעגנט ער זיך, אָדער וואו גייט ער זיך פאַנאַנדער מיט די מעטאָדן פון סטאַניסלאַווסקין און וואַכטאַנגאָוון ?

— מייערכאָלד האָט געקראָגן זיין דערציאונג אין מאָסקווער קונסט־טעאַטער און אַלס שילער פון סטאַניסלאַווסקין האָט ער דאָרטן אָנגעהויבן זיין קאַריערע קודם־כל אַלס שוישפילער, אַזוי אַז זיין יניקה האָט ער געקראָגן פון דעם זעלביקן סטאַניסלוואָסקין, קעגן וועמענס מעטאָדן ער איז שפעטער אַזוי שאַרף אַרויסגעטראָטן. מייער־כאָלדס לאָזונג איז צום אַלעם ערשטן געווען — אויסצוראָטן דעם פסיכאָ־לאָגיזם, וואָס האָט, לויט זיין מיינונג, פאַרשקלאַפט דעם אַקטיאָר. זוכנ־דיק נייע וועגן, וועלנדיק אָפשאַפן דעם פסיכאָלאָגיזם, איז מייערכאָלד אַריינגעפאַלן אין דעם צווייטן עקסטרעם פון סטיליזירטן טעאַטער, וואו דער הויפט־געוויכט איז געלייגט געוואָרן אויף דער מוזיק, דעקאָראַציע, און נישט אויף דעם אַקטיאָר. — אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציע, ווען ער האָט פאַרוואַנדלט דעם טעאַטער אין אַ טריבונע, וואו מען פלעגט איבער־געבן און אויסטייטשן די געשעענישן פון דער גאַס, פון פראָנט; ווען עס איז געקומען גאָר אַ נייער צושויער, מיט נייע פאָדערונגען, האָט מייער־כאָלד אַראָפגעריסן דעם פאָרהאַנג פון דער בינע. די קוליסן, מיט די גע־מאָלענע ווענט און פעלדער האָט ער אַרויסגעוואָרפן און האָט פאַרוואַנדלט די בינע אין אַ וואַרשטאַט; האָט אָנגעטאָן די אַקטיאָרן אין „פראָזאָדיעזשדע“, איין יוניפאָרם. די געשעענישן פון דער פיעסע פלעגן ווערן איבערגעריסן מיט ידיעות פון שלאַכטפעלד. דער צושויער פלעגט פלוצים אויפשטיין, זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“. אויף אַ מינוט פלעגט דער טעאַטער זיך פאַר־וואַנדלען אין אַ גרויסער פאַרזאַמלונג פון מענטשן, וואָס זיינען געקומען נישט זען אַ פיעסע, נאָר באַשטימען דעם וויטערדיקן גורל פון פראָנט. אָבער, ווען דער עולם פלעגט זיך איינשטילן, פלעגט מען ווידער אָנגיין

מיט דער פּיעסע. מייערכאָלד האָט אַריינגעבראַכט דעם קלאַסן־קאַמף אויף דער בינע. שפּעטער האָט ער זיך אומגעקערט צום אַקטיאָר. האָט געלייגט דעם געוויכט נישט נאָר אויף דעם „ווי אַזוי", נאָר האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיטן אַקטיאָר אַלס יחיד. זיינע אַ פּאָרשטעלונג האָט שטענדיק געטראָגן אַ סאָציאַלן כאַראַקטער. ער האָט נישט נאָר אַריינגעבראַכט אין זיינע אויפפירונגען דעם סאָציאַלן מאָמענט, נאָר ער האָט אונטערשטראָכן און פאַרשאַרפט די ליניע, און מיט דעם אַוועקגעלייגט דעם גרונט־פּרינציפּ פון דעם ערשטן פּראָלעטאַרישן טעאַטער. ווי איר זעט, האָט מייערכאָלד אינגאַנצן איבערגעריסן מיט סטאַניסלאַווסקין און זיין צוגאַנג צום אַקטיאָר. ער האָט מיט זיין ביאָ־מעכאַניקע פאַרוואַנדלט דעם אַקטיאָר אין אַן אַרבעטער, וואָס פּילט אויס אַ געוויסע פונקציע אויף דער בינע, פּונקט ווי די מוזיק, די קאָנסטרוקציע און ליכט־עפעקטן.

וואַכטאַנגאָוו האָט אין זיין צוגאַנג צום אַקטיאָר אָנגעהאַלטן די גרונט־פּרינציפּן פון סטאַניסלאַווסקין, כאָטש אין פּרט פון אויסטייטשונג איז ער געגאַנגען זיין אייגענעם וועג. אָבער מייערכאָלד איז אינגאַנצן אַוועק אויף אַן אַנדער וועג.

— די נאָוואַטאָרן אויף דער בינע האָבן אָפּגעשאַפט די דעקאָראַציעס, אַלערליי מאַלערייען, צוגענומען די מעבל, און זיך באַנוצט פאַר זייערע פאָרשטעלונגען מיט אַ קאָנסטרוקציע. אין דער „הבימה" האָט איר זיך אויך באַנוצט מיט קאָנסטרוקציעס. וואָס איז אַזוינס קאָנסטרוקטיוויזם?

— „קאָנסטרוקטיוויזם" איז אַ ריכטונג וואָס איז אין די יאָרן פון רעוואָלוציע אויפגעקומען אין דעם לאַגער פון די שטרענג „לינקע", אין יעדער פאָרם פון קונסט. אין טעאַטער האָט די קאָנסטרוקציע פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די געמאָלענע דעקאָראַציעס. עס איז געווען אַ מין וואַרשטאַט, אויפגעבויט ספּעציעל פאַר יעדער פאָרשטעלונג. אַזאַ מין געביידע, וואָס דאַרף העלפן די אַקטיאָרן אין אַלע זייערע באַוועגונגען. עס האָט געהייסן, אַז די חפצים אויף דער בינע דאַרפן דינען דעם אַקטיאָר פּונקט ווי דער וואַרשטאַט אין פאַבריק. און פּונקט ווי מען געפינט אויף דעם וואַרשטאַט נאָר זאַכן, וואָס דער אַרבעטער דאַרף האָבן, נאָר זאַכן וואָס העלפן אים, אַזוי איז אויך געווען די אויפגאַבע פון דער קאָנסטרוקציע. דער רעזשיסאָר, דער הויפּט דעה־זאָגער באַם אויפפירן די פּיעסע, האָט געחלומט, אַז אָט די קאָנסטרוקציע זאָל אויסגענוצט ווערן פון די אַקטיאָרן, זאָל העלפן דינאַמיזירן די פאָרשטעלונג. ווען אָבער די קאָנסטרוקציע ווערט נישט אויסגענוצט ווי געהעריק, איז דער וואַרשטאַט נאָר אַ שטערונג פאַר דעם אַקטיאָר און פאַר דער גאַנצער פאָרשטעלונג.

דער קאָנסטרוקטיוויזם איז דאַן אַזוי אַריין אין דער מאָדע, אַז מען האָט אָנגעהויבן בויען גאַנצע געביידעס, מיט לייטערס, טרעפּ און דעכער.

בערג מיט ברעטער פלעגן אַרויפגעבראַכט ווערן אויף דער בינע, אָבער זיי פלעגן אַזוי צעטומלען דעם אַקטיאָר און צושויער, אַז מען פלעגט נישט וויסן וואוהין דער אַקטיאָר גייט אַוועק און וואָס עס איז דער צוועק פון אָט די אַלע לייטערס. עס איז אויסגעקומען, אַז אַנשטאָט צו פאַרגרינגערן דעם שוישפּילער, האָט מען אים פאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ פון ברעטער. דער עקסטרעם ברענגט אַלעמאָל פאַרקערטע רעזולטאַטן.

דאָס זעלביקע קאָן געזאָגט ווערן וועגן אַקטיאָר. דער, וואָס דאַרף זיין דער הויפּט־שעפער און קינסטלער אויף דער בינע, איז פאַר די לעצטע יאָרן, ספּעציעל אין סאָוועט־רוסלאַנד, געוואָרן דער הויפּט־קרבן פון אַלערליי עקספּערימענטן. מען האָט פון אַקטיאָר געפאָדערט: ער זאָל שפּילן זיין ראָל מיט אַלע נאַטוראַליסטישע קלייניקייטן. ער האָט באַדאַרפט קאָפּירן דאָס לעבן. אין די אַנדערע סאָרטן טעאַטערס האָט מען געפאָדערט ער זאָל שפּילן רעאַליסטיש, נאָר ער זאָל דערביי אונטערשטרייכן די וויכטיקסטע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון זיין ראָל. אייניקע האָבן געוואָלט ער זאָל סטיליזירן און סימבאָליזירן מיט זיין אויסערלעכער פאָרם, און אַנדערע האָבן גאָר געוואָלט, ער זאָל ווערן אַ מאַטאָר, אַ שטיק מאַשין אויף דער בינע, עפּעס אַזאַ חפץ, וואָס זאָל מיטן אמתן רעאַלן לעבן גאָר קיין מגע ומשא נישט האָבן.

אָט די אַלע איבערגעשפּיצטקייטן האָבן קיין גוטע רעזולטאַטן נישט געבראַכט, נישט דעם שוישפּילער, נישט דעם צושויער, און דעם טעאַטער בכלל אודאי נישט.

— מיט וואָס אונטערשיידט זיך אַ נאַטוראַליסטישע פאָרשטעלונג פון אַ רעאַליסטישער?

— דער רעזשיסאָר פון נאַטוראַליסטישן חדר שטרעבט איבערצוגעבן זיין פאָרשטעלונג מיט וואָס מער דעטאַלן פון אמתן לעבן. ער זעט, אַז יעדער ברעקל אויף דער בינע זאָל זיין פּונקט ווי אין לעבן. נאָכמער, ער גייט אַזוי ווייט, אַז אפילו קוילענען און הענגען מענטשן האָט ער אויך אַרויפגעבראַכט אויף דער בינע. און אַז איר האָט באַדאַרפט שטעכן אייער שותף, האָט איר געהאַט אַן אמתן מעסער אָדער שפּיז, און מיט דעם שפּיז פלעגט ער אייך דאַרפן אַ שטאָך טאָן אין זייט, וואו עס איז געלעגן אַ זעקעלע מיט רויטע וואַסער, אָדער טינט, און באַם שטאָך פלעגט דאָס וואַסער אָנהויבן רינען גלייך אויף דער בינע, און דער עולם פלעגט אויפציטערן און זיך מחיה זיין, וואָס ער האָט צוגעזען אַן אמתן מאָרד.

די מעבל אין נאַטוראַליסטישן טעאַטער איז אמתע מעבל. די ווענט פון אַ צימער זיינען מאַסיווע ווענט, מיט טירן, מיט לאָדן, מיט ביכער, מיט צאַצקעלעך. און טאָמער איז עס ווינטער־צייט, דאַרף מען נישט פאַרגעסן אַריינצושטעלן צווייענדיקע פענצטער און צווישן די פענצטער אַריינלייגן וואַטע.

„טאָי“ טעאַטער אין אַטלאַנטיק סיטי
דעמאָנסטרירנדיק עטיודן לויט סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם.

"TOY" THEATRE IN ATLANTIC CITY
Experiments on Stanislavsky's System

„ריסטאָקראַטן" פון שלום-עליכם
"RISTOCRAT'N" by Sholom Aleichem

„רעקרוטן" פון ל. רעזניק
"RECRUITS" by L. Resnick

אויפפירונגען פון „אַרטעף" אין ניו יאָרק פון בענא שניידער, וועלכער
זעצט פאָר די טראַדיציעס פון דער „הבימה".
Artef Productions directed by Benno Sneider by whom the "Habima" traditions and methods are being continued in New York.

דער רעזשיסאָר פון רעאַליסטישן חדר האָט די אַלע מאָרדן מיט בלוט צוגענומען פון דער בינע, האָט אָראָפּגענומען די שווערע מעבל, די שראַנקען מיט ביכער און האָט במקום דעם צימער מיט די מאַסיווע ווענט אַוועקגע־שטעלט אַ ווענטל ערגעץ אויף דער בינע. אויף דער בינע פלעגט מען אַרויפטראָגן נאָר אייניקע זאַכן, כדי געבן נאָר אַן אָנדייטונג פון אַ צימער, אַ טורמע, אַ פאַבריק א. אַז. וו. אין דעם טעאַטער האָט מען געוועקט די פאַנטאַזיע פון דעם צושויער, און נישט באַצוואונגען און נישט באַגרעניצט די פאַנטאַזיע פון דעם צושויער דורך אַוועקשטעלן אויף דער בינע אַ פּאָר אמתע אָדער אויסגעמאָלענע בוימער, כדי פאָרצושטעלן אַ וואַלד. שעקספּיר, נאָך מיט 300 יאָר צוריק, שפּילנדיק אין גלאָבוס טעאַטער, אין לאָנדאָן, איז געגאַנגען אין באַצוג צו דעקאָראַציעס נאָך ווייטער, כדי צו וועקן די פאַנטאַזיע פון דעם צושויער, כדי געבן דעם צושויער די פרייהייט אויסצופאַנטאַזירן זיין אייגענעם וואַלד, פּאַלאַץ, טורמע א. אַז. וו. מען פלעגט אפילו קיין אָנדייטונג פון די דערמאָנטע פלעצער נישט אַרויפברענגען אויף דער בינע. מען פלעגט נאָר אויפהענגען אַ ברעטל, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן דער פּלאַץ, וואו די סצענע קומט פאָר. און דאָס איבעריקע פלעגט מען איבערלאָזן צו דער פאָרשטעלונג־קראַפט פון דעם צושויער.

— מיט וואָס אונטערשיידט זיך ריינהאַרדט פון סטאַניסלאַווסקין, וואַכטאַנ־גאָוון און מייערכאָלדן אין זיין צוגאַנג צום אַקטיאָר אַלס אינדיווידום, צו די שוישפּילער אַלס אַ גרופּע, צו זיינע פאָרשטעלונגען אַלס רעזשיסאָר ?

— מיט וואָס עס אונטערשיידט זיך ריינהאַרדט פון סטאַניסלאַווסקין, מייערכאָלדן און וואַכטאַנגאָוון איז שווער צו ענטפערן, שוין דערפאַר אַליין, ווייל ריינהאַרדט איז אַ געניאַלער מענטש, וואָס ווירקט און שאַפט אין טעאַטער פאַר אַזויפיל יאָרן. ער האָט זיך קונה־שם געווען אין דער וועלט אַלס אַ געניאַלער רעזשיסאָר און פונדעסטוועגן האָט ער נישט געשאַפן זיין שיטה, זיין סיסטעם, וואָס זאָל זיך שאַרף אונטערשיידן מיט איר פאָרמע פון די אויבן־דערמאָנטע : סטאַניסלאַווסקי, וואַכטאַנגאָוו און מייערכאָלד. באַ ריינ־האַרדטן קאָן קיין שוישפּילער נישט זאָגן : איך שפּיל לויט ריינהאַרדטס סיס־טעם. די פאָרשטעלונגען האָבן יאָ אַ געוויסע פאָרמע, אָבער נישט לויט זייער ספּעציפישן צוגאַנג, נאָר לויט זייער אימפּאָזאַנטקייט, לויט דעם מאַסשטאַב, די וואונדערלעכע קאָמבינאַציעס פון ליכט־עפעקטן, קאָסטיומען און מאַסן־סצענעס. די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו זיין נאָענט צו ריינהאַרדטן, קאָן זיך דאַכטן, אַז ער פאַרנאַכלעסיקט אינגאַנצן דעם איינצלנעם שוישפּילער, אַז ער איז מקריב דעם אַקטיאָר צוליב דעם ספּעקטאַקל. אָבער אַזאַ מיינונג איז אינגאַנצן פאַלש. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז עס איז נישט גענוג צו לייענען די בענדער מיט אָפּשאַצונגען וועגן זיין גלאָררייכער קאַר־

יערע. עס איז נישט געגוג צו זען זיינע פֿאָרשטעלונגען. עס איז נישט גענוג אפילו בייצוואוווינען די פּראָבן, עס איז וויכטיק צו אַרבעטן מיט אים אויף דער בינע, זען אים פּנים־אל־פּנים, צו איבערצייגן זיך, אַז ריינהאַרדט איז געבליבן טריי זיינע אַמאָליקע טראַדיציעס צו אַרויסברענגען קודם־כּל דעם הויפּט־מחותּן, דעם אַקטיאָר, דעם אינדיווידום, און פֿון אים בויען דאָס וויטערדיקע — די פֿאָרשטעלונג.

איך האָב געהאַט דעם גליקלעכן צופֿאַל צו זיין מיט ריינהאַרדטן אויף דער בינע. שפּילנדיק אונטער זיין רעזשי, צוזעענדיק גאַנצע טעג און נעכט במשך פֿון מאָנאַטן ווי אַזוי ריינהאַרדט, דער געניאַלער קינסטלער, שאַפֿט זיינע פּרעכ־טיקע פֿאָרשטעלונגען, קומסטו נאָכאַמאָל צו דער איבערצייגונג, אַז מענטש און קינסטלער זיינען נישט צוויי באַזונדערע זאַכן, נאָר פֿאַרקערט, עס איז איינס אין צווייטן אַזוי געפֿלאָכטן, אַז איינער אָן דעם צווייטן קאָן, דאַכט זיך, גאָרנישט עקזיסטירן. ריינהאַרדט קומט צו דער אַרבעט מיט זיינע סעקרעטאַרן און געהילפֿס־רעזשיסאָרן, אַלע אָנגעלאָדן מיט ביכער. דאָס זיינען די רעזשי־ביכער פֿון דער פֿאָרשטעלונג, וואָס ריינהאַרדט פֿירט־אויף. מען דאַרף זיך גוט צוקוקן צו די ביכער. עס זיינען גמרות גאַנצע מיט טייטשונגען, אויסטייטשונגען, מיט כּלערליי פֿינטעלעך, צייכנונגען און רמזים. די ביכער זיינען די עדות פֿון אַ קאָלאָסאַלער, קינסטלערישער און טעכנישער ארבעט, וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן ביים צוגרייטן דעם מאַ־נוסקריפּט פֿאַר דער בינע. אין די דאָזיקע ביכער איז געגוי אויסגעאַרבעט געוואָרן יעדע פֿראַזע, יעדע סצענע, גענוי און פּינקטלעך. דער בוך זאָגט גענוי ווען דער און דער שוישפּילער, אָדער די און די גרופּע,גייט צום צווייטן פּלאַץ, וויפֿיל טאַקטן מוזיק זיי האָבן פֿאַר דעם, וויפֿיל פּלאַץ זיי האָבן זיך צו באַוועגן, אין וואָס פֿאַר אַ מאָמענט די ליכט וועט געגעבן ווערן, אַז דאָס אַלעס ווערט צוזאַמענגעשטעלט, דאַן ווערט געבוירן די ריינ־האַרדט־פֿאָרשטעלונג. צוזעענדיק ווי אָט דער מייסטער שנירעוועט מיט אַ געניטער האַנט אַרויף אויף אַ שטריקל אָט די אַלע זאַכן, זעט איר דעם וואונדערלעכן פֿאַרשטאַנד און קענטעניש פֿאַר אָט די אַלע קונסטן, וואָס העלפֿן אַרויס דעם גרויסן און דעם וויכטיקסטן אין טעאַטער — דעם אַקטיאָר, וואָס באַלעבט אָט די אַלע סצענעס.

און ריינהאַרדט הויבט אָן אַרבעטן מיטן אַקטיאָר. אַזויפֿיל אויפֿמערקזאַמ־קייט, אַזויפֿיל געדולד, אַזויפֿיל אויסגעהאַלטנקייט און טאַקט, קאָן זיך נאָר פֿאַר־גינען — ריינהאַרדט. ער קומט צו צום אַקטיאָר מיט אַ מערקווירדיקער פּשטות, אָן אונטערשייד צי דאָס איז דער הויפּט־ראַליסט, אָדער אַן אַקטיאָר, וואָס האָט איין פֿראַזע צו זאָגן. און ווען איר זעט ריינהאַרדטן רעזשיסירן אַן אַקטיאָר, וואָלט איר געוויס געטראַכט, אַז דאָס שמועסן רואיק צוויי מענטשן וועגן זייטיקע ענינים. אָבער אין אמתן גייט דאָ אַן אַ קאַמף. דאָס

קריגט אַרויס ריינהאַרדט די נויטיקע אינטאָנאַציע, שטימונג, קלאַנג, ריטם ביים אַקטיאָר. ווען דער אַקטיאָר גייט ווידער איבערחזרן זיינע ווערטער אויף דער בינע, און מאַכט עס נישט גוט, הערט מען נישט קיינע געשרייען, געפילדערן, אָדער פאָרוואורפן. ניין, ריינהאַרדט טוט אָן קאַלטבלוטיק די ברילן, פאַרלייגט די הענט אויפן רוקן און שטילערהייט, ווי ער זאָל זיך צוגנבענען צום אַקטיאָר, גיט ער אים צו פאַרשטיין, אַז דאָס וואָס ער האָט געטאָן איז נאָך נישט אינגאַנצן ריכטיק און די סצענע הויבט אָן ווערן איבערגעחזרט צענדליקער מאָל, ביז ער וועט זיך דערשלאָגן זיינס. ריינהאַרדטס געניטע אויג וועט נישט פאַרפעלן קיין פינטעלע. האָט ער איינמאָל געפונען און איינגעשטעלט אַ זאַך אויף דער בינע, מעג עס זיין אַ קלייניקייט, אָבער זאָל עס אויף דער נעקסטער פראָבע נישט אויסגעפילט ווערן, וועט דאָס אַלגעמיינע בילד אָפגעשטעלט ווערן צענדליקער מאָל כדי אַרויסצוברענגען דעם מאָמענט.

אָבער ריינהאַרדט, זייענדיק אַליין אַ וואונדערבאַרער שוישפילער, ווירקט אויף דעם אינדיווידום אַזוי, אַז ער מוז אים נאָכמאַכן אַלץ וואָס ער ווייזט. און מיט דעם שיידט ער זיך פון סטאַניסלאַווסקין מיטן צוגאַנג צום אַקטיאָר. סטאַניסלאַווסקי, צום ביישפיל, ווען ער דאַרף אַרויסקריגן פון אַקטיאָר פחד, פרייד א. אַז. וו., זאָגט ער צו אים: שטעלט זיך פאָר, אַז אַזאַ זאַך האָט פאַסירט אָדער עס וועט פאַסירן, געפינט די נויטיקע געפילן פאַר אָט דער סצענע. איך וועל אייך אַרויסהעלפן. געפינט נישט דער אַקטיאָר אַזוי שנעל, זאָגט ער: נו, איר האָט נישט געפונען מיט אָט די מיטלען, לאָמיר זוכן אַנדערע מיטלען ווי אַזוי דעם דאָזיקן געפיל אַרויסצוברענגען. אָבער ריינ־האַרדט ווייזט דעם אַקטיאָר אַ פאַרטיקן געפיל, ער זוכט נישט קיין שליסל צום האַרץ פון אַקטיאָר.

ריינהאַרדט שפילט אָפּ פאַרן שוישפילער יעדע סצענע באַזונדער מיט אַזויפיל טאַלאַנט, מיט אַזאַ איבערצייגונג, אַזוי פערפעקט, אַז דער שוי־שפילער, וואָס דאַרף נאָך אים איבערחזרן די זעלביקע סצענע, ווער ער זאָל נישט זיין, הויבט אָן ציטערן, עס נעמט אים אָפּ דאָס לשון. ריינהאַרט שטייט און וואַרט. „יאָ, אַלזאָ“, שטייט ער צו מיט זיין כאַ־ראַקטעריסטישן אויסדרוק, און דער אַקטיאָר לאָזט זיך אַוועק איבערחזרן די סצענע. ריינהאַרדטס פערזענלעכקייט דריקט אייך צו אַזוי, אַז איר מוזט אים קאָפּירן מיט אַלע זיינע אינטאָנאַציעס, מיט אַלע זיינע שטריכן, וואָס זיינען אַליין פאַר זיך וואונדערבאַר, וואָס זיינען דאָס טיפסטע און איבערצייגנדיקסטע, אָבער זיי זיינען געקומען צום לעבן דורך ריינהאַרדטן, נישט דורך דעם שוישפילער, וואָס פערזאָניפיצירט די ראָל.

סטאַניסלוואַסקי, ווידער, ווייזט אויך דעם שוישפילער. וואַכטאַנגאָוו איז אויף דעם געביט געווען אַ מייסטער. אָבער זיי האָבן געוויזן נאָר

ווי אזוי זיי ו ו אָ ל ט ן געשפּילט די ראָל און איר האָט באַדאַרפט געפינען אייער אייגנס, לויט אייער כאַראַקטער, דורכטראַכטן און דערפילן, מיט אייער האַרץ, און ערשט דאַן וועט עס ווערן אייערס. בײַ אַזאַ מעטאָד דאַרפט איר שוין נישט קאָפּירן. נאָך מער, איר טאָרט נישט קאָפּירן. איר דאַרפט אַרויסברענגען אייער אייגנס, אין יעדער סצענע, אין יעדער פּראַזע.

אין דער אַרבעט מיט אַן אַקטיאָר איז ריינהאַרדט אַ שטרענגער רעאַ־ליסט. ער וועט אַרבעטן אַמאָל שטונדנלאַנג, אַרויסצוברענגען דאָס נאַ־טירלעכע. זאָל עס אפילו זיין נישט באַמערקבאַר פאַר דעם צושויער, אויב ריינהאַרדט האָט אויסגעפונען, אַז אין דעם מאָמענט דאַרפט איר דורכגיין מיט די פינגער איבערן אויג, אויסווישן אַ טרער, אָדער אַ קער טאָן מיטן קאָפּ צו אייער חבר, ווען איר שטייט אפילו מיטן רוקן צום פּובליקום, אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, ווען אימיצער ענדיקט אַ פּראַזע, — מוזט איר דאָס טאָן אויף דער בינע מיט אַזאַ איבערצייגונג, ווי פון דעם וואָלט אָפּ־העננגיק געווען די גאַנצע פאָרשטעלונג. אין דעם פּרט פון מאַכן פילן די אַקטיאָרן, אַז זיי זיינען אַ סימפאָנישער אָרקעסטער, וואו יעדער פון זיי האָט אַ קינסטלערישע אויפגאַבע, — אין דעם פּרט אונטערשיידט זיך ריינהאַרדט נישט פון סטאַניסלאַווסקין און וואַכטאַנגאָוון. אָבער אין זין פון פאָרמע פאַרן גאַנצן אַנסאַמבל, מיט דעם אונטערשיידט זיך ריינהאַרדט אין אַ סך פּרטים.

נעמט, צום ביישפּיל, אַ סצענע בײַ וואַכטאַנגאָוון, די סצענע בײַ די בעט־לער אין צווייטן אַקט פון „דיבוק". יעדער איינציקער איז טאַקע פאַר זיך וויכטיק. ער איז וויכטיק, ווען ער זאָגט זיינע ווערטער, אָדער ווען ער האָט זיין אויפטריט, שווייגנדיק. אָבער, אַט דער זעלביקער אַקטיאָר איז אויך וויכטיק שפּעטער, ווען זיין אויפטריט האָט זיך געענדיקט און ער דאַרף נאָר זיין אַ צוהערער. דאָ מוז ער פּונקט אַזוי שאַפן זיין ספּעציפיש־אינדיווי־דועלע פאָרמע פון הערן, קוקן, שטיין, באַוואונדערן. אין אַנדערע ווערטער, דער טיפּ לעבט אין זיין כאַראַקטער, אין זיין פאָרמע די גאַנצע צייט פון דער פאָרשטעלונג.

ריינהאַרדט דערשלאָגט זיך צו דעם פּערפעקטן אויפטריט פון יעדן שוישפּילער, ווי וויכטיק אָדער נישט וויכטיק ער זאָל נישט זיין, און דערנאָך לאָזט ער אים צורו, און דער פאַרשוין שטייט אויף זיין פּלאַץ און ווייסט נישט וואָס צו טאָן. ער ווערט כאַראַקטערלאָז, פאָרמלאָז.

ריינהאַרדט אונטערשיידט זיך פון וואַכטאַנגאָוון מיט דעם, וואָס וואַכ־טאַנגאָוו האָט געפונען די עמאָציאָנעלע פאַרגליווערטקייט פון דעם אַקטיאָר אָדער גרופּע. דער אַקטיאָר, צום ביישפּיל, האָט געקאָנט אַריינלויפן מיט איין פוס אויסגעשטרעקט פאָראויס, און דעם צווייטן ערגעץ פאַרדרייט אַן אַ

זייט און דער גאַנצער קערפּער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיק פּלאַס־טישע סקולפּטור, וואָס דריקט אויס שרעק, פאַרצווייפלונג א. אַז. וו.

באַ ריינהאַרדטן, ווען אַן אַקטיאָר לויפט אַריין און צעשפּרייט די פּיס, שטעלט ער אָפּ די פּראָבע, גייט צו צום אַקטיאָר, נעמט אים אַן פּאָר דער האַנט און זאָגט צו אים גוטמוטיק אין זיין ענגליש: „נעווער סאָ — סאָ, נעווער סאָ״. קיינמאָל נישט אַזוי. ער צעשפּרייט די פּיס און מאַכט פון דעם אַ קאַריקאַטור. „סאָ״, און ברענגט די פּיס צוזאַמען. האָט איר שוין געזען, אַז אַ מענטש זאָל אַריינלויפן און צעשפּרייטן אַזוי די פּיס? „נעווער״, (קיינמאָל נישט) און צעלאַכט זיך.

וואַכטאַנגאָוו זאָגט, אַז גראָד אָט אַזוי קאָנען אַריינלויפן מענטשן און צעשפּרייטן די פּיס. איר דאַרפט עס נאָר באַרעכטיקן אינערלעך. און די פיגור מיט די צעשפּרייטע פּיס וועט נאָך צוגעבן מער דערשראָקנקייט דעם אַריינלויפנדיקן, און אַלץ גרעסער וועט זיין די ווירקונג אויפן צושויער. און נאָך אַ זאַך: וואַכטאַנגאָוו האָט געשאַפן דעם פּרינציפּ: אַז ווען איינער רעדט אויף דער בינע, דאַרפן די אַנדערע נישט שטערן מיט איבעריקע באַוועגונגען, מיט שושקען זיך, פּאַטאַקעווען, כדי צו מאַכן די סצענע רעאַ־ליסטישער. דאָס אַלץ האָט מען אין וואַכטאַנגאָווס סיסטעם באַזייטיקט.

באַ ריינהאַרדטן קאָנען די איבעריקע אַקטיאָרן אויף דער בינע, וואָס נעמען נישט קיין אָנטייל אין דער סצענע, טאָן וואָס נאָר זייער האַרץ גלוסט, אויב עס גיט נאָר עפּעס צו נאַטירלעכקייט. קומען דאָך אַזוינע און זאָגן, וואָס אַרט עס מיך מיט וואָס פאַר אַ מיטלען ריינהאַרדט דערגרייכט די רעזולטאַטן פון זיינע שוישפּילער און פאַרשטעלונגען, מיר זעען דאָך די רע־זולטאַטן און די רעזולטאַטן זיינען דאָך גענּיאַלע. אמת, אָבער דער איינצל־נער אַקטיאָר, וואָס דאַרף שאַפן און מיטשאַפן, ער ווערט נישט ווילנדיק פאַרשקלאַפט צו דער גרויסער פּערזענלעכקייט, צו דער אומגעהויער שאַפנ־דיקער קראַפט, וואָס הייסט ריינהאַרדט.

איך ווייס, אַז אָט די נאָכבאַמערקונגען וועגן דעם אונטערשייד צווישן די גרויסע טעאַטראַלע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געווירקט און עקספּע־רימענטירט מיט דער „הבימה״ און געשאַפן בייע אמתן אין טעאַטער מיט אונדז און דורך אונדז, איך וועגן די פּערזענלעכקייטן, אונטער וועמענס רעזשי מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן שפּעטער, וועלן נישט פאַרענטפערן אַלע פראַגעס און טעאַטראַלע פּראָבלעמען. אָבער איך האָב אַרויסגענומען די וויכטיקסטע און דורךביישפּילן געוויזן דעם גרונט־פּרינציפּ. געוויס איז דאָס נישט גענוג. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ גרויסע ליטעראַטור וועגן אָט די גענּיאַלע מענטשן און עס וועט נאָך גענוג געשריבן ווערן, ווייל זיי זיינען די רעדער, וואָס דרייען די געשיכטע פון טעאַטער.

עס וואָלטן געוויס באַדאַרפט דערמאָנט ווערן אין דעם בוך פּערזענ־לעכקייטן, וואָס האָבן אפשר מיטן עצם טעאַטער נישט געהאַט וואָס צו טאָן, אָבער זייער השפעה אויף דער „הבימה", זייער ליבע און איבערגעגעבנקייט האָבן געוויס געהאַט אַ קאָלאָסאַלע עטישע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דער „הבימה".

עס האָט געוויס באַדאַרפט דערמאָנט ווערן פּראָפעסאָר ד. ס. שאָר, וואָס האָט באַצויבערט דעם מאָסקווער עולם מיט זיינע אייגנאַרטיקע אויסטיי־טשונגען פון מוזיק, דעמאָנסטרירנדיק באַ דער פּיאַנאָ זיינע לעקציעס אזוי, אַז עס האָט זיך אפילו אין דעם גרעסטן זאַל געשאַפן אַן אַטמאָספערע פון אַן אינטימען געשפּרעך.

עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן הרב יעקב מזא'ה, דער מאָסקווער ראַבינער, וואָס איז באַרימט נישט נאָר דורך זיין פּאַרטיידיקן מענדל בייליסן באַ זיין פּראָצעס, נאָר מיט זיין וועלט־פּאַרנעם, וויסן און חריפות. זיין באַ־ציאונג צו דער „הבימה" איז געווען פון גרויס וויכטיקייט, סיי פאַר דעם עלטערן און סיי פאַר דעם יונגן דור, וואָס האָט געהאַט צו אים גרויס רעס־פּעקט און ליבע.

און עס דאַרף דערמאָנט ווערן קניאַז וואָלקאָנסקי, דער באַשאַפער פון דער טעאָריע פון לעבעדיקן וואָרט, פון דיקציע, זיין פּאַרטיידיקונג פון דער „הבימה".

עס וואָלט אויך באַדאַרפט דערמאָנט ווערן, און אפשר מער באריכות, אונדזער פּאַרוואַלטער, וואָס איז מיט אונדז געפאָרן קיין אַמעריקע און איבער אייראָפּע, בינ־אַמין איוואַנאָוויטש ניקולין. עס וואָלט געוויס באַדאַרפט געזאָגט ווערן אַ וואָרט וועגן יעדן איינציקן פון די „הבימה"־שוישפּילער, וואָס האָבן אָנגעהויבן צוזאַמען, געוואַקסן און שפּעטער האָבן אייניקע פון זיי פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דעם מאָדערנעם טעאַטער, אַלס וויכטיקע שוישפּילער און רעזשיסאָרן; אָבער דאָס וואָלט מיך פאַרנומען אין אַן אַנדער ריכטונג פון אָפּשאַצונגען וועגן מענטשן און פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן פאַרדינט אַ באַזונדערן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער „הבימה". אָבער דאָס וועט נאָך געוויס אָנגעשריבן ווערן. איך האָב נאָר אויסגערעכנט די פּערזאָנען, וואָס האָבן אויף אַ דירעקטן אופן געהאַט צו טאָן מיט דעם פּראָצעס פון שאַפן אַ נייעם טעאַטער־קאָלעקטיוו — דעם טעאַטער, וואָס איז באַשערט געווען אַריינצושרייבן אַ קאַפּיטל אין דער וועלט־געשיכטע פון מאָדערנעם טעאַטער, און באַזונדערס אין דער יידישער טעאַטער־גע־שיכטע — די „ה ב י מ ה".

„הבימה" — דער סינטעז פון דריי סצענישע קונסטן

(פון א רעצענזיע: „דער יידישער טעאטער—א היפּאָקריט)

ווענן „הבימה" דאַרף איך ראשית־כל קאָנסטאַטירן איר הויכע טעאַטראַלישקייט. פאַר אונדז איז — אַ טעאַטער אין גענויעם ריינעם און באַפרייטן זין פון וואָרט. ווי אין אַנטישן טעאַטער האָבן זיך אויך דאָ צונויפגעגאָסן אַלע דריי סצענישע קונסטן אין אַ סינטעז; דאָס זיס־פּאָעטיש וואָרט, לויט אַריסטאָטעלס אויסדרוק, געזאַנג און טאַנץ. באַ דעם פולן וועזן־אמת, פעלט כמעט פּראָזאאישקייט. אומבאַמערקבאַר גייט אַריבער דאָס וואָרט אין געזאַנג, די זשעסטיקולירונגען און באַוועגונ־גען — אין טאַנץ. אין דעם געוועב פון לעבעדיקער האַנדלונג איז נישט איינגעפלאָכטן גאַרנישט געקינצלטס, — אַלץ גייט, אַנטוויקלט זיך, בליט אויס פון שטאָם פון דער פּיעסע. און אַלץ איז דורכגעדרונגען מיטן פאַר־ביקן ספּעקטאָר פון דער הויכער טאָפּלקייט — יהודה און כנען, וועלכע לעבן אין יעדער יידישער האַרץ. דאָס זיינען די ווייַנענדיק־לאַכנדיקע יידי־שע הערצער, אָן דער שווערער אָנגעלאָדנקייט פון דעם מאָדערנעם לוציפער. דערביי פאַרנעמט יעדער פון די דריי עלעמענטן זיין אַנטשפּרעכנדיקן אָרט, נישט ברעכנדיק די האַרמאָניע פון גאַנצן מיט דער פאַרגוואַלדיקונג פון דעם אָדער יענעם טייל, ווי, למשל, מיט דער ליטעראַרישער — באַ ריכאַרד וואַגנער. אַלץ איז פאַרטראַטן און אַלץ איז אויף זיין אָרט. איך בין דאָ חושד דעם ריין־סעמיטישן זשעני פון נ. צמח, ווייל קיין יאַפּעטיט אין וואַכ־טאַנגאָווס סטיל, קיין איין נייער אַריער, אַפילו דער פיין־פילנדיקסטער, איז נישט בכח צו געבן מער פון אַ געוויינלעכער מייסטערשאַפט. נאָר אַ לעבע־דיקער קאָן באַשאַפן לעבעדיקע, און פון דאַנען קומט אַרויס די עלעמענטאַרע, דערשיינענדיקע האַנדלונג, מיט וועלכער עס ווירקט אויף די צושויער דער „הבימה"־טעאַטער, וועלכער לעבט־אויף די טראַדיציעס פון אַנטישן טעאַ־טער אָן זיינע אַרכיטעקטורע צעטיילונגען — אויף פּראָסצעניום, סצענע און אָרקעסטער. אַזוי איז דער יידישער טעאַטער מצד זיינע אויסערלעכע כחות און מיטלען. כדי צו פאַרפולקאָמען די אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק, איז נויטווענדיק אויפצואווייזן, אַז דער זשעני פון דער טרופּע האָט אַרויס־געפירט זיין גלענצנדיקע טרופּע אויפן אמתן וועג.

א. וואָלינסקי

דער טעאַטער פון באַפרייטן גייסט

(פון אַ רעצענזיע)

די ריינקייט פון דער נאַציע, איר שעפערישע ראָל אין דער מענטשהייט־געשיכטע איז פולער, רייכער, פאַרשטייט זיך, אין עברית, — אין דער גרעסטער שפּראַך, וועלכע האָט געקלונגען אין דער תורה. נאָר אויף דער שפּראַך, אויף וויפיל אַ שפּראַך איז אַן אָפּשפּיגלונג און אויסדרוק פון דער פאָלקס־פסיכאָלאָגיע ניט נאָר אין דער לאָגיק פון גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען, נאָר אויך אין דער מוזיק פון דער הברה, איז צוגעפּאַסט פאָרצושטעלן די יידישע טעאַטראַלע האַנדלונג. פאַר יידן איז העברייאיש אַ פאָרם פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַליין־באַשטימונג.

ס׳איז פאַרשטענדלעך דער געהויבענער טאָן, אויף וועלכן עס שטימען זיך אַן די טעאַטער־פאָרשטעלונגען פון „הבימה“.

„הבימה“ — איז אין דער זעלביקער צייט דער איינציקער און אויסשליסלעכער טעאַטער, לויטן קאָנטיגענט פון די אַרטיסטן און דער „הייליקייט“ פון גאַנצן טעאַטער־שטייגער.

פּרוּוונדיק מיט איין וואָרט צו כאַראַקטעריזירן דעם טעמפּעראַמענט פון „הבימה“, וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס איז אַן אינטעלעקטועלער טעמפּעראַמענט.

אָט אין וואָס איך געפין דעם הויפּט־זין פון „הבימה“. און דער טעאַטער האָט פולע רעכט נישט נאָר אויף אויפמערקזאַמקייט, נאָר אויף אַ חשובסטן אָרט אין דער ריי פון אַנדערע ערשט־קלאַסיקע און וויכטיקסטע טעאַטערס.

פאַר דער צייט פון בורזשואַזער הערשאַפט און אַנאַרכיסטישן אינדיווידואַליזם, אין דער תקופה פון „מיך דעם איינציקן“ און מיין פערזענלעכקייט, — האָבן מיר פאַרלאָרן אין טעאַטער דעם סוד פון דער גרויסער טראַגעדיע. מיר זיינען שוין ניט בכח זי צו שפּילן. פאַרגעסן זיך צו פאַרשטיין דעם רייץ פון טרוקענעם ראַפאַעלישן צייכענען. דאָס ליידן — איז פאַרגרעבט, דער העלד — פיזיאָלאָגיש; דער טראַגישער קרעכץ רופט זיך אָפּ מיט אַ קלינגען פון אַלטעגלעכן הבל. „הבימה“ קערט אום, יעדנפאַלס קאָן זי אומקערן, — צום געפינען דעם אַלטן סוד פון דער האַלב־אָפּגעשטאָרבענער טראַגעדיע. אין דעם איז און עס וועט נאָך זיין בולטער די מיסיע פון דעם טעאַטער.

אלעקסאנדר קוגעל.